This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאנד

9

1968

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אַרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

אַכטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאַסקווע

סענטיאַבער

9

1968

אינהאלט

זײַט

מישע לעוו. ווען ניט די פרײַנט מײַנע... (דערציילונג).
צייכענונגען פון יע. קאפוסטין 3
אײַזיק פלאטנער. ניט פובליקירטע לידער 42
יוסף געגערמאן. פון הארץ צו הארץ (לידער) . 44
בוזי מילער. דרײַ דערציילונגען 47
לעאניד מארטינאָוו. דערמאָנונגען. — דער כאַלעם
פון א פרוי און אנד. לידער 54
יעכיעל פאליקמאן. דער שווארצער ווינט (ראָמאן.
פאָרזעצונג). צייכענונגען פון ג. פאַנדאפולאָ 57
מענדל ליפשיץ. פארפלייצט פון ליכט (לידער) . . . 115
הירש רעלעס. קוקט ניט גלײַכגילטיק (לידער) . . . 116

טריבונע פון לעבן

כאַים מאלטינסקי. ווידער אין נאמאנגאן 118
קאָלעקטיווער רעפּאָרטאזש פון צען טשערנאָוויצער שרײַבער.
בא אונדז צוגאסט — „סאָוועטיש היימלאַנד“ 129

פון דער יידישער ליטעראטור אין אויסלאנד. יעכיעל
מאָר. פון סאן ביז סען (לידער) 134

ליטעראטור-קריטיק. ביבליאָגראפיע.
פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. שעפערישע פראָבלעמען פון דער
פראָזע 136
ארן ראסקין. פערעץ און ביאליק 143
אונדזערע מיטיילונגען. באָריס אוסטימענקאָ.
טעוויע דעם מילכיקערס כאַטע 147
קאָמענטארן פון רעדאקציע. „פּראָדוצענטן“, „קאָנסומענטן“
און... דער רועך ווייסט וואָס 150
פארשיידנס 152
נאָטיצן פון א יידישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאטשיק.
דיאַלאָג צווישן א לייענער און דעם בוקיניסט . . 154
די יידישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן . . . 156
כראָניק 158, 159
נאָטיצן אפן קאלענדאר 160

הויפּט-רעדאקטאָר
א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע:
ה. אַשעראָוויטש,
אי. באָרוכאָוויטש,
א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,
מ. לעוו (פאראנטוו. סעקרעטאר),
ב. מילער, י. פאליקמאן,
ס. פריי, י. ראבין, ר. רובין.

מישע לעוו



ווען ניט די פרײַנט אײַנע...

דער געפאַנגענער אָדלער

דאָ איז ענג. אַזוי ענג, אַז קוים האָסטו אויפגעהויבן אַ פוס, איז שוין אוממעגלעך אים אוועקשטעלן אויפן פריערדיקן אָרט. גרויסע פליגן זשומען אָן אויפהער און זעצן זיך אָן שרעק אויפן פּנים, פאַרקלײַבן זיך אין די אויערן און אפילו אונטערן העמד. ס'איז הייס, ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען.

מע שטייט פּלייצע צו פּלייצע, און כאָטש מע באַוועגט קוים מיט די איבערגעטריקנטע ליפּן, איז די לופט פול מיט אַ דולן הו־האַ.

די אונטערשטע נאַרעס האָבן פאַרכאַפּט די טוישווים. אויף די מיטלסטע האָט מען נאָך געקאָנט געפינען אַ פרײַ אָרט, אָבער אויף די אייבערשטע, סאַמע אונטערן אָנגעגליטן דאַך, האָט קיינער זיך ניט אײַנגעשטעלט אַרויפקריכן.

אוועראָוו סאָפּעט שווער און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף דער אויבערדעק פון אַ שיף בײַס אַ שטורעם. דאָס פּנים איז בײַ אים רויט, פאַרפּאַליעט. אויפן האַלדז האָבן זיך אָנגעבלאָזן בלויע אָדערן. ער פרעגט בײַ זײַן שאָכן, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט:

— פאַרוואָס האַלט איר פאַרמאַכט די טירן?

יענער צעעפנט ברייט די אויגן און קוקט פאַרכידעשט אויף אוועראָוון.

— ביסט פון הימל אַראָפּגעפאַלן, צי וואָס? דו ווייסט דען ניט, אַז אפילו אַרויסגיין און אַרײַנגיין דאַרף מען אַזוי, אַז וואָס ווייניקער פליגן זאָלן אַרויספליִען פון באַראַק? פאַרוואָס פרעגסטו? כאָטש די קאַזאַרמע פון די פריצן איז ווײַט פונדאַנען, ציטערן זיי פאַר דיזענטעריע.

די ערשטע צוויי טיילן פון דער דערציילונג זײַנען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 3 פאַר 1961 און נומ. 3 פאַר 1962.

איצט פארשטײ איך שוין, פארוואָס די דײַטשן האָבן דאָ באפוילן אופהענגען קלעפיקע פאפירענע סטענגעס.

דער פאָליצײַ טוט א קלאפ אין דעם שטיק רעלס, וואָס הענגט באם ארײַנגאנג אף א סלופ. עס ווערט גלײַך שא־שטיל. ער רעדט ניט, דער פאָליצײַ, נאָר ער בילט ארויס קורצע, אָפגע־האקטע ווערטער:

— סאניטארן פון מאָלעווער לאגער, שנעלער נעמט די קעסעלעך און מארש נאָך באלאנדע!

ווײַזט אויס, אז אין אלע לאגערן קאָכט מען די באלאנדע לויט איינעם און דעם זעלבן רעצעפּט: ברודיקע וואסער, שאָלעכץ פון קארטאָפל, א ביסל קלײַען, און א סאך זאמד, וואָס בלײַבט דערנאָך איבער אף דער דעק פון קעסעלע. באלאנדע! סארא וואָרט. מאמעש ניט צו באנעמען, אז א געקעכץ זאָל מען אזוי אָנרופן. נאָר ווער ס׳האָט געהאט די „זכיה״ אָט דאָס מײַכל צו פארזוכן, יענער ווייסט, אז אפן טאם איז עס נאָך פיל ערגער, ווי דער נאָמען. אָבער דערפאר איז די פּײַקע ברויט דאָ גרעסער, ווי אין מאָלעוו, און בעסער אויסגעבאקן. אווראָוון רוק איך שטילערהייט אונטער א שטיקל ברויט מיט פוטער; איינס פון די צוויי, מיט וועלכע עס האָט מיך מעכאבעד געווען גיונטער. אווראָוו קוקט אף מיר, ווי איך וואָלט פון זינען אראָפּ.

— האָסט אויסגעהאלטן? ניט אופגעגעסן? ווארט א רעגע, איך שטויס זיך אָן, אז גיונטער האָט דיר מיסטאם דערציילט, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען נעכטן אין אָוונט.

ווי פארשיידן, טראכט איך, עס זײַנען מענטשן. ניקאָלײַ סערגייעוו האָט זיך אפילע ניט פארכידעשט, ווען נאָך אזויפיל טעג הונגער האָבן מיר אין סוכיניטשער לאגער זיך געטיילט מיט אים מיט אונדזער ערשטער פּאָרציע באלאנדע, און אין קריטשעוו — מיט דער ערשטער פּײַקע ברויט. ס׳איז אָבער געקומען א צײַט, ווען ער אליין איז ניט בעקויעך געווען האלטן וואָרט און איבערלאָזן עפּעס פון זײַן כיילעק.

פעדיע פימענאָוו, אליין א האָר פון טויט, איז געווען טיף באליידיקט, ווען איך האָב זיך געפּרוּווט אָפּזאָגן נעמען בא אים א כיילעק. „אף קאפּאָרעס דארף איך דײַן ראכמאָנעס. איך ווייס, אז ביז איך לאָז עפּעס איבער פונדײַנטוועגן, בין איך נאָך א מענטש״, — האָט ער געטײַנעט.

און קאזימיר וולאדימיראָוויטש קאָן זיך אפילע ניט פאָרשטעלן, אז אין געפאנגענשאפט זאָל זיך עמעצער אָן א פארוואָס טיילן מיט א שטיקל ברויט.

— איך פארשטײ ניט, וועגן וואָס דו רעדסט, — זאָג איך, — דער דײַטש האָט מיר געגעבן צוויי שטיקלעך ברויט. איינס פאר מיר, און איינס האָט ער געהייסן איבערגעבן דיר.

— ערשטנס, — זאָגט ער מיר, — איז ער ניט קיין דײַטש, נאָר אן עסטרײַכער. און, צווייטנס, ווען היטלערס גאנצע ארמײ זאָל באשטיין פון אזעלכע סאָלדאטן, וואָלט דער פיורער שוין פון לאנג פארשפּילט די מילכאָמע.

מיט אזא ארמײ וואָלט ער זי ניט אָנגעהויבן, ווילט זיך מיר אים פאריכטן, נאָר איך דערלויב זיך נאָר א צוק טאָן מיט די אקסלען, וואָס מע קאָן טײַטשן, ווי מע וויל: אי ווער ווייסט, אי ניט אונדזער זאך.

— און איך, — זעצט פאָר אווראָוו, — וואָלט דאָס שטיקל ברויט ניט דערטראָגן. אָט אפילע איצט, — האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר די פרײַע האנט, — גיב מיר א שטיקל פון דײַן פּײַקע, וועל איך עס אויך גלײַך אופעסן.

זײַן האנט האָט א ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט אפּאנעמעסן געוואָלט ארויסרײַסן בא מיר דאָס ברויט.

— פאָרזיכטיקער, אויב דיר גלוסט זיך ניט באקומען הײַנט א צווייט מאָל אין באק.

בענעגייע אווראָוון האָב איך זיך אזוינס נאָך קיינמאָל ניט דערלויבט.

— לאָזט זיך אויס, דו בײַסט זיך.

ווי נאָר עס איז טונקל געוואָרן, האָבן מיר זיך פארקליבן אף די אייבערשטע נארעס. צו אלץ דארף מען, ווײַזט אויס, געוווינט ווערן. אנדערע ליגן, ווישן מיטן ארבל דעם שווייס פונעם פּאָנעם, און גאָרניט — מע קלאָגט זיך ניט. איך האָב שוין צעכראסטעט דאָס העמד אף דער ברוסט און אלציינס ניט געהאט מיט וואָס צו עטעמען. עס ווארגט אין האלדז, שווינדלט אין די אויגן, הלושעט אין די אויערן. אזוי דארף, מיסטאמע, זיך פילן א פיש, ווען מע ווארפט אים ארויס אפן זאמד. עס זאָל זײַן מײַן דייע, וואָלט איך באָדײַ אָפּגעשטאנען א נאכט אף די פיס, נאָר זיך ניט פארקליבן אונטערן אָנגעגליטן בלעכענעם דאך. האָט אָבער אווראָוו מוירע, אז אים וועט קומען זוכן דער פּאָליצײַ, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאט צעפּאטשט.

לעבן מיר ליגט א מענטש, בא וועלכן עס פעלן די פאָדערשטע ציין. די הענט האלט ער צונויפגעלייגט, ווי ער וואָלט טפילע געטאָן. ער רײַסט ניט אָפּ די אויגן פון א פארגעלטער פּאָטאָ.

ריבאָינעשעלוילעם, ווי דאַר ער איז! די גלעז, דין־פאַרמעטענע הויט אפּן פּנעם איז אזוי אָנגע־צויגן, אַז עס איז נאָר א ווונדער, וואָס זי פּלאַצט ניט. וויפל איז ער אלט?

— איר ווילט א קוק טאָן אַף מײַן פרוי? — פרעגט ער שעמעוודיק און דערלאַנגט מיר א פּאַטאָ־קאַרטעלע. ער וואָרנט שטיל: — פּאַרזיכטיק, איך בעט אײַך. מער פאַרמאָג איך גאָרניט. איך האָב זיך ניט געקליבן אָנקניפּן קיין נײַע באַקאַנטשאַפטן, איז צוליב וואָס געווען דאָס זאָגן:

— איך פאַרמאָג דאָס אויך ניט.

ער פּרוווט זיך נאָך א וויצל טאָן:

— קיין פרוי צי קיין קאַרטל?

— ניט דאָס און ניט יענץ.

דאַכט זיך, גענוג. מע קאָן דערמיט ענדיקן. נאָר קיין כאָזער טאָר מען אויך ניט זײַן. טראָג איך צו די פּאַטאָ נעענטער צו די אויגן און דערזע א מיידל, שמייכלענדיק פּנעם, מיט צעכוואַ־ליעטע האָר. אויב זיי זײַנען אין איין עלטער, איז אים איצט בא די פינף און דרײַסיק. און איך קאָן זיך אים אפילע ניט פאָרשטעלן א יונגן. עפּשער איז עס דערפאַר, ווײַל דער לאַגער־פאַבריקמאַכער האָט אים אָפּגעסקובעט אזוי, אַז אפּן קאָפּ זײַנען געבליבן בלויז סיווע טרעפ. איך וויל אומקערן די פּאַטאָ, איז מיר אָבער א שאָד אים אופּוועקן — ער איז, דאַכט זיך, אַנדרעמלט געוואָרן, א שמייכל האָט אפילע פאַרבלאָנדזשעט אַף זײַנע אײַנגעפאַלענע שוואַרץ־פאַרבאַקענע ליפּן. עפּשער איז אים צו כאַלעם געקומען די פרוי, און עפּשער איז ער אזוי פאַרטראָגן פון היץ. איך טאָרע אים:

— בא מיר אין קעסעלע איז נאָך פאַרבליבן א ביסל וואַסער, עפּשער ווילט איר א טרונק?

— א דאַנק. כ׳וועל בעסער אײַנעצן דאָס שמאַטקעלע און צולייגן צום שטערן. נו, — פרעגט ער מיט נאַיִוון שטאָלץ, — ווי געפעלט אײַך מײַן פרוי?

— שיין ווי גאָלד.

— איר האָט עס באַמערקט? — לויכטן זײַנע אויגן פון סימכע. — און אַנדערע לאַכן פון מיר. ווו איז זי איצט? — האָט ער א טיפן זיפץ געטאָן. — הײַנט ווערט מײַן מיזינקע צוויי יאָר. פאַראַיאָרן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן שיקן איר א באַגריסונג־טעלעגראַם, נאָר געזען האָב איך זי נאָך קיינמאָל ניט.

— איר זײַט געזעסן! — האָט זיך אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך אוואַראַוו. דאָס קלינגט ניט ווי קיין פראַגע, נאָר ווי א קאָנסטאַטאַציע. און איך האָב געמיינט, אַז אוואַראָוו דרעמלט. נאַרוואָס האָט אים אזוי געשלעפּערט, אַז ער האָט דעם קאָפּ ניט געקאָנט האַלטן.

— ניין, — ענטפערט אים אונדזער נײַער באַקאַנטער, — געפלויגן אַף א פאַרניכטלער.

איך זײַן טאָן קלינגט אָן אײַנגעהאַלטענער ווייטעק. ניט גלייבן זײַנע קאַרגע ווערטער קאָן מען ניט. פאַרוואָס זשע האָט זיך מיר געוואָלט פרעגן בא אים, צי איז ער ניט קיין פּידלער? אַגעוו, וואָס האָט ער זיך צערעדט אזוי אָפּן וועגן זײַן פריערדיקער פּראָפעסיע? מע מוז אים דערמאָנען, אַז דאָ דאַרף מען זײַן פאָרזיכטיקער.

— פונדאַנען האָט מען דען ניט צוגענומען די קאָמאַנדירן און די פליִער?

— יאָ, שוין פון לאַנג, נאָר איך האָב ניט וואָס מוירע צו האָבן. ווי זאָגט מען עס, א דערטרונקענער שרעקט זיך שוין ניט פאַר דער טליִע. איר זעט?

ערשט איצט דערזע איך, אַז אָנשטאָט דעם רעכטן פוס באַמבלט זיך א פוסטע קאָלאָשקע פון די מאַטקעס.

— דער שעף פון דער פּאָליציי ווייסט גוט, ווער איך בין; די אויסגעזעצטע ציין — דאָס איז זײַן שטיקל אַרבעט.

קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש איז בעטעווע א נײַגעריקער מענטש. אויך איצט וויל ער זיך דערוויסן וואָס מער.

— איר האָט געדינט מיטן שעף אין איין טייל?

— ניין. אָט ער, זעט איר, איז גראָד געזעסן, ווען איך בין געפלויגן.

אוואַראַוו איז אָנגעשפּיצט, ווי א הונט, וואָס האָט דערפילט פרישע שפּורן פון א האָז. באַלד וועט ער זיך נעמען פאַר זײַן באַליבטער טעמע.

— איך האָב טאַקע אזוי געטראַכט. געוויס האָט מען אים געהאַט אומזיסט און אומגישט אַרײַנגעזעצט. פאַר ווייטעק און פאַרדראָס איז ער מיסטאַם געוואָרן אזא, ווי ער איז, און מיר וווּנדערן זיך נאָך, פונוואַנען קומט עס.

דער פליִער האָט זיך האַסטיק אופגעזעצט און אויסגעקערעוועט צו אוואַראָוון דעם קאָפּ.

— איר האָט זיך שוין אויסגערעדט? — האָט זײַן שטים מיטאַמאָל זיך אָנגעגאָסן מיט שטײַפקײַט. — איז הערט, פאַרוואָס דער פאַרשוין איז געזעסן. איך גיב איבער וואָרט אין וואָרט,

ווי יענער אַליין האָט עס צענדליקער מאָל דערציילט. ער איז פון ראָסטאָוו. צו אכצן יאָר איז ער שוין אף זײַן גאס באוווּסט געווען ווי א דעבאָשיר און א ליבהאָבער אויסצוטרינקען. איינמאָל איז דער באָכער ארײַן אין ביר־פּאַוויליאָן און געקויפט זיך הונדערט פּופּציק גראם בראנפן. ער האָט נאָך ניט באוויזן נעמען די גלאָז אין דער האנט, ווי עס האָט זיך אונטערגערוקט א שיקער, א כאַפּ געטאָן די גלאָז און אין איין אויגנבליק אויסגעזשליאָקעט דעם בראנפן. דערפאַר האָט אונדזער הולטײַ אים אזא זעץ געטאָן, אז יענער איז ארויסגעפלויגן אף דער ברוקירטער גאס. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז עס איז נאָך ווינציק, איז ער ארויס און צוגעגעבן. קורץ, ווען עס איז געקומען די „גיכע הילף", איז שוין ניט געווען וועמען צו העלפן. ווי איר זעט, איז אים אַליין נאָך ניט אײַנגעפאַלן ארופציִען אף זיך א מאסקע פון א מאַרטירער. איז וואָס קאָרטעט אײַך צו מאכן פון אים א געליטענעם, נעבעך?

בא אווראָוון איז דער קארק רויט געוואָרן.

א קריג הייבט זיך אָפּט אָן פון א קלייניקײַט, פּונקט ווי א שטיין־געוואַלגער אין די בערג. און ווי א שטיין־געוואַלגער, איז זי קיינער צומאָל שוין ניט בעקויעך אָפּצושטעלן. מעגלעך, אויך דאָס מאָל וואָלט אזוי געווען, נאָר א קלאַפּ אינעם רעלס האָט געוואָרנט: אויב איר ווילט ניט כאַפּן קיין קלעפּ, טוט שנעל אויס די שטיוול, דאָס אויבערהעמד, ווערט אנשוויגן און מאכט אָן אָנשטעל, אז איר שלאָפט.

בא מיר זײַנען די פיס אזוי געשוואָלן, אז באם אָנטאָן און אויסטאָן די צעריסענע שטיוול קריץ איך אזש מיט די ציין. נאָר א ברייטע האָב איך. צונויפגעדרייט אינדרײַען פון שארפן ווייטעק, צי איך אראָפּ די שטיוול און פארמאך די אויגן.

שפּעטע נאכט. אין די שלייפן האקט. אין די אויערן א טעמפּער רויש. איך וויש אָפּ פון פּאָנעם דעם קלעפּיקן שוויס און שטעל זיך אף די קני לעבן קײַלעכדיקן פענצטערל. עפּשער וועט כאָטש אף א מינוט זיך אײַנגעבן באפרײַען פונעם איפּעש, וואָס האָט זיך פארקליבן אין די נאָזלעכער, אין מויל און, דאכט זיך, אין די געדערים. א שטארקער ווינט טרײַבט אָן אופהער שווארצע געשוואָלענע וואָלקנס. א בליץ נאָך א בליץ. פײַערדיקע זיגזאגן פּאסעווען אָן אופהער דעם בלײַענעם הימל. פונדאנען זע איך דעם שפּיץ פון א הויכן בוים. ער הוידעט זיך און סקריפּעט, ווי א פלאגשטאָק אף אן אונטערגייענדיקער שיף.

מײַן שאָכן, דער פליִער, שלאָפט אומרויִק. בא דער שײַן פון די בליצן זע איך, ווי ער קײַט און באלעקט די איבערגעטריקנטע ליפּן. זײַן פּוסטער פליודער האָט זיך צונויפגעדרייט אין א קנויל.

איך טראכט: פארן גאנצן לעבן האָב איך ניט געהאט אזויפיל באגעגענישן און צעשיידונגען, אזויפיל פײַנט און פרײַנט. אויך אָט דעם מענטש, מער וועל איך אים עפּשער ניט באגעגענען און זײַן עמעסן נאָמען זיך קיינמאָל ניט דערוויסן, דאָך וועל איך אף לאנג אים פארגעדענקען.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שאריִען אף טאָג, האָט זיך עמעצער ארײַנגעריסן אין באראק מיט א טומל, מיט א געפילדער. אין קאָפּ האָט זיך מיר נאָך אַלץ געבאָמבלט א שטיק פון מײַן כאָלעם. ס'האָט זיך מיר געדאכט, אז יאם־פּיראטן האָבן אונדז גענומען אף אבאָרדאזש. מע האָט אײַנגעשלאָסן די שײַן. די עלעקטרישע לעמפּלעך, אונטער דער סטעליע, בלענדן די אויגן. איבער די נארעס נישטערן פּאָליצײַען. זיי רײַסן אראָפּ די שינעלן, קוקן זיך אײַן אין די פּנעמער. זיי זוכן עמעצן.

— עפּשער מיך? — רוימט מיר אײַן אווראָוו אין אויער.

מע וואָרנט אונדז: קיינער טאָר זיך ניט רירן פון אָרט. ווער עס וועט איצט פּרוּוון אויסטאָן די שטיוול אָדער דאָס אויבערהעמד, דער וועט הענגען אף דער טליִע. נאָך דעם, ווי מע האָט דורכגעקאָנטראָלירט די, וועלכע זײַנען געלעגן אף די ערשטע נארעס, קומט א באפעל: אראָפּקריכן פון די צווייטע נארעס. ענדלעך דערגייט די ריי צו אונדז. איינער פון די פּאָליצײַען נעמט ניט אראָפּ קיין אויג פונעם פליִער, וואָס שטייט, ווי א באָטשאן, אף איין פוס.

— ביסט געשלאָפן? — פרעגט ער.

— ווי א קינד נאָך א באָד.

מעגלעך, אז ווען דער פליִער זאָל געווען פארלעשן דעם כויזעק־גלאנץ אין די אויגן, וואָלט אַלץ אדורך גלאט. אזוי האָט ער געכאַפּט א מוירעדיקן פּליאסק. דער פּאָליצײַ האָט זיך ווילד צעשריִען:

— אויב דו וועסט ניט אופהערן צו פּלאַפּלען, וועל איך דיר די צונג אויסשנײַדן.

מע האָט געפונען צוויי מענטשן, וועלכע זײַנען געשלאָפן אינעם אָנטאָן. דער פּאָליצײַ, וואָס האָט נאָרוואָס אזוי „העפלעך" געשמועסט מיט אונדזער שאָכן, פרעגט באם דעזשורנע, וואָס שטייט אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט אײַנגעשלונגען א שטעקן:

— ווער פון זיי איז נאָרוואָס ארײַנגעלאָפן?

— פאר דער גאנצער נאכט האָב איך קיינעם ניט אריינגעלאָזט און קיינעם ניט ארויסגעלאָזט.

— אזוי גאָר? איז קום, זיי מויכל, צוזאמען מיט זיי.

קאזימיר וולאדימיראָוויטש איז צופרידן, וואָס ניט אים האָט מען עס געמיינט. ער העלפט אפילע דעם פליִער ארופקלעטערן אף זיין אָרט. פארייִנס אינטערעסירט ער זיך:

— דאָס איז דער שעף פון דער פּאָליציי?

— ניין, זיין געהילף. צוערשט האָבן מיר געמיינט, אז דאָס איז א הונט, וואָס בילט און בייסט ניט, נאָר איצט ווייסן מיר, אז ער קאָן ניט נאָר געבן פּעטש, נאָר אויך קוילען.

ווידער ווערט מען פארזונקען אין אומרויִקן שלאָף. שומאָוו כראָפּעט. ווי אף דער וואך מורמלט ער דורך די פארשטשעמעטע ציין: „פארגיב, גאָט“. אוועראָוו מאכט דעם אָנשטעל, אז אים אינטערעסירט ניט דער געשפּרעך, וועלכן עס פירן שטילערהייט אונדזערע שכיינים.

איז אָט אין וואָס עס שטעקט די סיבע פונעם פּאָליציי־באַזוך.

אין לאגער, לאָזט זיך אויס, פארנעמט מען זיך מיט פאנגען „נעשאָמעס“. א גרופּע פארעטער ווערבירט צווישן די געפאנגענע „פריייוויליקע“ אף צו קעמפן קעגן די פארטיזאנער.

אין גאנג איז געלאָזט אלץ: פּעטש, הונגער, דאָרשט, רעכילעס, זיסע רייד, צוזאָגן. די דייטשן מאכן דעם אָנשטעל, אז זיי שטייען אין א זייט און מיט דעם איניען פארנעמט זיך בלויז די אָרטיקע פּאָליציי. עס מאכט זיך אפילע, אז ווען די פּאָליצייען גיבן שוין צופיל קלעפּ, קומט צום סאָף פון דער עקזעקוציע א דייטשישער אָפיצער און פרוווט אפעלירן צו זייער געוויסן:

— ניט גוט, — טייִנעט ער, — איר האָט דאָך געהאט אין זינען ווערבירן פריייוויליקע...

נאָך גאָר ניט לאנג צוריק איז א שטיקל פּאפּיר געווען מיט גאָלד גלייך. איצט האָבן זיך באוויזן צייטונגען, פלאקאטן, אופרופן, פלוגבלעטלעך. דער גרעסטער טייל פון זיי איז פּרעך און נאריש. זייערע מעכאברים זיינען, קענטיק, זיכער, אז וואָס פאנטאסטישער ס׳איז דער ליגן, אלץ גיכער וועט מען אין אים גלייבן. עס טרעפט אָבער, אז אין די שרייבעכצן פילט זיך די האנט פון א דערפארענעם פּראָוואָקאטאָר, וועלכער ווייסט אויסגעצייכנט, וואָס עס באטייט פאר די געיאָגטע און געפּלאָגטע מענטשן א גוט וואָרט.

אין אזעלכע ווענדונגען ווערט אפילע ניט דערמאָנט וועגן קאמף קעגן די פארטיזאנער, וועגן דעם, אז וועסט דארפן אָנטאָן די פארהאסטע גרוי־גרינע אוניפאָרם, דערפאר איז דאָרט פאראן אזוינס: „ווארט ניט. איייל זיך צו, ניץ אויס די איינציקע מעגלעכקייט ארויסצורייסן זיך פון געפאנגענשאפט“. אף א קאָלירטן פלאקאט איז אָנגעמאָלט א קוכער אין א ווייס מיצעלע. זיין זאט, גוטמוטיק פּאָנעם שמייכלט. אין די הענט — טעלערלעך מיט געשמאקע מייכאָלים, און ערגעץ אין דער ווייט — שטעכדראָט און סילועטן פון אויסגעהונגערטע מענטשן. ער רופט זיי, דער קוכער: ביטע, עסט, און זאָל אייך ווויל באקומען.

בא מענטשן, וועלכע שטארבן פון הונגער, אויב נאָר דער גייסט זייערער איז שוואך, פאראנקערט זיך אזא רוף אין אונטערבאוווסטזיין, און אף א געוויסן עטאפּ באקומט ער א היפּשן קויעך. און דאן — היט זיך, ווייל דו האָסט זיך שוין פארפּלאָנטערט אין דעם קלעפּיקן, קויטיקן שפּינוועבס, וואָס ס׳האָט אויסגעפּלאָכטן פאר דיר דער צווייפיסיקער שפּין. דיין נעשאָמע איז אין סאקאָנע, איר דראָעט ערגערס פון טויט, אויב נאָר עמעצער, א דרייסטער און מוטיקער, וועט, קעדיי דיך צו פארהיטן, ניט לאָזן זיך פויזען אין א כוישעכדיקער נאכט פון וואנט צו וואנט און מיט א שטיקל שווארצער קויל, ווייל קיין בלייער האָט ער ניט, אין איילעניש און אין שרעק ניט אָנשרייבן אף די דאָזיקע פלאקאטן: אף איינעם — „ביזוואנען דו ביסט נאָך ניט געוואָרן קיין פארעטער, באטראכט זיך!“. אפן צווייטן: „בעסער טויט, איידער פאראט“. אפן דריטן: „די פּרייז פון זייער אָנבייסן — דאָס לעבן פון דיין ברודער“.

אף די טליִעס באָמבלען זיך געפאנגענע. דער קארצער איז איבערגעפּולט. מע טרייבט די מענטשן פון איין לאגער אין צווייטן. אין די בעראקן דעזשורען פּאָליצייען. עס איז באפוילן אף באנאכט זיך אויסטאָן. און דאָך ווערט דער קאמף פון די קוים לעבעדיקע, אויסגעהונגערטע מענטשן קעגן די אויסגעפּאשעטע, באוואָפנטע אָקופּאנטן און זייערע מעשאָרסים פּאָרגעזעצט. די פאשיסטישע בלעטלעך רייסט מען אראָפּ. עמעצנס האנט שרייבט אף זיי אופרופן צו די געפאנגענע.

דער ווינט האָט זיך הייִנט צעהוליעט ניט אף קיין קאטאָוועס. ער בייגט נידעריק צו דער ערד די ביימער, פארטרייבט פון זיי די קראָען, וואָס טראָגן זיך ארום, ווי דולע, צעכראסטעט באם וואכמאן די פּאָלעס פון שינעל, פארשיט מיט שטויב זיין הויכן הוט, פארקלייבט זיך אין א קוימען און פייפט דאָרט אויס זיינע ווילדע ניגונים. נאָר אָט האָבן די וואָלקנס פארלאנגזאמט דעם גאנג, זיך צונויפגעזאמלט אין גראָבע שיכטן און אפגיך, איידער זיי האָבן פארן אוועקגיין

באוויזן דער ערד די גרויע קײַלעכדיקע פּלייצעס, זיך באַפרײַט פון זייער שווערער, פּײַכטער לאַסט.

פון די ביימער און דעכער האָבן נאָך ניט אופגעהערט צו טריפן דורכזיכטיקע טראָפּנס, און אַפן הימל האָט זיך שוין באַוויזן א רעגנבויגן. דערנאָך ערשט האָט זיך לאַנגזאַם ארויסגערוקט די זון, די זעלבע זון, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אופגעגאַנגען איבער מאָסקווע.

נאָך מיט זיבן שאָ פריִער האָבן אירע ערשטע שטראַלן באַגריסט די ווײַטמיזרעכדיקע טײַגע, דערנאָך די סיבירער ראַכוועסן, אוראַלער דאַמנעס, אַזערבײַדזשאַנער נאַפט־טורעמס; אָנגעהויבן פון דער פראָנט־ליניע באַגיסט די זון מיט פּאַסמעס שײַן און דעמאַסקירט אעראָפּלאַנען, טאַנ־קען, הארמאַטן, פּאַנצער־צוגן, קוילנוואַרפער, ביקסן...

די זון אײַלט אף מײַרעוו. נאָר אפילע אין צוויי שאָ ארום וועט זי אָנשטאָט ווארעמען טוועס אף די פעלדער, בלומען אין די סקווערן, וואַסערן אין די טײַכן, נאָך אַלץ באַלויכטן אָן א שיר דײַטשישע קאַסקעס. אזוי וועט זײַן אין בודאַפּעשט און אין בעלגראַד, אין ווארשע און אין ווין, אין פּראָג און שוין אוודע אין בערלין. און אזוי וועט דערווײַל זײַן טאָג־אײַן, טאָג־אויס...

אווראַווס „קאַריערע"

צוערשט האָט זיך באַוויזן א שטיבל, וואָס איז געשטאַנען, ווי אין עק וועלט, און עס האָט אָן אָטעם געטאָן מיט ווארעמע געקעכצן, א צי געטאָן מיטן רייעך פון אוקראָפּ, מיט אומדער־ווארטער געמיטלעכקײַט; צום דאַך איז געווען צוגעקלאַפּט א הילצערנער האָן מיט א רויטן קאַם. באַם פּאַרקן איז אין א ברייט קאָפּטל געשטאַנען א שוואַנגערע פרוי, וואָס אויב ניט הײַנט, וועט זי מאָרגן מיט ווארעמער זאָרג זיך פּאַרקלערן, וויאַזוי אָנצורופן איר קינד. אין הויף ארום דעם דעמב מיט די האַלץ־געשווירן אפן שטאַם — א גערטנדל. די ערד איז דאָ אָנגעשאָטן אין א הויך בערגל, וואָס דערמאָנט א קייווער. הינטערן שטיבל — א שמאָל געסל.

דערנאָך איז אונדז אנטקעגנגעקומען די שטאָט.

יעדע שטאָט, ווי יעדער מענטש, האָט זיך איר כאַראַקטער. בלויז רויִנען האָבן אַלע איין פּאָנעם. כוריוּעס, פּאַרוואַקסענע מיט גראָז, אײַנגעפּאַלענע ווענט און צעקאַרדאַשעטע שטיינערנע טרעפּ דערמאָנען אין אַלטע מאַצייוועס.

די שטאָט, וואָס געפינט זיך אפן רעכטן ברעג טײַך, האָט שטיל ארײַנגענומען אין זיך די גרופּע געפאַנגענע מיט רויטע קרייצן אף די ארבל, וועלכע עס האָבן באַגלייט צווי פּאָליציִאַנטן, און האָט זיי פאַרשריבן אין דעם היפּשן צעטל פון די אוולעס, פּאַרברעכנס, וואָס די פאַשיסטן זײַנען דאָ באַגאַנגען. די פּאַרבײַגייער אָבער קוקן זיך אפילע ניט אום. פאַר דער צײַט פון דער אָקופּאַציע האָט מען דאָ אזוינס איבערגעלעבט, געזען און געהערט, אז נאָך עטלעכע געפּלאָגטע מענטשן זײַנען שוין ניט בעקויעך צוציִען עמעצנס אופמערקזאַמקײַט.

איבער דער ברוקירטער גאַס שפּאַנט א ראָטע „פריײַווייליקע", שוין איבערגעטאָנענע אין די גרין־גרויע מונדירן. דאַכט זיך, ווען דאָס זאָלן זײַן מאַרסיִאַנער, וואָלטן זיי אויך ניט ארויס־גערופן אזא איבעראַשונג. אַלע, וואָס זײַנען געווען אף דער גאַס, האָבן אויסגעקערעוועט די קעפּ. אין די פענצטער האָט מען גענומען צערוקן די פאָרהענגלעך.

אף די קוקט מען! מע נעמט פון זיי קיין אויג ניט אראָפּ. אונדז האָט די באַפעלקערונג קיינמאָל מיט אזעלכע בליקן ניט באַגעגנט, און די פאַשיסטן — ניט באַגלייט. אף אונדז קוקט מען מערסטנטייל מיט ראַכמאָנעס און זעלטן־ווען גלײַכגילטיק. אף די דײַטשן — אָפּטער מיט באַהאַלטענער סינע. אף די, וואָס זײַנען געגאַנגען אונדז אנטקעגן, האָט מען געקוקט ווער מיט האַס, ווער מיט כשאַד, נאָר אַלע מיט פאַראַכטונג און עקל.

— אָדלערס, העכער די קעפּ! — פּאָדערט זייער אָפיצער, א מענטש מיט אײַליקע, ניט זיכערע באַוועגונגען. און כאַטש ער קאָמאַנדעוועט אף א גוטן רוסיש, קלינגען די ווערטער פרעמד.

— איינס, צוויי, דרײַ! איינס, צוויי, דרײַ! מאַלינין, פאַרצי א ליד.

און מאַלינין הייבט אָן זינגען.

מאַלינינס פּאָנעם האָט מיר אויסגעוויזן צו זײַן באַקאַנט, נאָר וויפל איך האָב זיך ניט באַמיט, האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו דערמאָנען, ווען און ווו איך האָב אים געזען.

די ראָטע באַגלייטן עטלעכע דײַטשישע אָפיצערן און סאָלדאַטן, באַוואָפנטע מיט אווטאָ־מאַטן. ווי עס שײַנט, ווילן די באַלעבאַטים דיריזשירן, בלײַבנדיק אַליין אין שאָטן.

מיר גייען לענגאויס הויכע הײַזער, נידעריקע שטיבלעך, ביז מיר קומען צו א געדיכטער

אליי פון הויכע טאָפּאָלן. פון יעדע זײַטן שטייען פיר סטאַנדאַרטע צווייסטאָקיקע רויטע מויערן. באַם צווייטן פון לינקס פאַרען זיך עטלעכע געפאַנגענע.

— סאשע! זע נאָר, מיר האָבן מיט מאַזל געסט, — שרײַט אויס א באָכער, פאַרײַסנדיק דערבײַ דעם קאָפּ אין דער הייך און באַווײַזט, ווי קורץ און קירפּאַטע עס איז זײַן נאָז. סאַשע געפינט זיך, ווײַזט אויס, ערגעץ אַפן צווייטן שטאָק אָדער אַפן בוידעם. פון דאָרטן דערטראָגט זיך:

— און אונדז וועט מען דורכטרײַבן? טו באַ זיי א פרעג, פּעטקע.

פּעטקע וואָלט עפּשער זיך געווענדט צו אונדז מיט דער פראַגע, נאָר אוועראָוו האָט אָנגעכמורעט די געדיכטע בייזע ברעמען, און יענער איז ווי אויסגערונען צוזאַמען מיט דער לאָפּעטע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

— וועמען האָט איר אהער געבראַכט? — פרעגט זיך נאָך באַ די פּאָליצײַען א יונגערמאַן מיט א צעקנייטשט געשוואָלן פּאָנעם און רויטע אויגן־לעפּלעך. געקליידט איז ער אין א פאַרלאַטעטן דײַטשישן מונדיר.

די פּאָליצײַען צוקן מיט די אַקסלען. זיי איז באַפוילן ברענגען אונדז אהער, און מער ווייסן זיי גאָרנישט. וואָס צו טאָן ווײַטער, וועט מען זיי זאָגן דאָ. אוועראָוו מישט זיך אַרײַן:

— מיר זײַנען מעדיקער, נאָר דערווײַל וועלן מיר העלפן די בויער רעמאָנטירן דעם שפּיטאָל.

לאָזט זיך אויס, דאָ זײַנען שוין ניטאָ קיין בויער. די וועגנט און די סטעליעס זײַנען אויסגעקאַלכט. אַפן ערשטן שטאָק זײַנען שוין אַפילע די דילן אָפּגעפאַרבט. די עטלעכע גע־פאַנגענע, וואָס אַרבעטן דאָ, שלעפּן זיך אַרום ווי שלעפעריקע פליגן. זייער אַוודע איז אַראָפּטראָגן ליים, קאַלך און מיסט פונעם צווייטן שטאָק. אַף די פריש געפאַרבטע דילן לאָזן זיי איבער פלעקן. אָט דאָ באַווײַזט אוועראָוו, ווער ער איז. ווי נאָר מע האָט אונדז אַרײַנ־געפירט אינווייניק, האָט קאַזימיר אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער פּעטיען, וועלכן ער האָט דאָ געטראָפן, און מאָלע־רעציכע אויסגעשריגן:

— דײַן שטיקל אַרבעט? ווער האָט דיר דערלויבט קריכן אהער?

פּעטיע, ניט ער פאַרענטפערט זיך, ניט ער באַמיט זיך צו באַפרײַען. ער שטייט מיט אַן אַרײַנגעצויגענעם קאָפּ אין די אַקסלען. אז ער קומט א ביסל צו־זיך, הייבט ער אָן דערשראָקן שרײַען:

— סאַשע, וואָס וויל ער פון מיר, סאַשע?

אין צימער איז א פאַרסאָפּעטער אַרײַנגעלאָפן סאַשע. ער איז אַף א גאַנצן קאָפּ נידעריקער פון זײַן כאַווער. דורך די צעריסענע אַרבל קוקן אַרויס דאַרע, בלויע עלנבויגנס. בלויז אין רעגע איז פאַר אים געגנוג אַף אָפּשאַצן די לאַגע. דער, וואָס האַלט פּעטיען פאַרן קאָלנער, איז טאַקע א קרעפטיק געבויטער, נאָר ער איז ניט קיין דײַטש און ניט קיין פּאָליצײַ. אויב אַזוי, קאָן מען אַף אים וואַרפן א מאַמזערישן בליק, וואָס וואָרנט: „הייב זיך בעסער ניט אָן, אַניט וועסטו האָבן צו זינגען און צו זאָגן"... אויך די צונג איז באַ אים ניט געליימט:

— אַנו, לאָז אים נאָר אָפּ!

אוועראָוו האָט אים גלײַך געפאָלגט.

— און דו, — האָט סאַשע מיט א כויזעק־שמייכל גענומען זיך נאָכקרימען פּעטיען, — „סאַשע, סאַשע". די הענט זײַנען באַ דיר אין קימפּעט? שטייט מען ניט ווי קיין יאָסעם, נאָר מע דערלאַנגט אים מיט דער לאָפּעטע אין שאַרבן, ער זאָל די הענט האַלטן באַ זיך.

אין די ווערטער גופע, אין דעם, ווי זיי זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן, פילט זיך זײַן צוגעבונדנקײַט צו פּעטיען.

איך ווייס ניט, וואָס וואָלט ווײַטער געווען, נאָר אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער דאָקטער קראַמעץ.

— ווער טומלט דאָ?

— הער האַופּטמאַן, — טוט א שפּאַן פאָרויס אוועראָוו, — דערלויבט.

— שווײַגן! — האָט קראַמעץ א ריטשע געטאָן. — איר וועט ענטפערן, ווען מע וועט באַ אײַך פרעגן. איר, פעלדשער, — ווײַזט ער אָן מיטן פינגער אַף דעם באָכער מיטן געשוואָלענעם פּאָנעם, — דאַרפט ראַפּאָרטירן.

— אַנטשולדיקט. אויך אין אונדזער אַרמיי האָט מען מיך שטענדיק געזידלט דערפאַר...

— ניט אין אונדזער, נאָר אין דער רויטער, — האָט אים פאַריכט דער האַופּטמאַן. — אָן איבעריקע רייד דערציילט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— אָט דער־אָ האָט אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער יענעם דערפאַר, ווײַל ער צעטראָגט דעם שמוץ איבער די פּאַלאַטעס.

— „דער", „יענער", עס שמעקט פון אײַך אף א מײַל מיט ציוויליזאַציע. איך באַפויל: יעדן איינעם, ווער עס וועט מיט קויטיקע פיס אריינגיין אין א ריינער פאלאטע, גלײַך אַפּשיקן אין לאַגער. ווער איז בא אײַך דער עלטסטער?
— איך, הער האופטמאַן.
— איר האָט געהערט מײַן באַפעל?
— געהערט. עס וועט אויסגעפּילט ווערן, הער האופטמאַן.
— הערט ווײַטער. אַלע דאַרפן זיי אַרבעטן און ניט אַרומגיין פוסט־און־פּאַס. אָט דעם גוילעם, וואָס שטייט מיט דער לאָפּעטע, איבערלאָזן אָן אַנבײַסן. קלאָר?
— קלאָר, הער האופטמאַן.
— פעלדשער, צוויי טעג צײַט גיב איך אײַך, אַז אין שפּיטאָל זאָל אַלץ פינקלען. דעם ערשטן שטאָק זאָל מען נאָך הײַנט אופראַמען. דערנאָך וועט איר זיי ווײַזן, ווו צו מאַכן די גרוב פאַרן פונדאַמענט פון דער דעזינפעקציע־קאַמער.
— דערלויבט פרעגן, וואָס וועט זײַן מיט די פענצטער?
— און מיר, — האָט קראַמעץ א זאָגט געגעבן גיטאַן און א קוק געטאָן אפן פעלדשער, ווי אף א ליימענער ליאַלקע, וואָס האָט מיטאַמאָל באַקומען לאַשן, — און מיר האָט זיך גערדאַכט, אַז אײַך אינטערעסירט אַבסאָליוט גאָרניט. א קאַסטן מיט גלאָז שטייט אפן בוידעם. א גלעזער וועל איך אײַך אין א פּאָר טעג אַרום שיקן. און איר, וואָס האָט איר מיר געוואָלט זאָגן? — האָט ער זיך געווענדט צו אוווראָוון.
קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש האָט האַכנאָעדיק א הוסט געטאָן.
— איך בעט מיך פּאַרצײַען, נאָר איך וואָלט געייצעט פריִער אופראַמען דעם צווייטן שטאָק, אַניט וועט די אַרבעט זיך פאַרציִען. די שטיקער ציגל און די ליים דאַרף מען שיטן ערגעץ ווײַטער, דער שטויב זאָל ניט גיין צוריק אין די צימערן.
— גוט. נאָר פאַרגעדענקט. דאָ זײַנען ניט קיין צימערן, נאָר פּאַלאַטעס און קאַבינעטן. ווי איז אײַער פאַמיליע? אוווראָוו? פעלדשער, פאַרשרײַבט: ער ווערט באַשטימט פאַרן עלטסטן און איז פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך. איז האָט איך זינען: צוויי טעג צײַט!
מיך האָט ניט געערט, אַז גראַד אוווראָוו און ניט עמעצער אַנדערש זאָל זײַן דער עלטסטער. עס וועט עפּשער לײַכטער זײַן זוכן פאַרבינדונגען און מאַכן פּלייטע.

דער כיטרער און דורכגעטריבענער אוווראָוו האָט גוט געוווסט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. באַזונדערס האָט ער אויסגענומען בא קראַמעצן מיט זײַנע באַמערקונגען וועגן דעם קאַבינעט פאַרן הויפּט־דאָקטער.
— אין די פּאַלאַטעס, — האָט ער כניפעדיק אײַנגעטײַנעט מיט קראַמעצן, — דאַרפן די טירן זײַן אף העלפט אָנגעגלאָזט. זאָלן די קראַנקע וויסן, אַז מע זעט, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך. אָבער אין קאַבינעט פון דעם הויפּט־דאָקטער — בעשום־אויפן ניט. מאַלע ווער פון די דײַטשן קאָן וועלן אַרײַנקומען צו אײַך. מע דאַרף ניט קיין איבעריקע אויגן. איך וואָלט אײַער טיר אַרומגעקלאַפּט מיט ברוינעם דערמאַטין. אָט ווען איר קריגט נאָך לאַטון־טשוועקלעך מיט ברייטע קעפּלעך. און די ווענט, צוליב וואָס זיי קאַלכן? אויב עס איז אומעגלעך קריגן אייל־פאַרב, איז כאָטש קאַלירטע קליי־פאַרב אָדער טאַפּעטן. דאָס וועט זײַן אָנגענעמער אײַך און אײַערע באַזוכער.
איבערמאַכן די טיר האָט דער „אָבעראַרצט" אָן א ספּעציעלער דערלויבעניש ניט געוואַגט, נאָר דערפאַר האָט ער געקראָגן פאַר זײַן קאַבינעט ציצנע פאַרהענגלעך. אָנשטאָט פאַרב און טאַפּעטן האָבן אים די דײַטשן געגעבן א פּאָר בלויע פּראָשקעס. אוווראָוו האָט זיי צעמישט מיט קרײַד און אַליין אויסגעפאַרבט קראַמעצעס קאַבינעט.

נאָך דער געשיכטע מיטן גלאָז האָט קראַמעץ ענדגילטיק באַזײַטיקט דעם פעלדשער פון ווירטשאַפטלעכער אַרבעט.
אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:
אַלע טאָג, ווען מע פלעגט אונדז ברענגען אַהער, זײַנען אין איינער פון די פּאַלאַטעס אויסגעזעצט געווען די שויבן.
אין שכיינעסדיקן מויער זײַנען אײַנגעשטאַנען בעלגישע סאָלדאַטן. זיי האָבן געשיקערט, צוגעשטאַנען צו פאַרבײַגייענדיקע פרויען. באַזונדערס האָבן זיי ליב געהאַט צו שפּילן אין פּילקע. דער פעלדשער האָט זיך געהאַלטן אין איין קלאָגן, אַז זיי זעצן עס אויס די שויבן.
איינמאָל האָט זיך דער האופטמאַן אָנגענומען מיט מוט, און אין אוווראָווס באַגלייטונג

אלס איבערזעצער אוועק צו די שכנים. פון דאָרט האָט מען זיי ארויסגעמעשאַלייעכט מיט א געפילדער און פּיַיפעריי.

— ווילדע ברוּים, — האָט זיך קראַמעץ געזידלט. — נאָר מיר שפּיַיען אָף איַיך. גלאָז איז בא אונדז פאראַן, ווען מיר אָנגלאָזן די פענצטער, וועט דאָ שטיין א שטענדיקע וואך.

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אויך געמיינט, אז די טאַפּליעס ברעכן די פריילעכע שכיינים. נאָר צופעליק בין איך געווען אן איידעס, ווי סאשע האָט מיט א שטעקן אויסגעזעצט א מאַטעוווע שויב. ווען ער האָט מיך דערזען, איז ער געבליבן שטיין א פאַרציטערטער, אָן א טראָפּן בלוט אין פּאָנעם.

שויך פון דער מינוט אָן, ווען ער האָט זיך אזוי דרייסט איַינגעשטעלט פאר זיַין כאַווער פּעטיע וועטלוגין, האָט זיך מיר געוואָלט נעענטער באַקאַנען מיט אים, נאָר סאשע האָט געקוקט אָף מיר בייז און מיט אומצוטרוי. אָף מיַינע פראַגן האָט ער שטענדיק געענטפערט ניט גערן, גערעדט מיט מיר זעלטן און ווייניק. איך האָב פארשטאַנען, אז דאָס איז דערפאַר, וויַיל צו מיר האָט זיך ניט שלעכט באַצויגן אווראַוו. און אָט איצט...

„ווּעסט מאַסערן?" — האָבן מיט פאַראַכטונג געברענט זיַינע אויגן.

אין דער נאָענט איז קיינער ניט געווען.

— גיב אהער דעם שטעקן. גיכער.

אויסזעצן א פּאָר טאַפּליעס איז ניט קיין גרויסע טירכע. דער שאָדן פארן דיַיטש איז אזא נישטיקער, אז עס וואָלט ניט געלוינט וועגן דעם צו דערציילן. נאָר דערפאַר איין באַ־וועגונג — און אונדזער פריַינטשאַפט איז געשלאָסן. א ביסל שפּעטער האָט סאשע זיך געקלאָגט פאר אווראַוון און מיך ארויסגעשטעלט פאר אן איידעס, אז פארביַיגייענדיק האָבן די ווילדע ברוּים ווידער א ציילעם געטאָן אונדזערע שויבן.

— ברענען זיי אפן פיַיער! — האָט קאַזימיר זיך געזידלט. — מיט זיי קאָן מען ריידן סיַידן מיט קוילנוואַרפער און האַרמאַטן.

ס'איז געקומען דער גלעזער. פון ערגעץ האָט מען געבראַכט א לייטער, און מיר זיַינען ארויף אפן בוידעם, וואָס איז געווען פאַרוואַלגערט מיט פארשיידן אַלטוואַרג. דער גלאָז־קאַסטן איז געלעגן באם קוימען, דאָס גלאָז אין אים איז געווען צעבראָכן אָף פּיק־פּיצלעך.

עס איז קעדיַי געווען א קוק צו טאָן אפן הער האוּפּטמאַן, ווען מע האָט אים וועגן דעם געמאָלדן. מיט דער פלינקיַיט פון א קאַץ איז ער ארויף אפן בוידעם, דערנאָך אראָפּגעלאָזט זיך א בלאַסער, ווי די וואַנט, געלאָפן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון א קייט, פון איין צימער אין צווייטן, געשריִען, אז מיר אליין האָקן אונטער די צוויַיג, אָף וועלכער מיר זיצן. געשפּיגן, געדראָעט אונדז אלעמען גליַיך אריַינזעצן אין קאַרצער. דעם פעלדשער האָט ער דערלאַנגט א פּאַטש אין באַק, דערנאָך זיך געזעצט שריַיבן א ראַפּאָרט „נאַטשאַלסטווע". אונדז האָט ער באַפוילן לאָזן אָן אָנביַיסן.

מער פאר אלעמען האָט זיך געהיצט שומאָוו. ער איז געקראָכן פון דער הויט, געוואָלט דערוויַיזן, אז ער איז ניט שולדיק.

— דאָס האָט עמעצער פון איַיך אָפּגעטאָן, — האָט ער אָנגעוויזן אָף אונדז אלעמען. — איז זאָל מען אופהענגען דעם פארברעכער, און איך וויל ניט ליַידן אומזיסט.

אווראַוון האָט, קענטיק, פארדראָסן, וואָס שומאָוו האָט אים צוגערעכנט צו אונדזער קאָמפּאַניע. אופגעשטאַנען פון אָרט, איז ער צוגעגאַנגען צו סטיאָפּען, זיך אָנגעבויגן צו יענעמס אויער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים איַינרוימען א סאָד, און געזאָגט העכער, ווי געוויינלעך:

— וואָס פלאָפּלסטו, סמאַרקאַטש איינער! אז א מענטש מאַכט קוילעס „כאַפּ דעם גאַנעוו", איז ער גיכער פון אלץ אליין דער גאַנעוו. עפּשער ביסטו גראָד דער, איבער וועמעס שולד מיר אלע דאַרפן ליַידן? דאַכט זיך, דיך האָב איך מיט א פּאָר טעג צוריק געשיקט אפן בוידעם נאָך א שמאַטע אָף וואַשן דעם דיל.

— אווראַוו, איַיך רופט פּיפּין דער קורצער.

— ווער? — האָט אווראַוו פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט באם פעלדשער.

— דער הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל, — קוים האָט שוין דער פעלדשער דערלאָזט פאר אלעמען אין די אויגן אזא אומפּאָרזיכטיקיַיט, ווי געבן דעם האוּפּטמאַן א צונאָמען, האָט ער ניט וואָס צו פארלירן און פירט מיט אווראַוון אין אונדזער אָנוועזנהיַיט אָן אָפּענעם גע־שפּרעך. — געדענקט, איר איינער קאָנט אָף אים ווירקן, ער זאָל ניט אָפּשיקן דעם ראַפּאָרט. טאָמער שיקט ער אים אוועק, וועט מען אונדז אלעמען שלאָגן ביז טויט.

כאָטש וויַיט ניט אלע האָבן געוווּסט, צי דער צונאָמען פּאַסט דעם הויפּט־דאָקטער, דאָך האָט ער זיך צו אים גליַיך צוגעקלעפּט, און הינטער די אויגן האָט מען שוין קראַמעצן אנדערש ניט אָנגערופן, ווי „פּיפּין דער קורצער".

קאזימיר וואַלאדימיראָוויטש האָט זײַן מיסיע אויסגעפּילט. דעם ראַפּאָרט האָט ער איבער־געזעצט אַף דײַטש, נאָר פּיפּינען האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז אין דער ערשטער ריי וועט זיך עס אויסלאָזן צום הויפּט־דאָקטער. וואָס איז שײַך אים, אוועראָוון, איז ער זיכער, אַז דאָס האָבן אָפּגעטאָן די בעלגישע סאָלדאַטן. הײַנט גאַנצפרי זײַנען זיי אוועקגעפאָרן און די גאַנצע נאַכט אַזוי געהוליעט, אַז אין דעם מויער, ווו זיי זײַנען אײַנגעשטאַנען, איז קיין איין גאַנצע שויב ניט פאַרבליבן.

באַם הויפּט־דאָקטער איז אַראָפּ אַן אָל פונעם קאָפּ. ער האָט זיך נאָך קלוימערשט גע־קווענקלט, קיין אַנדער אויסוועג האָט ער אָבער ניט געהאַט. קאַזימיר וואָלאַדימיראָוויטשן האָט ער געמאָלדן:

— אויב די מײַסע מיטן גלאָז וועט אַדורך בעשאָלעם, איז אײַער קאַריערע געזיכערט. איך וועל אײַך דאַן אָנמערקן אַלס עלטסטן פונעם שפּיטאָל. אַליין וועל איך זיך פאַרנעמען מיט היילן די קראַנקע, מיטן איבעריקן — איר.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אוועראָוון ערגעץ אוועקגעפירט. מיר זײַנען געזעסן אַפן דיל, געזופּט די מוטנע פליסיקײַט מיט די אַראָמשווימענדיקע בלעטלעך קרויט און געבראָכן זיך די קעפּ, וואָס האָט געקאָנט געשען. פּלוצעם עפנט זיך די טיר, און אין צימער קומט אַרײַן אַ דײַטשישער אונטער־אָפיצער. באַגלייט פון אַלעמענס בליק, איז ער פּאַוואָליע, ווי עס וואָלטן אים געמוליעט די שיך, אונדז פאַרבײַגעגאַן. וווּנדער איבער וווּנדער. דער ביסן איז מיר געבליבן שטיין אין האַלדז. די צונג איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען. ס'איז מיר אַזש ניט גוט געוואָרן. דאָס איז געווען אוועראָוו.

סאָף טאָג האָט ער מיך אַרײַנגערופן צו זיך. איצט האָט ער געהאַט אַן אייגענעם צימער, דאָרט איז געווען אָנגעשטעלט און אָנגעוואַלגערט: אײַזערנע בעטלעך, קישנס, קאָלדרעס, לײַלעכער און אַ ביסל מעדיקאַמענטן — אַלץ פאַר די קראַנקע, וואָס וועלן דאָ ליגן. אַליין איז ער געזעסן, אונטערגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם מיט די הענט, די אויגן אָנגעגאָסן מיט היץ.

— הער אונטער־אָפיצער, איך בין געקומען לויט אײַער באַפעל.

— וואָס בעבעסטו? געגנוג זיך נאַריש מאַכן, זעץ זיך, — האָט ער מיר באַוויזן אַף אַ צעפּאָרן בענקל. איך בין געשטאַנען און ניט גערירט זיך פון אָרט. — קוקסט אַף מיר, ווי איך וואָלט ערשט פון דער לעוואָנע אַראָפּגעפאַלן? צי עפּשער קלײַבסטו זיך אידיעקוווען איבער מיר?

— גאָט באַהיט, איר זײַט אַן אונטער־אָפיצער פון דער דײַטשישער אַרמיי, און איך — אַ קריגסגעפאַנגענער.

עטלעכע מינוט שווײַגט ער, דערנאָך וואַרפט ער אַף מיר אַ קרומען בליק און זאָגט:

— ניט יעדערער, אַף וועמען די הינט בילן, איז אַ גאַנעוו, און דו ביסט נאָך צו יונג, זאָלסט מיך לערנען סייכל. איך לייג דיר פאָר צום לעצטן מאָל, זעץ זיך.

ווען איך וואָלט געווען רויִקער און אופמערקזאַמער, וואָלט איך געוויס באַמערקט: ווײַטער קעגנשטעלן זיך איז געפערלעך. אוועראָוו האָט אַזוי אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש, אַז די אײַזערנע קוואַרט, וואָס איז דאָ געשטאַנען, איז אַראָפּגעשפּרונגען אַפן דיל און די וואַסער אין גראַפין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און אונטערגעשפּרונגען צום העלדזל. מיך האָט ער איבערגעציילעמט מיט אַ דרײַגאָרנדיקער איפּע און מיט קויעך אוועקגעזעצט אַפן בענקל.

— פערד, וואָס דו ביסט. איך האָב אַף דיר ראַכמאָנעס, זאָג: דו ווילסט עסן צו זאַט? פון אים האָט געאָטעמט מיט בראָנפן.

— טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר. מיינט ניט, אַז עמעצער איז אײַך מעקאַנע. איר זײַט שיקער.

— אַזאַ איז די פּירעכץ באַ זיי, צוזאַמען מיטן טיטל גיבן זיי בראָנפן. איין וואַקאַנט אָרט איז נאָך באַ אונדז פאַראַן, עס פאָדערט זיך אַן עלטערער סאַניטאַר. פאַר געציילטע עטלעכע מינוט פויעל איך עס באַ פּיפּינען, און דו ביסט אײַנגעאָרדנט. אָט צוליב וואָס איך האָב דיך גערופן.

דאָס האַרץ האָט באַ מיר אַ טיאַכקע געטאָן. איבערן לײַב איז דורכגעגאַנגען אַ קעלט. ווען ער וואָלט מיר געווען מעלדן: „איך ווייס, אַז דו ביסט אַ ייִד“, וואָלט עס מיך אַזוי ניט אופגערודערט.

— קאַזימיר וואָלאַדימיראָוויטש, איר האָט דאָך צוגעזאָגט מיר ניט טאָן קיין שלעכטס און ניט קריוודען. איז האַלט וואָרט, קאַזימיר...

— שוין העכער פערציק יאָר קאַזימיר. ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי וועט זײַן.

— אוועראָוו, — בין איך גויווער די אייגענע שוואַכקײַט, — אײַך וועל איך ניט דערלויבן אַזוי באַגיין זיך מיט מיר.

— אזוי גאָר? דו מיינסט, אז איך האָב פאַרגעסן, אז ביסט באוואָפנט מיט א נאָדל און מיט אלווארדיאַנס גאָל־מעסערל? דאָס, באַכערל, האָסטו אין זינען, יאָ?

— דאָס אָדער עפּעס אנדערש, ניט וויכטיק. איך גלייב, איר געדענקט נאָך, אז איך אליין האָב אייַך דערציילט וועגן דעם. כ׳האָב געוואָלט, איר זאָלט וויסן, אז איך בין גרייט זיך איינשטעלן פאַר אייַך, איר מעגט מיר גלייבן, אזוי וואָלט געווען.

— איך גלייב, און איך האָב ניט פאַרגעסן דאָס שטיקל ברויט מיט פּוטער. פאַרשטייסט, — לייגט ער מיר אוועק די האַנט אַפן אקסל, — אַף דעם פּאָסטן פּרעטענדירט שומאָוו. איך האָב אים פייַנט!

— עפּשער איז דאָ נאָך עמעצער, וואָס וואָלט וועלן ווערן עלטסטער סאַניטאַר?

— ערשטנס, האָט מיר וועגן דעם קיינער ניט געמאָלדן, און, צווייטנס, מאָלע וואָס עמעצער וויל. ניט אלעמען וויל איך. אָט סאַשע מוראַשאָוו, אשטייגער, איך זאָג דיר אָפן — מיר געפעלט ניט דייַן כאַוורן זיך מיט אים, און דאָס, וואָס דער טאַמעוואַטער וועטלוגין גייט אים נאָך, ווי א קאַלב א קו, געפעלט מיר אויך ניט.

— א שאָד, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, מוראַשאָוו איז זייער א ווױלער באָכער. ער האָט מיר דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך באַפרייַנדעט מיט וועטלוגינען. ביידע זייַנען זיי פון קאַזאַן, און געדינט האָבן זיי אויך אין איין טייל. איז אָט, ווען זיי זייַנען געווען אין ארומרינגלונג, האָט סאַשע ארויסגעשלעפּט וועטלוגינען א קאָנטוזיעטן פון פייַער. געמאַטערט זיך, נאָר געטראָגן, ביז אים אליין האָט געטראָפן א קויל. און דאַן האָט פּעטיע מיט די לעצטע קויכעס געטראָגן דעם כאַוער, דערשלעפּט צום וואַלד און עטלעכע מעסלעס ניט אָפּגעטראָטן, ביז סאַשע איז ניט געקומען צו־זיך. צוזאַמען זייַנען זיי ארייַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. איז וואָס איז דער כידעש, וואָס זיי האַלטן זיך איינער פאַרן צווייטן? פאַרשטייט זיך, פאַר קיין עלטערן סאַניטאַר טויג סאַשע ניט, ער איז צו יונג און צו היציק. דערצו האָט ער ניט, פּונקט ווי איך, קיין שום מעדיצינישע בילדונג.

— גענוג, — האָט אוועראָוו ארויסגעזייַט דורך די פאַרשטשעמעטע ציין. — מייַן נאָר ניט, אז איך בין אזוי שיקער, אז איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו האָסט אין זינען. דאָס איינציקע, וואָס איך זאָג דיר צו, — הייַנט וועל איך מיט קראַמעצן וועגן דיר ניט ריידן. וואָס שפּעטער וועט זייַן, וועלן מיר שפּעטער זען. עפּשער דאַרפסטו א רעפּוע?

— אויב מע קאָן, איז עפּעס צום הוסט. דער פליִער ווערט צעריסן, אזוי פאַרגייט ער זיך.

— דייַן פליִער איז ניט קיין פּאָשעטער פויגל. נאָר מיילע, אויב דיר ווילט זיך, קאָן איך דיר געבן א גוטע רעפּוע. אָן דאָרט ליגט קאָדעין. נעם און גיב אים איבער א גרוס. וועגן מיר זאָלסטו אים ניט דערציילן.

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, אייַך איז דען ניט אלציינס?

— אז איך בעט, איז, אפּאָנעם, מיר ניט אלציינס.

— אויב אזוי, גלייב איך, אז מער וועלן מיר זיך צו דעם דאָזיקן געשפּרעך ניט אומקערן. אויך דאָס מאָל האָב איך אוועראָוון ניט צעקייַט ביזן סאָף.

א פּייַערל אין דער פינצטערניש

קראַמעצן, דעם הויפּט־דאָקטער, האָט געגעבן א צונעמעניש דער פעלדשער, מיר — שומאָוו. צענדליקער מאָל א טאָג פלעגט אים ניט דערעסן ווערן שרייַען צו מיר:

— היי, כאָסן, די קאַלע וואַרט אַף דיר.

סטיאָפּע פלעגט דערבייַ שטשירען זייַנע לאַנגע שאַרפע ציין און פּרעך אונטערוויינקען, ווי ער וואָלט וועלן דערמאָנען אין עפּעס א מיִעסער מייַסע, וועגן וועלכער עס וויסן בלויז צווייען — ער און איך.

כאָסן הייַנט, כאָסן מאָרגן, און צוביסלעכווייַז האָט מען אָנגעהויבן פאַרגעסן, אז איך האָב אמאָל געהאַט א נאָמען מיט א פאַמיליע. פאַר מיר איז עס עפּשער בעסער, נאָר צי וועט פון דעם ניט לייַדן זי? אויך צו איר האָט דאָך שומאָוו שוין ניט איין מאָל געשריִען:

— וואַרט, קאַלע, באַלד וועל איך דיר שיקן דעם כאָסן.

מייַן „קאַלע“ איז אלט קנאַפּע זעקס יאָר. זי איז קליין און דאַר, כאָטש אונטער א זיפּ ארונטערצונעמען. זי פאַרשטייט ניט, אז שומאָוו וויל זי באַליידיקן. אפילו די באַדייַטונג פון דעם וואָרט גופא „כאָסן“ איז זי נאָך ניט בעקויעך צו פאַרשטיין. איינס איז זי זיכער — „כאָסן“ רופט מען דעם פעטער, וועלכער האָט זי שטאַרק ליב.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט איר גלײַך אינעם ערשטן טאָג, ווען מע האָט אונדז געבראַכט אין שפּיטאָל. פון יענער זײַט שטעכדראָט, מיט וועלכן עס איז געווען אַרומגעצוימט אונדזער הויף, אין שאָטן פון די טאָפּאָלן איז געווען אַ ריוו, אונטן, ווו דאָס גראָז איז באַזונדערס גרין און זאַפטיק, האָט זיך געפּאַשעט אַ שוואַרצע ציג, און כאָטש זי האָט אַ גאַנצן טאָג זשעדנע געצופּט דאָס גראָז, זײַנען אירע זײַטן דאָך געווען אײַנגעפאַלן און די ריפּן האָבן געסטאַרטשעט... מאַלעגײַרענדיק האָט זי יעדער רעגע צעצויגן אַ מעקע געטאָן און זיך אומגעקוקט אויף דער באַלעבאָסטע, וואָס איז שאַ־שטיל, ווי אַ צופעליק פאַרפלויגן פלאַטערל, דאָ געזעסן, דאָס קעפל אָנגעבויגן צום אַקסל.

פאַרוואָס, האָב איך מיט ערגעריש געטראַכט, קוקט זיך דאָס דאַרע זשוואָווע מיידעלע אַפילו ניט אום אויף אונדז? די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, אָדער זי איז אַליין געפאַלן אויפן סייכל, אַז מיט אונדז איז בעסער זיך ניט אײַסעקן? ווי גרויס איז געווען מײַן סימכע, ווען איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז שולדיק אין דעם איז איר באָבע. די סטאַרטשענדיקע ווייצענע צעפּעלעך האָט די באָבע איר אַזוי פאַרפלאָכטן און פאַרבונדן, אַז זי, די קליינע, האָט, נעבעך, ניט געקאָנט קיין ריר טאָן מיטן קעפל.

עס איז די צײַט, ווען מיר וואַרטן אויפן אָנבײַסן. אָט די מינוטן ציִען זיך שטענדיק, ווי אַ שווערע קרענק. איך און קוזיע ליגן אין שאָטן לעבן פּאַרקן. כאָטש די האַרטע וואָרצלען פון די ביימער האָבן זיך מיר אײַנגעשניטן אין פּלייצע, ווילט זיך מיר ניט אָפּרוקן, ווײַל ווײַטער איז מער ציגל־שטויב און פון דער ערד שטעקט אַ פּניאַק, אָן אָנגעפּיקעווטער מיט לעכעלעך, ווי אַ רעשעטע, — געוויס איז דאָרטן פול מיט מורעשקעס.

סײַ איך, סײַ קוזיע קוקן אין איין און דער זעלבער ריכטונג. זײַנע ליפּן באַוועגן זיך, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין, נאָר קיין איין וואָרט הער איך ניט. שוין אַזויפיל צײַט, ווי מיר האָבן נאָענט קיין קינדער ניט געזען, און דאָ — אָט זיצט זי אַ פאַרברוינטע, אין אַ געבלימלט ציצן קליידעלע אויף שמאָלע שלייקעלעך, אויפן קעפל — אַ פּאַפּירן מיצל, זי זיצט קינדעריש אײַנ־געהויקערט. די פיסלעך לאַנגע, דאַרע, ווי שטעקעלעך. אַליין אַ דינינקע, אַ בייגעוודיקע, ווי אַ צווײַגל. זי שמייכלט צו זיך אַליין, און אויף די באַקן באַווײַזן זיך כיין־גריבעלעך.

קוזיע שלאָפט שוין. די ברעמען זײַנען בײַ אים ווײַסע, ווי צוגעפּרוירענע. אונטער די אויגן — בלויע קרײַזן.

דאָס מיידעלע פאָרעט זיך אין גראָז, גראָבט מיטן צווײַגל די ערד. אָט נעמט זי אַרויס פון קעשענע אַ פענעצל ברויט, וואָס איז גרוי, ווי שטיין. אַ קניפּעלע זאַלץ. איך פאַרשטיי, זי וויסט, אַז איך שפּיר נאָך איר נאָך. אויב ניט, איז וואָס זשע איז עס פאָרגעקומען מיט אָט דעם קליינעם מענטשעלע? פאַרוואָס זשע האָט זי אַ ציטער געטאָן, אויסגעקערעוועט דאָס קעפל? פאַרוואָס בײַסט זי די ליפּן?

מע־ע־ע, — וויינט און רופט די ציג. דער שטריק האָט זיך פאַרדרייט אַרום פלאָקן. שטייט זי, די ציג, אײַנגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און קאָן זיך פון אָרט ניט רירן. — מע־ע־ע.

אויספלאָנטערן זי איז גאָר ניט אַזוי לײַכט. צום אַלעם ערשטן קלעקט איר ניט קיין קויעך אויף אָפּשטופּן די ציג און אַפילו אויף צעבינדן דעם קנופּ, מיט וועלכן זי איז צוגעבונדן צום רונג. אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען, דאָס פאַסטעכל.

— דערלויבט, — בעט איך באַם פּאָליצײַ, — כ׳וועל דאָס מאַכן פאַר איין מינוט.

דעמלט טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס מיידעלע רופט מען טאָמע און די ציג — מורקע.

אויף מאָרגן האָט מיר טאָמע שוין, ווי אַן אַלטן גוטנפרײַנט, מיט שרעק אין די אויגן, דערציילט, אַז די באָבע האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן ניט אויפגעהערט צו וויינען. פאַרוואָס? דערפאַר ווײַל די מאַמע מיטן עלטערן זײַנען ברודער זײַנען אוועק צו דער מומע אין דאָרף און אָט זײַנען שוין פאַריבער דרײַ טעג, און זיי זײַנען נאָך אַלץ ניטאָ. די באָבע זאָגט, אַז אויב אַפילו מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער, וועט זי אַלציינס מער די מאַמע פון שטוב ניט אַרויסלאָזן. אויף מײַן פראַגע, ווו איז איר טאַטע, האָט טאָמע ניט געענטפערט און, בײַסנדיק די נעגל, אָנ־געבויגן דאָס קעפל אַזוי נידעריק, אַז די שלאָסביינער האָבן נאָך מער אַרויסגעסטאַרטשעט.

צי פאַרשטייט זי, אַז די פאַשיסטן האָבן זי באַרויבט — צוגענומען בײַ איר די קינדהײַט? דערווײַל נאָך עפּשער ניט, נאָר ווען עס וועט קומען די צײַט, וועט שוין ניט מעגלעך זײַן אומקערן אָט די טעג — די טעג, פון וועלכע אַלץ הייבט זיך אָן. זי וועט שוין ניט שפּילן מיט אירע כאַווערטעס אין קלאַסן, ניט צייכענען מיט קרײַד אויפן טראָטואַר אַכט קוואַדראַטן און, שפּרינגענדיק אויף איין פוס, ניט שטופּן אַ שטיינדל אין „גאַניידן“ אָדער אין „גענעם“.

בא מיר אין קעשענע איז געלעגן א דין שטריקל. האָב איך צונויפגעבונדן ביידע עקן, אָנגעצויגן עס אף די פינגער און ארויסגערוקט די הענט פון יענער זײַט דראָט.

— ווילסט, — האָב איך געזאָגט, — מאכן א בעטל, רוק פאַרזיכטיק ארײַן די פינגער אָט אהער. ניין, ניט אזוי. האלט די הענט, וועל איך דיר אָנטאָן אף די פינגער דאָס שטריקל און באווײַזן, ווי מע דארף עס איבערכאפּן, אז עס זאָל זיך באקומען א בעטל.

די שפּיל איז איר געפעלן. א שאָד, וואָס דער איבערײַס איז געווען א קורצער און דאָס פּײַפל האָט דערווײַל מיט גוטן דערמאָנט: „צו דער ארבעט".

דערנאָך איז טאָמע מיט דער ציג נעלעם געוואָרן. וואָס נאָר האָב איך ניט איבערגעטראכט! עפּשער איז מיט איר מאמען און מיטן ברודער אף אן עמעס עפּעס געשען? צי עפּשער האָבן די דײַטשן בא איר צוגענומען די ציג? ווייִנען אף א קאָל האָט זי מינאסטאם מוירע, האלט זי זיך בא דער באָבעס קלייד. און עפּשער איז זי גאָר פארשלאָפט געוואָרן?

און פּלוצעם האָט פאר די אויגן אזוי קלאָר און דײַטלעך אופגעטויכט מײַן היים אין סטעפּישן דאָרף. איך בין געווען דעמלט אין טאָמעס עלטער. דער טאטע פלעגט איין מאָל אין כוידעש, אין דער נאכט פון מיטוואָך אף דאָנערשטיק, פאָרן אין שטאָט, בא פערציק קילאָמעטער, אפן מארק. ווינטער, אין די וואָכעדיקע פרימאָרגנס, קעדיי דער אזוי אויך קלײנער טאָג זאָל ווערן נאָך קלענער, פלעג איך ליגן ביז שפּעט הינטער דעם איבערבעט. אויב דער אָוונט איז צוגעפאלן און דער טאטע האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט, פלעג איך שטיין באם פענצטער און בלאָזן אף די קווייטן, וואָס דער פראָסט האָט אָנגעמאָלט, ביז אף דער שויב פלעגט זיך באווײַזן א קײַלעכדיק „אייגל". אז עס זאָל ווידער ניט פארפרוירן ווערן, האָב איך עס אָן אופהער געווישט מיטן פינגער. דורך אָט דעם פּיצינקן פענצטערל, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין דער פינצטערער אָוונטיקער וועלט ארײַן, האָב איך נאָכגעשפּירט, ווי לאנגזאם עס דרייען זיך אין דער לופט די שנייעלעך און לייגן זיך דערנאָך מיד אפן שאָכנס דאך, אף דער סקירדע היי בא אונדז אין הויף, אף דער פארפרוירענער ערד.

ווײַסע פאלמעס אף די שויבן, פאלנדיקע קרישטאָלענע שטערנדלעך... איך פלעג פארגעסן, צוליב וואָס איך שטיי לעבן דעם יערושע־קאסטן און קוק ארויס אין פענצטער. דער מאמעס פראגע פלעגט מיר דערמאָנען:

— הערסט, עס סקריפּעט, דאכט זיך, ס'איז דער שליטן אָדער דער ווינט?

— דער ווינט קוויטשעט, מאמע.

שפּאנט זי ווידער אום פון ווינקל אין ווינקל, לייגט אוועק לעבן דער באקדייזשע דעם פלעדערוויש, מיט וועלכן זי האָט זיך געקליבן א ביסל אויספּוצן דעם דאלעס, ברעכט די פינגער און זידלט דעם רעצייעך דעם פראָסט, וואָס רוקט דינע שפּיזלעך אין לײַב, דעם ווינט, וואָס האָט, זעט אויס, באם טאטן פון אונטער דער נאָז צוגעגאנוועט דעם וועג. איר אומרו פלעגט זיך איבערגעבן מיר, און ווײַל מײַן קינדערשע פאנטאזיע האָט ניט געהאט קיין גרענעץ, פלעגט זי אויסמאָלן אין בילד שרעקלעכער פארן צווייטן. אָט שלאָג איך זיך מיטן קרירעדיקן ווינט, וואָס טראָגט זיך מיר אנטקעגן מיט א גענעמדיקן ראש, ווארף אים צוריק זײַן שטעכיקן שניי, שטעל אָפּ דעם ווײַסן שטויב, וואָס ער יאָגט, און אָט דערזע איך ניט דעם טאטן, ווי ער שפּאנט אין די גרויסע יוכטענע שטיוול, ניין, איך דערזע זײַן נאָז, וועלכע וועט אָט־אָט פארפרוירן ווערן, ווײַל דער ווינט דער רעצייעך האָט צוגעגאנוועט דעם וועג. א דערשראָקענער טרעט איך אָפּ פון פענצטער און קלאמער זיך אײַן אין דער מאמען.

— ווי איז מיר, — שרײַט זי מיט נאָך מער מוירע אין די אויגן און עס פארטיפערן זיך די קנייטשן אף איר שטערן און בא דעם מויל, — ווער האָט עס אָנגעשראָקן דאָס קינד? ווילסט, וועלן מיר פארלעשן דאָס קאנעצל און אָנצינדן דעם הענגלאָמפּ. איך וועל דיר געבן א פלעצעלע, וואָס איז נאָך ניט שטארק אלטגעבאקן, און א שטארקע גלאָז טיי מיט א שטיקעלע צוקער.

מײַן שטענדיק פאריאָגטע מאמע, וואָס ווייסט יעדעס פינטעלע אף מײַן לײַב, באטאפּט מיך, ווי זי וואָלט וועלן געפינען דאָס אָרט, ווו עס באהאלט זיך ערגעץ די שרעק, און דורכטרײַבן זי. אלע אירע אנדערע זאָרגן האָט זי איצט פארגעסן.

פארוואָס האָב איך זיך גראָד איצט דערמאָנט וועגן דעם? מיסטאמע דערפאר, ווײַל איך בין פול מיט זאָרג וועגן טאָמען און וועגן איר מאמען, וועלכע איך האָב נאָך, אגעוו, קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען...

דעם קאבינעט פון הויפּט־דאָקטער רעמאָנטירט מען ווידער לויט אווראָווס א שפּאָגל־נײַעם פּלאן. מיט א דין וועגטל טיילט מען אָפּ א ווינקל, ווו עס וועט שטיין קראמעצעס בעטל. איך און סאשע מוראשאָוו טראָגן אהין געהילץ. ווען מיר גייען צוריק, פילן מיר אָן די טראָגברעטלעך

מיט אָפּגעפּאַלענעם טינק, סטרוזשקעס און מיסט. נאָך אַף די טרעפּ, וואָס סקריפּען צום טאַקט פון אונדזערע טריט, דערהער איך שומאָווס שטים:

— כאָסן, עפּן טיר־און־טויער! די קאַלע מיט דער שוויגער זײַנען אַראָפּגעקומען צוגאַסט.

סטיאָפּע, נאַר איינער, וואָס גלעטסטו מיט אַזאַ האַנאָע די דינע שיטערע וואָנצעלעך, וואָס פּאַסמאַקעווסטו אַזוי, ווי דו וואָלסט געזאָגט אַ גרויסע כאָכמע? אויב ס'איז עמעס, ווייסטו גאָר ניט, ווי דו האָסט מיך מיט אָט דער בסורע דערפרייט.

ס'איז עמעס. אַף דעם אָרט, וווּ טאָמע פלעגט געוויינלעך פּאַשען די ציג, ליגט אויסגעשפּרייט אַן אַלטער צעריסענער זאַק און אַף אים זיצט, שטיפעריש אָנגעבלאָזן די ליפּן, דאָס מיידעלע און אַ פרוי מיט ליכטיק־בלאָנדע האָר, דאָס איז זיכער איר מאַמע. זי זיצט אַ ביסל אָנגעבויגן אין אַ זײַט, און דערפאַר דאַכט זיך, אַז איין אַקסל איז בא איר עטוואָס העכער. ניט נאָר דאָס מיידעלע, נאָר אַפילע מורקע קערעוועט אויס דעם קאָפּ און קוקט אין אונדזער זײַט. אויך מיט דער ציג זײַנען מיר שוין גוטעפרײַנט. זי האָט ניט איין מאָל מיט אירע פײַכטע ליפּן גענומען פון מײַן אויסגעשטרעקטער האַנט אַ ביסל היי, וואָס איך האָב אופגעקליבן אין הויף.

פון פּאַרקן טיילט מיך אָפּ אַ פּוילע קלאָץ, אַ פּוסטע הילצערנע פאַס און אַ טראָגבעטל, וואָס שטייט אַף אַ זײַט. מײַן קאָפּ סטאַרטשעט צווישן די הענטלעך פונעם טראָגבעטל, ווי אין אַ רעמל. איך קוק זיך אַרום אַף רעכטס, אַף לינקס. מע זעט ניט קיינעם, פאַר וועמען מע זאָל זיך דאַרפן היטן.

— מאַמע, — הער איך טאָמעס קאָל, — אָט איז ער. דו זעסט?

— אַ גוט־העלף! — באַגריס איך זי. — איר האָט זיך אומגעקערט בעשאָלעם?

— אַ גוט־העלף! — מײַן פראַגע האָט זי אָדער ניט דערהערט, אָדער ניט פאַרשטאַנען. דערנאָך האָט זי זיך געכאַפּט און אַ דראָע געטאָן דער טאָכטער מיטן פינגער. — אָך דו, פלוידערזאַק, זאָג, וואָס נאָך האָסטו באַוויזן דערציילן דײַן כאָסן? איר ווייסט, — ווענדט זיך די פרוי צו מיר, — איך געדענק שוין ניט דעם טאָג, ווען איך האָב אַזוי געלאַכט, ווי הײַנט. פאַרטאָג האָט די מויד זיך פאַרקליבן צו מיר אין בעט, זיך צוגעדריקט און שעפּטשעט: „מאַמע, איך האָב אַ פּעטער אַ כאָסן. אָט וועסטו זען, ער איז אַ גוטער, נאָר זייער אַן אָפּגעריסענער און אַ הונגעריקער“. דערנאָך האָט זי זיך גענומען באַרימען מיט די מאַטאָנעס, וואָס איר האָט איר געשענקט: מיטן שיפּעלע פון פּאַפּיר, מיטן שטריקל און דעם מיצעלע, וואָס איר האָט אופגענייט. זי איז פון מיר ניט אָפּגעטראָטן, ביז איך האָב איר ניט צוגעזאָגט, אַז איך וועל גיין זיך באַקאַנען מיט אײַך.

איך הער און טראַכט בייסמײַסע: אויב די פרוי וועט מער אַהער ניט קומען, איז ווען נאָך וועל איך האָבן אַ געלעגנהײַט צו ריידן מיט אַ מענטשן פון דער פרײַ? דערצו נאָך אַזאַ, וואָס גייט פון שטאָט אין דאָרף? בא איר איז אַ שטרענג פּאָנעם, וואָס רופט אָבער אַרויס צוטרוי. אַכטונג רופט אויך אַרויס איר קאָל, אירע באַוועגונגען. דאָס אַלטע ריין אויסגעוואַשענע קליידל איז אַקוראַט פאַרלאַטעט. איך ווייס שוין, אַז זי איז אַ מוטער פון דרײַ קינדער. איך האָב ניט וואָס צו פאַרלירן און שטעל זיך אײַן.

— זאָגט מיר, ביטע, אַפּן וועג צום דאָרף זײַנען פאַראַן וועלדער?

— ווי דען? אָט וועלן מיר צוטרײַבן נעענטער די ציג, וועל איך אײַך דערציילן. אונדזער קאַנט קען איך זייער גוט. טאָמע, גיב דעם פּעטער דאָס קריגעלע מיט די פּאָזעמקעס און קום גלײַך צוריק.

— אַ דאַנק. אַ דאַנק אויך פאַר דער הירזשענער קאַשע. פאַר די קאַרטאָפל־לאַטקעס. איינע האָב איך געגעבן מײַן שאָכן, אַ קראַנקן פליִער. ער האָט אויך געבעטן אײַך איבערגעבן אַ דאַנק.

לויטן אויסדרוק פון אירע אויגן זע איך, אַז זי ווייסט פון גאָרנישט ניט. דאָס האָט דאָס מיידעלע, בא וועלכן מע קאָן אַפילע פונדערווײַטן איבערציילן אַלע ריפּן, געבראַכט אונדז פון איר עסן. טאָמע האָט אַזוי פאַרדריקט דער מאַמעס האַנט, אַז אירע פינגער זײַנען בלאָו געוואָרן.

— מיך האָט איר דערווײַל ניט פאַר וואָס צו דאַנקען. בעסער הערט. די וועלדער פאַרנעמען העכער אַ דריטל פון אונדזער געגנט. אָט דאָרטן, — ווײַזט זי מיר מיט דער האַנט אַהין, וווּ דער קלויסטער־שפּיץ בליצט מיט זײַן מעש אַף דער זון, — איז סטאַראָבין, גלוסק, — איצט זיצט זי אַזוי נאָענט פון מיר, אַז איך פאַרשפּאָר ריידן. איך שאָקל צו מיטן קאָפּ, זי זאָל וויסן, אַז איך פאַרשטיי. — מײַן שוועסטער וווינט אין קליטשעווער ראַיאָן. ניט ווײַט איז אָסיפּאָוויטשער און סטאַראָדאָראָזשסקער. אַלע דרײַ ראַיאָנען שעמען מיט זייערע וועלדער. העכער אַ העלפט פון זיי זײַנען סאָסנאָווע, נאָר עס טרעפט אויך בערעזע, אָלכע, דעמב, אָסינע, גראַב איבערגעמישט מיט ליפּע, יאַסיען, קליאָן. זעט איר, סאַראַ וואַלד־ספּעציאַליסט איך בין?

— יאָ, ווירקלעך. אין דאָרף גייט איר עפּעס אויסבײַטן?

— אזוי איז געווען פריִער. נאָר פון קיין פּוסטן ברונעם וועסטו קיין וואַסער ניט אַרויס־ציִען. איצט האָב איך שוין ניט וואָס צו בײַטן. אָט נעכטן האָב איך געבראַכט אַ גרויסן קויש שוואָמען. גוט, וואָס עס איז געווען אַ רעגן און די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע. איר ווייסט, בעסער פאַר אַלץ איז קלײַבן שוואָמען גאַנצפרי, ווי נאָר זיי באַווײַזן זיך. איר האָט וועלן־ניט־איז געקליבן שוואָמען? ניין? איז אָט, פרעגט בא טאָמען, וועט זי אײַך דערציילן, אַז פון דער ערד טאָר מען זיי ניט אַרויסרײַסן, אַניט וועלן זיי מער ניט וואַקסן. יעדער שוואָם דאַרף מען אַראָפּ־נעמען זייער פאָרזיכטיק. די קינדער האָב איך אויך אויסגעלערנט, וויאַזוי מע דאַרף קלײַבן שוואָמען.

יעדער מינוט קאָן עמעצער שטערן אונדזער געשפּרעך, און איך מוז בא איר זיך עפּעס דערוויסן. שלאָג איך זי איבער:

— און איר האָט ניט מוירע, אַז מע זאָל אײַך אָפּשטעלן?

— ווער?

— אין קליטשעוו, זאָגט מען, זײַנען פאַראַן פּאַרטיזאַנער.

— פאַראַן. נאָר זיי זײַנען אַזעלכע, ווי איר, ווי אײַער פליִער, נאָר מיסטאָם מער דרייסטע. איינער פון זייערע קאָמאַנדירן איז אײַנגעשטאַנען בא מײַן שוועסטער. ווינטש איך זיך, אַז מײַן זון זאָל זײַן אין אים געראָטן. זײַן באַליבט שפּריכוואָרט איז: „דער טויט איז מיט אונדז ניט קיין מעכוטן״. נו, זײַט געזונט, אין דער היים וואַרט אַף מיר אַ וועלט מיט אַרבעט. — זי האָט זיך אויפגעהויבן, און אין אירע גרויסע אויסגעקרימטע שיך האָט זי אַוועקגעשפּאַנט גרינג און גראַציִעז.

עס איז געווען פּונקט צו דער צײַט. פונדערווײַטן האָט אַ גלאַנץ געטאָן פּיפּין דעם קורצנס פּליך.

מע זאָגט, אַז אַ גוטן טאָג קאָן מען דערקענען לויטן זון־אויפגאַנג. הײַנט גראָד האָט זי זיך קימאַט ניט באַוויזן, און פון גאַנצפרי קערט דער ווינט דעם שטויב. איצט האָט ער זיך אַפילע נאָך מער פאַרשטאַרקט און זינגט זיך זײַן ליד אָן ווערטער. נאָר ווען מען אַרט עס, אויב פאַר מײַנע אויגן האָט זיך דורכגעטראָגן אַ ווײַט־שווינדלענדיק פּײַערל. די גרענעצן פון דער נעבעכ־דיקער וועלט, אין וועלכער איך בין פאַרקלעמט, קאָנען זיך עפּשער צערוקן...

די זומערדיקע נאַכט זעט אויס נאָך קירצער, ווען נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג פאַלסטו אַ מידער אַף דער נאַרע. עס דאַכט זיך דיר, אַז די נאַרע הוידעט זיך, ווי דו וואָלסט געפאָרן אין אַ שנעלצוג. באַווײַזסט ניט אויסציִען די פיס, ווי אין קאָפּ איז שוין אַ נעפּל. ווי לאַנג אָבער ציט זיך די זומערדיקע נאַכט, אויב אַפילע דו פאַרזשמורעסט ביז ווייטעק די אויגן, און אַלציינס ציטערן בא דיר די וויִעס און קיין שלאָף קומט ניט צו דיר, ווײַל עס שווימען אויף אַלץ נײַע מאַכשאָוועס, וואָס שטעכן ווי נאָדלען.

אייגנטלעך געערעדט, וואָס בין איך אַזוי אויפגערודערט? ס'איז דאָך דערווײַל ניט מער ווי אַ מײַסעלע מיט אַ גוטן אָנהייב, און דו ווייסט נאָך ניט, וויאַזוי וועט זיך עס ענדיקן... אַ פרוי האָט מיר געזאָגט עטלעכע ווערטער. די פרוי האָט אַ שוועסטער אין דאָרף. בא דער דאָזיקער פריערטע איז אײַנגעשטאַנען אַ מענטש, וואָס איז איצט אַ פּאַרטיזאַנער, דער מענטש איז אין וואַלד באַוואָפנט. ער איז פרײַ. ווי דער ווינט, וואָס בלאָזט איצט אין גאַס. און איך בין אין געפאַנגענשאַפט.

ניין, ס'איז ניט אַזוי. הײַנט איז אַפּאַנעמעסן געשען עפּעס זייער וויכטיקס. קיין שום רעפּועס וואָלטן מיך אַזוי ניט אָפּגעמינטערט, ווי די עטלעכע ווערטער, וואָס טאָמעס מאַמע האָט געלאָזט פאַלן. וועגן אַ בעסערער באַקאַנטשאַפט, ווי מיט אָט דער פרוי, האָב איך אַפילע טרוימען ניט געקאָנט. די דאַנקבאַרקײַט צו איר וועל איך היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. קוים האָט זיך בא מיר אויסגעפּיקט אַ האָפענונג, זע איך שוין, פונוואַנען עס קאָן זיך ציִען דאָס פעדעמל, וואָס זאָל מיך פאַרייניקן מיט די נעקאָמענעמער. איצט, ווען עס איז אַפילע שטאַרק פינצטער, איז דער וואַלד־מענטש פאַר מיר ניט קיין סילועט, נאָר אַ קאָנקרעטער מענטש מיט אַ גוף און מיט אַ נעשאָמע. איך זע אים אַזוי בוילעט, אַז אויב איר ווילט, קאָן איך אים אײַך אויסמאָלן. די פרוי האָט מיך ווי פאַרייניקט מיט אים אין אַיין עלעקטרישער קייט.

טרוימען, טרוימען, ווי זייפן־בלאָזן קאָנען זיי פּלאַצן איינער נאָכן צווייטן. איז ווו געפינט מען יענעם דרייסטן און דערפאַרענעם, וועלכער זאָל מיר אונטערזאָגן, וויאַזוי אײַך צו פאַר־ווירקלעכן? ווייס איך דאָך שוין — איך אַליין דאַרף זײַן דער דרייסטער און דערפאַרענער. די פרוי — דאָס איז אַ גליקלעכער צופאַל, אויב נאָר איך וועל אים קאָנען אויסנוצן. דער וואַלד — ער איז פון מיר אַזוי נאָענט און אַזוי ווײַט...

...גאנצפרי, ווי נאָר מע האָט אונדז געבראַכט צו פירן אַף דער אַרבעט, רופט מיך אַרויס צו זיך אוועראַוו. אין זײַן טונקעלן צימער, ווו ער זיצט ברייטלעך אַפּן טאַבורעט, איז נאָך ווי פול מיט שלעפּערדיקער כראַפּעניש. ער אינטערעסירט זיך:

— וועגן וואָס האָסטו נעכטן גערעדט מיט דײַן „שוויגער"?

— דאָס איז אַ פאַרהער?

— ניין, דו הער מיך אויס. דער עלטסטער סאַניטאַר וועט זײַן שומאָוו. פּיפּין האַלט, אַז דו און קוזיע זײַט אַ פּאָר גלאָמפּן. אין דײַנע אויגן, זאָגט ער, האָט ער גלײַך באַמערקט ניט קיין גוט פּײַערל. ניט אַזוי פּאַשעט איז מיר אָנגעקומען אים אײַנריידן, אַז ער זאָל אײַך איבערלאָזן אַלס אופראַמערס. אַלע איבעריקע, וואָס אַרבעטן דאָ, וועלן זײַן סאַניטאַרן. די טעג וועלן אָנהייבן אָנקומען קראַנקע.

ער האָט געגומען אונטערפײַפן. איך האָב באַמערקט, אַז ער קווענקלט זיך עפּעס. דאַכט זיך, אַז ער רעדט וועגן איינס און האָט אין זינען „די שוויגער".

— קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט עס צום קינד, צו איר מאַמען?

— צום מיידעלע האָט עס טאַקע ניט קיין שום שײַכעס. צו איר מאַמען קאָן עס האָבן.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט.

— באַלד וועסטו פאַרשטיין. — אַליין איז ער שטיל, אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער טיר, מיסטאָם קעדיי זיך איבערצײַגן, אַז קיינער הערט ניט אונטער. — מיך וואָלט ניט געאַרט, אַז מיט אַ טייל פון אָט די מעדיקאַמענטן זאָלן זיך באַנוצן ניט די קראַנקע, וועלכע וועלן זיך דאָ היילן.

— ווער דען?

— דער, ווער עס איז בעקויעך גוט צו באַצאָלן.

— קלאָר, נאָר די פרוי, דאַכט זיך, איז זייער אָן אָרעמע.

— דערפאַר טאַקע וועט זי מוזן ריזיקירן. אָפּנאַרן זי, ווי דו פאַרשטייסט, קלײַב איך זיך ניט.

— און ווי, אויב אַ דורכפאַל? זי איז אַ מוטער פון דרײַ קליינע קינדער.

— אויב מע זאָל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין גלאָמפּן, ווי פּיפּין האָט אײַך אָנגערופן, איז אַ דורכפאַל אויסגעשלאָסן. איך, אַשטייגער, וואָרן דיך, פון מײַן האַנט וועט זי קיינמאָל גאָרנישט ניט באַקומען. טאָמער וואָס, ביסטו דער גאַנעוו און דער ספּעקוליאַנט.

— אַ וואָזשנע געשעפט לייגט איר מיר פאָר.

— דערפאַר אַ לוינבאַרן, וואָס זיכערט דיר שפּײַז צו זאַט. דײַן זאַך איז שוין צוטראַכטן, ווי/אַזוי אַרויסגיין אַ טרוקענער פון וואַסער און דער שולדיקער זאָל זײַן עמעצער אַנדערש.

— פאַר מיר, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, איז דאָס אַ קנאַפּע טרייסט.

— מיט קיין ענטפער כאַפּ זיך ניט. האָב אין זינען, אויב עפּעס וואָס, וועט זײַן ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר דיר.

— איר האָט דאָך מיך נאַרוואָס געוואָרנט...

— ניט איך האָב צוגעטראַכט אָט דאָס געשעפט.

— ווער זשע נאָך, אַכוץ אײַך, ווייסט וועגן אָט דער פרוי?

— פאַראַן אַזאַ מענטש. נאָר באַאומרויק זיך ניט. ער איז געוועזן צו ווײַט, קעדיי באַמערקן, מיט וועמען זי האָט געשמועסט. און גראָד ער וואָלט דערווידערט, איך זאָל פירן מיט דיר דעם דאָ־זיקן שמועס.

אָט איז עס, דאָס קליינע רינגעלע פון דער גרויסער קייט פאַרברעכנס. וואָלט זיך ניט גע־האַנדלט וועגן מעדיקאַמענטן, וואָלט איך אים גלײַך געזאָגט, אַז ער זאָל זיך זוכן אַן אַנדער שו־טעף. נאָר מעגלעך, אַז די פּאַרטיזאַנער נייטיקן זיך אין זיי? אַלציינס דאַרף מען גוט אַ קלער טאָן. אַזוי טאַקע ענטפער איך:

— איר ווייסט, דאָ דאַרף מען גוט אַ קלער טאָן. ביז איך וועל ניט וויסן, מיט וועמען איך האָב צו טאָן, וועל איך מיט איר קיין וואָרט וועגן דעם ניט ריידן. נאָר אויב אַזאַ געשפּרעך וועט וווען־עס־איז פאָרקומען, איז וועגן וואָס פאַרא רעפּועס האַנדלט זיך?

— אָט דאָס, זעסטו, איז שוין צו דער זאַך. דערוויל וועגן וואַלעריאַן־טראָפּן, ביטער־זאַלץ, קאָדעין, טראָפּן פון דענישן קיניג.

מײַנע פאַרמאַקאָלאָגישע ידיעס זײַנען גאַנץ אויבערפלעכלעכע, נאָר דאָך פאַרשטיי איך, אַז ניט די דאָזיקע רעפּועס זײַנען וויכטיק פאַר קעמפער.

— איך מיין, אַז אַף הוסטן, אַף אַ שלעכטן מאָגן און אַפילו אַף האַרץ־קראַנקײַט לייגט מען איצט ניט איבעריקס קיין אַכט. ס'איז ניט אַזאַ צײַט. אָן אַנדער זאַך איז סולפידין, סטרעפּטאָציד, יאָד, איבערבינד־מאַטעריאַל, וואַטע.

— אין דעם, מײנסטו, נײטיקן זײ זיך מער? — קוקט ער אַף מיר, ווי מיר דאכט, פאַר־דעכטיק.

— זיכער ווײס איך ניט. נאָר מענטשן קילן זיך צו, באַקומען לונגען־אָנצינדונגען. קימאַט אַלע זײַנען איצט געצוווּנגען מײַסטרעווען, צעקלאַפּט מען זיך אַ האַנט, און די הויפּט־זאַך — וואַטע און מאַרליע דאַרף מען אַף אופנײען וואַרעם אָנטאָן.

— גאַנץ מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט. נאָר דאָס איז שוין ניט אין מיר געווענדט.

איך האָב באַשטימט: טאָמעס מאַמע וועל איך דערווײַל וועגן דעם קײן וואָרט ניט זאָגן.

קאַרלס באַפעל

דעם ערשטן פאָרשטײער, ווען די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט האָט צוגעשיקט דורכקאָנ־טראָלירן, צי דער שפּיטאָל און זײַן פּערסאָנאַל זײַנען גרײט אופצונעמען קראַנקע, איז געווען... דער אײן־אויגיקער קאַרל. אַ טאָעס האָבן איז געווען אומעגלעך, ווײַל אַזאַ כײַע־ראָע, אויב דו האָסט אײן מאָל זי געזען, פאַרגעדענקסטו זי אַפן גאַנצן לעבן. עפּעס האָט ער זיך געענדערט. אָנשטאָט דעם שוואַרצן בענדל — אַ גלעזערן אויג. מיסטאַמע פון סאָלידקײַט וועגן טראָגט ער קורצע וואָנצעלעך, פּאַגאָנעס פון אַ פעלדפעבעל און אַ צײכן, אַז ער איז געווען צוויי מאָל פאַרוווּנדעט.

נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער הויפּט־דאָקטער מיט זײַן געהילף געטאָגט דאָ און גענעכטיקט. נאָכגעקוקט, אַז אין הויף זאָל קײן שפּענדעלע, קײן שטרויעלע זיך ניט וואַלגערן. אין דער באַגלײטונג פון אַ פּאָליציײַ האָט מען אונדז געשיקט צום טײַך נאָך זאַמד און באַפוילן באַשיטן די סטעזשקע. פּיפּין אַלײן פלעגט, ווי אַ וואָרעם, אַרײַנקריכן אין יעדן ווינקעלע, טאַפּן מיטן פינגער דאָס מעבל, די שויבן, געפּאָדערט, אַז די אײַזערנע הענטלעך פון די טירן זאָלן זײַן אויסגעשײַערט, ווי דאָס מעש אַף אַ שיף. שומאָוו האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג: פון צווייטן שטאָק נאָכשפּירן נאָכן וועג, און ווי נאָר עס וועט זיך באַווײַזן הויכע נאַטשאַלסטווע, גלײַך געבן צו וויסן.

קאַרל איז געקומען אַרום האַלב טאָג. קײנעמס אופמערקזאַמקײַט האָט ער ניט צוגעצויגן. שטיל און אומבאַמערקט איז ער דורכגעגאַנגען דעם הויף, זיך אופגעהויבן אַף די עטלעכע טרעפּ און ניט אַנדערש, ווי דער וואָלפישער כוש וואָלט אים אונטערגעזאָגט, האָט ער זיך געלאָזט אין עקסטן צימער, וווּ קוזיע איז געזעסן און זיך געלויזט. ווען ער קומט מיט עטלעכע מינוט פריִער, וואָלט ער אַלע סאַניטאַרן געטראָפן בײַ דער זעלבער אַרבעט.

וויאַזוי די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען, האָט קײנער פון אונדז ניט געוווּסט, ווײַל מיר זײַנען געקומען שוין נאָך דעם, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ טומל און קוזיעס געשריי. מיר האָבן דערזען, ווי אַ געזונטער, צעבושעוועטער פאַשיסט, מיט אַ נײַעם סקריפּענדיקן רימען אין דער האַנט יאָגט זיך, ווי אַ היצעל, נאָך דעם נאַקעטן און אויסגעדאַרטן קוזיען, שלאָגט אים איבער דער אײַנגעבויגענער פלײצע און שרײַט עפּעס אַף אַ מעשונעדיקער שפּראַך, וואָס די דײַטשן אַלײן, דאַכט זיך, וואָלטן זי ניט פאַרשטאַנען. אָפּשטעלן קאַרלען האָט דער הויפּט־דאָק־טער ניט געוואַגט. ער האָט בלויז געהײסן אַוועראָוון זיך נאָכפרעגן, וואָס אַזוינס איז געשען, מיט וואָס האָט זיך קוזיע פאַרזינדיקט?

— דאָנערוועטער! מיט וואָס? — מיט זײַן געזונטן אויג קוקט זיך קאַרל אײַן אין דעם, וואָס האָט אים געשטעלט די פראַגע. דער אונטער־אָפיצער, לאָזט זיך אויס, איז פון די געפאַנ־גענע, וועלכע ער האָט ניט לאַנג צוריק קאָנוואָירט. איז אָט מיט ווען מע וויל אים, דעם אַריִער, שטעלן אַף אײן ברעט? קאַרלס פּאָנעם ברענט, ווי אַ שײַטער אַפן ווינט. ער עטעמט שווער, אָפּגעהאַקט. האַסטיק הייבט ער אוף זײַן רימען, נאָר באַטראַכט זיך אין דער לעצטער רעגע און לאָזט אים ווידער אַראָפּ אַף קוזיעס בינטל בײנער. דאָס אײנציקע וואָרט, וואָס מע קאָן פאַרשטײן, איז „שמוץ“. דער הויפּט־דאָקטער, וואָס איז שוין ניט נאָר קײן באַלעבאָס, נאָר אַפילע קײן גאַסט ניט, פאַרגלאָצט די אויגן און ווערט פאַרציטערט:

— ווּו?

איצט פּאָדערט זיך ניט קײן איבערזעצער. וווּ עס קלעקט ניט קײן ווערטער, באַווײַזט קאַרל מיט די הענט.

— אָט דער רוסישער שווײַן איז געזעסן, — און מיט די נעגל באַווײַזט ער, מיט וואָס קוזיע האָט זיך פאַרנומען.

— אײַ, אײַ! — כאַפּט זיך קראַמעץ פאַרן געגאָלטן קאָפּ. — אַזאַ סקאַנדאַל.

ער איז אזוי אופגערודערט, אז זײַנע גרויסע סטאַרטשענדיקע אויערן זײַנען רויט געוואָרן. ער האַלט אין איין פינטלען מיט די מוטנע בלויע אויגן און טופּעט מיט די פיס:

— שנעל טו אָן דײַנע שמאַטעס — און וואַן. מער זאָל איך אים דאָ ניט זען. איר הערט? צו וועמען ווענדט ער זיך? צו זײַן געהילף אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטשן, בא וועמען די דינע טרוקענע ליפּן זײַנען, ווי געוויינלעך, פעסט צונויפגעשלאָסן, צו אוועראָוון, וואָס דער אויסדרוק פון זײַנע אויגן פאַרשטעלן די געדיכטע ברעמען, אָדער צו אונדז אַלעמען? נאָך עמעצן זוכט ער מיט די אויגן. פאַר מיר, מיין איך, וועט זײַן בעסער, אויב איך וועל זיך באַצײַטנס אָפּטראָגן און זיך פאַרשטעקן אפן בוידעם אָדער ערגעץ אין אן אנדער ווינקל. שוין פונדערווײַטן הער איך, אז קאַרל באַשטעטיקט דעם באַפעל, נאָר מיט א טנײַ, דער פאָליציי זאָל אָפּפירן קוזיען ניט אין די אַלגעמיינע באַראַקן, נאָר אין קאַרצער. איצט, ווייס איך, וועט שוין קוזיען קיינער ניט העלפן, ניט קאָנען פאַרלינדערן זײַן ווייַ. עפּעס א קלייניקײַט, א באַפעל פון קאַרלען אַליין, וועלכער פּילט זיך דאָ, ווי א גענעראַל אף א פּאַראַד.

פון דעם בוידעם זע איך קוזיען אן אײַנגעהויקערטן, א בלייכן. ער שאַרט מיט די באָרוועסע פיס די ערד. עס צוקן זײַנע ווײַסע איבערגעטריקנטע ליפּן. אָט טוט ער א שמאָרע מיט דער נאָז, קאָן זײַן, אז ער וויינט שטיל, פאַרשטיקט. נאָר אף זיכער שעלט ער די פּײַניקער און מערדער.

קוזיע, קוזיע, דאַכט זיך, אז אונדזביידן איז צוזאַמען געווען א ביסל היימלעכער.

לאַנגע, פּאַמעלעך קריכנדיקע טעג. אויב מע זאָל גלייבן קאַזימירן, האָט דער הויפּט־דאָק־טער אים עטלעכע מאָל דערמאָנט, אז דאָ איז פאַראַן נאָך איינער, וועמען עס איז בעסער אפּריער דורכטרײַבן אין לאַגער. אליין קראַמעץ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אז ביז קאַרלס באַזוך האָט ער ניט באַמערקט, אז מיר אַלע זײַנען אָנגעטאָן ווי סטראַשידלעס — אָפּגעריסן, אָפּגע־שליסן, קויטיק און פאַרלײַזיקט. איצט איז ער געווען געצווונגען עפּעס פאָרנעמען: דער ערשטער סעאַנס פון דעזקאַמערע איז באַשטימט פאַר אונדז — פאַר דעם באַדינונגס־פּערסאָנאַל פון שפּיטאָל. דערנאָך האָט מען אונדז געגעבן צו וויסן, אז מער וועט מען דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל ניט טרײַבן אף באַנאַכט אין לאַגער. נעכטיקן וועלן מיר דאָ, אין עקסטן צימער, ווו מע האָט אוועקגעשטעלט צווייגאָרנדיקע נאַרעס.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע קראַנקע, און פּיפּין האָט נאָך אַלץ ארויסגעקוקט אף דער קאָמיסיע. ווינען אהער האָט ער זיך איבערגעקליבן מיט זײַן גרויען קאָטער וואַסקע, וואָס פלעגט אים שטענדיק נאָכגיין, ווי א שאָטן. סאַשע מוראַשאָוו האָט געהאַלטן, אז דער קאָ־טער און זײַן באַלעבאָס זײַנען ביז גאָר ענלעך איינער אפן צווייטן: ביידע באַלעקן זיי זיך אָפּט, שלאָפן לאַנג און פעסט, נאָר פון קראַמעצן שמעקט מיט בראַנפן, פונעם קאָטער — מיט וואַ־לעריאַן־טראָפּן.

ס'איז געווען נאָך איין סיבע, צוליב וואָס וואַסקע פלעגט זעלטן זיך באַווײַזן אָן זײַן באַלע־באָס: דאָס, וואָס מע האָט געוווּנטשן דעם הויפּט־דאָקטער, האָט מען ארויסגעלאָזט צו זײַן פּיר־פיסלדיקן באַגלייטער. איינמאָל האָט אים פּיפּין קוים א לעבעדיקן ארויסגעשלעפּט פון דער דעזקאַמער. אין א פּאָר טעג ארום — געפונען אין א פאַרנייטן מאַטראַץ. העכער א מעסלעס איז דער קאָטער געהאַנגען א פאַרבונדענער אין א טאָרבע. דערנאָך האָט אים עמעצער אָפּגע־שוירן די וואָנצעס. וויפל מאָל האָט דער קאָטער זיך ארומגעטראָגן ווי א דולער — ניט געקאָנט באַפרײַען זיך פון דער קאָנסערוון־פּושקע, וואָס איז צוגעבונדן געווען צו זײַן עק. ווען מע האָט ארויסגעגעבן א בײַסיקע שמירעכץ קעגן קרעץ, איז ניט ווייניקער פון א העלפט אויסגעשמירט געוואָרן אף דער פעל פון קראַמעצעס ליבלינג. מיט וואַלעריאַן־טראָפּן האָט אים גענומען מעכאַ־בעד זײַן ניט נאָר זײַן באַלעבאָס. צו דעם געטראַנק האָט מען נאָך צוגעמישט ריצנייל, ביטער־זאַלץ...

איין מאָל אין וואָך פלעגט בייסן „רונדגאַנג" פון די דאָקטוירים בײַזײַן קאַרל. די עמעסע סיבע, צוליב וואָס ער פלעגט אָפּט באַזוכן דעם שפּיטאָל, האָב איך זיך דערוווּסט העט־שפּעטער. געהייסן האָט עס, אז ער, דער גרויסער באָקי אין מעדיצין־וויסנשאַפטן, דאַרף נאָכקוקן, אז דאָ זאָלן זיך ניט אויסבאַהאַלטן קיין סימוליאַנטן.

— אָט דער, — האָט דער הויפּט־דאָקטער אָנגעוויזן קאַרלען אף איינעם פון די קראַנ־קע, — איז שוין געזונט.

— ניין, — האָט דער קראַנקער געענטפערט מיט א שוואַך קאָל, — דער בויך טוט ווײ ניט צום איבערטראָגן.

קראַמעץ איז אַמאָל געווען א ציינדאָקטער. נאָר פּונקט ווי קאַרל, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר א מייוון אף אַלע קרענק.

— שרײַב אין דעם מעדיצין־קאַרטל, — האָט ער באַפוילן דעם פעלדשער, — דער בויך — א ווייכער, אין די אויגן טרערן.

זײַן געהילף, אנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש, האָט מיט א גיפטיקן שמייכל אונטערגעווונקען דעם פעלדשער.

— פאַרשטייט זיך, א ווייכער, — האָט דערווידערט דער קראַנקער, — ווי דען אַנדערש, אז מיר קריכן ניט ארויס פון קלאָזעט. און אַלץ איבער וועמען? איבער אָט דעם פּאַסקודסטווע קאָטער, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אַף וואַסקען, וואָס האָט זיך מיט פאַרגעניגן אויס־געצויגן לעבן פּיפּינס פּיס. — איבער אים לײַדן מיר פון מאָגן־קרענק. שמירן זיך און קראַצן זיך.

— אויסשרײַבן! — האָט דער האופּטמאַן זיך צעשריִען. — אויסשרײַבן און מיטיילן, אַז ער איז א סימוליאַנט.

קאַרל האָט זיך אָנגעשפּיצט. פּאַסקודנע, ווען מע רעדט אַף א שפּראַך, וועלכע דו פאַר־שטייסט ניט. ווען די דייע זאָל זײַן בא אים, וואָלט ער אַף דער גאַנצער וועלט פאַרבאָטן רעדן אַף א וועלכער־ניט־איז שפּראַך אויסער דײַטש. ווער אָט די רוסן זאָלן ניט זײַן, נאָר גלייבן זיי וועט ער קיינמאָל ניט. ווײַזט אויס, מע דרייט אים דאָ א ספּאָדעק און מע רעדט ניט וועגן קרענק, נאָר וועגן נעכטיקע טעג, וועגן דעם אַלטן קאָטער. דאָס איינציקע וואָרט, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, באַשטעטיקט, אַז דאָ סימולירט מען. ווי דען אַנדערש? אין די אויגן פון דעם, וואָס האָט געזעדט מיט א וויינענדיק קאָל, לײַכט גאָר איצט א כויזעק־פײַערל.

— קאָם היר, — רופט ער אוווראָוון. מיט א באַוועגונג פון דער האַנט באַפוילט קאַרל, אַז אַלע זאָלן אָפּטרעטן אין א זײַט, און אוווראָוון הייסט ער: — זעץ איבער פינקטלעך וואָרט בא וואָרט, וואָס דער קראַנקער האָט געזאָגט. וואָס טראַכסטו אזוי לאַנג?

דאָס איינציקע, וואָס האָט טיילוויַיז באַרויִקט קאַרלען, איז דאָס, וואָס אויך אוווראָוו האָט דערמאָנט אין וואַסקען.

— זאָלסט ניט וואַגן! — האָט קראַמעץ א געשריי געטאָן אַף אוווראָוון.

— ווארום? — האָט קאַרל בייז א קוק געטאָן אַפן דאָקטער. — נו רייד! — האָט ער באַ־פוילן דעם קראַנקן.

— הער פעלדפעבעל! דער קאָטער, וואָס שלעפּט זיך ארום איבער די פּאַלאַטעס, פאַר־קלײַבט זיך אַף די געלעגערס, איז קראַנק אַף דיזענטעריע און קרעץ. ביז מע וועט אים ניט דורכטרײַבן, וועלן מיר ניט ארויסקריכן פון די פּאַסקודנע שלאָפקײַטן.

מעגלעך, אַז קיין איין קאַץ אַף דער וועלט האָט ניט ארויסגערופן אַזויפיל מאַכלויקעס, ווי וואַסקע, וואָס איז געלעגן, ווי ניט אים מיינט מען, געדרייט מיטן עק און נאָכגעשפּירט נאָך א פליג, וואָס האָט ארומגעפויזעט איבערן דיל. פונוואַנען זאָל ער געוווּסן וויסן, אַז אין דער מינוט ווערט געלייזט זײַן גורל.

— זאָגט איר, — האָט קאַרל זיך געווענדט צו דעם געהילף פון דעם הויפּט־דאָקטער, — דער קאָטער איז א קראַנקער?

אנאַטאָלי לעאָנידאָוויטש, וועלכער האָט געוווינט מיט קראַמעצן אין איין צימער, האָט מער פאַר אַלעמען געליטן פון וואַסקען. דערצו נאָך האָט ער, זעט אויס, א קלער געטאָן, אַז איצט איז געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט א שטעך טאָן זײַן שעף...

— קראַנק, — האָט ער באַשטעטיקט. — וועגן דעם האָב איך ניט איין מאָל געוואָרנט דעם הער האופּטמאַן.

— איז אָט מיט וואָס, דאָקטער, איר פאַרנעמט זיך! — האָט קאַרל אָפּגעמאָסטן קראַמעצן פון קאָפּ ביז די פּיס, ווי ער וואָלט שוין געשאַרפט אין געדאַנק דאָס מעסער.

קאַרל באַפוילט פאַרמאַכן טיר־און־פענצטער און אַליין בייגט ער זיך אָן צו וואַסקען.

פאַרוואָס זאָגט מען „א קעצענער מויעד"? וואַסקע האָט זיך גלײַך דערמאָנט אַלע ליידן, וואָס ער האָט דאָ געהאַט אויסצושטיין. נאָך איצט פילט ער פון ביידע זײַטן די קורצע פּיס פון זײַן שטענדיקן פאַרטיידיקער. אויב אזוי, וועט ער ניט אַנטלויפן. אפילע אונטערן בעטל וועט ער זיך ניט פאַרקלײַבן. זאָל דער, וואָס וויל אים טאָן בייז, אַליין דערפילן, אַז וואַסקעס אָוועס זײַ־נען די בלוטדאָרשטיקע טיגערס. וואַסקע איז פלינק אופגעשפּרונגען, באַוויזן, אַז אויך ער האָט א הויכן האָרב, גרינע פײַערלעך אין די אויגן, שאַרפע ציין און נעגל און צישען קאָן ער, ווי א שלאַנג. דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגן, דער פראָנט. נאָר אויך וועגן טיל האָט וואַסקע ניט פאַרגעסן. זײַן עק האָט זיך איצט ניט געבאָמבלט, ער האָט אים אונטערגעצויגן און אויס־געבויגן, ווי א פראַגעצייכן. ער האָט ווי געדרייצט זיך מיט קאַרלען: אַדראַבע, ריר מיך אָן, אויב דו ביסט אזא העלד!

קיין העלד איז קאַרל קיינמאָל ניט געווען. פאַר אַט דער ווילדער קאַץ האָט זיך איצט איבערגעשראָקן און ס'איז אוועקגעפלויגן ניט נאָר די פליג פון דיל, נאָר אויך דער העלדי־שער פעלדפעבעל איז אָפּגעטראָטן אַף צוריק. ער האָט געהאַלטן, אַז באַליידיקט האָט מען ניט בלויז אים, קאַרלען, נאָר די גאַנצע דײַטשישע אַרמיי און אַפילע דעם פיורער, וועלכן ער שטעלט דאָ פאָר. אַזוינס פאַרבײַגיין האָט ער ניט קיין רעכט און האָט באַפוילן:

— הער האופּטמאַן, אין אַ מינוט אַרום זאָל דער קאָטער הענגען אַף אַט דעם בוים, — האָט ער אָנגעוויזן דורכן פענצטער.

— דערלויבט, — האָט דער הויפּט־דאָקטער זיך פאַרהוסט מיט אַ שווערן מאַכאָרקע־הוסט.

— איך דערלויב ניט. איך באַפעל!

קראַמעץ האָט צעשפּרייט די הענט, וואָס זײַנען געווען געדיכט באַוואַקסן מיט לאַנגע געלע הערעלעך.

— איך פאַרשטיי, הער פעלדפעבעל, נאָר איר זעט דאָך אַליין, אַז ער לאָזט צו זיך ניט צו קיין פרעמדן.

— דאַן וועט איר אים באַלד אַליין אופהענגען. איר הערט? איך וואַרט!

אַן עמעסע געשיכטע

נאָך אין מאַלעוווער לאַגער האָט דער דאָקטער זאַרינקין געזאָגט: באַ אַזאַ מין הונגער פאַדערן זיך גאָר אַנדערע קאַלענדאַרן. איצט איז שוין אוממעגלעך רעכענען די צײַט אַף טעג און וואָכן. אַזעלכע צײַט־אָפּשניטן דערמאָנען אַסטראָנאָמיש גרויסע צאָלן. דאָ ציִען זיך אוממענד־לעך לאַנג מינוטן, ווײַל יעדער רעגע פאַרשאַפט אומדערטרעגלעכן ווייטאָק.

דערפאַר נאָך דעם, ווי אַלוואַרדיאַן האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט דער דאָקטער זאַרינקין, וואָס האָט שוין אַליין קוים באַוועגט מיט די ליפּן, אײַנגעטײַנעט מיט אַלוואַרדיאַנען:

— פאַראַן אַזוינס, וואָס איז נאָך שרעקלעכער פון הונגער. דאָס איז פאַרצווייפלונג, האָפע־נונגלאָזיקײַט, ווען אין דײַן אויסגעמאָגערטן קערפּער איז מער ווי פאַר שרעק קיין אָרט ניטאָ. דאָס טרעפט דאַן, ווען דו ביסט ניט פייִק צו באַנעמען, אַז די קראַפט פון לעבן איז טאַקע אומבאַזיגבאַר, אַז פאַראַכטונג איז שטאַרקער פון טויט, אַז קיינמאָל טאָר מען ניט זאָגן — אַלץ איז פאַרענדיקט. ווײַל עס קאָן אָנקומען דאָס, וואָס מע רופט דער „צווייטער אָטעם־צוג".

ווי קאָן מען עס ניט דערמאָנען אַט די עטוואָס פײַערלעכע, נאָר פון האַרצן געזאָגטע ווער־טער, ווען דו זעעסט אַרום זיך מענטשן, וואָס אַף צו ראַטעווען דעם גוף פאַרקויפן זיי די נעשאָמע.

ווי עס זאָל ניט זײַן אוממעגלייבלעך, נאָר די, וואָס היילן זיך דאָ אין שפּיטאָל, האָבן פאַרביטן זייערע האַרטע, שטעכיקע, נאָר אַזעלכע לײַבלעך־אייגענע שינעלן אַף עטוואָס ווייכערע, נאָר פאַרהאַסטע גרוי־גרינע מונדירן. באַטאָג, ווען זיי ציִען אָן אַף זיך אַט די אוניפאָרמס, בין איך זיכער, אַז אויב ניט הײַנט, איז מאָרגן וועלן זיי אײַנטונקען די הענט אין בלוט פון זייערע ברידער. אין אַט די שאָען איז מיר דאָס לעבן ניט ליב. איך טראָג אַרויס דאָס מיסט, וואָש די דילן — באַדין מײַנע פײַנט.

קומט אָבער אָן די נאַכט, איז ווי מע וואָלט מיט אייניקע פון זיי אָפּגעטאָן אַ קישעף. ווײַזט אויס, אַז גראָד די פינצטערניש העלפט זיי זיך באַפרײַען ניט נאָר פונעם אָנטאָן. איין אָוונט, אַ צווייטער, איך הער זיך צו און גלייב ניט מײַנע אויערן. נעכטן האָט איינער אַרויסגעזאָגט אַף אַ קאָל דאָס, וואָס, מעגלעך, אויך אַנדערע פון זיי טראַכטן. מיט אַ טיפן קרעכץ האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן: „בעסער וואָלט איך אומגעקומען אין לאַגער".

דאָ גייט אַ האַרבע קריג. ניט וויכטיק, וואָס ניט אַלע וואָגן וועגן דעם מעלדן אַף אַ קאָל, וואָס ניט זעלטן דינט די צונג, קעדיי אויסבאַהאַלטן געדאַנקען. דאָ רעדט אַמאָל אַ זשעסט, אַ ווונק, אַ ווערטל פיל מער, ווי ערגעץ־ווו אַ לאַנגע רעדע.

אַף עמעצנס אַ רעפּליק, אַז נויט ברעכט אײַזן, דערהערט זיך גלײַך פון צווייטן עק פּאַ־לאַטע אַ דערווידערונג:

— ניט שטענדיק. באַלד וועל איך זיך אומקערן, איז אויב איר ווילט, וועל איך אײַך דערציילן אַן עמעסע געשיכטע.

וואָס ווייס איך וועגן דעם מענטשן, וואָס קלײַבט זיך דערווײַזן, אַז עס איז פאַראַן עפּעס שטאַרקערס פון נויט? ער איז ענלעך אַף אַ פּויער. אַ שטילער, אַ באַשיידענער, מיט אַ פלינקן געדאַנק און אַ גוטמוטיקן שמייכל. טוט ער אַ שמייכל, טוען באַ אים אין מויל אַ שעמעריר די ציין, וואָס דערמאָנען געשיילטן קנאָבל. נאָר איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז נאָך קאַרג אַף אורצו־טיילן, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז. זײַן פאַמיליע איז כראַמאָוו. ניקאָלײַ כראַמאָוו. פאַר די פאַר

טעג, וואָס ער געפינט זיך דאָ, האָט ער באַוויזן פאַריכטן דעם שאָכנס זייגער, דעם פעלדשערס שפּריץ, אויסשניצן פון האָלץ ציגעלעך פאַר דאָמינאָ. מיט עטלעכע שאָ צוריק האָט ער אַזוי פאַרבענקט געטעסעט אַ שטיק האָלץ מיט דער האַק, אַז מע האָט אים געמעגט מעקאַנע זײַן.

נאָר דער זעלבער כראַמאָוו איז אָנגעמערקט בא די „פּריוויליקע" אַלס קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג. ווי אוועראָוו, טראָגט ער פאַגאָנעס פון אַן אונטער־אָפיצער. איז וועלכער פון די ביידע כראַמאָווס וועט איצט נעמען די אויבערהאַנט? וואָס וועט ער באַלד דערציילן?

איך ליג אָפן די'ל באַם פענצטער, דורך וועלכן די לעוואָנע האָט אַרײַנגעשיקט אַ שמאָלן פּאַס ליכט. אויב פאַרזשמורען די אויגן און לאַנג זיך אײַנקוקן אין בלייכן לעוואָנע־אָפּשײַן, הייבן אָן די זילבער־שטויבעלעך צו פינקלען, ווי דער געדיכטער צוויט אין אַ פרילינגדיקן סאָד. אין דרויסן שווימט די נאַכט. אַרום איז שטיל. כראַמאָוו ציט זיך אויס אויף זײַן בעטל, פאַררייכערט. דער ציגאַר באַלײַכט זײַנע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און די קנייטשן אָפן שטערן. עפּשער האָט ער כאַראַטע אויף זײַן צוזאָג? נאָר ער האָט שוין, ווײַזט אויס, קיין שליטע איבער זיך ניט, און כאָטש ער געדענקט מיסטאַמע, אַז יעדער איבעריק וואָרט איז אַן אײַנשטעלעניש, האָט ער דאָך שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן דאָס, וואָס האָט זיך געקנוילט אין זײַן נעשאָמע.

— געדינט האָב איך אין אַ קוילנוואַרפער־ראָטע, — האָט אָנגעהויבן כראַמאָוו, — וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט פון מאָסקווע, אין סערפּוכאָוו. אַליין בין איך פון אַ פאַרוואָרפן דאָרף, הינטער קאָסטראָמאַ. אַרום־און־אַרום — וואַלד. ווו דו זאָלסט זיך ניט ווענדן, איז וואַלד און וואַלד. ביז דער אַרמיי בין איך קיינמאָל אין קיין גרויסער שטאָט ניט געווען. די מיליטער־דינסט, באַזונדערס די ערשטע צײַט, איז מיר אָנגעקומען שווער. מע דערציילט מיר וועגן שלאָס פון קוילנוואַרפער „מאַקסים", און מײַנע געדאַנקען זײַנען אויף אַ הוליאַנקע אין אַ שכײנעסדיקן דאָרף. נאָכן קאַראַנטין בעטן זיך די רויטאַרמייער, מע זאָל זיי אָפּלאָזן אין שטאָט, און איך זוך מיר אַ ווינקל, ווו עס איז שטילער און פינצטערער.

— נו, ער האָט שוין אויף אַ גאַנצער נאַכט פאַרפּירט זײַן שאַרמאַנקע, — האָט עמעצער גענומען בורטשען, — דער זייגער איז שוין באַלד צוועלף.

פאַר כראַמאָוון שטעלט זיך אײַן זײַן שאָכן, אַ געוועזענער מאַטראָס:

— ווילסט ניט הערן, איז דעק זיך איבער מיט דער קאָלדרע און שלאָף.

נאָר יענער גיט זיך ניט אונטער. ער זאָגט אָפן, אַז מאָרגן וועט ער זיך קלאָגן פאַרן דאָקטער.

— אויב דאָס לעבן איז דיר נימעס, קאָנסטו פּרוּוון, — וואָרנט אים דער מאַטראָס. און צו כראַמאָוון: — פאָר ווײַטער, און וועמען עס געפעלט ניט, זאָל דער פאַרשטעקן די אויערן מיט וואַטע.

ווי נאָר עס איז שטיל געוואָרן, האָט כראַמאָוו אָנגענומען לופט אין די לונגען, ווי ער זאָל זיך קלײַבן שפּרינגען אין טיפן וואַסער, און פאָרגעזעצט:

— געווען בא אונדז אין ווזוואָד אַ רויטאַרמייער באַריס מעדוועדיעוו. זײַנע עלטערן האָבן געוווינט אין צווייטן עק שטאָט. ווי איצט, געדענק איך: סאָף טאָג, שאַבעס איז עס געווען, גייט צו מיר צו מעדוועדיעוו און באַווײַזט אַן אורלויב־שײַן — פאַר זיך און פאַר מיר. „קום, — זאָגט ער, — מיט מיר. דער קאָמיסאַר האָט געהייסן, איך זאָל דיך אײַנלאַדן צו זיך אַהיים". מיר, וואַלד־מענטשן, זײַנען בעטעווע שעמעוודיקע. דערצו, קומט אויס, בין איך נאָך ניט קיין געבעטענער גאַסט, נאָר גיי טו עפּעס, אויב דער קאָמיסאַר האָט געהייסן.

באַקומען האָט זיך, אַז נאָך דעם שאַבעס האָט מיך שוין מעדוועדיעוו מער ניט געדאַרפט בעטן, איך זאָל גיין צו אים אַהיים. אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך באמת קיין איין באַמערקונג ניט באַקומען, זיך אופמערקזאַם צוגעהערט צו דעם, וואָס די קאָמאַנדירן האָבן דערקלערט, און אַלץ דערפאַר, ווײַל איך האָב ניט ווייניקער, ווי באַריס אַליין, אַרויסגעקוקט אויף דער שאָ, ווען מיר וועלן זיך צוזאַמען לאָזן צו אים אַהיים.

אַ קאָל פון ווינקל רײַסט איבער די פּאַוזע:

— זאָג דעם עמעס, כראַמאָוו, באַ דײַן מעדוועדיעוון איז קיין שוועסטער ניט געווען?

— ניין. ניט געווען. נאָר דאָרט איז געווען אַ קליין גערטנדל, עטלעכע ביימער, אַ שטאַל, ווו מיר פלעגן זעגן און האַקן האָלץ. אויף די פענצטער נידעריקערע, ווי בא אונדז אין דאָרף, האָבן געגרײַפּט פּאָמידאָרן. נאָר דעריקער האָט מיך געצויגן אַהין זײַן מאַמע און דער רייעך פון דזעגעכץ. ניט איין מאָל האָב איך געטראַכט: ווען דער קאָמיסאַר זאָל וויסן, ווי מעדוועדיעווס מאַמע איז אומצופרידן מיט אַלץ אין דער וועלט...

— מיסטאָמע דאָרט, ווו באַם קאָמיסאַר האָט אויסגעזען אַלץ גלאַט, האָט זי אײַנגעזען גריבער און ריוון, — האָט אים געפּרוּווט העלפן אַ צווייטער שאָכן, אַ געוועזענער אַוטאָמאָכאַניקער.

— איך וועל עס אײַך מיסטאָם אויך איצט ניט קענען דערקלערן, נאָר איך מיין, אַז איר האָט זיך פּאַשעט געוואָלט, אַלע זאָלן זײַן בעסער, ווי זיי זײַנען. שטרענג און בייז איז זי נאָך עפּשער דערפאַר געווען, ווײַל זי האָט זיך געשעמט אַרויסווײַזן איר גוטסקײַט. אויך באַריס פֿלעגט אַמאָל אַן אומצופרידענער בורטשען, געגנעצן אַף די פּאָליט־לימודים. מיר דאַכט, אַז ער איז געווען דער איינציקער אין אונדזער ווזוואָד, וואָס איז ניט אַרײַנגעטראָטן אין קאַמיוג.

דער זעלבער, וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז כראַמאָוו „האָט אַף אַ גאַנצער נאַכט פֿאַרפֿירט זײַן שארמאַנקע", האָט זיך ווידער אַרײַנגעמישט:

— דײַן מעדוועדיעוו וואָלט לאַנג ניט געטראַכט און גלײַך זיך פֿאַרשריבן פֿאַר אַ „פּרײַ־ווילינן".

— כאַפּ ניט די פּיש פֿאַר דער נעץ! ליג און הער.

איצט זײַנען אויך אַנדערע געווען ניט צופרידן:

— צי ניט די נעשאַמע, כראַמאָוו, דערצייל ווײַטער.

— ווײַטער? ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך שוין געדינט פֿיר יאָר אין דער אַרמיי און געווען בין איך דער סטאַרשינאַ פֿון דער זעלבער קוילנוואַרפֿער־ראָטע. מאָדנע, נאָר ביז אונדזער טייל איז ניט צעקלאַפּט געוואָרן, האָב איך אין די שלאַכטן קימאַט קיין אָנטייל ניט גענומען. אונטער מאַלעוו, ווו אַפּטרעטן איז שוין געווען אומעגלעך, האָב איך מיט אַ הײַפֿעלע רויטאַרמייער אָנגעצילט די קוילנוואַרפֿער און באַגעגנט די דײַטשן מיט אַ געדיכט פֿײַער. קימאַט אַלע רויטאַרמייער זײַנען אומגעקומען אין שלאַכט. איך בין געווען פֿאַרוווּנדעט. די פֿריצן האָבן געמיינט, אַז איך בין שוין טויט. מע האָט מיך געטאַפּטשעט, געטראָטן מיט די פֿיס.

אין געפֿאַנגענשאַפֿט בין איך אַרײַנגעפֿאַלן אין צען טעג אַרום, און דעם ערשטן באַקאַנטן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מאַלעוווער טפּיסע, ווהין מע האָט אונדז געבראַכט, איז געווען מײַנער אַ געוועזענער סאָלדאַט, וועלכער האָט שוין באַוויזן זיך דאָ אײַנאָרדענען אַלס איבער־זעצער. אַ שטיק ברויט האָב איך בא אים גענומען, נאָר ריידן מיט אים האָב איך זיך אָפּגעזאָגט. דערפֿאַר האָב איך פֿאַרגעדענקט זײַנע ווערטער: „באָריס מעדוועדיעוון האָב איך אײַנגעאָרדנט אין אַ קאָלאָנע, וועלכע מע האָט אָפּגעפֿירט אין באָריסאָווער לאַגער".

וויאַזוי איך האָב אהין געטראָפֿן, איז לאַנג צו דערציילן, וואָס דאָרט איז אויסגעקומען אויסצושטיין, ווייסט איר אַליין. ניט באָריסן, ניט קיינעם פֿון אונדזער טייל האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו געפֿינען. טיף הארבסט האָב איך, אַ קראַנקער אַף פֿלעקטיפֿוס, פֿאַר־לוירן דעם באַוווסטזײַן. עמעצן האָט זיך אײַנגעגעבן מיך אוועקטראָגן און אײַנאָרדענען אין שפּיטאָל. דער עמעצער איז געווען מעדוועדיעוו און זײַנער אַ כאַווער, וועלכער איז איצט דאָ און קאָן אײדעס זאָגן, אַז אַלץ, וואָס איך וועל דערציילן ווײַטער, איז עמעס.

יענעם ווינטער זײַנען מיר געבליבן לעבן, ווײַל איינעם פֿון אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן אָנקומען אַף אַרבעט אין קיך. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן ווערבירן אהער, אין דעם באַטאַליאָן קעגן די פּאַרטיזאַנער.

וויפֿל עס איז נאָר געווען קויעך, האָבן מיר זיך געהאַלטן. דעם ערשטן האָט מען אײַנגע־בראָכן פּאַוולען, אונדזער כאַווער. מיך דעם צווייטן. באָריסן האָבן מיר לאַנג אײַנגערעדט, אַז מיר טאָרן זיך ניט צעשיידן. האקלאָל, סאָפּקאָלסאָף האָט ער געפֿויעלט בא זיך גיין מיט אונדז.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זײַנען געקומען עטלעכע דײַטשישע אָפֿיצערן זיך באַקאַנען מיט די „פּרײַווויליקע". די „געסט" האָט באַגלייט דער קאָמענדאַנט, דער שעף פֿון דער פּאָליציי און די ווערבירער — רוסישע ווײַסגוואַרדייער. פֿון איין זײַט פֿלאַץ שטייען מיר, פֿון דער צווייטער — אַלע געפֿאַנגענע פֿון לאַגער. און אָט באַווײַזט אַ ווײַסגוואַרדייער אַף אונדז און ווענדט זיך צו די איבעריקע געפֿאַנגענע:

— קוקט, זיי דערוואַרטן אַ גוט לעבן. און אײַך וועלן די לײַז אויפֿעסן לעבעדיקער־הייט. פֿון הונגער וועט איר אַלע פּייגערן. צום לעצטן מאָל ווענד איך זיך צו אײַך, ווער עס וויל זיך פֿאַרשרײַבן אַלס פּרײַווויליקער, דער זאָל מאַכן דרײַ שפּאַן פֿאָרויס.

פֿיר מענטשן זײַנען איבערגעגאַנגען פֿון דער אַלגעמיינער קאָלאָנע צו אונדז.

— ווער נאָך? — האָט איבערגעפֿרעגט דער ווײַסגוואַרדייער.

— איך! — האָט עמעצער לעבן מיר אויסגעשריִען. — און איידער איך האָב באַוויזן אויס־קערעווען דעם קאָפּ, האָט מעדוועדיעוו געמאַכט דרײַ שפּאַן פֿאָרויס. — איך וויל ניט זײַן קיין פֿאַרעטער.

— צוריק! — דער ווערבירער האָט אים אַ דראָע געטאָן מיט דעם פֿויסט. — דו ביסט שוין פֿאַרעכנט אין די צעטלען פֿון די פּרײַווויליקע, אַזוי אַז בא דיר פֿרעגט קיינער ניט.

באָריס איז געשטאַנען, ווי אַ געפּלעפּטער. דערפֿאַר זײַנען יענע, וואָס זײַנען גרייט געווען פֿאַרשרײַבן זיך, אַוועק און צוריק אויסגעמישט זיך אין דער קאָלאָנע.

— דערקלערט אים, — האָט אַ דײַטשישער אָפֿיצער אויסגעצישעט דורך די ציין, — אַז עס איז שוין שפּעט כאַראַטע צו האָבן. אױף דעם פֿאָדערט זיך אַ וויכטיקע סיבע.

— פֿאַראַן אַ וויכטיקע סיבע, — האָט באָריס געענטפֿערט, נאָך איידער דער איבערזעצער האָט אים דערקלערט, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד. — איך בין אַ קאָמוניסט.

אַ גרויל איז אַדורך איבער מײַן לײַב. און איך האָב דערפֿילט, אַז דאָס האַרץ וועט באַלד באַ מיר אַרויספֿאַלן. גענוג געווען, אַז עמעצער זאָל אָנווײַזן, אַז דאָס איז אַ קאָמוניסט, ווי יענער פֿלעגט נעלעם ווערן. און דאָ זאָל אַ מענטש אַליין אױף זיך אויסטראַכטן אַזאַ בילבול!

אין פּלאַטע איז געוואָרן טומלדיק. עצעמער האָט אַ פֿײַף געטאָן:

— נו, ברודערקע, אַזוינס טרעפֿט נאָר אין אַ מײַסעלע.

— און וואָס זאָג איך? — האָט פֿאָרגעזעצט כראָמאָוו. — און דאָך איז עס אַזוי געווען. די פּאָליצײַען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן בינדן אים די הענט. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און אַ געשריי געטאָן: „הערט מיך אויס, מיר זײַנען פֿון איין טייל. איך שווער, אַז ער איז קיינמאָל אַפֿילע קיין קאָמיוגיסט ניט געווען. אויב איך לײַג, האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ“. און דאַן האָט זיך אַרײַנגעמישט דער קאָמענדאַנט. די אַלגעמיינע קאָלאָנע האָט ער באַפֿוילן אַוועקפֿירן און מעדוועדיעוון שלאָגן, ביז ער וועט זיך ניט אָפּזאָגן פֿון זײַנע ווערטער. גאָט מײַנער! ווי מע האָט אים געפּאַסעוועט! נאָך יעדע צען שמיץ פֿלעגט מען אים באַגיסן מיט קאַלטער וואַסער, אַוועקשטעלן אױף די פֿיס און פֿרעגן: „נו, ווי?“ — „אַ קאָמוניסט“. ווען ער האָט שוין קיין קויעך ניט געהאַט צו עפֿענען דאָס מויל, האָט ער נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אױף יאָ. דער שעף פֿון דער פּאָליציי האָט איבערגעפֿרעגט: „דו נעמסט דײַנע ווערטער צוריק?“ מעדוועדיעוו האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אױף ניין. פֿאַלנדיק אױף דער ערד, האָט ער שטיל געזאָגט: „אַ קאָמוניסט!“ מע האָט אונדז אַוועקגעפֿירט צום וואָקזאַל. בלויז באָריס איז געבליבן ליגן אױף דער ערד אָן באַוווּסטזײַן.

— שלאָפֿן! — שרײַט אוועראָוו פֿון זײַן צימער. — שלאָפֿן! אויב דער הויפּט־דאָקטער וועט דערהערן, וועט ער אײַך מאָרגן אַלעמען אויסשרײַבן.

איך צווייפֿל ניט, אַז דאָס, וואָס כראָמאָוו האָט דערציילט, איז אָן עמעס. נאָך מער — ער האָט אַפֿילע רעכט צו זאָגן וועגן זיך, אַז ער איז מעדוועדיעווס אַ כאַווער, שוין אַליין דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט מוירע אַזוינס דאָ צו דערציילן.

פֿאַרטאָג. אין לאַזאַרעט שלאָפֿט מען נאָך. איך און סאַשע מוראַשאָוו וואַשן די דילן. מיר עפֿענען שטילערהייט די טיר פֿון צימער, וווּ עס ליגן די מעדיצינישע קאַרטלעך פֿון די קראַנקע. מיר בלעטערן זיי, ביז איך געפֿין, וועמען איך דאַרף: „כראָמאָוו ניקאָלײַ פֿעדאָסייעוויטש, געבוירן אין 1916 יאָר אין דאָרף נ. פּאַוולאָווקע, קאָסטראָמער געגנט. דינט אין וואָלאָסיפֿעדן־וווזוואָד. דיִאַגנאָז: „דיזענטעריע“. באַנאַנד איז אַ פֿראַגעצייכן געמאַכט מיט אַ רויטן בלײַער.

וואָס דאָס באַטײַט — ווייסן מיר. פֿאַראַן אַ כשאַד, אַז ער איז אַ סימוליאַנט. אויב דאָס וועט זיך באַשטעטיקן, וועט אים קראַמעץ אויסשרײַבן, און אױף זײַן מעדיצין־קאַרטל, וואָס וועט דערנאָך איבערגעשיקט ווערן צום באַטאַליאָן־דאָקטער, וועט זײַן אָנגעשריבן אױף לאַטײַן: „סימו־ליאַציִוס“. אויב אַזוי, וועלן מיר, ווי נאָר שומאָוו וועט אויפֿשטיין, זיך קלאָגן פֿאַר אים, אַז פֿון כראָמאָוון איז ניט אויסצוהאַלטן. אַלע האַלבע שאָ לויפֿט ער אין קלאָזעט.

נאָך איין קראַנקער אינטערעסירט מיך. דאָס איז מאַלינין. נאָך דאַן, ווען מע האָט אונדז צום ערשטן מאָל געטריבן אַהער, האָב איך אים באַמערקט אין דער מאַרשירנדיקער קאָלאָנע פֿון די „פֿרײַוויליקע“, און ביז איצט קאָן איך זיך ניט דערמאָנען, ווען און וווּ איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט. סאַשע זאָגט אויך, אַז פֿאַר אָט דעם־אָ טיפּ דאַרף מען זיך היטן.

זײַן מעדיצין־קאַרטל דערציילט: מאַלינין וואַסילי וואַסיליעוויטש. געבוירן אין 1914 יאָר. אין קאַלינין. שטיי, זיך דערמאָנט! ניט מאַלינין, נאָר דובינין. אויב, פֿאַרשטייט זיך, ער האָט אונדז דעמאָלט ניט אָפּגענאַרט. איך געדענק, ווי ער האָט מיט אונדז אײַנגעטײַנעט, אַז אַ געפֿאַנגענער מוז אַלץ קענען און דאַרף זיך פֿאַר גאָרנישט ניט אָפּשטעלן. דאָס האָט ער באַרויבט אַ רויטאַרמייער, וועלכן דער דײַטשישער קאָנוואָיִר האָט דערנאָך דערשאָסן. איז אָט וווהין זײַן קרעדאָ האָט אים געבראַכט!

אומזיסט האָט אונדזער קאָמאַנדיר, דער עלטערער לייטענאַנט איוואַשין, אים בלויז אָנגע־שראָקן און ניט געמישפּעט. באַדאַרפֿט געווען אים נאָך דעמאָלט דערשטיקן. איז וואָס זשע פֿאַר

אַ קרענק הָאט אים אהער געבראכט? דער זעלבער דיִאַגנאָז: „דיזענטעריע". קיין פעלדשער בין איך ניט, נאָר עפענען דעם מיטלסטן שופלאָד פון טיש, ארויסנעמען דעם רויטן בלײַער און אוועקשטעלן אַ פראגעצייכן, דאָס קען איך. ביז וואָס־ווען איז זײַ אויך אונטער אַ כשאַד.

אין דרויסן שײַנט די זון, עס ריידן זיך איבער די טונקל־גרינע בלעטער פון די טאָפּאָלן. און דאָ, אין אווראָווס צימער, כאָטש דאָס פענצטער קוקט ארויס אַף דאָרעם, איז טונקל, ווי ביינהאשמאָשעס. דורך די געדיכט־פארשטויבטע שויבן קוקט ארײַן אַ שמאָלער פאס שײַן. אָט ווו מע וואָלט באדארפט אויסזעצן די טאפליעס. אַף די פּאָליצעס פונעם לאנגן און שמאָלן צימער ליגן די פערזענלעכע זאכן פון די קראנקע. אין ווינקל שטייט אַ פײַער־קאסע, אין וועלכער עס געפינען זיך די מעדיקאמענטן, עטוואָס ווײַטער — אַן אײַזערן בעטל, אַף וועלכן אווראָוו שלאָפט. דאָס איינציקע, וואָס צעשטערט די שטילקײַט, איז דאָס מאָנאָטאָנע טיקען פונעם אָפּ־געבליאקעוועטן „כאָדיק", וואָס הענגט איבערן בעטל.

אווראָוו זעט אויס קאלט און פארשלאָסן, ווי די אלטע פארזשאווערטע אײַזערנע קאסע, אָן וועלכער ער שטייט אָנגעשפארט. איך פארשטיי אָבער, אַז אויך אים איז גוט אָנגעזאָליעט אַף דער נעשאָמע. אַף זײַן פארוואקסן פּאָנעם זעען זיך באזונדער אָן די אָנגעשוואָלענע זעקעלעך אונטער די אויגן. הונגערן הונגערט ער איצט ניט, אָבער אפילע אין מאָלעווער לאגער איז ער געווען האפערדיקער, ווי אצינד. באַ מיר פרעגט ער:

— וואָס הָאט מען אזוי געטומלט באנאכט?

— מע דערציילט מײַסעס איינער דעם צווייטן.

— מײַסעס, זאָגסטו? איך הָאב געהערט דעם סאָף פון איינער אַ מײַסע, און, ווי דו זעסט, הָאב איך זיך ניט אופגעהאנגען, זיך ניט אָפּגעסאמט, כאָטש איך הָאב מיט וואָס, — אַ ווײַלע שווײַגט ער, און דערנאָך זעצט ער פאָר, — פארוואָס, וואָלט איך וועלן וויסן, שווײַגסטו?

מיר שטייען אזוי נאָענט, אַז איך פיל אַף מײַן פּאָנעם זײַן אָטעם. ניט בלויז דאָס פײַערל אין זײַנע אויגן גיט איצט אויס זײַן אומרו. אונטער דער הויט, אַף די באקן־קנאָכן באוועגן זיך אָן אופהער קליינע קנײַלעכלעך.

— באַ אײַך, קאזימיר וולאדימיראָוויטש, איז הײַנט אַ שלעכטע שטימונג.

— דאָס ווייס איך אָן דיר. מיט דער שוויגער האָסטו גערעדט?

— ניין, איך טרוי איר ניט.

— לײַגסט! אומזיסט מיינסטו, אַז מיך איז אזוי גרינג אָפּצונארן. נאריש זעט אויס דער, וואָס גיט זיך אויס ניט פאר דעם, וואָס ער איז.

מיט אַ פארשטאָרבן הארץ און מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווארט איך, וואָס נאָך וועט ער מיר זאָגן. זען זע איך ניט, נאָר איך פיל, אַז ער קוקט אָנגעשטרענגט אַף מיר.

— און נאָך וואָלט איך וועלן וויסן, פונוואנען קומט צו דיר אָט די אידיאָטישע טעווע ניט קוקן אַ מענטשן גלײַך אין די אויגן? צי עפשער ווילסטו, אַז איך זאָל דיך האלטן פאר אַ געהאָרכזאם שעפעלע? אָן אנדערער אַף מײַן אָרט וואָלט דיר שוין לאנג געגעבן מיט דער קני אין הינטן. נאָר כאפּט דיך דער וואטנמאכער. אין אײַך נייטיקט זיך שוין קיינער ניט. מעגלעך, אַז מע באגייט זיך אפילע אָן מיר אויך.

כאָטש איך צווייפל נאָך אלץ, צי גיט ער מיר ניט אָנצוהערן, אַז ער ווייסט, ווער איך בין, צווינג איך זיך נעמען אין די הענט, און אַף וויפל דאָס איז מעגלעך, ענטפער איך רויִק:

— איך מיין אויך אזוי.

— וואָס ווייסטו, דו זאָלסט קאָנען מיינען?

— נאָך יעדער באזוך פון דער הענדלערקע, וועלכע קארל הָאט באפוילן דורכלאָזן, זײַנען באַ פיפינען רויט די אויגן פון שיקרעס.

— זע, כאָסן, — טײַטלט ער אַף מיר מיט אַ פינגער, — זאָלסט פאר דער צײַט ניט גרוי ווערן, אָדער פיפין זאָל דיר ניט אָפּהאקן דײַן קורנאָסע נאָז.

— פארוואָס? איך שטעק זי דען וווּהין מע דארף ניט?

— נו, גענוג. זאָג מיר בעסער, דיר איז ניט שווער צו ראמען און דעזשורען אלע נאכט? מיר גלוסט זיך אזש אַ שמייכל טאָן — וואָס איז ער עס מיטאמאָל אזוי גוט געוואָרן צו מיר?

— ניין, ניט שווער.

— רוים אײַן אַ סאָד דעם ליבהאָבער פון דערציילן מײַסעלעך, ער זאָל בעסער ניט פלאפלען.

— דאָס איז ניט מײַן זאך. איך בין דאָ נאָר אַן אופראמער.

אַ מידער, אַן אײַנגעבויגענער, לאָז איך זיך אראָפּ פון די טרעפּ, די הענט און די פיס זײַנען ווי פון וואטע און פאָלגן ניט. באלד וועל איך פארקערעווען אַף לינקס אינעם קאָרידאָר

צום צימער, ווּ עס געפינען זיך אונדזערע נארעס. א לײַכטער פײַף צווינגט מיך אויסקערעווען דעם קאָפּ. דער דעזשורנע, וואָס שטייט בא דער ארײַנגאנג־טיר, רופט מיך. לעבן דער שוועל שטייט א וועלאָסיפּעדיסט אין א דײַטשישער אוניפאָרם. דער דעזשורנע ווײַזט אים אָן אף מיר:

— אָט ער וועט איבערגעבן די סיגארעטן. מיך רופט מען צו דער קאליטקע, — זאָגט דער דעזשורנע און לאָזט זיך גיין.

— וועמען איבערגעבן? — פרעג איך.

— כראָמאָוון.

— פון וועמען?

— ער ווייסט.

— אײַך רופט מען פּאוועל?

— פונוואנען ווייסטו?

— כראָמאָוו האָט דערציילט וועגן מעדוועדיעוון.

— ער איז פון זינען אראָפּ צי וואָס? — האָט דער וועלאָסיפּעדיסט זיך ארומגעקוקט א דערשראָקענער. — זאָג אים, אז ער זאָל אופהערן פּלאַפּלען.

— שרעקט זיך ניט. נאָר אײַער ביטע וועל איך אים איבערגעבן.

— דו רייכערסט? — פרעגט ער בא מיר.

— ניין.

— נא, — שטופּט ער מיר ארײַן אין האנט אן אָנגעהויבן פּעקל סיגארעטן. — נעם, נעם, ווּעסט עס אף עפּעס אויסבײַטן.

אין עטלעכע רעגעס ארום וועק איך כראָמאָוון און זאָג אים, אז מיר האָט מען באפוילן אים באגלייטן אין קלאָזעט. ער קוקט אף מיר א פארשלאָפענער און פארשטייט ניט, וואָס איך וויל פון אים.

— וואָס ווילסטו? גיי בעסער אוועק פונדאנען.

— מאכט ניט קיין גוואלדן, דער הויפּט־דאָקטער אינטערעסירט זיך מיט אײַער די־זענטעריע.

— וואָ־אָס?

כאָטש פלאָך, ווייס איך ניט, וואָס ווײַטער אים צו זאָגן. מײַן גליק, וואָס ער ווארט ניט אף קיין ענטפער. ער טוט אָן אף די באָרוועסע פיס די שטיוול און לאָזט זיך אין אונטערוועש אהין, ווּהין איך פיר אים.

אין קלאָזעט פארשליס איך די טיר אפן קייטעלע, הייב אוף מיטן פינגער דאָס צינגל פון דער וואש־פּושקע, די וואסער זאָל מיט א גערויש זיך גיסן איבערן בלעך, און זאָג אים:

— וואש זיך און הער אופמערקזאם. דיך איז מען כוישעד, אז דו סימולירסט. דעם פעלדשער זאָלסטו זאָגן, אז באנאכט ביסטו אָן אופהער געלאָפן... מיט קיין איבעריקע ווערטער ווארף זיך ניט. היט זיך פאר מאלינינען פון דער פערטער פּאלאטע.

— און ווער ביסטו? — כאפּט ער מיך אָן מיט די נאסע הענט. איך רוק אים ארײַן אין בוזעם פונעם העמד מײַנע און זײַנע סיגארעטן. — פּאוועל?

ער לאָזט מיך ניט אָפּ. זײַנע אויגן האָבן זיך אין מיר אײַנגעגעסן. זיי פאָדערן אן ענטפער.

— לאָז אָפּ. עמעצער גייט. איך בין דײַן פרײַנט.

עס האָבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז קראמעצן נעמט מען אראָפּ פון דער ארבעט. ווען קארל איז געקומען אין שפּיטאָל, האָט מאלינין בא אים א פרעג געטאָן:

— הער פעלדפעבעל, זאָגט, ביטע, די אופראמער האָבן רעכט נאָכשפּירן נאָך אונדז? ווי שטענדיק, האָט דעם געשפּרעך איבערגעזעצט אווראָוו.

— קאָנקרעטער, אין וואָס באשטייט אײַער אָנקלאָגע?

— מע האָט מיר דערציילט, אז דער אופראמער האָט אופגעוועקט דעם אונטער־אָפיצער כראָמאָוון און אים געזאָגט: „דער הויפּט־דאָקטער האָט באפוילן באגלייטן אײַך אין קלאָזעט“.

— איך? — האָט קראמעץ אָנגעוויזן אף זיך מיט דער האנט און א פארכידעשטער איבערגעפרעגט. — איך?

— צוליב וואָס פארענטפערט איר זיך, דאָקטער? — האָט קארל בייז א קוק געטאָן אף קראמעצן. — באווײַזט מיר נאָר זייערע מעדיצין־קארטלעך.

— ביטע! — האָט שומאָוו א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאסן. אויסגעדרייט זיך און אוועק. אין א מינוט ארום האָט ער די קארטלעך איבערגעגעבן דעם דײַטש.

בא כראָמאָוון איז דער פּראגעצייכן געווען איבערגעציילעמט מיט טינט. בא מאלינינען האָבן געשײַנט דרײַ פּראגעצייכנס איינער גרעסער פונעם צווייטן.

— אויסשרײַבן און אָפּפּירן אין קאַרצער! — האָט קאַרל אָנגעוויזן אָף מאַלינינען. — וויל עפּשער נאָך עמעצער אָנקלאָגן זיך?

ניין. מער קיין אָנקלאָגעס זײַנען ניט געווען.

ווען אוווראַוו קומט אַרײַן אין וואַנע־צימער, שטיי איך און וואַש דאָס ביטל. ער מאַכט צו נאָך זיך די טיר. לויט זײַן אויסזען איז קאָנטיק, אַז קיין גוטע נײַס קלײַבט ער זיך מיר ניט אָנזאָגן.

— הער נאָר, קראַמעץ האָט דיר טאַקע באַפוילן באַגלייטן כראָמאָוון?

— ניין.

— ווער דען?

— איר.

— איך? — ווערט זײַן פּאָנעם גרוי, ווי אַש.

— איר אַליין האָט מיר געהייסן וואָרענען שטילערהייט דעם ליבהאָבער פון דערציילן מײַסעלעך, ער זאָל וויניקער ריידן. צי דען, קאַזימיר וולאַדימיראָוויטש, געדענקט איר ניט?

— איך געדענק. האָסט זיך ניט שלעכט אויסגעדרייט.

ס׳איז באַנאַכט. אין די פּאַלאַטעס איז קלוימערשט שטיל, נאָר אינדערעמעסן קאָכט דאָ, ווי אין אַ קעסל. מעגלעך, אַז ווען קאַרל זאָל ניט געווען דורכטרײַבן מאַלינינען, וואָלטן געווען פיל געליטענע. עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז אין קאַרצער האָט מען מאַלינינען ניט אַרײַנגעזעצט. דער שעף פון דער געסטאַפּאָ מיראָנאָוו האָט מיט די דרײַ פינגער, וואָס האָבן זיך פאַרהיט אָף זײַן רעכטער האַנט, דערלאַנגט מאַלינינען אין באַק און אים געמאָלדן, אַז עס וועט זײַן אָך־און־ווי צו אים, אויב ער וועט זיך נאָך ווען־ניט־איז פאַרזינדיקן.

אויך כראָמאָוון האָט מען לאַנג אין לאַזאַרעט ניט געהאַלטן. די מעדיקער האָבן אינגיכן באַמערקט בא ניקאָלײַען אַ „פאַרבעסערונג" און אין אַ פּאָר טעג אַרום אים אויסגעשריבן און אָפּגעשיקט צוריק אין באַטאַליאָן.

איבער פאַרשיידענע סיבעס האָבן מיר, איך און סאַשע מוראַשאָוו, געוואָלט בעסער דעזשורען באַנאַכט, איידער שלאָפן מיט אַלעמען צוזאַמען אָף די נאַרעס אין צימער. סאַשע אַליין האָט מיך געוואָרנט:

— היט זיך פאַר מיר. פאַרטרוי מיר ניט קיין סודעס. איך רעד אָפט פון שלאָף, פּלאַפּל וואָס מע דאַרף און מע דאַרף ניט.

— אין מאָלעוו, — זאָג איך אים, — איז געווען מיט מיר מײַנער אַ כאַווער, אַלוואַרדיאַן, פלעגט ער אין שלאָף האַלטן גאַנצע דראָשעס.

— מיסטאָם אויך נאָך אַ קאָנטוזיע?

— ניין. אַזוי איז אים געפעלן.

— און איך האָב מוירע אײַנצושלאָפן. האָסט מיסטאָם געהערט, ווי פּיאָטער וועקט מיך?

— איך האָב געהערט, ווי דו קריצסט מיט די ציין און בורטשעסט עפּעס.

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר איך האָב אָט דעם האַרציקן קאַזאַנער באָכער, וואָס איז אפילע בייז געווען אָף אַ גוטמוטיקן אויפן, ניט דערציילט פיל פון דעם, וואָס אין אַנדערע אומשטענדן וואָלט איך עס מיט פאַרגעניגן אים פאַרטרויט.

הײַנט האָט מען מיר און מוראַשאָוון צום ערשטן מאָל אַרויסגעגעבן צו שטיקלעך זייף. ס׳איז קעדײַ געווען צו זען, ווי סאַשע האָט זיך דערפרייט.

— פאַרשטייסט, — האָט ער ערנסט געזאָגט, — אָט די־אָ האַנט דאַרף איך הײַנט וואַשן און וואַשן.

— מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרזינדיקט?

— פּיפּין האָט אַ שיקערער זי פּעסט אַ דריק געטאָן.

די זייף איז געווען פאַרוויקלט אין אַ שיין פּאַפּירל. זי האָט אפילע געשמעקט. נאָר פון איר האָט זיך געשאָטן זאַמד, געווינלעכער זאַמד.

— אָט הער, — האָט סאַשע געגומען דערציילן, — געדענקען אַלץ קאָן מען ניט, נאָר איך געדענק, ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליינינקער, האָבן מיר געלעבט אין אַ גרויס דאָרף. ניט ווײַט פון אונדז האָט געוווינט אַן אַלטער פעלדשער. איינמאָל, דאָס איז געווען שניט־צײַט, ווען אַלע דערוואַקסענע זײַנען געווען אין פעלד, קומט צו מיר צו לויפן אַ שנעק, אַזאַ ווי איך, און שרײַט: „סאַשע, קום גיכער, ווײַסט זען אַ מאַכשייפע. אַ מאַכשייפע, ווי דו פאַרשטייסט, איז ניט פון די געסט, וועלכע מע קאָן זען אַלע טאָג. פײַל־אויסן־בויגן האָב איך זיך געלאָזט פון הויף אין גאַס. און דאָרט טוט זיך שוין כווישעך. מיט אַ געפילדער לויפט דאָס קליינוואַרג און נאָך זיי מיט אַ בילערײַ די הינט פונעם גאַנצן דאָרף. איך בין

געווען דער קלענסטער, און דערפאר איז מיר געווען אזוי שווער דערקלײַבן זיך נעענטער צום וואָגן, וואָס איז געשטאנען אין פעלדשער־הויף. אפן וואָגן איז געלעגן אן עלטערע פרוי, דאָס קלייד און דאָס העמד צעכראסטעט, די האָר צעשויבערט. מיט אלע קויכעס האָט זי זיך באמיט אופשטיין, געשריִען עפּעס אומפארשטענדלעכס, זיך געזידלט. נאָר וויפל זי האָט זיך ניט באמיט, האָט זי אופשטיין ניט געקאָנט. די הענט און פיס זײַנען בא איר געווען געבונדן מיט האנטעכער. כוץ דעם, איז זי נאָך געווען, ווי מיט א נעץ, פארפלאָנטערט מיט שטריק.

א דערשראָקענער בין איך געשטאנען, און מײַן קינדערשער מויעך האָט ניט געקאָנט באנעמען, וואָס קומט דאָ פאָר. ניט געווען, ווער עס זאָל מיר אונטערזאָגן, אז דאָס איז א פסיכיש־קראנקער מענטש. דער פויער, וואָס האָט זי געבראכט אהער, האָט אויסגעשפּאנט דאָס פערד און אליין זיך אויסגעצויגן אפן גראָז, ווארטנדיק, ביז דער פעלדשער וועט זיך אומקערן פון עפּעס א ווײַט דאָרף. ווען מיר האָבן שוין גאָר זיך צעטומלט, האָט ער אף אונדז אָנגעשריִען און גענומען פאָכן מיט דער בײַטש. איך בין געזעסן רײַטנדיק אפן פלויט, פּונקט דאָרט, ווו עס איז געשטאנען די פור. מיטאמאָל האָט זיך די קראנקע א ריס געטאָן, אופגעהויבן דעם קאָפּ און א שפּײַ געטאָן אף מיר. פון שרעק בין איך אראָפּגעפאלן פון פּארקן. לויפן צוזאמען מיט אלעמען האָב איך ניט געקאָנט, ווײַל די פיס האָבן זיך בא מיר אונטערגעהאקט. און דער פויער, ביז הײַנט פארשטיי איך ניט פארוואָס, האָט א זאָג געטאָן: „איצט ביסטו, ייִנגעלע, א פארפאלענער. אויב זי האָט אין דיר געטראָפן, וועסטו קראנק ווערן, ווי זי".

דאָ בין איך שוין גאָר געבליבן א געפּלעפטער פון שרעק. איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזערן א ווײַטן קאָרעוו, וואָס איז געשטאָרבן, ווײַל אים האָט א מעשוגענער הונט א ביס געטאָן. איך האָב ניט געדענקט, וויאַזוי איך האָב זיך דערקליבן אהיים. א ברונעם וואסער האָב איך אויסגעגאָסן אף זיך, קעדיי אָפּוואשן פון זיך דאָס שפּײַעכץ. בארויִקן מיך האָבן ניט געקאָנט ניט טאטע־מאמע, ניט דער פעלדשער. עטלעכע יאָר נאָכאנאנד האָב איך זיך שטארק פארהיקעט.

— איז וואָס, סאשע, האָסטו עפּשער מוירע, אז פון דעם, וואָס קראמעץ האָט זיך צוגערירט צו דײַן האנט, וועסטו זיך ווידער אָנהייבן פארהיקען?

— מוירע האָב איך ניט, נאָר עס עקלט מיך מער, ווי פון יענעם שפּײַ.

סטעפאן שומאָוו האָט ניט נאָר זייער גיך זיך צוגעווינט צום דײַטשישן מונדיר. ער האָט נאָך געקראָגן ערגעץ א פּוסטע אָפּגעבליאקעוועטע קאָבורע און זי אופגעהאנגען אף דעם שמאָלן רימען פון די גאליפע־הויזן, וועלכע זײַנען באפּוצט געווען מיט לעדערנע פאסן אפן געזעס. סטיאָפּע איז, ווײַזט אויס, געווען געקנאָטן פון א באזונדער מין טייג. ער האָט אפילע ניט באמערקט די גיפטיקע בליקן ארום זיך און איז, ווי א מאניאק, ארומגעגאנגען מיט א פאריסענעם קאָפּ.

דארף זיך טרעפן: סטיאָפּע כאפּט זיך אוף פון שלאָף, טוט זיך א צי צום רימען, צו דער קאָבורע, נאָר א נעכטיקער טאָג — זי איז אויסגערונען געוואָרן. ווען ער פרעגט ניט, ווייסט קיינער ניט פון וואָס צו זאָגן. איך בין בעשאס־מײַסע דאָ ניט געווען, נאָר מע האָט מיר דערציילט, אז שומאָוו איז צוגעשטאנען צו סאשע מוראשאָוון:

— ווער ס'האָט דעזשורעט, יענעמס ארבעט איז עס!

סאשע האָט געשמאק א גענעץ געטאָן. א שפּײַ געטאָן צווישן די ציין. דערנאָך האָט ער אים באוויזן זײַן פויסט און פאָרגעלייגט א צי טאָן מיט דער נאָז, וועט ער וויסן, מיט וואָס עס שמעקט.

מיך האָט שומאָוו געפונען אפן בוידעם.

— זאָג, — טאָרקעט ער מיך, — ווער האָט גענומען דעם רימען?

— וועלכן רימען? — איך פארשטיי ניט, פארוואָס זײַנען בא אים אזוי אופגעבלאָזן די נאָז־לעפּלעך און וואָס וויל ער פון מיר.

ער נישטערט אין אלע ווינקעלעך, און ווען ער לאָזט זיך שוין פון די טרעפּ, זאָגט ער מיר:

— בעסער מאך זיך ניט טאמעוואטע, פאסקודנער ייִד.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז קראמעץ האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט שומאָוון, ער זאָל ניט טראָגן די קאָבורע, נאָר ווײַל יענער האָט ניט געפאָלגט, האָט ער באנאכט, ווען אלע זײַנען געשלאָפן, צוגענומען די קאָבורע צוזאמען מיטן רימען.

ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר איך האָב שוין מער אײַנשלאָפן ניט געקאָנט. זאָל עס טאקע באטײַטן, אז שומאָוו האָט דאן אין וואגאָן געהערט דעם געשפּרעך, וועלכן עס האָבן געפירט

צווישן זיך הובערט און גיונטער? צי עפּשער האָט אווראָוו אים דערציילט. אָ, ניין! וואָלט שומאָוו געגלייבט, אַז איך בין אַ ייִד, וואָלט עס שוין פון לאַנג פאַר קיינעם קיין סאָד ניט געווען. ער אַליין וואָלט מיך איבערגעבן קראַמעצן. פּיפּינען וואָלט עס זיכער פאַרוווּנדערט ניט ווייניקער, ווי ער זאָל דערזען אַ מענטשן פון יענער־וועלט.

קלוימערשט אין אַ שפּאַס האָט מיך שומאָוו שוין ניט איין מאָל אַ פרעג געטאָן: זאָג, דו ביסט ניט קיין ייִד? פון וואָס דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, געדענק איך, ווי דאָס וואָלט אָט ערשט פאָרגעקומען.

ס׳איז געווען אין מאָלעוו, אין ערשטן קריגס־ווינטער, פאַר נײַ־יאָר. מיר, סאַניטאַרן פון דער צווייטער פּאַלאַטע, ווו עס זײַנען געלעגן קראַנקע אויף פלעקטיפוס, האָבן געקויפט בײַם פעלדשער גובאַריעוו דעם עק פון אַ געפּייגערט פערד. פון דער „מעציִע“ האָבן מיר קיין האַנאָע ניט געהאַט. אײַנבײַסן דאָס דאָזיקע „פלייש“ איז געווען אוממעגלעך. ס׳איז געווען אַ גרויער ווינטערדיקער באַגינען. אַפילו אין דער פּאַלאַטע האָט זיך געקנוילט און געפּלאָנטערט אַ פראָסטיקער ווינט. מיר זײַנען געזעסן בײַם אָנגעגליטן אײַזעלע, געקאָכט דאָס „פלייש“ און דערציילט ווילדע מײַסעס. פאַרבײַ אונדז איז אונטערהינקענדיק דורכגעגאַנגען אַ קראַנקער. זײַן מעשונע־אויסטערלישער שינעל איז צוניפּגעשטוקעוועט געווען פון קאָלערליי לאַטעס. דעם דאָזיקן מענטשן האָב איך פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן.

— כאַפּ נאָר אַ קוק אויף דער „לאַטע“, — האָב איך אַ ווונק געטאָן צו סטיאָפּען.

צום אַלעם ערשט האָט ער זיך צעשמייכלט, דערנאָך פרעמד און שטרענג אויף מיר אַ קוק געטאָן און דורכגעזיפּט דורך די ציין:

— וואָס איז עס פאַר אַ וואָרט „לאַטע“? אַ ייִדישס?

פון שומאָוון האָב איך שוין צו יענער צײַט אַראָפּגעשלונגען ניט ווייניק אוולעס, און דאָך האָב איך געמיינט, אַז יענער פאַרטאָג האָט אויף שטענדיק אײַנגעשלונגען זײַן געפערלעכע פאַר מיר פראַגע. לאָזט זיך אויס...

צוויי אָדער דרײַ טעג זײַנען פאַרבײַ, זינט סטיאָפּע האָט מיך דאָס לעצטע מאָל אָנגעשראָקן. געווען איז עס פאַרנאַכט, ווען די ווײַטן גיסן זיך אָן מיט געדיכטער בלויקײַט. איך לאָז זיך נאָך עפּעס אין צימער. אין קאָרידאָר יאָגט מיך אָן פּעטיע און רוימט מיר אײַן אַ סאָד:

— גיי, גיי, ווּעסטו זען, וואָס פאַר אַ מאַטאָנע שומאָוו האָט פאַר דיר צוגעגרייט.

בײַ דער טיר שטייט, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט, סטעפּאַן. מיר ווילט זיך איבערכאַפּן זײַן בליק, נאָר דאָס גיט זיך ניט אײַן. מיר גייט נאָך פּעטיע. די „מאַטאָנע“ באַמערק איך נאָך פונוויַיטנס, און עס הייבן אָן ציטערן מײַנע וויִעס. מיט אַלע כּושים פיל איך, אַז עס קאָן באַלד זײַן אַ סאָף צו מײַן נעבעכדיקער וועלט, אין וועלכער איך בין פאַרקלעמט. אויף מײַן נאַרע ליגט אַ פאַשיסטישער פּלאַקאַט, געדרוקט אין רוסיש. אין צענטער פונעם פּלאַקאַט — אַ מאָגנדאָוויד. אינווייניק איז אָנגעמאָלט אַ קאָפּ פון אַ מענטשן אין אַ הויכן צילינדער. איין אויג האַלב צוגעמאַכט, אין דער האַנט האַלט ער זײַן שיטער בערדל. אויפן פּלאַקאַט זײַנען איבערגערעכנט עטלעכע צענדליק פראַגן. נאָך יעדער פראַגע קומט איין ענטפער: „ייִדן“.

„ווער האָט צוגעגרייט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע? — ייִדן“.

„ווער איז שולדיק, וואָס צו דער מאַכט זײַנען געקומען די באָלשעוויקעס? — ייִדן“...

קעדיי דער ווינט, וואָס בלאָזט אַרײַן דורכן אָפענעם פענצטער, זאָל ניט אָוועקטראָגן דעם פּלאַקאַט, האָט שומאָוו אויף אים אוועקגעלייגט צוויי שטיקער ציגל. אַרום הערשט אַ בייזווונדערדיקע שטילקײַט. מיר איז קלאָר — שווײַגן טאָר מען ניט. איך בייג זיך אָן, קלוימערשט אויף אײַנקוקן זיך אין דעם פּלאַקאַט. כאַפּ אַ שטיק ציגל, טו זיך אַ שאַרפן קער, און מיטן גאַנצן קויעך טו איך אים אַ שלײַדער אין שומאָוון, וואָס שטייט נאָך אַלץ בײַ דער שוועל. סטיאָפּע טוט אַ שאַרפן שמאָרע מיט דער נאָז. זײַן אויסגעטריקנט קאַלך־ווײַס פּאָנעם גיסט זיך אָן מיט בלוט. ער שלינגט די לופט און שפּײַט מיט רויטס. באַלד טוט ער זיך אַ וואָרף צו מיר מיט פאַרבײַלטע פויסטן. צווישן אונדז וואַקסט אָבער אויס אווראָוו.

— שטייט! — שרײַט ער. — ווער ס׳וועט אופהייבן אַ האַנט, וועט האָבן צו טאָן מיט מיר. — זײַנע טיפע פעך־שוואַרצע אויגן קוקן אויף אונדז דורך אַ וואָלקנדל בלויען רויך, וואָס ציט זיך פון זײַן סיגאַרעט. ער טראָגט אַרויס זײַן פּסאַקדין:

— איצט זײַט איר קוויט!

אונדז האָבן אַרומגערינגלט אַלע סאַניטאַרן. שומאָוו האַלט נאָך אין איין שפּײַען און דראָען, אַז קאַרל וועט וועגן דעם שוין וויסן.

— דאָס איז דײַן זאַך, — זאָגט מוראַשאָוו, — נאָר איך וואָלט עס דיר ניט געייצעט. פאַר אַזאַ זאַך, ווי דו האָסט אָפּגעטאָן, וואָלסטו בײַ אונדז אין קאַזאַן פאַרבליבן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן.

אין פּעטיעס טונקל־בלויע אויגן, וואָס זײַנען שטענדיק ווי פאַרוויינט, האָט זיך אָנגעצונדן א שמייכלענדיק פײַערל. ער פרעגט איבער און ענטפערט מיט ־כּויזעק:

— בא אונדז אין קאַזאַן? אוואדע.

סטיאָפּע האָט נאָך א פּאָר טעג געקוקט אף מיר בייז, דערנאָך האָט ער מיט מיר גענומען ריידן, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אין דער גאַנצער מײַסע.

„טרא־ליא־ליא"

אין לאַזאַרעט האָט מען געבראַכט צו פירן דעם עלטסטן פון מוזיקאַלן וואָד פון די פאַרעטער — א לאַנגפיסיקן באָכער מיט א געדיכטער טשופּרינע פלאַקסענע האָר, ווי פּרוזשינ־קעלעך. דאָס איז געווען א זשוואַווע, שטאַרקער יונג. אין עטלעכע שאָ אַרום זײַנען שוין מיט אים פול געווען אלע פּאַלאַטעס. אָט האָט ער זיך נאָרוואָס געוויצלט אין איין פּאַלאַטע, און אָט דערטראָגט זיך שוין זײַן קאָל פון א צווייטן עק קאָרידאָר. ענג פאַרצויגן מיטן רימען, פאַרשפּיליעט אף אלע קנעפּ און היקעלעך, האָט ער דאָך אן אויסזען פון א צעכראַסטעטן פלאַפּלער — וואָס אף דער לונג, דאָס אף דער צונג. מיט אים וועסטו קיין ערנסטן געשפּרעך ניט פאַרפירן, — האָב איך א טראַכט געטאָן, דער וועט ווי א פליג זיך אויסדרייען. ווי קומען עס צו אזא פלאַטערל אָט אזעלכע טיפע אויגן און אזא הויכער, קלוגער שטערן? — האָב איך ווײַטער געקלערט.

וועגן וואָס ער זאָל ניט געווען ריידן, האָט ער זיך אומגעקערט צו איינס און דעם זעלבן: מיידלעך. מיט זיי איז פול געווען זײַן האַרץ, זײַן מויל, אלע אייוורים. ס'איז ניט שווער געווען צו גלייבן אים, אז זיי צאָלן אים מיט דעם זעלבן — בענקען און ציִען זיך צו אים. אליין דער הויפּט־דאָקטער האָט זיך צוגעזעצט אף א בעטל און זיך גענומען צוהערן. לאַכן מיט אלע צוזאַמען פּאַסט אים ניט, כיכיקעט ער מיט איין זײַט מויל.

— כע־כע־כע! נו, דאָן זשואַן, עפּשער וועסטו אונדז נאָך עפּעס דערציילן?

דאָן זשואַן האָט נאָך א מײַלע, ער לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן. אָט די געשיכטעס, אויס־געטראַכטע, צי עמעסע, קאָן ער דערציילן טויזנט פּאַר איין נאַכט.

מיך האָט מען געשיקט אויסלאָדן א וואָגן האָלץ, וועלכן ס'האָט געבראַכט א נידעריקער, פולבלעכער פויער מיט אראָפּהענגענדיקע סיווע וואָנצעס. אָנגעטאָן איז ער אין פּאָסטעלעס און אין א העמד פון היימישער לײַוונט. אין די הענט האַלט ער א שטיק ברויט און א טונקעלע פלאַש מילך. דאָס האָלץ, וואָס דערמאָנט דעם גערוך פון הילצערנע שיסל און לעפל, איז שוין אויסגעלאָדן. איצט וואַרט ער, מע זאָל אים אַרויסטראָגן א דאָקומענט, אַניט וועלן אים די „רוכעס" ניט גלייבן. דערווײַל העלפט ער מיר אָפּטראָגן און צונויפלייגן דאָס האָלץ. מײַן אופמערקזאַמקײַט ציט צו א יונגע פרוי, וואָס איז אונטערגעשוירן ווי א ייִנגל, זי שטייט בא דער קאַליטקע, קנאַקט שוואַרצע קערלעך און שפּײַט געשיקט די לושפּײַקעס. אירע ליפּן זײַנען אזוי אָנגעפאַרבט, אז עס דאַכט זיך, אז די גאַנצע צײַט שמייכלט זי. פון אירע אויערן הענגען אראָפּ צוויי גלאַנציקע גרויסע מעשענע רינגלעך. זי בעט מיך אַרויסרופן קאָנסטאַנטין מאַלצעוון. איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן — דאָס מוז זײַן דער עלטסטער פון מוזיקאַלן וואָד.

געפונען האָב איך אים אין דער פּאַלאַטע פאַר שווער־קראַנקע. די, וואָס ליגן דאָ, זײַנען ענלעך אף מייסים. בא אָט די כמורע, שווײַגנדיקע מענטשן וואָלטן זײַנע באַרימערײַען און וויצן קיין דערפאָלג ניט געהאַט. נאָר זעט אויס, אז אויך ער האָט עס פאַרשטאַנען. אין דער האַנט האַלט ער עטלעכע פאַרגעלטע בלעטלעך פון גאָגאָלס „טאַראַס בולבא", וואָס סאַשע מוראַשאָוו האָט פּאָריקע וואָך געפונען אפן בוידעם.

איך בלײַב שטיין אף דער שוועל און הער זיך אײַן. ער לייענט וועגן דעם, ווי פיר טעג נאָכאַנאַנד האָט דער אַלטער אַטאַמאַן מיט זײַנע קאַזאַקן, מיט שטיינער און ציגל פון דער אײַנגעפאַלענער פעסטונג, זיך אָפּגעשלאָגן פון פײַנט. וואָלט ער זיך ניט געווען פאַרהײַעט, קעדיי אָפּזוכן אין גראָז די פאַרלוירענע ליולקע, וואָלט, מעגלעך, טאַראַס זיך געראַטעוועט. נאָר דער אַטאַמאַן האָט ניט געוואָלט, אז אפילע די ליולקע זײַנע זאָל אַרײַנפאַלן צו די פײַנטלעכע ליאַכעס אין די הענט.

„האָט מען אים פאַרכאַפּט און צוגעקרעמפּעוועט מיט אײַזערנע קייטן צום שטאַם פון א בוים, אים אָוועקגעשטעלט אזוי, אז אלע זאָלן זען, ווי מע קלאַפּט אַרײַן א צוויאָק אין זײַן האַנט. אונטער אים האָט מען צעלייגט א שײַטער. נאָר ניט וועגן פײַער, אף וועלכן מע האָט זיך געקליבן אים פאַרברענען, האָט געטראַכט טאַראַס. ער האָט געקוקט אַהין, ווו עס האָבן

זיך געשלאָגן זײַנע קאזאקן. פון דער הייך האָט ער געזען אַלץ ארום און הויך אף א קאָל קאָמאנדעוועט, מיט וועלכע וועגן זיי זאָלן זיך ראטעווען.

...און דאָס פײַער האָט זיך שוין אופגעהויבן איבערן שײַטער, פארכאפט זײַנע פיס און געשפרייט זיך איבערן בוים. נאָר צי וועלן זיך דען געפינען אף דער וועלט אזעלכע פײַערן, ליידן און אזא קראפט, וואָס זאָלן זײַן שטארקער פון דעם רוסישן קויעך".

געלייענט האָט ער לאנגזאם. אפילע זײַן שווײַגן איז געווען באדײַטנדיק, ווי ער וואָלט געגעבן די צוהערער צײַט זיך ארײַנטראכטן אין יעדן וואָרט. איך האָב געוואַרט, ביז ער האָט פארענדיקט, און דאן געפרעגט:

— איר זײַט קאָנסטאנטין מאלצעוו?

ער איז אופגעשטאנען, אויסגעגלײַכט די ביינער, און איבער מיר האָט א גליטש געטאָן א גלײַכגילטיקער בליק. איצט איז שווער געווען צו גלייבן, אז דאָס איז דער זעלבער מענטש, וואָס האָט ערשט אזוי אויסדריקלעך געלייענט גאָגאָלן.

— און אויב יאָ, איז וואָס? עפשער ווילסטו, כ'זאָל דיר אומקערן דעם פאראיאָריקן כויוו?

— גאָרניט וויל איך ניט פון אײַך. א פרוי רופט אײַך.

— טרא־ליא־ליא, — האָט ער לײַכט אונטערגעהוסט, ווי קיין גליקלעכערער פון אים וואָלט גאָר אף דער וועלט ניט געווען. — אזעלכע בסורעס האָב איך ליב. — ער האָט ארויסגעכאפט א קעשענע־שפּיגעלע, א קעמעלע און גענומען פאריכטן זײַנע געקרײַזלטע האָר, די וואָנצן. מיך האָט ער דעריאָגט אף די טרעפּ.

— זאָג, ווער מייסטו, בין איך געווען ביז דער מילכאָמע?

— א קלאָון אין א פּראָווינציעלן צירק.

— מאָלאָדיעץ. נו, און אין ארמיי?

— מיסטאמע א מוזיקאנט.

— פעכאָטע, שטיי און הער. געווען בין איך אן אגראָנאָם, און אין ארמיי א סאפּיאָר. איך זע, דו גלייבסט מיר ניט, מיינסט געוויס, אז איך בין געקומען אהער אף אן עקיפּאזש מיט ווייכע רעסאָרן, האָסטו, ברודערל, א טאָעס. אין פּראָטאָקאָל וועלן מיר פארשרײַבן: „יעדערער איז געבליבן בא זײַן מיינונג". און איצט שווים אָפּ, מאטילדע וואַרט אף מיר.

אין דער זעלבער צײַט, ווען מאלצעוו האָט זיך מיט א פריילעך לידל באוויזן אין הויף, האָט שומאָוו מעכאבעד געווען מאטילדען מיט א סיגארעט און פאריינס זי אָנגערירט באם נאקעטן עלנבויגן.

— פארשווינד, באָכערעץ, — האָט אים מאלצעוו גוטמוטיק דורכגעטריבן, און מאטילדען, כאָטש עס איז קאָנטיק געווען, אז זיי פארשטייען זיך אפּן ווונק, האָט ער הויך אף א קאָל געהייסן אָפּטרעטן ווײַטער פון דער קאליטקע, ווײַל „דאָרט, ווו ליבע, איז א דריטער איבעריק".

— גיך האָסטו זיך מיט איר צונויפגערעדט, — האָט אים דערנאָך שומאָוו מיט קינע א ליויב געטאָן.

— וואָס פאר א ווערט האָט עס בא אונדז? איינס, צוויי און פארטיק. מע דארף, באָכערל, קאָנען. אָט אזוי!

מאלצעוו איז צוגעגאן צום פויערס וואָגן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאנען אין הויף, א גלעט געטאָן דאָס פערד, באטראכט די ווײַסע בעלמע אף זײַן לינק אויג, פון וועלכן עס האָבן געטריפט טרערן, ארײַנגעקוקט דעם אין מויל, באטאפּט זײַנע פעדערשטע פיס.

— וואָס, יונגערמאן, עפשער קלײַבט איר זיך קויפן מײַן פערדל? — האָט דער פויער, ארויסציִענדיק פון דער קעשענע א קריסאלע מיט א קנייטל, בייז א פרעג געטאָן.

— ניין, פעטערל, — האָט מאלצעוו פארזשמורעט די אויגן, — אזא פערד קויף איך ניט. עס שפּאנט ניט אהין ווו מע דארף, — האָט ער זיך צעלאכט. — האקלאל, זאָג בעסער, פונוואנען איז דאָס געהילץ?

איך האָב דאן אפילע קיין טראכט ניט געטאָן, אז מאלצעווס ווערטער האָבן גאָר אן אנדער מיין. דער פויער האָט א קוק געטאָן אף אים פון דער זײַט און אָן כיישעק געענטפערט:

— פון וואלד.

— דאָס, פעטערל, פארשטייען מיר. איך בין אליין פון א וואלד־קאנט. דו זאָג בעסער, ווי ווײַט איז פונדאנען דײַן וואלד?

— וואָס איז דיר דער כילעק? זשאלעוועסט מיך?

— פארוואָס ניט?

דער פויער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ביטער א שמייכל געטאָן און ווי צו קיינעם ניט א זאָג געטאָן:

— א וואָלף האָט אמאָל ראכמאָנעס געהאט אף א שקאפּע... דו האָב בעסער אף זיך

אליין ראַכמאַנעס. וויאַ, גניידאַי, — האָט ער אַ צי געטאָן די האַריקע ראַגזשענע לייצעס און אזוי אַ געשריי געטאָן, אַז באַם פערד האָט אַ ציטער געטאָן די פעל.

מיט אַ שײַטל האָלץ אַף דעם אַקסל האָב איך זיך אויסגעגליַיכט און אַרײַנגעקוקט מאַל־צעוון אין פּאַנעם. נאָר בעסער וואָלט איך עס ניט געטאָן. קיין שום שפּורן פון כאַראַטע. אַט באַלד, דאַכט זיך, וועל איך פון אים ווידעראַמאָל דערהערן זײַן זאַרגלאָז־פרייליכן טראַ־ליאַ־ליאַ. נאָר ניין, ער פרעגט באַ מיר:

— פונוואַנען ביסטו?

— פון מאָסקווע.

— ווי רופט מען דיך?

איך דריי זיך אויס צו אים מיט דער פּלייצע, קלוימערשט נאָך אַ צווייט שײַטל האָלץ, און ענטפער אים:

— אַזוי ווי מע האָט מיר אַ נאָמען געגעבן.

מײַן ענטפער באַליידיקט אים ניט. ער טוט זיך זײַנס.

— צוליב וואָס האָט מען געבראַכט אהער דאָס האָלץ?

— אָט גייט דער אונטער־אָפיצער אווראַוו, ער איז דער עלטסטער פון לאַזאַרעט, איז פרעגט באַ אים.

מאַלצעוו, לאָזט זיך אויס, איז אַן אַקשן. ער שטייט ניט אָפּ פון מיר:

— ווי אָבער, אויב איך וויל מיט אים ניט ריידן?

— און מיט מיר ווילסט איר?

— כ'וויל.

— מאָדנע.

— פיו־ו־ו! — האָט ער אַ פײַף געטאָן. — און דו וואָס האָסט געמיינט? איצט איז אַ צײַט, ווען מע טאָר ניט באַטראַכטן אָלץ, ווי אַ ריינע מאַטבייע. איך פרעג באַ דיר נאָכאַמאָל — צוליב וואָס האָט מען געבראַכט אהער דאָס האָלץ?

אין קאָפּ האָבן זיך באַ מיר געטומען פּלאָנטערן געדאַנקען. עפּשער מאַכט ער זיך נאָר פּאַר אַ פיו־פאַ, ער איז שויך, דאַכט זיך, גאָרניט קיין פּוסטער באָכער. אַרײַנקוקן קאָן מען דאָך בלויז אין די אויגן, אָבער ניט אין דער נעשאָמע. איך ענטפער אים:

— מע קלײַבט זיך אַספּאַלטירן דעם דיל אין דער דעזקאַמערע.

— מיט האָלץ? — פאַרזשמורעט ער די עטוואָס אָפּשפּעטערישע אויגן.

אָט אַ צוטשעפּעניש! עס פעלט מיר נאָר, איך זאָל דורכפאַלן, ווי מיטן וואָרט „לאַטע". אין געפאַנגענשאַפט, ווי אין ערגעץ ניט, האָב איך זיך באַמיט אָפּריער באַטראַכטן ניט נאָר יעדן שפּאַן מײַנעם, נאָר יעדעס וואָרט. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז מע קאָן קיין קלוגער ניט זײַן. איך דערקלער אים:

— אין שײַער שטייט אַ קאַסטן גודראָן. מע דאַרף נאָך ברענגען זאַמד און אַ קעסל אַף צו קאָכן דעם גודראָן.

— פּאַקעדאַוואַ! — זעגנט ער זיך אָפּ מיט מיר און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. — כ'האָב אַמאָל זייער ליב געהאַט צו סמאָלעווען סלופּעס, און נאָך האָב איך ליב געהאַט שלאָפן אין וואַלד, זיך צוהערן, ווי עס קרעכצן די ביימער, אַרײַנעטעמען דעם טערפּקע רייך פון די סאָסנעס. עך, „פּעכאַטע, פּעכאַטע", דו ווייסט מיסטאָם אַפילע ניט, אַז קאָרן־בלימלעך שמעקן מיט האָניק און אַז וואַלד־גלעקעלעך זײַנען בלוי.

מאַלצעוו האָט קוים באַוויזן אוועקגיין, ווי שומאָוו איז אויסגעוואַקסן אַף זײַן אָרט.

— וועגן וואָס האָט איר עס אַזוי לאַנג געפּלוידערט?

צו דעם דאָזיקן ליבהאָבער זיך אַרײַנמישן אין פרעמדע געשעפטן בין איך שויך געוווינט.

— וועגן וואָס? וועגן טראַ־ליאַ־ליאַ.

— פּסו, — קאָן ער ניט אײַנהאַלטן זײַן געלעכטער, — ווי געפעלט אײַך דער פירשט אין די צעריסענע פּליודערן?

קראַמעץ, אווראַוו, שומאָוו און נאָך אַ פּאָר „אַריסטאָקראַטן" פון די קראַנקע „שנײַדן זיך" ביז שפּעט אין דער נאַכט אין איין־און־צוואַנציק. די קראַנקע באַמיִען זיך, אַז פּיפין זאָל באַ זיי געווינען, נאָר אַ פּאָר מאַטבייעס ווילט זיך זיי פּאָרט איבערלאָזן אַף מאָרגן. זיי ווייסן, אַז דער הויפּט־דאָקטער האָט פײַנט אויסשרײַבן פון לאַזאַרעט קאָרטן־שפּילער, וועלכע פאַרמאָגן נאָך געלט אין קעשענע. מאַלצעוו האָט אָפּגעגעבן פּיפינען זײַנע עטלעכע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַבי ער זאָל אים אָפּלאָזן אַף זײַן ליבע־באַגעגעניש. אַזוי טאַקע האָט ער געזאָגט:

— פאַר מײַן פאַרגעניגן וועל איך צאָלן מיט דײַטשישע מאַרקעס. איר ווילט וויסן, ווו וועל איך זיי נעמען? איז דער ענטפער: „ווער קאָן מיט מאַטילדען זיך גלײַכן, ווער קאָן?“

ווען דו גייסט אַרײַן אין דער פּאַלאַטע פאַר שווער־קראַנקע, נעמט זיך דיר דאַכטן, אַז זײַן געזונט איז פּאַשעט אַ פאַרברעכן. דאָ ליגן דרײַ אויסגעדייוועטע, צונויפגעשרומפּענע מענטשן. זיי זײַנען אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן, אַז קעדיי מאַכן אַ פּאָר שפּאַן, מוזן זיי זיך דראַפּען באַ די ווענט, זיך אָנכאַפּן פאַר די בעטלעך, פאַר דער טיר, נאָר אויך די ביינערדיקע פינגער פּאָלגן ניט. אין וואָס באַשטייט זייער קראַנקײַט? באַ יענעם, וואָס ליגט לעבן פענ־צטער, — זײַן פאַמיליע איז זאַבאַרע, — איז טובערקוליאָז. צײַטנווײַז נעמט זיך דאַכטן, אַז אים ווערט לײַכטער. דאָס איז דאַן, ווען דער פעלדשער זשאַלעוועט אים ניט קיין קאָדעין און ציט אַרויס מיט אַ שפּריץ דעם אייטער פון צווישן זײַנע ריפּן. לעצטנס האָט קראַמעץ אָפּגעשאַפן די דאָזיקע פּראָצעדור. ווײַל צוליב דעם איז נייטיק עפּעס אַ פּליסיקײַט, וואָס מע קאָן באַקומען אין יעטווידן דײַטשישן לאַזאַרעט, נאָר ניט דאָ. און ווײַטער, ווער ווייסט, מעגלעך, אַז פּיפּין באַקומט דעם פּרעפּאַראַט און זוכט פאַר אים אַ קוינע.

איין־און־איינציקער פאַל איז מיר באַוווּסט, ווען קאַרל האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו אָט דעם קראַנקן. אין פּאַלאַטע איז ער ניט אַרײַנגעגאַנגען, ער איז געשטאַנען לעבן דער שוועל באַ דער אָפענער טיר און ניט אופגעהערט פאַרגעבן איין פראַגע נאָך דער אַנדערער אַנאַטאָלי לעאָנידאָוויטשן, קראַמעצעס פאַרטרעטער.

— פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ קראַנקײַט? אַף וואָס רופט זיך עס אָפּ?

— פון הונגער, קעלט, פײַכטקײַט, שמוץ. באַ אים רופט זיך עס אָפּ אַפן האַרצן. אַפן אַלגעמיינעם טאָנוס פון אָרגאַניזם.

— דאָקטער, — האָט אים דער היטלעראָוועץ מיט כּעס איבערגעשלאָגן, — אַזעלכע באַבעמײַסעס קאָנט איר דערציילן אַן אַנדערן, אָבער ניט מיר. איך בין געווען אין די אָקאָפּעס און ווייס: ווער עס האָט נאָר אויסגעהאַלטן, דעם שאַטן ניט די דאָזיקע זאַכן. זאָגט מיר בעסער, וואָס פּאָדערט זיך, ער זאָל שנעלער געזונט ווערן און ניט ליגן דאָ, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן?

— וואָס? די זעלבע ווײַנטרויבן, וועגן וועלכע איר האָט דערמאָנט. וויטאַמינען פּאָדערן זיך, מילך, סמעטענע. נאָך בעסער איז קומיס, און די הויפּט־זאַך — פרישע לופט און פול־שטענדיקע רו. איך וואָלט אײַך געבעטן, מע זאָל אים כאָטש צײַטווײַליק איבערפירן אין אַ דײַטשישן לאַזאַרעט, ווײַל עס פּאָדערט זיך אַן אָפּעראַטיוו־כירורגישע אַרײַנמישונג.

אוואַראַוו האָט ניט געקאָנט באַשליסן — זאָל ער אַלץ איבערזעצן? דעריבער קלײַבט ער לאַנגזאַם אונטער די נייטיקע ווערטער.

— אויסגעשלאָסן. גענוג! — קאַרלס אויג האָט אַ בלישטשע געטאָן מיט אַן אומהיימלעך פײַערל. — מילך און סמעטענע קלעקן ניט פאַר אונדז, דײַטשן. איך בין ניט זיכער, צי ער פאַרדינט וואַסער. זאָגט, אַליין וועט ער זיך אַרויסקאַראַפּקען? צו דינסט וועט ער נאָך טויגן?

— עס טרעפט, ווען דער אייטער פון דעם פּלעוורע־כאַלעל עפנט זיך אין בראָנך און מע כאַרקעט אים אַרויס...

— פּלעוורע־שמעוורע, וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל־שפּראַך? איך פרעג, וואָס טוט איר, קעדיי זיך איבערצײַגן, אַהין אָדער אַהער?

— עסן און טרינקען באַקומט ער באַ אונדז נאָר קאַלטס. אָט זעט איר, עס שטייט לעבן אים אַ גלאָז וואַסער, זי איז צעפּירט מיט אַ לעפעלע זאַלץ. ער באַקומט אויך אַ מיקסטור, זייער אַ ביטערע, דאָס איז, דאַכט זיך, אַלץ.

— קלאָר. ער איז אומנוציק, ווי אַ שפּילקע אָן אַ קעפּל. אַף ווײַטער שיט וואָס ווייניקער זאַלץ. די מיקסטור גיט אים זעלטענער. אַזוי זעצט פאָר, ביז איך וועל אײַך ניט מיטיילן, וואָס דער שעף האָט באַשלאָסן.

באַ די איבעריקע צוויי קראַנקע, וואָס ליגן אין דער פּאַלאַטע, איז פאַרבליבן דער דיאַגנאָז, מיט וועלכן מע האָט געבראַכט אַהער צענדליקער יונגעלײַט, — „דיסטראָפיע“. אַזוי הייסט עס מיסטאָמע אַף לאַטײַן. אַף פּראָסט מאַמעלאָשן איז דאָס אַ קרענק, וועלכע נעמט זיך פון לאַנג הונגערן. איצט, ווען זיי האָבן שוין ברויט, קאַשע, קריכט זיי דער ביסן ניט אין מויל אַרײַן. צו זיי שטייט אַלץ צו. זיי קאָנען זיך בעשום־אויפן ניט באַפרײַען פון צינגאַ און פון דיזענ־טעריע. זיי, די צוואַנציקיאָריקע באָכערים, זײַנען טויט־בלייך און זעען אויס ווי אײַנגעבראָכענע זקיינים. וואָס עס זאָל אַרום זיי ניט פּאַרקומען, ליגן זיי פאַרטראַגענע, מיט אַ טרוקענער היץ אין מויל. ניט מע שלאָפט, ניט מ'איז וואַך, שטענדיק ליגן זיי אײַנגעדעקט, דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע, און פרעגט זיי עפּעס, איז ניט ווי זיי מיינט מען. פינף מאָל האָב איך זיך

געוועגדט מיט איין און דער זעלבער פראגע, ביז דער קראנקער האָט נאָך מער פארקרימט די ליפּן און געענטפערט:

— די פיס, זיי זייַנען שווער און טוען וויי.

אנומלטן איז אויסגעקומען בינדן דעם קראנקן, וואָס ליגט אין ווינקל. א שאָ נאָכאנאנד האָט ער מיט פארטייַעטן ציטער אזוי געוויינט, אז עס האָט זיך געדאכט, עס וועט ניט נעמען קיין סאָף צו זייַנע טרערן, וואָס פליסן פון די אויסגעסטארטשעטע אויגן. דערנאָך האָט ער גענומען רייַסן אף זיך דאָס אָנטאָן, גראבלען די קויטיקע שטשעטינע אף די באקן. דער פעלדשער האָט געזאָגט, אז בא אים זייַנען האַליוצינאציעס. דער דאָקטער — „א שארפער פסיכאָז". איך וויס ניט דעם כילעק צווישן אָט די צוויי באגריפן, נאָר ווי מע זאָל עס ניט רופן, ווינטש איך עס טאקע נאָר אונדזערע סאָנים.

אין מאָלעווער לאגער פלעגט מען פאר אזעלכע קראנקע קאָכן א געטראנק פון סאָסנע-נאָדלען, בערעזע-בלעטער, קאָרע פון דעמב. דאָ באקומען זיי אפילע דאָס אויך ניט. זעלטן ווער פון די מעדיקער קומט ארייַן אהער. ניט איך איינער האָב געהערט, ווי קארל האָט געפרעגט בא קראמעצן:

— אויב פאר דער ארמיי וועלן זיי שוין ניט טויגן, איז צוליב וואָס דארף מען זיי דאָ האלטן?

אין די פרייַע שאָען בין איך אָדער אפן בוידעם, ווו איך פארמאָג מיר א קליין אָפּגעזונדערט ביסעלע שטילקייַט, אָדער דאָ אפן דיל פון אָט דער פאלאטע. דאָ פיל איך זיך זיכערער, ווי אף די נארעס, אין צימער פאר די סאניטארן. מיר ווילט זיך אָפט, אז אפילע אויך באטאָג זאָל א געדיכטער נעפל אייַנהילן אלץ. אויך איצט ליג איך שא-שטיל אין דער פינצטער און קלער. ווען די לעוואָנע קוקט ארייַן אין פענצטער און צווישן די אייַזערנע בעטלעך צעציט זיך א בלייכער ליכט-פאס, וואָס זעט מיר אויס, ווי א גרויער וואסער-שטעג, פארוק איך זיך אין סאמע ווינקל.

טראכטן איז דאָ וועגן וואָס. אפילע א קנויל פון פעדעם קאָן זיך אזוי פארפלאָנטערן, אז עס זאָלן זיך פאָדערן שאָען אף אים צעוויקלען, הייַנט געדאנקען... מע זאָגט, די טעג וועלן די „פרייַוויליקע" צום ערשטן מאָל אָנטיילנעמען אין אן אָפּעראציע קעגן די פארטיזאנער. איז ווי וועלן זיך אופירן אָט די נעכטיקע סאָוועטישע מיליטער-געפאנגענע?

מיר דאכט, אז קיינמאָל האָט זיך מיר ניט געוואָלט אזוי ארייַנקוקן צו יענעם אין דער נעשאָמע, ווי צו די קראנקע, וואָס ליגן דאָ אין די פאלאטעס.

עפשער, טראכט איך, איז שוין פאראן אן אונטערערדישע גרופּע, עפשער וועט מען לויט זייער באפעל פארניכטן די דייַטשישע אינסטרוקטאָרן און די „קלאפּערס" — מאלינינען, מיראָנאָוון מיט זייַן קאָמפאניע, די כאָפּטע ווייַסגוואַרדייער. איך מעג שווערן, אז וועגן דעם טרוימט אויך כראָמאָוו. און עפשער נאָך עמעצער.

אויב אין די לאגערן פלעגט מען שטענדיק קלערן און ריידן וועגן עסן, האָט מען דאָ, אין לאזארעט, שטענדיק גערעדט וועגן די פארטיזאנער. אלעמען ווילט זיך וויסן, וואָס טראכט וועגן דעם זייַן שאָכן. דאָ זייַנען קימאט אלע ליבהאָבער פון שטעלן פראגן.

איך דערמאָן זיך, אז בא קיינעם האָט ניט ארויסגערופן קיין כשאד, ווען כראָמאָוו האָט גענומען דערציילן וועגן די מידעס פון וועלף.

— זומער פארקלייַבן זיי זיך אין שוער-צוטריטלעכע, געדיכטע, טויבע „טשאשטשעס", — האָט ער דערציילט, — אין טיפע פארוואקסענע באלקעס. דאכט זיך, אז קיין שום כייַע זידלט מען ניט אזוי, ווי דעם וואָלף. נאָר זייער ווייניק מענטשן וויסן, ווי דער וואָלף איז זיך מאקריוו פאר זייַן פרייַהייַט. ווער פון אייַך ווייסט, פארוואָס מע שטעלט ניט קיין קאפּקאַן פאר וועלף? איר שווייַגט? איז זייַט וויסן. מיט מייַנע אויגן האָב איך געזען שטעקן אין קאפּקאָן א וואָלפישן פוס. מיט די אייגענע ציין האָט ער זיך איבערגעריזעט די הויט, די אָדערן, דעם ביין — און אוועק. באטראכט זיך נאָר, סארא ווייטעק ער איז אויסגעשטאנען, אבי ניט ארייַנפאלן אין געפענקעניש.

דער זעלבער כראָמאָוו, וואָס איז, דאכט זיך, מאסקים געווען מיט מאלינינען, אז ווי נאָר עס וועלן א נעם טאָן די פרעסט, וועלן די פארטיזאנער זיך צעלויפן, האָט נאָכדעם דערציילט א געשיכטע, ווי אים איז אויסגעקומען א צייַט ווינטער אין א בייַדל, וואָס איז געווען באדעקט מיט בלעטער און מיט מאָך, און ווי ער האָט איינמאָל בייס א גרויסן פראָסט פארבלאָנדזעט. נו, איז וואָס? ער האָט צעשארט דעם שניי צווישן די קוסטעס, אויסגעבעט צווייַגן אין דער גרוב און, ווי איר זעט, אויסגעהאלטן, ניט פארפרוירן געוואָרן.

און נאָך טראכט איך וועגן סטעפען — וועגן טאָמעס מאמע, פארוואָס קומט זי ניט. מע

וואָלט באדארפט מיט איר א שמועס טאָן. עפשער וואָלט זי געפונען א מיטל אָף צו וואָרענען די פארטיזאנער...

— דו שלאָפסט? — פרעגט בא מיר שטיל זאבארע.

— ניין.

— העלף מיר, ברודערקע, צום לעצטן מאָל זיך ארומוואשן.

— באלד. נאָר פארוואָס, אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, צום לעצטן? אָדער עפשער האָט אָף אײַך געווירקט קראמעצעס פלאפלערײַ וועגן גוירל?

— נארישקײַטן. אפילע דער ניוזעניק פיפין ווייסט, אז דער גוירל קומט ניט אליין. פאָר־שעט, די טעג וועט מען אונדזער גאנצע פלאָטע ערגעץ אוועקפירן.

— וווהין?

— מעגלעך, צוריק אין א לאגער פאר געפאנגענע, — האָט ער קאלטבלוטיק געענט־פערט, — גיכער פאר אלץ וועט מען אונדז ערגעץ אין א ריוו דערשיסן.

— פוסטע רייד. אָדער איר רעדט פון היץ. גיט מיר נאָר אײַער האנט.

— די טעמפעראטור איז בא מיר אזא, ווי שטענדיק אין די שאָען. לײַגן אן אייגענעם מענטשן, ווען איך בין שוין מיט איין פוס אין קייווער, וועל איך ניט.

— אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש, איך פארשטיי ניט, פונוואנען ווייסט איר דאָס. קארל האָט אײַך דערציילט אָדער קראמעץ?

— א גוטער מענטש האָט מיך געוואָרנט. דו, ברודערקע, נערוויר זיך ניט. איך האָב וועגן דיר אויך גערעדט מיט אים.

— איר זײַט זיכער, אז דאָס איז א גוטער מענטש? אויב דאָס איז דער לעץ, וועלכן איך האָב הײַנט בא אײַך געטראָפן, איז נאָך א צווייפל. יענער קאָן, דאכט זיך, פאר א נעקייווע פאר־קויפן דעם טאטן מיט דער מאמען.

— האָסט א גרויסן טאָעס. האָב אין זינען — א שווערע קרענק עפנט אמאָל א מענטשן די אויגן. דײַן פארזיכטיקײַט געפעלט מיר, נאָר דאָ איז גרינג צו ווערן א פאכדן, וואָס שרעקט זיך פאר זײַן אייגענעם שאָטן. איבעריקע פארזיכטיקײַט קאָן אמאָל קאליע מאכן.

— וואָס קאליע מאכן, אלעקסיי ניקאָלײַעוויטש?

— פארגיב ניט קיין איבעריקע פראגן.

— יאָ, און דאָך איז פאר מיר זייער וויכטיק צו וויסן דעם עמעס וועגן אָט דעם מענטשן.

— איך מיין, אז דו וועסט מוזן בײַטן די מיינונג וועגן אים. ער זינגט טאקע ווי א נאכ־טיגאל, און בײַסן בײַסט ער, ווי א וואָלף. און ער ווייסט, ווען מע דארף בײַסן. וועסט זיך נאָך אין דעם אליין איבערצײַגן. דערווײַל, וועט ער בא דיר עפעס בעטן, איז באמי זיך ניט אָפזאגן, זאָל זײַן, אז דו טוסט עס צוליב מיר.

באנאכט האָט מיך זאבארע געבעטן, איך זאָל זיך ארויפלאָזן אפן ערשטן שטאָק אין דער קליינער פלאָטע און א קוק טאָן, צי האָט זיך אומגעקערט מאלצעוו.

— זאָלסט גוט א קוק טאָן, ווײַל אָנשטאָט אים קאָן ליגן אונטער דער קאָלדרע זײַן צוגויפ־געדרייטער שינעל.

גוט, וואָס ער האָט מיך געוואָרנט. אונטער זײַן קאָלדרע איז געשלאָפן גאָר א זײַטיקער מענטש, א שווארצער באָכער מיט א צעפאטלטער טשופרינע, מיט א ביסל א פאריסענער נאָז, וועלכן איך זע דאָ צום ערשטן מאָל.

א געשפרעך באם שײַטער

אין אלע פלאָטעס ווייסט מען שוין, אז מאָרגן וועט מען אלעמען אויסשרײַבן פון לאזא־רעט. מע קלײַבט זיך ווי אף א יאריד, מיט א רויש און מיט א טומל. די דרײַ שוואר־קראנקע וועט מען ערגעץ אריבערפירן. צוליב דעם וועט אהער קומען דער דײַטשישער שעף, וואָס איז דער הויפט־באלעבאָס איבער די פארעטער.

פיפין איז צעטראָגן. ער לויפט ארום א צעפאליעטער, ווי ער זאָל זײַן אָנגעלאָדן מיט פול־ווער. ווי אפצולאָכעס, האָט פון די ווענט און פון דער סטעליע זיך גענומען שיטן דער קאלך. ניט נאָר מיר, איך, וועטלוגין און מוראשאָוו, נאָר אויך שומאָוו און אפילע דער פעלדשער העלפן אונדז וואשן די דילן. אווראָוו שטייט אויך אף א טאבורעט און ווישט מיט פאפיר די שויבן.

ערשט נאָך זון־פארגאנג האָט מען געבראכט א וואָגן מיט זאמד. ביז פארטאָג דארף דער דיל אין דעזקאמערע און אין וואנע־צימער זײַן אספאלטירט. דאָס, וואָס עס וועט אויסקומען ארבעטן א גאנצע נאכט, איז פאר מיר גראָד ניט שלעכט. אווראָוו זאָגט, אז מאָרגן, ווען דער שעף מיט זײַן סוויטע וועט אהער קומען, וועט ער מיך זיך לאָזן אויסשלאָפן. פאר מיר איז

אוואדע בעסער זיך פֿאַרקלײַבן אין א טיף פֿאַרבאָרגן ווינקלֿ ערגעץ אפן בוידעם און קיינעם ניט מאָזאָלֿיען די אויגן. ערגער איז דאָס, וואָס דער קעסלֿ, אין וועלֿכן מיר דארפֿן קאָכן דעם גודראָן, איז צו קלֿיין און עס וועט אים אויסקומען עטלֿעכע מאָלֿ שטעלֿן אפן פֿײַער.

באַווײַזן אונדז, ווי מע דארף אספאלֿטירן, האָט זיך פֿרײַוויליק אונטערגענומען קאָנסטאנטין מאלֿצעוו. איצט זע איך, אז ער איז טאקע פֿלֿינק, ווי א פֿיש אין וואסער. דעם טשוהונענעם קעסלֿ ראט ער אופֿהענגען אף דעם לֿאנגן אײַזערנעם שטעקן איבער דער טיפֿער גרוב, ווו מיר פֿלֿעגן לֿעשן קאלֿך. ער לֿערנט אונדז, וויאַזוי צעלֿייגן א פֿײַער. הייסט אונדז צונויפֿקלײַבן וואָס מער טרוקענע שפענער, צווײַגן, קאָרע פון בערעזע. אונטערצינדן, וואָרנט ער אונדז, דארף מען פֿון דער זײַט, פֿונוואנען עס בלֿאָזט דער ווינט.

צוערשט לֿייגן מיר קלֿיינע שטיקלֿעך האָלֿץ, און ווען עס באַווײַזן זיך צעגלֿיטע קוילֿן, ברענגען מיר צו שלֿעפֿן היפשע קלֿעצער און אפֿילֿע א בערדיקן פֿניאָק, וועלֿכן די מורעשקעס האָבן אזוי באארבעט, אז ער איז דורכגעלֿעכערט ווי א רעשעטע.

— ווייסט, — דערקלֿערט ער אונדז, — פֿון צופֿילֿ האָלֿץ לֿעשט זיך דאָס פֿײַער.

מאלֿצעוון האָט פֿיפֿין ארויסגעטראָגן אן אלֿטן כאלֿאט און מיטגעטיילֿט, אז א דערלֿויבעניש אף אָנצינדן באנאכט פֿײַער איז שוין באקומען געוואָרן. אלֿיין איז ער, קלֿוימערשט, שטארק מיד און וועט זיך הײַנט לֿייגן פֿרי שלֿאָפֿן. אף מאלֿצעוון פֿארלֿאָזט ער זיך, ווי אף זיך אלֿיין. דערפֿאר וועט ער אים מיט דער צײַט ווי געהעריק אָפּדאנקען.

— אלֿץ וועט זײַן אין אָרדענונג, — בארויִקט אים מאלֿצעוו, — דאָס איינציקע, וואָס איך ווילֿ אײַך בעטן, איז ארויסגעבן מיר א דאָקומענט מיט א שטעמפּלֿ, אנדערש וועט מאטילֿדע מיר ניט גלֿייבן און ס׳וועט אויסקומען זיך זוכן אן אנדערע.

— קומט מיט מיר, — שמייכלֿט דער דאָקטער, — וועט אײַך אווראָוו געבן דעם שלֿיסלֿ פֿון דער קלֿאדאָווקע.

ווען זיי זײַנען אוועק, האָט סאשע מוראשאָוו מיר א זאָג געטאָן:

— אָט דער פֿיזשאָן, מאלֿצעוו, איז, דאכט זיך, גאָרניט אזא פֿוסטע קיילֿע.

— דו מיינסט? און עפּשער איז ער גאָרניט קיין פֿיזשאָן? פֿונעם ערשטן קוק איז שווער צו זאָגן מעווינעס.

— ווער דען? — האָט ער מיטן ארבלֿ א וויש געטאָן דעם פֿײַכטן שטערן.

— איך ווייס? שווײַג. ער גייט אהער.

קאָנסטאנטין רופֿט מיך, איך זאָלֿ אים באַווײַזן, ווו עס לֿיגט דער גודראָן. קעדיי זיך ניט צעבײַלֿן דעם קאָפּ אין דער נידעריקער סטעלֿיע פֿונעם שײַער, קומט אים אויס זיך אָנבייגן. מיר פֿאַרקלײַבן זיך אינעם ווינקלֿ, ווו עס לֿיגן פּאפּירענע זעק מיט צעמענט.

— זאבארע, — זאָגט ער, — האָט צו דיר א ביטע. ווי נאָר עס וועלֿן זיך באם שײַטער צונויפֿזאמלֿען מענטשן, איז גיב אים צו וויסן, אויב עס וועט נייטיק זײַן — העלֿף אים אראָפּ־לֿאָזן זיך פֿון די טרעפּ.

— דאָס קאָן איך ניט טאָן.

— האָסט מוירע פֿאר קראמעצן צי פֿאר שומאָוון?

דערווײַלֿ, באשלֿיס איך, איז בעסער ניט מאכן קיין וועזן פֿון זײַנע רייד.

— בא זאבארען, — ענטפֿער איך מאלֿצעוון, — איז א הויכע טעמפּעראטור. אין גאס איז א ווינט. איר ווייסט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן?

— פֿארזאָרג אים ניט, ער ווייסט אלֿיין וואָס צו טאָן. איצט איז ניט קיין צײַט פֿאר איבע־ריקע רייד. איך וועלֿ אים אָפּטרעטן מײַן אָרט באם שײַטער. און דו וועסט אים ארויסטראָגן די קאָלֿדרע און אים גוט אײַנדעקן. ווארט, אײַלֿ זיך ניט, דײַן כאווער, מיט וועלֿכן דו אר־בעטסט, פֿארטרויסטו?

ווען זאבארע זאָלֿ מיך פֿריִער ניט געווען וואָרענען, אז ער וועט בא מיר עפּעס בעטן, וואָלֿט איך מאלֿצעוון אָפּגעשיקט העט ווײַט, אָבער אזוי ענטפֿער איך:

— יאָ.

— איינער פֿון אײַך דארף שטיין באם ארויסגאנג פֿון לֿאזארעט און מיט א פֿײַף וואָרענען, אויב עס וועט זיך באַווײַזן א פֿארדעכטיקער. פֿארגעדענק. מיר האָבן גערעדט וועגן אספאלֿט, מער וועגן גאָרניט.

— גוט.

ס׳איז שווער צו זאָגן, ווער עס רייכערס מער: דער שײַטער אָדער די, וואָס האָבן אים ארומגערינגלֿט. מאלֿצעוו זיצט רײַטנדיק אף א קלֿאָץ, פֿילֿ פֿון די, וואָס האָבן זיך אהער צונויפֿ־געקלֿיבן, האָבן, דאכט זיך, שוין באַווײַזן פֿארזוכן דעם ביטערן טראָפּן.

פאַר מײַנע אויגן, ווי אַף אַ קינאָ־עקראַן, טראָגן זיך דורך מענטשן געקליידט אין דער טײַוול־אוניפאָרם. כ׳קאָן אפילע אַף קיין רעגע ניט פאַרגעסן, אז דאָס זײַנען ניט קיין אויסגע־טראַכטע שאָטנס, נאָר רעאַלע באַשעפענישן. וואָלט עמעצער פון זיי זיך בעסער צוגעקוקט צו מיר, וואָלט ער עפשער מיט פאַרגעניגן מיך איבערגעגעבן אין מיראַנאָווס הענט. איך ווייס, אז פריִער צי שפּעטער, נאָר דעמאַסקירן וועט מען מיך אַלציינס.

מאַלצעוו האַלט זיך אין איין ווײַלען. אַ באַכער מיט שווערע הענט און מיט אַ שווערן בליק בעט זיך בא אים:

— קאָנסטאַנטין, דערצייל עפּעס וועגן מאַטילדען.

וויל ער אָבער ניט. און כאָטש ער שווײַגט, ווייס איך, דאכט זיך, וועגן וואָס ער טראַכט און וואָס ער וועט באַלד ענטפערן.

— דערצייל, טײַוול איינער, — שטייט יענער ניט אָפּ פון מאַלצעוון.

קאָנסטאַנטין בייגט זיך אָן און רוימט אים אײַן אַ סאָד. אין אַ רעגע ארום פאַרגייט זיך דער באַכער אין אַ געלעכטער.

אַ צווייטער טײַנעט מיט אַ הייזעריקער שטים:

— איך שפּײַ אַף אַלעמען און נעם פון לעבן וואָס עס לאָזט זיך. מיר איז אַלציינס בערע־זעס צי ווילדע באַרנביימער. אז מע וועט מיר הייסן, וועל איך זיי אַלע אויסהאַקן. זאָל מען מיך נאָר האָדעווען. געלט שמעקט ניט, איינמאָל געלעבט.

— און אויב מאָרגן וועט אַ פאַרטיזאַנער, וואָס האַלט זיך צווישן די בערעזעס, דיר אַרײַנ־זעצן אַ קויל אין קאָפּ?

— פאַרוואָס עפּעס אין מיר און ניט אין דיר?

— וואָס פאַר אַ נאַפּקעמינע?

— „וואָס פאַר אַ נאַפּקעמינע“? ווי געפעלט אײַך דער יאָלדאַק? אין ווען עס וועט טרעפן די קויל, דעם וועט מען באַגראָבן. אָט זיצט מאַלצעוו. ער, זײַנע כעוורע מיט די טרומייטן האָבן שוין אויסגערעפּעטירט, וואָס צו שפּילן אין לעצטן וועג פאַר יעדערן פון אונדז.

— היי, שאַקאַלן, ווען לאָזט עס ניט צורו מײַן אַדעליקע פּערזאָן? אויב די פאַרטיזאַנער, וועגן וועלכע מע זאָגט, אז זיי זײַנען ניט קיין שלעכטע סנײַפּערס, וועלן אַלעמען אונטערשיסן, איז וויפל מאָל וועל איך זיך דאַרפן שלעפּן אַפן צווינטער? און וועגן מײַנע פּיס האָט איר אַ קלאָר געטאָן?

— שווײַג שוין, שפּילפויגל, — בייזערט זיך ניט אָף קיין קאַטאָוועס דער הייזעריקער, — אונדז שיקט מען אין פּײַער, און דו פוילסט זיך אָן איבעריקן בלאָז טאָן אין דײַן מעשענער טרויב. צוליב וואָס זשע פאַר אַ טײַוול דאַרף מען אײַך דאָ?

— אָט וועל איך דיר באַלד דערקלערן. אין לאַגער פאַר געפאַנגענע ביסטו געוווען? דאַרפסטו דאָך וויסן, אז אפילע דאָרט האָבן די דײַטשן געפאָדערט, אז דו זאָלסט ניט האַלטן אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מאָרגן וועסטו שטאַרבן פון הונגער, פון פעטש, די וואַך־הינט וועלן דיך אָף שטיקער צערײַסן, אָבער דערווײַל זײַ האָפערדיק, זינג. ביפראַט נאָך דאָ, מיט מוזיק וועלן מיר אײַך באַגלייטן. ווער עס וועט לעבן בלײַבן, דעם וועלן מיר ווידער מיט מוזיק באַ־געגענען. עס איז אויך, מיין איך, ניט אויסגעשלאָסן, אז אזא ווי דו זאָלסט באַקומען אַ ציילעם... אָף דער ברוסט מיין איך. איז ביטע. ווידעראַמאָל — מוזיק.

„אין לאַגער פאַר געפאַנגענע“... קוים האָט מען דערמאָנט דעם לאַגער, איז שוין שווער צו ריידן און צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. צו פריש איז נאָך די וווּנד. אפילע באַם „הייזע־ריקן“ טויכט אוף אין זיקאָרן דאָס פאַרגאַנגענע און דער פאַריבל קוקט ארויס פון זײַנע שווארצאַפּלען.

— געוועזן אַ צײַט, — דערמאָנט ער מיט אַ זיפץ, — ווען איך האָב שוין ניט געקאָנט גיין אָן עמעצנס הילף. טימאָשע, האָב איך צו זיך געזאָגט, ביסט קאַפּוט. אָבער איצט וויל איך און מוז בלײַבן לעבן.

— די פראַגע איז אָבער וויאַזוי לעבן, — ווי אַ מענטש צי ווי אַ פּאַכדן?

דאָס האָט געזאָגט זאַבאַרע, וועלכער האָט זיך ניט דערוואָרט אַף מיר און איז אַליין געקו־מען צום שײַטער. מאַלצעוו טרעט אים אָפּ דאָס אָרט און אַליין נעמט ער מיט אַ שטעקן קאַלויצען דעם שײַטער. אָנגעגליטע קוילעכלעך שפּרינגען מיט אַ טראַסק צום באַנאַכטיקן הימל און צײַ־כענען אין דער פינצטער אַ פּײַער־בויגן.

טימאָשע פאַרשטייט ניט, וואָס זאַבאַרע האָט געמיינט, נאָר ער פילט, אז דער מענטש וויל אים מיט עפּעס באַליידיקן. פאָדערט ער:

— דו דריי מיר ניט דעם וואָרטשעק. ווער איז אַ פּאַכדן? איך?

אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש ענטפערט רויִק. ער קערט אפילע ניט אויס דעם קאָפּ צו אים.

— אַף זיכער ווייס איך ניט. דערווײַל אייצע איך דיר האַלטן די הענט אין די קעשענעס, זיץ און היץ זיך ניט. וואָלסט געמעגט פאַרשטיין, אַז אומזיניקײַט און געוואַגטקײַט זײַנען גאָר פאַרשיידענע זאַכן. וועגן דעם, אַז מיר זײַנען פּאַכדאָנים, זאָגן איידעס די מונדירן, וואָס מיר האָבן אַרופגעצויגן אַף זיך. אַדעראַבע, זײַ אַ בעריע און דערווײַז מיר, אַז דאָס איז ניט אַזוי.

ניט טימאָשען, וועלכער איז געשטאַנען און געפינטלט מיט די אויגן, האָט דער ענטפער פאַרדראָסן, אופגעכאַפּט האָט זיך פון אָרט מאַראָזאָוו, וועלכן מע האָט די טעג אויסגעשריבן פון לאַזאַרעט. באַ אים האָבן די ציין אַזש געגומען קריצן פון קאַס.

— פאַר אַזעלכע ווערטער, — האָט ער זיך צעשריִען, — קאָנען מיר דיך מאַכן אַף אַ קאָפּ קירצער.

מאַראָזאָווס קורצזיכטיקע ליכטיק־גרינע אויגן זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן פאַרגליווערט, ווי צוויי שטיקלעך אײַז. איז אָט ווער אָט דער שטאַלטנער און באַשיידענער באָכער איז? זאָל זײַן, אַז קיין פּיִאָנער, קיין קאָמיוגיסט איז ער ניט געווען, נאָר פון דער ערשטער מינוט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָבן דאָך זײַנע טאַטע־מאַמע געטרוימט, אַז זייער זון וועט אויסוואַקסן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך. און ער — ווער איז ער? אַ פּאַכדן? ניין. אַ פּאַכדן, זאָגט מען, הייבט אָן בייס אַ געפאַר קלערן ניט מיטן קאָפּ, נאָר מיט די פיס. עפּשער האָט אים דער לאַגער דערפירט צו דעם? ניין, דאָס קאָן ניט זײַן...

אין געפאַנגענשאַפט האָט מאַראָזאָוו געהאַט גענוג צײַט זיך פאַרטראַכטן וועגן זײַן לעבן. איז אָט צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט! ווײַזט אויס, אַז קיין רעפּוע אַף היילן פאַרעטער האָט נאָך דערווײַל קיינער ניט צוגעטראַכט. אַזאַ מין באַשעפעניש דאַרף מען אויסוואָרצלען, ווי ווילדגראָז.

צוויי וועלטן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די, וואָס זײַנען איצט אָנגעשטרענגט־פײַנטלעכע געשטאַנען איינע קעגן די צווייטע. עס האָט זיך אפילע געדאַכט, אַז זיי ריידן אַף פאַרשיידענע לעשוינעס. באַ זאַבאַרען, וואָס איז געזעסן אָן אַ היטל, האָט דער ווינט געפּאַטלט די גראָוע האָר. עס האָט אים געפיבערט. זײַנע דאַרע ביינערדיקע הענט האָבן געציטערט. ס'איז קאָנטיק געווען, אַז ער איז גרייט צו אומדערוואַרטקײַטן.

— קיין העלדן, מאַראָזאָוו, זאָלסטו וויסן, ווערן ניט געבוירן. ווען דו פאַרמאָגסט כאָטש אַ קאָפּעטשקע מענטשלעכן געוויסן, וואָלסטו עפּשער אויך געקאָנט ווערן אַ שטיקל העלד. מײַן טאַטע פלעגט זאָגן: פאַרפלאַנצן אַ בוים איז נאָך אַ האַלבע זאַך, דער בוים דאַרף זיך נאָך צונעמען, אויסשטיין קאַלערליי געפאַרן, ווינטן, פאַרטריקעניש, פרעסט. און מיר זײַנען ניט בײַגעשטאַנען, מיר פוילן, ווי אונטערגעהאַקטעביימער. זעץ זיך צו, באָכער, דו שרעק מיך ניט מער. גלייב מיר, ס'איז אומזיסט דײַן טירכע. ווילסט, קאָנסטו פאַרשרײַבן מײַן פאַמיליע, מײַן נאָמען. זאַבאַרע אַלעקסיי רופט מען מיך. אַ זעצער בין איך געווען. מײַן היימישן אַדרעס קאָן איך דיר אויך געבן. קימער זיך ניט, איך וועל שוין אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. דו זעסט, איך כראַקע מיט בלוט, — זאַבאַרען איז באַפאַלן אַ שווערער הוסט. אַף זײַנע באַקן האָבן זיך באַוויזן בלויע אָדערלעך. ער האָט אויסגעשפּיגן אין אַ שמאַטקעלע דעם לייכעץ און ווידער זיך גענומען פאַר מאַראָזאָוון: — שעם זיך ניט. לויף נאָך מיראָנאָוון. ווען דעם באַלעבאָס כאַפּט דער מאָגן, האַלט זיך דער מעשאָרעס פאַר די פּליודערן... וואָס שווײַגסטו? דו ציטערסט, האָסט מוירע, אַז דו וועסט אַרײַנפאַלן צו די פּאַרטיזאַנער? איז וואָרט ניט, אַז עמעצער זאָל דיך מוטיקן און טרייסטן. עס עקלט פון דיר, ווי פון אַ שפּין. ווייס, אויב אפילע די נעקאָמענעמער וועלן פון דיר די הויט אַראָפּרײַסן, וועלן זיי אויך זײַן גערעכט.

אַלעקסיי ניקאָלײַעוויטש האָט גלענצנד אויסגעפּילט די ראָל פון אַ סטאַרטיאָר, עס האָט זיך בלויז געפאָדערט אַ סיגנאַל, אַז עס זאָלן זיך צעבינדן די צינגער באַם אוילעם. איצט האָט פון ערגעץ זיך דערטראָגן אַ גרילצערײַ פון טאַנקען און דערנאָך אַ שטיל געזאַנג, וועלכן די נאַכט האָט אײַנגעשלונגען. דאָס האָט עפּעס אַ פרוי געזונגען אָן אומעטיק־בענקענדיקע ליד. דער ניגן האָט גוט געפּאַסט צו דער שטימונג פון די מענטשן אַרום שײַטער. בלויז מאַלצעוו האָט נאָך פון צײַט צו צײַט קלוימערשט יִינגלש פאַרשײַט זיך געוויצלט און אונטערגעהעצט איין גרופּע קעגן דער צווייטער, נאָר אַז אויך אים איז ניט פריילעך געווען, האָט שוין געקאָנט אײַנזען אפילע אַ בלינדער.

— וואָס כקירעסטו? — פרעגט ער באַ יענעם, וואָס שפּאַנט הין און צוריק לעבן דעם שײַטער, ווי אַ זאַטע כײַע. — דיר האָט מען דאָך שוין געזאָגט, אַז דײַן קאָפּ איז נאָר אַף טראָגן אַ היטל. קיין סאָלדאַט דאַרף ניט קלערן, — און גלײַך כאַפּט מאַלצעוו אונטער די ווערטער פון אַ צווייטן: — ווייסט ניט, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון דעם, וואָס דער באַטאַליאָן פאַרמאָגט צוויי קאָמאַנדירן — אַ רוסישן און אַ דײַטשישן? באַלד וועל איך דיר דערמאָנען: אָן אייזל, וואָס פאַרמאָגט צוויי באַלעבאַטים, פּייגערט גיך.

עס איז שוין באַלד האַלב נאַכט. די שײַן אין די אַרומיקע הײַזער איז פון לאַנג אויס־געלאָשן. ערגעץ װײנט אַ קינד. אַף דער אויסגעברוקירטער פּוסטער גאַס הערן זיך זעלטן װען טריט פון אַ פאַרשפּעטיקטן דורכגייער. ס'איז ניט שװער צו דערקענען, אַז דאָס שפּאַנען סאָלדאַטישע שטיװל. פון צײַט צו צײַט קוקט אַרויס פון אונטער די װאָלקנס די לעװאָנע. אַפילע די שפּיר־הינט האַװקען ניט אַף איר, דערפאַר װילט זיך עמעצן פון די װאַך־לײַט זי פאַרהוילן מיט דרײַ העל־געלע ראַקעטעס, װאָס רײַסן זיך פּלוצעם אוף אין הימל.

פון שײַטער װילט זיך קיינעם ניט אַװעקגיין. דאָס אויג איז נאָך אַלץ ניט זאַט מיט דער שפּיל פון די פײַער־צונגען, װאָס דערעסט קיינמאָל ניט, פּונקט װי דער אומופהערלעכער געלויף פון יאַם־װעלן. איך דערמאָן זאַבאַרען:

— קראַנקער, שוין צײַט אין פּאַלאַטע. קומט.

מע נעמט זיך קלײַבן אין װעג. ניט שפּעטער פון צװעלף איז באַפוילן זיך מעלדן אין די קאַזאַרמעס. אַ באַכער אַן אַטלעט, מיט אַ פּאָר האַריק־אָדערדיקע הענט, מיט אַ בראָנזעװע־ברוין פּאָנעם, ציט זיך, װי אַ קאַץ. גאָר אומדערװאַרט באַװײַזט זיך אין זײַן אויג אַ טרער, זי טוט אַ ציטער און נעמט זיך קײַקלען איבער זײַן פאַרװאַקסענער באַק. ער טוט אַ שפּײַ דורך די ציין אין פײַער אַרײַן און זאָגט:

— מיך װאָלט ניט געאַרט אַנשלאָפן װערן דאָ באַם שײַטער און מער שוין ניט אופשטיין.

אַלעקסיי ניקאָלײַעװיטש, װאָס שטייט שוין באַ דער שװעל, דרייט אויס דעם קאָפּ און ענטפערט:

— נאַרישקײַטן רעדסטו, דאָס עגבערט דיך דאָס װערעמל פון שרעק. גיב גוט אַ טראַכט, װעסטו זיך איבערצײַגן, אַז אַלץ איז אין דיר אַליין געװענדט. מע דאַרף נאָר ניט זײַן קיין שטרויענע ליאַלקע, װעלכע מע קאָן קערעװען אין אַלע זײַטן.

עס איז ניט די צײַט און ניט דאָס אָרט צו זאָגן זאַבאַרען, װי איך בין אים דאַנקבאַר דערפאַר, װאָס ער האָט ניט מוירע געהאַט זאָגן דעם עמעס אַפילע פאַר אַזאַ אוילעם. קיין פּעדעמל צװישן זאַבאַרען און מאַראַזאָװן האָט זיך, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט אָנקניפּן. זאַבאַרע האָט אים גלײַך צעקײַט, אויסגעטיילט און ניט פאַרלוירן דעם גלויבן אין די, װאָס קענען נאָך צוריק װערן מענטשן.

...קראַמעץ האָט געלײַגט, װען ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט זיך לייגן שלאָפן. אָט זיצט ער ברייטלעך באַ דעם לאַנגן טיש און שפּילט אין קאָרטן. איין ברעם איז באַ אים אונטער־געהויבן. ער קאָן ניט אײַנזיצן אַפן בענקל, אַלע מינוט שפּרינגט ער אוף פונעם אָרט, נעמט זיך װיגן אַף זײַנע קורצע פיס. אַפּאָנעם, אַז ער האָט שוין צו גראָב געפּעלשט אין דער שפּיל. מיט אַ שמייכל אין די מויל־װינקלען און מיט אַ כניפּעדיק קאָל זאָגט אים אװעראָװ:

— הער האופּטמאַן, אַזוי איז ניט אָרנטלעך.

זאַבאַרע איז זייער פאַרמאַטערט. אװאַדע נייטיקט ער זיך אין רו, נאָר איך װייס, אַז צוזאַמען װעלן מיר זײַן ניט מער װי אַ פיר־פינף שאָ, און מיר װילט זיך נאָך אַזויפיל דער־װיסן זיך באַ אים. כ'װייס, אַז איך זינדיק, דאָך טו איך אַ פרעג:

— אַלעקסיי ניקאָלײַעװיטש, צי דען װעלן זיי ניט איבערגיין אַף דער זײַט פון די פאַרטיזאַנער?

זײַן שװײַגן האָט זיך איימעדיק־לאַנג געצויגן. איך האָב שוין פאַרלוירן די האָפענונג צו דערװאַרטן זיך אַף אַן ענטפער. נאָר איך האָב אים באַקומען.

— דו פאַרשטייסט? מיר דאַכט, אַז לײַטישע מענטשן זײַנען זייער אָפט ענלעך איינער אַפן צװייטן... דערפאַר איז יעדער פּאַסקודניאַק אַן אָריגינאַל, און ס'איז קימאַט אומעגלעך פאָרויסזאָגן, װאָס אַזאַ טיפּ קאָן אָפּטאָן. אַ פּאַסקודניאַק טראַכט בלויז װעגן זײַן אייגענער פעל.

איך בין מיט אים מאַסקים, און דאָך שטעל איך אים װידער די זעלבע פראַגע. זאַבאַרע טוט אַ זופּ פון קעסעלע די ביטערע גערשטן־קאַװע און זאָגט:

— דאָס איז געװענדט אין אַ סאַך זאַכן. דערװײַל, מיין איך, װעלן זיך פּרוּװן בלויז איינציקע. גאָט באַהיט, אַז די פאַרטיזאַנער זאָלן זיי אַלעמען באַטראַכטן װי אונטערגעשיקטע שפּיאָנען.

— װאָלט מען געדאַרפט זיי װאָרענען װעגן דעם.

— מע האָט געפּרוּװט, — ענטפערט ער מיט אַ טיפן קרעכץ, — נאָר דערװײַל אָן דערפאָלג. זיי, די, װאָס געפינען זיך אין װאַלד, קאָן מען פאַרשטיין: אַ פאַרעטער אין דער ראָל פון אַ נעקאָמענעמער — דו האָסט אַ באַגריף, װאָס דאָס הייסט?

— אַלעקסיי ניקאָלײַעװיטש, — שעפּטשע איך אים אַפן אויער, — איך קלײַב זיך אַנטלויפן. אויב ס'װעט זיך מיר אײַנגעבן, װעל איך זיי אַלץ גענוי דערציילן.

— װעגן דעם דאַרפסטו רעדן מיט מאַלצעװן. איך האָב אים אויך אַזוי פאָרגעלייגט.

איך דריק זאַבאַרען זײַן פּיִכטע, קאַלטע האַנט און שעפּטשע:

— אַ רויִקע נאַכט אײַך, פֿרײַנט מײַנער.

— אַ רויִקע, זאָגסטו? רויִקע נעכט וועלן ערשט שפּעטער קומען, אומבאַדינגט קומען.

אַז אַזעלכע מענטשן, ווי זאַבאַרע, זײַנען פֿאַראַן, אין דעם האָב איך קיינמאָל ניט געצווייפֿלט, נאָר אַז אַזאַ מענטשן וועל איך געפֿינען דאָ, דאָס איז מיר אַפֿילע אַפֿן געדאַנק ניט געקומען. פֿאַר דער מילכאָמע, — טראַכט איך, — האָט אַזאַ מיסטאַם געלעבט שטיל און אומבאַמערקט. ער דערמאָנט אָן אַ שטערן, וואָס שײַנט בלויז אין דער פֿינצטער.

דעם געשפּרעך מיט מאַלצעוון האָב איך באַשלאָסן ניט אָפּצולייגן. געטראָפֿן האָב איך אים זיצנדיק אַ פֿאַרקלערטן באַם שײַטער.

— קאָנסטאַנטין, — האָב איך גלײַך אָנגעהויבן פֿונעם איקער, — העלף מיר זיך אַרויסרײַסן פֿונדאַנען.

ער האָט מיטן בליק מיך אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און רויִק געזאָגט:

— לויפֿן אַליין איז קיין קונץ ניט.

— איך וועל דאָרטן ברענגען מער נוצן.

— דערווײַל ביסטו אונדז נייטיק אין לאַזאַרעט.

— פֿאַרשטיי מיך, קאָנסטאַנטין, איך קאָן דאָ שוין מער ניט בלײַבן.

— אַנומלטן, דאַכט זיך, האָב איך דיר שוין געזאָגט, אַז אין אַרמיי בין איך געווען אַ מיניאָר.

— נו, איז וואָס? — האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט דערמיט. באַ אַן אָנגעגליט קוילעכל האָט ער צוגערייכערט אַ פּאַפּיראָס, זיך שטאַרק פֿאַרצויגן און שטיל פֿאָרגעזעצט:

— דער קאָמאַנדיר פֿון אונדזער טייל איז געווען אַ געבילדעטער און קלוגער מענטש. ער פֿלעגט אונדז אָפֿט דערמאָנען, אַז אַ מיניאָר דאַרף האָבן געדולד, ווי אַ ביין־שניצער.

— וואָס דאַרף איך טאָן?

— צו דיר וועט זיך עפּשער ווענדן איינער, גאַניטשעוו, פֿון מוזיקאַלן וווזאָד. דאָס איז אונדזערער אַ מענטש. רוף מיר אָן אַ מעסקווער גאַס, וועלכע דו קענסט גוט.

— פּיראָגאָווע...

— דיך וועט ער אָנרופֿן „זעמליאַק“. און דו פֿרעג אים: „אויף וועלכער גאַס האָסטו געוווינט?“. אויב ער וועט דיר ענטפֿערן אויף פּיראָגאָווער, איז מעגסטו אים גלייבן. ער איז אין דײַן עלטער. אַ ביסל העכער פֿון דיר. אַ געזונטער און אויך אַ שוואַרצער, ווי דו. ער רעדט לאַנגזאַם און זעט אויס, ווי אַ פֿאַרשלאָפֿענער. איך מיין, דאָס איז גענוג, אַז דו זאָלסט קיין טאָעס ניט האָבן.

— מיר דאַכט, איך האָב אים שוין אַמאָל געזען.

— ווו?

— באַנאַכט אויף דײַן געלעגער.

— זעסטו, ווי מע דאַרף זײַן פֿאָרזיכטיק. אָבער דעמאָלט האָבן מיר קיין אַנדער ברייִרע ניט געהאַט. — מאַלצעוו כאַפּט אַרײַן אין מויל אַ גרעזל, נעמט עס קײַען. — האָבן מיר מיט דיר אָפּגערעדט? איצט וועק אויף מוראַשאָוון. איך גיי שלאָפֿן.

פֿון דעם הימל זײַנען אַנטרונען די לעצטע שטערן. דער שײַטער האָט שוין געגויסעסט. פֿון מאָל צו מאָל האָט אַ קליין פֿלעמעלע אַ לעק געטאָן די האַלאָווּעשקעס, אין דער געדיכטער פֿינצטערניש האָט איצט געלויכטן אַ שמאָלער פּאַס שײַן, וואָס האָט זיך געצויגן פֿונעם פֿענצטער, ווו עס זײַנען געזעסן די קאָרטנשפּילער. עס איז קאָנטיק געווען, אַז גיך וועט אָנהייבן גרויען אויף טאָג.

(סאָף קומט)

ניט פּובליקירטע לידער

נאָכאַמאָל וועל איך באַזינגען די ליבע

און נאָכאַמאָל וועל איך באַזינגען די ליבע,
עס קומט אַזאַ צײַט, אַז מע מוז ווערן ייִנגער.
פֿאַראַן אַזאַ יוגנט, וואָס גייט ניט אַריבער,
פֿאַראַן אַזאַ דראַנג, וואָס דו קאָנסט ניט באַצווינגען.

איז ווי זאָל איך זאָגן מײַן האַרץ — עס זאָל שווײַגן,
ווי קאָן איך דען הייסן, מײַן ליד זאָל פֿאַרשטילן.
אַ הירש, וואָס פֿאַרפּלאָנטערט די הערנער אין צווײַגן,
פֿון בענקשאַפֿט פֿאַרשמאַכט, גייט אויס פֿונעם ווילן.

איך וויל, ווי די זון, אַזוי אויסגיין אין פֿײַער,
דער ראַנד פֿונעם הימל זאָל גליִען אין פֿלאַמען;
די רעגע די לעצטע פֿון אָוונט איז טײַער,
איך קאָן מײַנע הייסע געפֿילן ניט צאַמען.

דו הער, ווי עס זינגען די פֿויגלען באַגינען,
ווי צאַרטקײַט מיט צאַרטקײַט רופֿן זיך איבער.
און ווער ס׳האָט זײַן גליק דורכן טאָג ניט געפֿונען,
וועט אויסגיין אין אָוונט פֿון בענקשאַפֿט נאָך ליבע.

אַ וועג אַזאַ לאַנגן צו דיר כ׳בין געגאַנגען,
ווי איינער דורך זאַמדן אַ דורשטיקער, מידער,
געהיט כ׳האָב אין האַרצן אַ שלאַל מיט פֿאַרלאַנגען,
איצט לייג איך דאָס אַלץ דיר צופֿוסנס אַנידער.

1960

אַ נעסט

1

קאָן זײַן, אַז אַ פֿייגעלע האָט ניט קיין טרערן
און קאָן, ווי אַ מאַמע בײַ מענטשן, ניט וויינען;
ס׳וואָלט אָבער געקלאָגט, ווען מע זאָל דעם צעשטערן
די נעסט מיט די נאַקעטע אייפּעלעך, קליינע.

ניט גרינג איז אַ ברעקעלע פֿויגל זיך האַלטן
אינמיטן אַ וואַלד, אַזאַ מעכטיקן, גרויסן,
מיט כאָכמע אַזויפֿיל די נעסט צו באַהאַלטן
אונטערן הימל, אין אָפֿענעם דרויסן.

אַ נעסט אויף דער ערד, ווי פֿאַרהענגלעך — גראָז,
די יעלן אַרום, פּונקט ווי ווענט צו באַשיצן;
עס זאָלן קיין שטורמישע ווינטן ניט בלאָזן,
ניט שלאָגן עס זאָלן די שלאַנגען — די בליצן.

דעם פויגל איך האָב ניט געמיינט צו דערשרעקן,
עס האָט מיך אוואדע מײַן נײַגער געטריבן
צו זען, ווי די קלייניקנע פליגלען פארדעקן
די אייגענע קינדער מיט שרעק און מיט ליבע.

די אייפעלעך האלטן די שנאָבלען נאָך אָפן,
און בעטן, און מאָנען, און פאָדערן — עסן!
מײַן אויג איז מיט פײַכטקײַט געוואָרן פארלאָפן —
אמאָל בין איך אויכעט אזוי־אָ געזעסן

פארטוליעט אין נעסט מיט צוויי נאקעטע קניִען,
געווארט, אז די מאמע זאָל זיך שוין באווײַזן.
אָט פונקט, ווי דאָס פייגעלע פלעגט זי זיך מיִען,
די מאמע די טרײַע, אונדז צערטלען און שפּײַזן.

1956

ווײַסע רויזן

אין א קרוג מיט וואסער פרישער —
ווײַסע רויזן אף מײַן טישל.
גיט מײַן הארץ א ציטער ווידער,
אויסגעבענקט זיך שוין נאָך לידער.
ווײַסע רויזן, בלעטלעך גרינע,
אף די שטענגלעך — שטעכערס דינע,
כ'נעם א צווײַג, צעשטעך די פינגער,
ווערט מיר פון דעם ווייטעק גרינגער,
ווערט מיר בעסער, ווערט מיר לײַכט,
און א קאַפּ די אויגן פײַכט
פאר מײַן טרײַ און ערלעך וואָרט,
יאָ, די רויזן שמעקן פאָרט.
ליבשאפט איז מיר נאָך פארבליבן,
כ'קאָן זיך נאָכאמאָל פארליבן,
נאָר אז גוט זאָל זײַן אונדז ביידן,

מוז איך, ווי מײַן מאמע ריידן,
מוז איך זאָגן, מוז איך טײַנען:
ליבע, טײַערע דו מײַנע...
זאָגן מיט מײַן הארציק וואָרט,
אז די רויזן שמעקן פאָרט...
ניין, ס'האָט גאָרנישט ניט געטראָפן,
ס'האָט זיך גאָרנישט ניט פארלאָפן.
זומער, נאָכן טאָג ווערט קילער,
קומט דער אָוונט אָן דער שטילער,
מיט דער שטילקײַט קומט די פּײַן,
גיסט זיך אין מײַן הארץ ארײַן.
עלנט בלײַב איך מיט מײַן וואָרט,
און די רויזן שמעקן פאָרט...

1949

די אלטע ערד

אָט די אלטע ערד,
זי וויל אלץ אייביק יונג זײַן,
זי וויל עמעצן געהערן.
זי האָט מײַן הארץ גערירט.
וויפל מאָל זי האָט זיך שוין אין גרינס געצירט
און געוויזן זיך אין פּראכט פאר ווײַטע שטערן.

אָ, די אלטע ערד,
זי וויל אליין ניט בלײַבן.
אין קרײַז מיט די גאלגאלים
דרייט זי זיך ארום דער זון:
עפשער וועט זי עמעצער פאר א געליבטער
קלײַבן.
ווי שווער עס איז איר אין דער אייביקײַט
די בענקשאפט שטילן,
אין די פארנעפלטע פאָרטאָגן

די בערג די שטיינערנע אף זיך צו טראָגן,
די אופגעוואכטע, נאָגנדע געפילן,
די יאמען שוימיקע,
די ווײַסע שנייען
און דעם גרויסן צאר
פון זון־פארגיי'ן...
טאָ וואָס זאָל איך שוין זאָגן —
איינער, א בען־אָדעם,
וואָס קאָן ניט צו קיין קרוין אפילע
פון א בוים דערגרייכן,
וואָס אין דעם גרינעם גראָז פארזינקען
מײַנע פיס
אזש ביז די קנעכל.

1961

פון האַרץ צו האַרץ

דאָס האַרץ באַם דר. בלײַבערג

עפשער וועט איר פרעגן דעם דר.
בלײַבערג,
ווי עס קלאַפּט דאָס שוואַרצע האַרץ
אין זײַן ווײַסן קערפּער,
און וואָס עס פילט, דאָס האַרץ דאָס
שוואַרצע,
ווען ווײַסע מענער
באַליידיקן שוואַרצע מענער
מיט שוואַרצע הערצער —
וואָס פילן דעמלט ווײַסע מענער?
און ווי וועט דר. בלײַבערג
זיצן מיט זײַן שוואַרץ האַרץ
צווישן ווײַסע באַזוכער.
אין אַ ווײַסער קאַפּע?
וועט ווי טאָן זײַן שוואַרץ האַרץ
אין זײַן ווײַסן קערפּער?
און עפשער איז זײַן שוואַרץ האַרץ
ערגער פון דעם ווײַסן?
פרעגט אים,
ווי פילט ער עס, דאָס נײַע האַרץ —
ווײַס אָדער שוואַרץ?
און טאָמער וועט ער קושן זײַן קינד,
זײַן ווײַס קינד,
וועט אים ניט שטערן זײַן שוואַרץ האַרץ?

און טאָמער וועט ער פאָרן אין
טראַמוויי פאַר ווײַסע,
וועט אים ניט שטערן
דאָס נײַע שוואַרצע האַרץ?
און ווען זײַן בלוט,
דאָס ריינע בלוט
אין זײַן ווײַסן קערפּער,
פליסן וועט דורך זײַנע ריינע אָדערן,
וועט עס ניט מאַכן שמוציק
דאָס שוואַרצע נעגערישע האַרץ?
און עפשער געפעלט אים ניט
זײַן נײַ האַרץ,
ווײַל ער האָט מוירע,
אַז ווײַסע מענער
מיט ווײַסע הערצער
וועלן אים פאַראַכטן,
ווי אַ נעגער? —
וועט ער פאַרלירן זײַן אַרבעט,
זײַן אָנזען, זײַן קאָוועד?
אָך, ווי אומרויִק
עס קלאַפּט דאָס שוואַרצע האַרץ
אין ווײַסן קערפּער
פון דעם דר. בלײַבערג...

לענינס שמייכל

שטייט אַ מיידעלע און וויינט
אונטער לענינס דענקמאָל.
„ווער האָט דיך, קינד, געקריוודעט?"
קוקט דאָס מיידעלע
אַף לענינס שמייכל
און זאָגט צו אים,
דעם אייגענעם, דעם גוטן,
ווי ס'איז איר שווער
און ווי זי בענקט,
דערציילט אים אַלץ,
ווי ס'איז געווען.

קוקט אַף איר לענין
אופמערקזאַם אַזוי,
גייט פאַרזיכטיק
פון דעם שטיין אַראָפּ
און גלעט מיט זײַן האַנט
איר געקרײַזלטן קאָפּ.
באַרויִקט זיך דאָס מיידעלע
מיטן פּאָנעם דעם בלייכן,
שטייען זיי ביידע,
זי און לענין,
און שמייכלען.

הײַנטצײַטיקע יוגנט

א מיידל גייט
אין אן איינפאכן מאנטל,
אין איינפאכע שיך,
וואָס קאָסטן זיבן רובל,
זי גייט און זינגט,
גייט און לאכט,
גייט און יובלט.
די האָר קורץ געשוירן,
די לאנגע פיס
אין קורצע הויזן.
ס׳קוקן איר נאָך
מענער און פרויען —
גוטמוטיקע און בייזע:
די הײַנטצײַטיקע יוגנט...

גייט א מיידל,
רייכערט א סיגארעט,
טאנצט — דרייט זיך אין טאקט,
א מיידל,
דאר ווי א שטרוי,
גלאנצט ווי לאק,
זינגט,
זינגט,
זינגט

אינמיטן גאס,
אין קאפע,
טאנצט אויס אפן טראָטואר
איר גרויסע ליבע,
ווי אן אלעפבייס מאָרזע.

גייט אן אלטער,
א ביסל גוטמוטיק,
א ביסל אין קאס:
„ווי וועט עס זײַן,
אז דײַן הימלאנד
וועט זײַן אין געפאר?"

הייבט אוף דאָס מיידל
איר שטאָלצן קאָפּ —
הויך, שלאנק, דאר
און ערנסט, ווי זי וואָלט געמאָנט:
„מיר ווייסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן,
מיר וועלן שטיין אף אונדזערע פּאָסטנס
ניט ערגער ווי איר..."

א מיידל, זאָג איך אײַך,
א ליבע און א קלוגע,
ענלעך אף א פרילינגדיקן טײַך.
די הײַנטצײַטיקע יוגנט...

דײַן שטאָט

אײַנגעהילט אין בלאָע פארבן,
ליגט דײַן שטאָט
מיט אלע אירע גאסן,
ווי אן ארבעטער,
וואָס האָט זיך
נאָך דער ארבעט אָפּגעוואשן,
ווי א יונגער באָכער,
וואָס קלײַבט זיך
מיט זײַן מיידל אין טעאטער.
ס׳ליגט דײַן שטאָט

מיט אירע קלייטן
פרייליכע און זאטע,
מיט אירע זאָרגן עמעסע
און אויסגעטראכטע.
גיי ארויס
בא זיך אין שטאָט
און אָטעם אָפּ
און ווארף ארוף
מיט שטאָלץ דעם קאָפּ.

מערדער

אין זאל איז שטיל:
מע מישפעט מערדער.
געווײנלעכע, אָרדינארע,
שטייען זיי
מיט בליקן
בלײַענע, שווערע —
שולדיקע, האכנאָעדיקע, געכאפּטע —
און קוקן אָף די ריכטער:
אָביעקטיווע, בעקאָוועדיקע, גע־
דולדיקע.

מערדער ווי מערדער:
בלוטיקע, רויבפייגלדיקע,
טויזנט יאָר די זעלביקע.
מערדער ווי טאָרבעס,
איינפאכע, ווי דער טויט.

אין זאל ווערט נאָך שטילער:
די מערדער
ריידן וועגן ליבע,
וועגן העכערע געפילן.
זיי האָבן, עלעמענטאר,
געהארגעט ייִדן...

דערציילט

איז זאָגט מיר, ייִנגלעך,
און דערציילט,
ווי איר האָט, זינגענדיק,
די אַרבעט צווישן זיך געטיילט,
ווי איר זײַט לוסטיקע
געפאָרן — ווער אין בראַטסק,
און ווער אין טײַגע
אין סיבירער.
די מיידלעך האָבן
הויזן אָנגעטאָן,
זיי זאָלן ניט פאַרפרירן.
איר האָט געגעבן
זיבן פולע נאָרמעס,
ווען איר האָט זיך
מיט ברויט, מיט קרויט,
מיט דאַרע ווורשט געקאָרמעט.
צו טאַטע־מאַמע בריוו געשיקט
מיט פּאָשעטע אַדרעסן,
און בענקענדיק
באַ שײַטערהויפנס וואַלדיקע געזעסן.
דערציילט עס די,
וואָס טרינקען ווײַן אין לאַנגווײַליקע,
רוישיקע קאַפעען,
דערציילט זיי, ווי עס שמעקט אין וואַלד,
ווי ס׳פאַלן שנייען
טיפע און געדיכטע —
ווי ס׳ווערט געבאָרן
דאָ דערבײַ
די הײַנטיקע געשיכטע.

ברויט

לעבלעך ברויט,
פרישע,
שמעקעוודיקע,
ווי טוי,
ליגן מעליקע,
טייגענע,
קאָרענע,
רוסישע,
היימלענדישע
אף ווײַסע טישטעכער.

לעבלעך ברויט,
וואַרעמע,
א ביסל צוגעברענטע,
מיט ברוינער הויט,
ווי באַ קינדער, —
ברויט מיט ליכטיקע אויגן.
לעבלעך ברויט,
אויסגעהאָדעוועטע,
אויסגעוואַקסענע,
קאָלכאָזנע,
ווי מיידלעך
מיט פלאַקסענע
בלאָנדע האָר —
זאַטע,
פרײַע,
לעבלעך ברויט,
וואָס ווייסן ניט פון נויט,
פון הונגער־טויט,
ליכטיקע,
פריילעכע,
צוגעטוליעטע
סאָוועטישע
לעבלעך ברויט.

בוזי מילער

דרײַ דערציילונגען

אין אנדער סאָף

מיט צוויי ליכטיקע זײַלן האָט די פאָרויסיאָגנדיקע שײַן פון די פארעס ארויסגעכאפּט פון ביידע זײַטן שנייִקן וועג קליינע ביימלעך מיט פארדארט־געלע בלעטער. די ביימלעך — אָט יאָגן זיי אָן, אָט פארשווינדן זיי, און ווײַטער ווערט דער וועג פארשלונגען.

אינווייניק, אינעם אונטערטאנצנדיקן, שוואך באלויכטענעם אווטאָבוס, א פולן מיט אָטעם־דאמף פון די מענטשן, וואָס זיצן דאָ, זײַנען די פענצטער מאט פון פראָסט. צווישן אָנגעפּעלצטע מאנצבלען און פרויען, וואָס פאָרן אין קאָלווירט, זײַנען מיר, עטלעכע שרײַבער און ארטיסטן, געפאָרן אף א ליטעראַרישן אָוונט אין קאָלווירטישן קולטור־הויז. ס'איז געווען קאלט, — נאָך ווארטנדיק, האָבן מיר זיך אָנגעפרוירן, — מע האָט געשוויגן.

אין דעם קאָלווירט, וווּהין מיר זײַנען איצט געפאָרן, בין איך שוין לאנג ניט געווען. מיט יאָרן צוריק פלעגט מיר אויסקומען צו זײַן דאָרט גאנץ אָפט, געהאט דאָרט באקענטע, פרײַנט.

וועמען פון מײַנע אלטע באקענטע, האָב איך געטראכט, וועל איך דאָ טרעפן? א שאָד איז געווען, וואָס איך וועל ניט טרעפן דאניִעל בערמאנען. נאָך אין יענע צײַטן, ווען איך פלעג דאָ זײַן, איז ער אוועק פון קאָלווירט. די געשיכטע, וואָס צוליב איר איז ער דעמלט געצוווּנגען געווען עס צו טאָן, האָב איך טאקע באשריבן אין דער דערציילונג, וועלכע איך האָב איצט געפירט מיט זיך.

דאניִעל בערמאנען האָב איך געקענט פון לאנג, נאָך פון יענע, שוין גאנץ ווײַטע יאָרן, ווען מיר זײַנען נאָך ביידע געווען יונג. א סטודענט, פלעג איך דעמלט אף קאניקולן קומען אין א יִידישן קאָלווירט אין זאפּאָראָזשיע — דאָרט האָבן געלעבט מײַנע עלטערן און דאָרט האָט געארבעט אויך ער, דאניִעל בערמאן.

דאָס איז געווען א וווקסיקער, א שטאלטנער באָכער. „ניט אזוי שיין, ווי מאָלע־כיין", — פלעגן מיידלעך ריידן וועגן אים צווישן זיך. א געדיכטע קוטשמע געקרויזטע פעך־שווארצע האָר, א פאָר בליציקע אויגן, א יונג מיט ביינער! א האלב דאָרף מיידלעך, — אזוי האָט מען געשמועסט, — זײַנען נאָך אים „די קאפּאָרע געוואָרן". און ער — פארטאָן אין ארבעט, איז פול געווען אומעטום, — ער איז געווען פון די, וואָס וויפל זיי טוען ניט, זײַנען זיי זשעדנע נאָך א ביסל הארעוואניע. איינער פון די ערשטע אָרגאניזאטאָרס פונעם קאָלווירט, האָט ער געהאט היפּש אויסצושטיין פון די באלעגופים. געווען בריגאדיר פון א פעלד־בריגאדע און סעקרעטאר פונעם קאָמיוג־קעמערל אין דאָרף.

אין עטלעכע יאָר ארום, שוין נאָכן פארענדיקן דעם אינסטיטוט, בין איך געקומען אפן ווײַטן מיזרעך. און דאָ האָב איך זיך אומגעריכט ווידער געטראָפן מיט דאניִעל בערמאנען. „ווי קומסטו אהער?" — פרעג איך. פּאָשעט, — ענטפערט ער, — נאָך דער מיליטער־דינסט איז ער פארבליבן דאָ, ווו ער האָט געדינט. די ווײַט־מיזרעכדיקע ערד מיט איר רויער ניט־גערירטקײַט, מיט איר שעפע, אפילע מיט די שווערי־קײַטן באם באהערשן זי, האָט אים געצויגן צו זיך. די ארבעט איז געווען פאר אים ווי אָנגעמאָסטן. ווען מיר האָבן זיך געטראָפן, איז ער שוין דאָ געווען פאָרזיצער פון א קאָלווירט, געהאט א פאמיליע. זײַן ווײַב, — טאקע איינע פון יענע זאפּאָראָזשער מיידלעך, וואָס זײַנען אמאָל נאָך אים דאָרט „די קאפּאָרע געוואָרן", צוויי קינדער — ייִנגעלעך. באיִשעווטער איז ער געוואָרן, געזעצטער, נאָר מיטן זעלבן ברען אין די בליציקע שווארצע אויגן.

ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן, אוועק אפן פראָנט. בא סטאלינגראד פארווונדעט געוואָרן, זיך אויסגעהיילט, און ווידער אפן פראָנט. מיטן שפּיץ פון שפּיז האָט ער אף א פארייכערטער וואנט פונעם רײַכסטאג אין בערלין אויך אָנגעצייכנט זײַן נאָמען — דאניִעל בערמאן. די מילכאָמע פארענדיקט אזש אין מאנטשזשוריע און צוריקגעקומען צו זיך אין קאָלווירט. דאָ האָבן אף אים געווארט די פרוי און צוויי דערוואקסענע באָכערים — שוין ביידע טראקטאָריסטן. ער האָט אראָפּגעבראכט אין קאָלווירט בא א צענדליק שלאכט־כאוויירים, צונויפגענומען ארום זיך דאָס בעסטע, וואָס איז געווען בא

אים אין טייל, — דאָס האָט ער אַלעמאָל געקענט, — ווי א מאַגניט־אײַזן, צוציִען צו זיך מענטשן.

עס איז אדורך א פּאָר יאָר, און דער קאָלווירט האָט זיך געשטעלט אַף די פיס. אזוי איז עס געגאנגען, ביז אין ראַיאָן איז אראָפּגעקומען א נײַער סעקרעטאר פון ראַיקאָם. פון אָנהייב אָן האָט דאניִעל ניט געהויזט מיט אָט דעם נײַעם סעקרעטאר. אָנגעהויבן האָט זיך דערפון, וואָס איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו זייען, ווי דער סעקרעטאר האָט באַפוילן (ער איז דעמלט אַליין אראָפּגעקומען אַף זײַן קרעם־קאָלירקער „פּאָבעדא“ אין קאָלווירט) אינעם נאָך געפרוירענעם באָדן, און האָט אָנגעהויבן דעם פארזיי מיט צוויי טעג שפּעטער. די גערעטעניש האָט ער דערמיט געראַטעוועט, זיך אָבער — ניט. און בייסן אָנהייב פונעם אראָפּנעם האָט ער דערצו נאָך די קאָלווירטניקעס ארויסגעגעבן אַן אַוואַנס, וואָס לויטן אײַנזען פונעם נײַעם סעקרעטאר איז עס אויך געווען ניט פון די זייער נייטיקע זאכן.

דאניִעל בערמאַנען האָט מען גערופן אין ראַיקאָם, איין מאָל און א צווייט מאָל. עס איז געגאנגען א רייד וועגן דעם, אז ער איגנאָרירט די אָנווײַזונגען, אז ער צעטרענצלט מעלוכיש גוטס, אז ער פירט זיך אוף אַנאַרכיסטיש. אזוי לאַנג, ביז מע האָט אין קאָלווירט אראָפּגעשיקט א נײַעם פּאָרזיצער. יענער האָט זיך אינגיכן אויסגעשטאַט א גאַנץ פײַנעם קאַבינעט (א פאַרקלענערטע קאָפּיע פונעם סעקרעטארס) און האָט פון דאָרט א גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין קליינגען — איבערגעבן סוואָדקעס.

— אין די סוואָדקעס איז אַלץ ווי געוווּנטשן — בעסער דאַרף מען ניט. און אינדערעמעסן — גאָר עפּעס אַנדערש, — אזוי האָט זיך דעמלט פאַרקלאָגט פאַר מיר דאניִעל בערמאַן.

ער איז איצט געווען א פּאָשעטער קאָלווירטניק.

— עס גייט דען אין מיר? — האָט ער מיר א צווייט מאָל געזאָגט. — דאָס האַרץ טוט וויי... ביז מיר האָבן דעם קאָלווירט אַף די פיס געשטעלט... לײַכט איז עס אָנגעקומען נאָך דער מילכאָמע? און איצט? נאָך קיין יאָר ניט אַוועק, און וואָס איז געוואָרן פון דער פערמע? געווען אַמאָל די בעסטע אין ראַיאָן. אַף ווינטער קיין לויט קאָנצענטראַטן... די גערעטעניש האָט מען באַצײַטנס ניט אראָפּגענומען, האָבן זיך אָנגעהויבן די רעגנס און א העלפט איז פאַרבליבן אין דער ערד. און וואָס וועט ווײַטער זײַן?

דאניִעל איז געווען ניט פון יענע, וואָס וועגן דעם, וואָס טוט זיי וויי, ריידן זיי נאָר צווישן פיר אויגן. ער האָט וועגן דעם א פּאָר מאָל אָפן גערעדט אַף א פאַרזאמלונג. אַף איינער פון זיי איז בײַגעווען אַן אינסטרוקטאָר פון ראַיקאָם, האָט ער זיך צו אים א נעם געטאָן ווי עס באַדאַרף צו זײַן: וואָס איז, עס געפעלן אים ניט די מעטאָדן פון דער אָנפירונג מיטן קאָלווירט? ער איז קעגן די אָנווײַזונגען?

ווען איך בין אינגיכן נאָך דעם געווען אין קאָלווירט, האָב איך דאניִעלן שוין דאָרט ניט געטראָפן. זײַן מישפּאָכע אויך ניט. ווער עס האָט געזאָגט, — ער איז אַוועקגעפאָרן אין זײַן געבורט־קאַנט, קיין זאַפּאָראָזשיע, ווער, — אז ער האָט זיך פאַרוואַרבירט אַף סאַכאַלין.

טאַקע דעמלט האָב איך אָנגעשריבן די דערציילונג וועגן מײַן פרײַנט. „וווּ ביסטו, דאניִעל בערמאַן?“ — מיט די ווערטער האָב איך דעמלט פאַרענדיקט די דאָזיקע דערציילונג, וועלכע איך האָב איצט מיט זיך געפירט.

דאָס קאָלווירטישע קולטור־הויז איז געווען געפּאַקט. פאַר די פאַרשפּעטיקטע האָבן אויסגעפעלט ערטער, און א סאַך אוילעם איז געשטאַנען בא דער טיר.

די גאַנצע צײַט, בייס עס זײַנען ארויסגעטראָטן צוערשט אַן עלטערער פּראָזאִיקער, דערנאָך א יונגער דיכטער, האָב איך זיך אײַנגעקוקט אינעם אוילעם אין זאַל, ווו איך בין שוין לאַנג ניט געווען, — אָט יענער איז, דאַכט מיר, קענטלעך, און אָט יענע אויך... אין דער ערשטער ריי איז געזעסן נאָך ניט קיין אַלטע פרוי מיט ברייטלעכע קינען פון מאָנגאָלישן שניט, מיט גלאַט פאַרקעמטע האָר, אין א ווײַס וואָלן שאַלעכל אַף די אַקסל, — דער היגער אַגראָנאָם — א דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט.

אַנטקעגן האָט פון א גרויסן פּאָרטרעט איבערן זאַל געשמייכלט לענין. און געדאַכט האָט זיך, אז זײַן שמייכל איז שײַעך צו אַלץ, וואָס דאָ קומט איצט פאָר.

ארויסטרעטן פאַר א דאָרשטיק אופמערקזאַמער אַאודיטאָריע איז פּונקט ווי שטעלן זיך אונטער א פאַרגרעסער־גלאָז. די מײַלעס און א מינדסטע פּגימע דערזעסטו מיט איבעראַשנדיקער בוילעטקײַט. א וואָרט: געדאַכט — ניט שלעכט, צום אָרט, דאָ דערזעסטו: עס טויג ניט. בא דיר איז געווען אָן אָנדײַט אַף א שמייכל — דער אוילעם לאַכט... אומגעריכט האָט זיך א קער געטאָן דער סיפּער־האַמײַסע — אין זאַל א ניט ווילנדיקער „האַ?!“

מיט מוירע צוערשט, דערנאָך זיכערער (דער אוילעם הערט) האָב איך געלייענט די דערציילונג. אָט פאַלן אין זאַל די לעצטע ווערטער:

„וווּ ביסטו, דאניִעל בערמאַן?“

נאָך דער פאָרלעזונג בין איך מיט א זײַטיקער טיר ארויסגעגאַנגען אין דער שטאַרק אָנגערייכערטער פאָיע. דאָ איז געווען ענג פון די

רעדלעך קאַלווירטניקעס און קאַלווירטניצעס. געשמעקט האָט מיט טוטין, מיט פּודרע און מיט שאָפּן־פּעלץ.

— אָט בין איך.

דעם מענטשן, וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָב איך ניט דערקענט. זיך אײַנגעקוקט. מיטאַמאָל האָט ער פאַר מײַנע אויגן אָנגעהויבן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַנדערן, וועלכן איך האָב יאָ אַמאָל געקענט. מײַן האַנט איז שוין אין זײַן גרויסער האַרטער וואַרעמער דלאָניע. מײַן בליק — אַף זײַנע פולבלעכע שמייכלענדיקע ליפּן.

— דאַניעל?

— נו, יאָ.

דער טאָן, — ווי קיין מער געוויינלעכע זאַך דערפון, וואָס ער שטייט איצט דאָ קעגן מיר, קאָן גאָר ניט געמאָלט זײַן.

— ווי׳אַרום? פונוואַנעט?

— אַ גאַנצן טאָג געפירט נאַוואָז אַפן פעלד. איך בין דאָ בריגאַדיר.

דער שמייכל, — ווי מיר וואָלטן ערשט נעכטן זיך צעשיידט.

— צום אָנהייב פאַרשפּעטיקט, שוין בא דער טיר געשטאַנען, — האָט ער זיך פאַרענטפערט מיט אַ הייזעריקלעך צוגעקילטער שטים. — געהערט אָבער, ווי דו שרײַבסט דאָרט צום סאָף: „ווו ביסטו, דאַניעל בערמאַן?‟ איז אָט. אָט בין איך.

און די אויגן — שמייכלען. ווו ווערט זיך אַהינטאָן דאַניעל בערמאַן? דאַניעל בערמאַן ווערט ניט פאַרפאַלן! פון פײַער און פון וואַסער גייט ער אַרויס גאַנץ.

ניט ער האָט דאָס געזאָגט, דאָס האָבן געזאָגט די אויגן זײַנע, שוואַרצע און בליציקע, ווי אַמאָל.

יענעם אָוונט בין איך ניט אַהיימגעפאָרן.

אינעם ניט גרויסן צימער, ניט רײַך אָרומגעשטעלט מיט מעבל, כאָטש מיט אַ טײַערן ראַדיאָ־אופנעמער „באַלטיק‟, — האָט געזעצט אַ וואַרעמקײַט פון דער גוט אָנגעהייצטער הרובע. און עפּשער איז הייס פונעם ביסל בראַנפן, וואָס מיר האָבן גענומען. אַנטקעגן — דער טונקעלער אַלקער. בערמאַנס ווײַב שלאָפט שוין. זי איז לאַנג געזעסן מיט אונדז. מאָרגן דאַרף זי פרי צו דער אַרבעט, זי איז אַ מעלקערן. אַ גרויסע געלע קאַץ פון סיבירער פּאַראַדע האָט זיך פּאַמעלעך אַרומגעדרייט באַם טיש. דערנאָך איז זי אַרופגעשפּרונגען אַפן טאַבורעט בא דער הרובע, זיך צונויפגעקנוילט. האַלב אין שאָטן פונעם אַבאַזשור גלאַנצן אָפּ אין די אָנגעגלעזטע רעמלעך אַף דער וואַנט מישפּאָכע־בילדער: דער עלטערער זון, זײַן פרוי און אַ ייִנגעלע. דער ייִנגערער צווישן רויטפלאָטלער.

— אַזוי איז דאָס, גוטערברודער... — מיט דער טונקל־גרויסער האַנט האָט דאַניעל גענומען אַ ליידיק גלעזל, דעם רעשט, אַ פּאָר טראָפּנס, אויסגעגאָסן און עס אַוועקגעשטעלט. — וואָס געווען, איז געווען.

פאַרטראַכטערהייט צוגעגעבן:

— געווען און — פאַרפאַלן!

דער זייגער האָט געוויזן דרײַ. מיר האָבן וועגן אַלץ שוין איבערגעשמועסט, אַלץ דערציילט, וואָס מיט יעדן האָט פאַר די יאָרן פּאַסירט.

— פונעם נעכטן לערנען מיר אָפּ — וואָס גוט, וואָס שלעכט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — לערנען אָפּ צוליב הײַנט, צוליב מאָרגן. צו וואָס זאָג איך עס דיר? אָט.

אַפן שטערן גלאַנצן בא אים טראָפּנדלעך שווייס. דאָס העמד צעכראַסטעט, מע זעט אָן די שליסלביינער און די האָריקע ברוסט. די קרויזן אַפן קאָפּ — שיטער און גראָו. די באַקן אײַנגעפאַלן, מיט לענגלעכע טיפע קנייטשן. בלויז אַף די אויגן האָט נאָך די עלטער קיין שליטע ניט געהאַט, זיי בליצן, ווי אין דער יוגנט.

— צוויי מיליאָן רעוועך האָט האיאַר באַקומען אונדזער קאָלכאָז, צוויי מיליאָן! מיט אַזעלכע געלטער קאָן מען זיך שוין עפּעס פאַרגינען, האָ? 49 דירעס אַוועקגעשטעלט און נאָך צוועלף אָנגעהויבן. און ס׳איז קאַרג, אַלץ קאַרג! עס קומען צו מענטשן, מע וויל אַרבעטן! מע פאַרדינט אַ שיינע פּאָר רובל. ס׳איז שוין ניט יענע פּאַסיקלעך, וואָס מע פלעגט אַמאָל אַרײַנשרײַבן אין די קאַלווירטישע ביכלעך אַף די טרודאָדני. אַלע כוידעש אַ לעבעדיקע פּאָלושקע, ווי אַף אַ זאַוואָד. אָט ווי...

אַ ווײַלע געשוויגן, דערמאָנט זיך:

— געדענקסט כאָטש, ביז מע פלעגט זיך עס אַמאָל דערופן אַף אַרבעט... און איצט? פּלאַניר אַזוי, אַז אַרבעט זאָל קלעקן פאַר אַלעמען! קיין קראַנקע — ניטאָ. אַנדערע צײַטן — אַנדערע שוועריקײַטן.

— וואָס איז ווערט דאָס אַליין, — זאָגט ער ווײַטער, — איך, אַ קאַלווירטניק, ווייס: מע געטרויט, מע פאַרלאָזט זיך אַף מיר! עס קומט ניט קיין אופאַלנאַמאָטשענע פון שטאָט מיר טײַטלען מיטן פינגער, ווו און וואָס און ווען איך זאָל זייען, ווען אַראָפּנעמען. איך האָב עס אַלעמאָל אַליין געוווּסט זייער גוט. בין איך דען זיך אַליין ווען־ניט־איז געווען אַ סוינע? האָ?

דאַניעל האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, אַ ווײַז געטאָן אין פענצטער:

— אָט איז מײַנער אַ שאָכן, די צווייטע שטוב, — נאַכמען בראַוורמאַן. אַ גרויסע מישפּאָכע, אַלע אַרבעטן. ווייסט, וויפל ער האָט פאַר אַ יאָר אויסגעאַרבעט? פיר טויזנט צוויי הונ־

דערט רובל מעזומען געלט. און ער וועט נאָך באקומען — דאָס איז אָן אָנהייב. פּילסט?

דאַניעל איז אָפּגעגאַנגען פון פענצטער און מיט ברייטע שפּאַן א מעסט געטאָן דאָס צימער.

— עס שמעקט איצט מיט אזא ארבעט, מיט אזא לעבן, — כאַלעמען האָט מען דאָך נאָר געקאָנט פון אזוינס!

ער האָט זיך נאָענט אָפּגעשטעלט קעגן מיר:

— איצט נעם עס, טאַפּ עס אָן מיט דער האנט.

אין דער באנאכטיקער שטילקייט פונעם צימער (מע האָט געהערט, ווי דער פראָסט טרעשטשעט אין דרויסן) האָט נאָך לאנג אָפּגעקלונגען זיין הייזעריקלעך צוגעקילטע שטים.

די קאַץ איז זיך אויסגעשלאָפן, אראָפּ פון טאבורעט און זיך גענומען רייבן בא אונדזערע פיס.

בערמאנס ווייב האָט פון אַלקער א פרעג געטאָן מיט פארשלאָפענעם כידעש:

— איר האָט זיך נאָך ניט געלייגט? מעשוגעז!

דאַניעל איז אף די שפּיץ פינגער צוגעגאנגען צו דער אלקער־טיר:

— שלאָף, שלאָף. מיר האָבן זיך א ביסל פארעדט.

שלאָפן האָט זיך אונדז ביידע ניט געוואָלט.

אינדערפרי האָט מיך דאַניעל בערמאן באגלייט צום אוטאָבוס.

— נו, און דיין דערציילונג וועסטו מוזן איבערמאכן, — האָט ער צו מיר א זאָג געטאָן מיט א געלעכטער. — וועסט מוזן מאכן אן אנדער סאָף.

איך בין שוין געשטאַנען אין דער טיר, ווען איך האָב דערהערט אים נאָכשרייען:

— גדענק זשע: אַן אנדער סאָף!

אין א ווײַלע ארום האָב איך זיך אומגעקוקט פון אוטאָבוס און אים דערזען — א וווקסיקער, א פעסטער, האָט ער מיט דער קאַיאַריקער פראָסטיקער גאס געשפּאנט צו די קאָלווירטישע פערמעס.

שוועסטערלעך

לינע און לענע — אזוי הייסן די שוועסטערלעך. און פונקט ווי די נעמען זייערע, שיידן זיי זיך קימאט ניט אונטער איינע פון דער אנדערער: ביידע פולינקע, מיט טונקל־בלאָנדע צעפּ, אַלציינס איבערגעבונדענע מיט ווײַסע באנטן; בא ביידן גרוי־בלויע אויגן, ראָזע בעקלעך, בא ביידן די נעזלעך א קאפּעלע פאריסן. ניט מער, לענע איז אף צוויי יאָר עלטער. און פרעגט שוין ניט, ווי לינע איז איר, זינט זי געדענקט זיך, דערוף מעקאנע. און עס איז טאקע דאָ אף וואָס!

לענען האָט מען שוין געקויפט א שול־פּאָרם, א רענצל, און זי איז אוועק אין שול; לינע האָט נאָך גאנצע צוויי יאָר, טאָג־איין, טאָג־אויס, געשפּאנט אין קינדער־גאָרטן. און ווען לינע איז ענדלעך אויך אוועק אין שול, איז צו יענער צייט שוין לענע געווען א פּיאָנערקע מיט א רויטן האלדזטוך.

איצט איז לינע שוין אין זעקסטן קלאס. אָבער אַלץ זאָגט איר די מאמע:

— ביסט נאָך א קינד.

לינע האָט זייער ליב איר מאמע. זי האלט, אז אזא מאמע האָט מער קיינער ניט. און ניט נאָר דערפאר, פארשטייט זיך, וואָס די מאמע אירע איז דער בעסטער בריגאדיר אף דער ניי־פאבריק און איר פּאָרטרעט נעמט מען ניט אראָפּ פונעם שטאָטישן ערן־טאָוול. נאָר אָט די ווערטער קאָן איר לינע ניט מויכל זיין.

לענע איז אין אכטן קלאס. זי קאָן שוין מאכן אן אויסוואָל — אָדער פארבלייבן אין שול ביזן צענטן קלאס, אָדער אוועקגיין אין דער פּעדאגאָגישער צי אין דער מעדיצינישער שול.

— לענע איז שוין א זעלבשטענדיקער מענטש! זאָלסט זיך צו איר ניט גלייכן, — זאָגט די מאמע. און דאָס איז לינען אויכעט שווער איר מויכל צו זיין.

קיינמאָל אָבער איז נאָך לינע אזוי ניט מעקאנע געווען דער שוועסטער, ווי פאָריקן זומער. א קלייניקייט — לענע איז דאָך געפאָרן אין ארטעק!

אין יענעם רו־טאָג, ווען דער בריוועטרעגער האָט געבראכט לענעס ערשטן בריוו, איז די מאמע גראָד געווען אפן מארק און לינע מיטן פאָטער אין שטוב. מיט איר פאָטער האָט זי שטאָלצירט ניט ווייניקער, ווי מיט דער מאמען. ער איז געווען א מייסטער אף א גרויסן זאוואָד, א גוטער מייסטער, און מע האָט אפילע א פּאָר מאָל געשריבן וועגן אים אין צייטונג.

איבערגעלייענט דעם בריוו, איז לינע לאנג געזעסן פארטראכט, דערנאָך א זאָג געטאָן:

— טאטע, וואָס איז אזוינס, — א ווײַלע האָט זי עטוואָס מאָדנע געקוקט אפן פאָטער און פארענדיקט: — וואָס איז אזוינס — קאָמוניזם?

אין אירע גרוי־בלויע אויגן האָבן בעשאָס־מײַסע געשײַנט כיטרע פײַערלעך, ווי בא איינעם, וואָס אַליין ווייסט ער שוין גוט דעם ענטפער און וויל נאָר וויסן, צי ווייסט אויך יענער, בא וועמען ער פרעגט.

דער פאָטער האָט א ווײַלע פארכידעשט זי אָנגעקוקט. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך:

— קאָמוניזם...

פארשטאַנען, אז ער וויל איר עפּעס לאנג אָנ־

הייבן ברײַען, האָט זי קאַפּריז אונטערגעצויגן א ליפּל, אים איבערגעשלאָגן:

— נאָר מיט איין וואָרט.

— וואָס הייסט מיט איין וואָרט? — האָט ער ניט פאַרשטאַנען.

— מיט איין וואָרט דערקלער.

דער פאָטער איז געבליבן אין פאַרלעגנהײַט. און זי האָט באלד אויסגעשאָסן:

— ארטעק!

— וואָס „ארטעק"?

— קאָמוניזם — דאָס איז ארטעק.

איר געדאנק איז צום פאָטער ניט באלד דערגאנגען. האָט זי אף זײַן גרויסער טונקעלער האנט מיט די גראָבע צעקארבטע פינגער אוועקגעלייגט איר ווײַס דין הענטל:

— פאַרשטייסט, — דאָס גאנצע לאנד — איין ארטעק! די וועלט, נו, — די גאנצע וועלט — איין ארטעק. פאַרשטייסטו שוין? און דאָס איז — קאָמוניזם.

— די גאנצע וועלט — איין ארטעק, זאָגסטו? — דער פאָטער האָט זיך הילכיק, מיט פאַרגעניגן פאַנאנדערגעלאַכט. — דאָס וואָלט טאַקע זײַן ניט שלעכט!

זון, יאַם, שיינקײַט, וואָס מע קאָן זיך מיט איר קיינמאָל ניט אָנזעטיקן. אין דער לופט — קיין שטויבעלע. פרייד. געזונט. פרײַהײַט. און דאָס אלץ — אָן צוימען, אָן גרענעצן, פאַר אלעמען. אזוי שטעלט זיך פאָר זײַן טאָכטער קאָמוניזם.

שפּעטער, ווען ער האָט דערציילט דער פרוי דער טאָכטערס אײַנפאַל, האָט יענע אים מיט א שמייכל געענטפערט:

— נו, וואָס האָסטו געמיינט, נארישע קינדער האָבן מיר?

ווען לענע, א בראָנזן־ברוינע פון דער דאָרעמדיקער זון, ווי אף אייביק א דורכגעוועבטע מיט יאַם־לופט, אָן אָנזיכטיק אונטערגעוואַקסענע, ווי עס וואַקסן אלעמאָל אונטער קינדער אפילע פאַר א קורצער צײַט, וואָס מע זעט זיי ניט, איז אהיימגעקומען אָן איבערפולטע מיט וווּנדערלעכסטע געשיכטעס וועגן אלץ, וואָס זי האָט געזען, איז לינע פון איר ניט אָפּגעטראָטן און אלץ געמאָנט, זי זאָל דערציילן נאָך און נאָך. נאָר מער פאַר אלץ איז זי מעקאַנע געווען דער שוועסטער אף איר נײַעם פּיאָנערישן האלדזטוך.

...פאַרטאָג. די זון איז נאָרוואָס אופגעגאנגען...

הערנדיק מיט א פאַרטײַעטן אָטעם לענעס דערציילונג, זעט מאַמעש לינע, ווי א רויטער קײַלעך, א פרישער, אָן אויסגעבאָדענער, קײַקלט זיך פון יאַם ארויס. מיט א שטילן שאָרכען לאַשטשעט זיך צום ברעג א כוואַליע נאָך א כוואַליע. אליין די כוואַליעס זײַנען גרינבלעךבלוי, און די רוקנדלעך זייערע — ראָז. און

אפן ברעג שטייען צוויי מיידעלעך. פון זיי פאַלן אוועק אין דער ווײַט לאנגע שאָטנס. איינע איז לענע, די אנדערע — וועליטשקאַ. וועליטשקא באַקאַלאָווא. זי איז אין לענעס עלטער. לערנט זיך אויך אין אכטן קלאַס. א טונקעלע, מיט לענגלעכע שווארצע אויגן. אז זי רעדט רוסיש, קאָן מען זי ניט גלײַך פאַרשטיין. זי איז פון סאָפיע. געווען אפן פעסטיוואל און געקומען קיין ארטעק, פאַרבראַכט דאָ צוויי וואָכן. מיט לענען האָבן זיי געלעבט אין איין קאָרפּוס. זיך באַפרײַנדעט. הײַנט פאָרט וועליטשקא אוועק. דערפאַר האָט זי אזוי פרי ארויסגערופן לענען אהער צום ברעג יאַם.

דאָ האָט זי פון זיך אראָפּגענומען איר האלדזטוך, אים אף א ווײַלע צוגעדריקט צו די ליפּן און אויסגעשטרעקט דער כאַווערטע... לענע האָט פּאַמעלעך אראָפּגענומען איר האלדזטוך, אים אויך א קוש געטאָן און אויסגעשטרעקט וועליטשקען... קעגן דער אופגייענדיקער זון האָבן איין ווײַלע ביידע האלדזטיכער געפלאַטערט בא די מיידעלעך אין די הענט.

אזא איז געווען די געשיכטע פונעם האלדזטוך, וואָס לענע האָט געבראַכט פון ארטעק.

דערנאָך האָבן צו לענען אָנגעהויבן אָנקומען בריוו מיט שיינע אומבאַקענטע מאַרקעס און מיט סאָפיער פּאָטשט־שטעמפּלען.

איז מעגלעך אף אָט דעם אלץ ניט מעקאַנע צו זײַן?

אין איינעם א טאָג, שוין ניט ווײַט צום סאָף לערניאָר, א טאָג, ווען די ביימער האָבן שוין געשימערט מיט גרינעם פלאַם פון ערשטע בלעטער, איז לינע א שטאַרק ניט צופרידענע געקומען פון שול.

— וואָס ווידער? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— גאָרניט.

אמאָל באַטײַט דער דאָזיקער „גאָרניט" בא לינען א „פינף" פאַר א דיקטאַנט און אמאָל — א „פיר" פאַר אופירונג. הײַנט האָט ער באַטײַט גאָר ניט קיין פריילעכע זאַך.

אפן לעצטן לימעד, — האָט לינע אָן כיישעק גענומען דערציילן, — האָט מען אין קלאַס פאָרגעלייענט אָן אויסצוג, וואָס איר איז שוין געווען באַקאַנט. איז איר געוואָרן לאַנגווײַליק. האָט זי גענומען מאָלן בא זיך אין העפט. די לערערן האָט באַמערקט, האָט לינע אופגעהערט. דערנאָך איז איר ווידער געוואָרן לאַנגווײַליק. האָט איר די לערערן געשטעלט א „פיר".

— אויך מיר, — האָט לינע מיט אָנגעבלאָזענע ליפּלעך פאַרענדיקט. — א גאנצע וואָך האָב איך זיך אזוי גוט געפירט. אפילע קיינעם ניט אונטערגעזאָגט.

די מוטער האָט זי שטרענג אויסגעמוסערט, דערנאָך צוגעגעבן:

— א שאָד, וואָס גראָד הײַנט איז דאָ פּאַר דיר עפּעס אַזוינס, וואָס דו האָסט עס גאָרניט פאַרדינט.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום סערוואַנט, געעפנט דאָס געגלעזטע טירל. געוויינלעך נעמט זי פונדאַנעט אַרויס פאַר לינען נאַשערײַען — אַן עפּל, א מאַראַנץ. הײַנט האָט זי געהאַלטן א בריוו.

— פאַר לענען?

— פאַר דיר.

— פאַר מיר?

עפּשער האָט זיך לינען דאָס געכאַלעמט? נאָר קאָן דען אין כאַלעם אַזוי צאַפּלען דאָס האַרץ? א בלעטל פון א העפט, און אַף דעם — קײַלעכדיקע אויסיעס. אי רוסיש, אי ניט רוסיש...

„דראַגאַ", „דראַגאַ לינאַ". נו, יאָ, — „טײַערע לינע"...

— ווער זשע שרײַבט עס?

לינע טאַנצט אונטער און שרײַט אויס פאַר פרייד:

— ס'איז דאָך וועליטשקעס שוועסטער!

— נו, יאָ, — ענטפערט די מאַמע. זי האָט שוין געלייענט דעם בריוו. זי כידעשט זיך גאָרניט. לענע האָט אָנגעשריבן וועליטשקען, אַז לינע איז איר מעקאַנע און וואָלט אויך געוואָלט באַקומען בריוו פון עמעצן פון בולגאַריע. וועליטשקאַ האָט א שוועסטערקינד אין לינעס עלטער. זי לערנט זיך אין פינפטן קלאַס. ראַדינקאַ הייסט זי — ראַדינקאַ טערזיִעוואַ.

— אוי! — האָט לינע א שײַנענדיקע צוגעדריקט דעם בריוו צום האַרצן. — אייניקע ווערטער זײַנען איר ניט פאַרשטענדלעך, נאָר דער זין איז קלאָר.

זי וועט זײַן זייער צופרידן, — שרײַבט איר דאָס אומבאַקאַנטע מיידעלע, — זיך איבערצושרײַבן. זאָל זי איר אָנשרײַבן, ווי לערנט זי זיך, ווי פאַרברענגט זי די פרײַע צײַט. זי, ראַדינקאַ, לערנט זיך גוט. רוסיש לערנט זי אויך. נאָך די לימודים שפּאַצירט זי אָפט מיט די כאַווערטעס אין סאָפיער פּאַרק. „דער פּאַרק פון פרײַהײַט" הייסט ער. דאָרט שטייט א גרויסער אַלטער דענקמאָל — א דענקמאָל פאַר די רוסישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן נאָך אין 1878 יאָר צעקלאַפּט די טערקן און באַפרײַט בולגאַריע. און נאָך וויל זי איר אָנשרײַבן, אַז די טעג האָט זי זיך זייער געפרייט — זי האָט מיט די אייגענע אויגן געזען פליִען א רוסישן ספּוטניק.

ווען דער פאָטער איז אַהיימגעקומען פון באַנאַכטיקן אומבײַט, האָט די מוטער, ניט לאָזנדיק זיך אים אַפילע אויסטאָן, שטיל אים אַרײַנגעפירט אין צימער צו די קינדער און אַף א ווײַלע אײַנגעשלאָסן די שײַן. ביז העלפט אָן אָפּגעדעקטע, איז לינע געלעגן אַף דער זײַט מיטן הענטל אונטער דער באַק, וואָס האָט געפלאַמט אין שלאָף, און גלײַכמעסיק שטיל געאָטעמט. אַף דער קישן לעבן איר איז געלעגן דער בריוו.

טאַטע־מאַמע זײַנען זיך פאַרזעסן אין עסצימער. דער בריוו איז געלעגן אַפן טיש. דער פאָטער האָט געזאָגט:

— געדענקסט כאַטש, מיר זײַנען דאָך אויך אַמאָל געווען פּיאָנערן. און דאַכט זיך, גאָרניט אַזוי לאַנג. נאָר ווי די וועלט האָט זיך פאַר אָט דער צײַט געענדערט. טוסט זיך א דערמאָן יענע יאָרן: פּילסודסקי, קאַרטוז בערעזאַ אין פּוילן... רומעניע — די סיגוראַנצע. אין בולגאַריע — צאַנקאָוו. האָבן מיר מיט דיר אין אונדזער צײַט געקאָנט טראַכטן וועגן איבערשרײַבן זיך מיט בולגאַרישע פּיאָנערן?

ער האָט א נעם געטאָן דעם בריוו.

— ווי שרײַבט זי, דאָס מיידעלע פון בולגאַריע: אונדזער ספּוטניק האָט זי דאָרט געזען.

ער איז אַנשוויגן געוואָרן און האָט צוגעגעבן:

— א נײַע, גאָר א נײַע וועלט...

פאַרן שלאָפן גיין האָט די מוטער צוריק אַוועקגעלייגט דעם בריוו לעבן לינען אַפן קישן. ווען זי איז אַרײַנגעגאַנגען, האָט דער מאַן זי פאַרזיכטיק אַרומגענומען פאַר די אַקסל און קימאַט אײַנגערוימט, ווי א סאָד:

— האָסט כאַטש א טראַכט געטאָן, ווי עס וועט אויסזען די וועלט, ווען עס וועלן לעבן זייערע — לינעס און אָט דער ראַדינקאַס — קינדער?

לעבן

שוין לאַנג בין איך פון קיין זאַך ניט געווען אַזוי פאַרכידעשט און איבעראַשט, ווי אין אָט דער מינוט, ווען אין שטויביקן טונקל פון דער שטאַל, צווישן שימל און אַלטע, פאַראיאָריקע שטיקער קוילן, האָב איך פּלוצעם דערזען אָט די ווײַסע און ראָזלעכע פּיירעס — די יונגינקע קאַרטאָפל.

אַן ערעך סאָף אַפּרעל האָט מען אין זאַק, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן ווינטער, אַרויסגעטראָגן אין שטאַל, — פון וואָרעמקײַט און לאַנגן ליגן האָבן די קאַרטאָפל אָנגעהויבן קאַליע ווערן.

דעם זונס אַרבעט איז געווען אַרײַנטראָגן אַלע טאָג פון שטאַל א שיסל קאַרטאָפל, און די מאַמע האָט אים אַלעמאָל אָנגעזאָגט, ער זאָל אָפּקלײַבן די בעסערע, עס זאָל לײַכטער זײַן צו שיילן.

דער זון, א פאַרשײַטער שטיפער, האָט געהאַט אָן א שיר זײַנע אייגענע גענג און איז ניט

שטארק צופרידן געווען פון אָט דער שליכעס. די ארבעט פלעגט ער טאָן אין אײַלעניש, א סאך קארטאָפל דערבײַ צעשאָטן איבערן שמוציקן ערדענעם דיל צווישן אָנגעוואלגערטן קוילן-דרויב. אייניקע קארטאָפל האָבן זיך אוועקגעקײַקלט אונטער אן אלטער צעבראָכענער באנק, וועלכע מע האָט פון ווייס-איך-ווען אהער ארויסגעשטעלט.

אינגיכן האָט דער זון געמאָלדן, אז קיין גוטע קארטאָפל איז מער ניט געבליבן, און מע האָט אים באפוילן דעם רעשט ארויסווארפן, עס זאָל ניט זײַן קיין מיסט.

מע האָט אופגעהערט הייצן די הרובע, און א היפּשע צײַט האָט אין שטאל קיינער ניט ארײַנגעקוקט.

איינמאָל, אינמיטן זומער, בין איך צוליב עפּעס אף א ווײַלע אהין ארײַן און האָב מיט כידעש דערזען, ווי פון אונטער דער באנק ארויס ציִען זיך אוועק אין פארשיידענע זײַטן איבערגעפלאָכטענע אין שווארצן קוילן-שטויב לענגלעכע בײַטשלעך פון גרינבלעך-בלאסע שפּראָצלינגען. ניט באלד האָב איך פארשטאנען, פונוואנעט האָבן זיי זיך גענומען אהער.

אונטער דער באנק, צווישן די קליינע און גרויסע שטיקער קוילן, פונקט אזעלכע שווארצע, ווי זיי, האָב איך קוים באמערקט עטלעכע צעקנייטשט-אײַנגעשרומפּענע קארטאָפל-קנוילעכלעך. פון זיי האָט זיך עס דאָ אוועקגעצויגן דער לאנגער פארדרייטער געפלעכט, שפּרייטנדיק א קוים פילבארן רייעך פון וווקס.

דער זומער איז אוועק. אין די אָוונטן האָט אָנגעהויבן ווערן קיל. די פרוי האָט איינמאָל געזאָגט, אז מע דארף שוין דורכהייצן די פּליטע. איך בין אוועק אין שטאל נאָך קוילן, און דאָ בין איך, א געפּלעפּטער, געבליבן שטיין. דער טונקעלער ערדענער דיל בא דער טיר איז געווען אינגאנצן באדעקט מיט א געדיכטן, ניט אף דורכצורײַסן, איבערפלעכט פון אין אלע זײַטן פאנאנדערגעשלענגלטע שפּראָצלינגען.

דער זון האָט טאקע ניט געפאָלגט, — האָב איך מיט פארשפּעטיקטן פארדראָס א קלער געטאָן, — ניט ארויסגעוואָרפן דעם רעשט קארטאָפל, ווי מע האָט אים באפוילן. כ'האָב גענומען די לאָפּעטע אף אוועקשארן דעם ווידערוווקס, קעדיי צוגיין צו די קוילן. און אין דער רעגע האָב איך אין דער שטאל-טונקלעניש, אין דער שײַן פון א דינינקן שטראל, וואָס האָט זיך געזיפּט דורך א לעכל אין טיר, דערזען: אף די קוילן, צוגעוואקסן צום פארדארט-אויסגעהוילטן שמוציקן קערפּער פון אן אלטער קארטאָפל — א ווײַס ריין קנוילעכל. פריש, כיינעוודיק, ווי אלץ, וואָס איז יונג און נײַ-געבוירן, האָט עס, דאכט, האָפּערדיק פון צווישן די קוילן ארויסגעשמייכלט צום שטראל:

— זעסט, איך לעב!

כ'האָב פּאמעלעך אונטערגעהויבן דעם געפלעכט פון ווײַסע פארשטויבטע בײַטשן, און — זע נאָר, זע! — דאָס יונגע קארטאָפעלע איז ניט אליין — עס האָט ברידערלעך, שוועסטערלעך... אָן א שיר... אלע טוליען זיי זיך צום אײַנגעפאלענעם שויס פון די מאמעס, און יעדער איינס פון זיי שרײַט ארויס פון אָט דער פארדומפּענער טונקלעניש:

— מיר לעבן!

פּיצינקע, ווי ארבעסלעך, און אנדערע, ווי ניסלעך די גרייס, מיט ווײַסע און ראָזלעכע דינינקע הײַטלעך, און עטלעכע קארטאָפל קימאט גרויס ווי אן איי.

וויִאזוי זשע זײַנען זיי דאָ אויסגעוואקסן ניט פארזייטערהייט, אָן רעגן, אָן זון?

כ'האָב זיך ארומגעקוקט. צווישן די אלטע אויסגעטריקנטע טיר-ברעטער האָבן דורכגעלויכטן היפּשע שפּארונעס. דורך זיי פלעגן, ווײַזט אויס, אמאָל ארײַנדרינגען טראָפּנדלעך רעגן. דורך די שפּארונעס גאנווענען זיך ארײַן אהער פּאסן זון. זיי שטרײַפן דאָ אויך אצינד די שטויביקע טונקלעניש.

דערפאר האָבן זיך פון יענעם ווינקל, פון אונטער דער אלטער באנק, אזוי געצויגן אין דער לענג און אין דער ברייט די גרינבלעך-בלאסע שפּראָצלינגען — צום טעגלעכן ביסל זון און פײַכטקײַט.

געווארט האָבן דאָ די אלטע קארטאָפל אף א גאָרטן-בייט, געלעכצט נאָך א מעגלעכקײַט צו פארוואָרצלען זיך אין באָדן, צו פארבינדן דאָרט זאפטיקע קנוילן און ארויסשטעלן איבער דער ערד גרינע בלעטער-קרוינען מיט פּיִאָלעטע בליטן. די פארגעסענע קארטאָפל האָבן זיך דערוף ניט דערווארט, נאָר סײַווי האָבן זיי געטאָן זייערס — ניט אויסגעגאנגען, ביז זיי האָבן די לעצטע טראָפּנדלעך כּיעס ניט אריבערגעגאָסן אין נאָך איין נײַעם דאָר.

פאָרזיכטיק, ניט צו פארלירן כאָלילע קיין איין ארבעסל, קיין איין ניסל, האָב איך אראָפּגענומען אָט די אומגעריכטע גערעטעניש, זאָרגזאם, אין ביידע הענט, אוועקגעטראָגן זי אין שטוב. זאָלן זיי דאָ, אין א קיל טונקל ווינקל, דערלעבן ביז פרילינג און געבן אין קומענדיקן יאָר א נײַע, עכטע גערעטעניש.

לעאָניד מאַרטינאָוו

דער רוסישער דיכטער לעאָניד מאַרטינאָוו איז באַוווּסט מיט דער גרויסער מײַסטערשאַפֿט און אייגנאַרטיקן סטיל פֿון זײַנע ווערק. מאַרטינאָווס פּאָעזיע שפּיגלט אָפּ דעם הויכן גײַסטיקן ניוואָ פֿון אונדזערע סאָוועטישע מענטשן.

ל. מאַרטינאָוו זעצט אָפּט איבער אַף רוסיש די ווערק פֿון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע מאַרטינאָווס לידער.

דערמאָנונגען

נימעס שויןִ! גענוג! איך זאָג זיך אָפּ
צו געדענקען נישטיקײַטן בייזע.
די לאַסט פֿון די דערמאָנונגען פֿון אַקסל כ׳וואַרף אַראָפּ,
פֿאַרגעסן כ׳וועל אין אַלץ, וואָס איז געווען.

אַראָפּ אַ יאָך! און ס׳ווערט מיר גרינג.
באַדעקט ס׳האָט מיך אַ קילער שאָטן —
ס׳האָט איבער מיר צעבליט זיך און צעגרינט
פֿון פֿאַרגעסונג דאָס געוויקס געראָטן.

נאָר וואָס באַטײַט עס דער געבלעטער־רויש?
און פֿאַרוואָס האָט זיך דער בוים גענומען נויגן?
פֿון וואָרטער־פּלאָנטערניש, איך הער, ווי ס׳שיילט זיך אויס
אַ לויכטנדיקע פּראָזע, ווי אַ רעגנבויגן.

עפּשער האָט דער ווינט די בלעטער און דאָס גראָז
גענומען שויבערן מיט שטיפֿערישע פֿינגער:
— האָסטו ניט פֿאַרגעסן צו פֿאַרגעסן עפּעס־וואָס?
אָנו, דערמאָן זיך נאָר, דערמאָן זיך פֿלינקער!

צי עפּשער שלאָגט דאָס האַרץ זיך פֿונעם פֿויגל אין דער נעסט,
און דערפֿאַר גאָר הוידען זיך די בלעטער?
די דערמאָנונגען איך בלעטער, בלעטער,
כאַטש איך טײַנע אַלץ: פֿאַרגעס, פֿאַרגעס!

צי האָב איך ניט פֿאַרגעסן צו פֿאַרגעסן עפּעס־וואָס?
ס׳טרעפֿן דאָך אַזעלכע זאַכן!
ווײַזט אויס, אַז קיין דערמאָנונגען צעטרעט מען ניט, ווי גראָז,
זיי קאָנען דיך צעטרעטן — קאָן זיך מאַכן!

ייִדיש — א. גאָנטאַר

דער כאַלעם פֿון אַ פֿרוי

איינע אַ באַיאָרטע פֿרוי,
אַ ווילע,
האָט געזען אַ כאַלעם. פּונקט ווי זי
וואָלט אַ זונען־שטראַל מיט הענט מיט הוילע
אָנגעכאַפּט און ס׳טוט דער שטראַל אַ ברי
און אַ קיצל און אַ שטאָך די הויט איר.
סילעוועט זי אָט דעם שטראַל אַרײַן
אין אַ נאָדל. און עס איז שוין לויטער
אויסגענייט אַ בלום פֿון העלער שײַן...

כ'האָב דער פרוי געזאָגט: א גוטער כאָלעם
איז עס!
אויב א קווייט מע נייט שוין אויס מיט זון,
וועט פון דעם ארויס ניט קיין רעכילעס,
און קיין שלעכטס וועט אויך ניט זײַן דערפון.
ס'קומט דער כאָלעם דאָך פון לופט פון ריינער,
ווו עס פוילט ניט און עס רײַסט זיך ניט
ס'גינגאָלדענע בײַוועלע דאָס שיינע,
וואָס די נאָדל ווערט פון דעם צעגליט.
„גלייבט מיר — ס'האָט אזא מין נאָדל־פאָדעם
ניט געכאָלעמט זיך קיין נייטאָרן קיין שום".

„אוי, וואָס רעדט איר!.."

פון דעם כאָלעם אָט דעם
די באיאָרטע פרוי גייט קראנק אזש אום...

יידיש — א. ווערגעליס

• • •

וואָס טוט זיך דאָרטן,
אין די הימלען? —
כ'זע פייגל, פייגל אָן א שיר,
זיי פליִען,
פלאטערן
און ווימלען,
און ס'ווערט די זאך דערעסן מיר.

היי, אָן א טאָלק זאָלט איר ניט שוועבן!
גלײַכט אויס אין שנירלעך זיך געשווינד,
צי עפשער גאָר דרײַעקן, כלעבן,
געשאפן וואָלט איר אפן ווינט?

נאָר זיי זיך קוילערן
און האווען
(צעפירט אין הימל א יאריד!),
ווי ס'וואָלט די ערד דאָרט ניט געפראוועט,
ווי פראווען וואָלט דאָרט קיינער ניט.

עס העלפט ניט,
וואָס דער וועטער בייז איז,
די פייגל קויקלען זיך געשיקט,
זיי פליִען, ווי אין סאמע ברייישיס,
ווי מיט מיליאסן יאָר צוריק.

גענוג שוין!
זאָלן פייגל וויסן:
מיט ראדיאָ איך שטעל זיי אָפּ!

נאָר כ'שטיי און שטיי און האלט פאריסן
צו זייער שיינעם פלי דעם קאָפּ...

יידיש — א. ווערגעליס

בלעטער

זיי זײַנען
געלעגן אפן טראָטואר
האלב דאר, האלב קוואר.
און פלוצעם —
דער שעד אין זיי ארײַן,
און בײַטנדיק פון פארב די שײַן,
געלאָזט זיך אין א טאנץ פון צויבערער.
איך האָב א געשריי געטאָן:
— ווער זײַט איר, שטויבערער?
— מיר זײַנען בלעטער.

בלעטער, בלעטער, בלעטער! —
האָבן זיי אלס ענטפער זיך צעבלעטערט. —
מיר האָבן נאָך א פייזאזשיסט געבענקט, געגלוסט,
זיך אויסגעקוקט די אויגן,
נאָר די הענט,
וואָס פון זיי איז דאָס מאָלן געווענדט,
זיי האָבן פון ליבע צו אונדז ניט געוווּסט.
איז זײַנען מיר וועקגעפלויגן.
וועקגעפלויגן!

יידיש — י. שטערנבערג

• • •

עס ווערט ניט געבוירן
א ליד פון האכנאָע,
און אויך ניט אַף קיינעמס באראָט,
צי פאר עמעצנס האנאָע.
מע זאָגט, אז מע קאָן שרײַבן לידער,
פון פאראכטונג געפירט.
ניין!
זיי ווערן בלויז פון אנטפלעקונג דיקטירט.

יידיש — י. שטערנבערג

דער רײַכער קאַפּצן

ניט ווײַט פון שטאָט א פריַיער שטעטך איז פאראַן.
ער איז ניט אָפּגעצוימט און זעט אויס ווילד, ווי ניט געשוירן.
איך קוק: אַף אים א רײַכער קאַפּצן עסט געפּרוירנס —
קילאָגראַם נאָך קילאָגראַם.

געקליידט באָסטאָן און אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק.
די שטיוול — זאַמש. די האַנטשן — לעדערנע. ער שײַנט.
דער רײַכער קאַפּצן עסט געפּרוירנס.
זאָל פרעסן ער.
זאָל פּלאַצן ער — מיר זײַנען פײַנט!

ייִדיש — י. שטערנבער.

דער עפּל

ווען ס'האָט געדאַכט, אַז פון האס
פּלאַצט אַף אייביק
אונדזער שאָלעם־וועשאַלווע
און מיט גוטן
וועלן מיר פון קריג
ניט אַרויס שוין,
האָסטו אין מיר, ווי כאַווע,
געוואָרפן א טײַערן עפּל,
א גרויסן.
געטאָן עס
ניט צוליב נעקאָמע,
נאָר גוטמוטיק,
און מיר האָבן
ביידע געלאַכט,
דעם עפּל באַטראַכט.
וואָלסט זיך צעכליפּען געקענט,
נאָר ס'איז דער זיסער עפּל
געלעגן אין דײַנע הענט,
א וואָרף געטאָן אים
האָסטו, —
אונדז אומגעקערט
די רו.

ייִדיש — מ. גרוביאַן

בא דיר איז פרילינג

ווי אָט דער וואַלד
איז ברוין, געל און רויט,
שיין איז ער זעלטן!
איך פריי זיך,
וואָס ס'פאַלט אָפּ די זומער־היץ.
פאַרשטייט זיך, כ'בין מאַסקים,
איך ווער עלטער,
און בא דיר איז סאַמע פרילינג
איצט.
די שטעכלקעס
ווײַזן ניט דער וועלט,
אין רויטלעכן וועלדל
לעב זיך, געוועלטיק,
בלײַב א וויכע, העל־בלויע יעל,
פּונקט ווי דיר
וואָלט זײַן פאַרבאָטן
צו ווערן עלטער.

ייִדיש — מ. גרוביאַן

יעכיעל פאַליקמאַן

דער שוואַרצער ווינט

(ראָמאַן)

XIX. יורי טאַנאַגאַז פאַרבלייַבט אין שאָטן.

דער געלער ציגייַנער

1 ליאָניע קרעמעז האָט שוין דרייַ מעסלעס געוווינט בא די קאַלינקעס אין דער דירע, נאָך איידער עדיק האָט אים דאָרט געטראָפן. אינעם שטאַלכל, וווהין ליאָניע האָט זיך פאַרקליבן, ניט ווייַט פון יענעם אָרט, ווו ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער מאַשין, וועלכע האָט געפירט די געפאַנגענע (איצט האָט ער שוין געוווּסט וווהין — אין באַבי יאַר), אין א הויפן שטרוי הינטער א שיפל, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אפן קאַנט, האָט אים אופגעוועקט דער טויטש פון א ציגענער מאָרדע אין פּוס. ווען האָט די ציג, וואָס האָט געסמיקעט די שטרוי צווישן שיפל און דער וואַנט, זיך באַוויזן אינעם שטאַלכל, האָט ער ניט געוווּסט, נאָר אז מע וועט אינדערפרי קומען זי מעלקן און אַרויספירן אף פּאַשע, איז קיין סאָפעק ניט געווען. דעריבער האָט ער, כאָטש דער פרימאָרגן האָט זיך ערשט דורכגעשלאָגן און אַלע אייוורים האָבן גענאָיעט, אַרויסגעגאַנוועט זיך אין גאָרטן, צווישן די איבערגעשטאַנענע זונרויזן און דעם מאָך, און גענומען וואַרטן דאָרט, ביז ס'וועלן זיך באַווייַזן אין גאַס מענטשן. ער איז ווידער אַרייַנגעפאַלן אין א דרעמל, כאָטש קאַלט איז אים געווען אומגעהייער; עפּשער האָט די אופגעגאַנגענע זון אים א ביסל דערוואַרעמט, נאָר ער איז גאַנץ שטאַרק אַנשלאָפן געוואָרן און ניט געזען, ווען ס'האָבן איבער דער גאַס זיך א צי געטאָן גאַנצע מישפּאָכעס מיט פּעק, קלומעקעס, וועגעלעך.

צוערשט האָט עס אים דערפרייט, ליאָניען, — צווישן די מענטשן, וואָס זייַנען געגאַנגען גרופּעסווייַז, איינע נאָך דער אַנדערער, וועט לייַכטער זייַן צו פאַרשווינדן. ער האָט געפּרוווט זיך דערוויסן, וווהין מע גייט. נאָר די מענטשן האָבן אַליין רעכט ניט געוווּסט וווהין — ערגעץ

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 8.

אויסער דער שטאָט. פאַראַן אַ באַפעל, מע זאָל קומען צו די בעסויעמס. אויסער דער שטאָט — דאָס וואָלט ליאָניען אײַנגעאָרדנט, ווען ס'זאָל ניט זײַן אַף מײַרעוו. כוץ דעם, — ער האָט אַפילע ניט געוווּסט, ווי זאָגט מען דאָס די מענטשן, וואָס גייען מיט פּיצלעך קינדער, מיט שוואַכע זקיינים, — יענע זײַט האָט אים ביכלאַל געשראָקן, ליאָניען. אַהין האָט מען זיי געפירט אַף די מאַשינעס פונעם לאַגער... דאָך, ווען ער האָט איבערגעלייענט אַף אַ פּלויט דעם באַפעל, וואָס מע האָט זיך פאַרופן אַף אים, האָט ער געזאָגט צו די, וואָס זײַנען געשטאַנען דערנעבן:

— איר האָט גוט אַ טראַכט געטאָן, צי מע דאַרף גיין? איך ווייס, אַז מע האָט אַ סאַך פון די, וואָס זײַנען געזעסן אין די לאַגערן אַף דער קעראָסינע, דרײַ טויזנט, אויב ניט מער, אַוועקגעפירט אַהין, און מע האָט זיי דאָרט צעשאָסן.

דערנאָך, אין שטאָט, האָט ער דאָס זעלבע איבערגעכאַזערט ווידעראַמאָל און ווידער. אייניקע האָבן צו אים אויסגעלאָזט זייער ביטער האַרץ, אַנדערע זײַנען פונעם ברוק אַרויף אַף די טראָטואַרן, גענומען קווענקלען זיך, קלערן, פאַרקערעוועט דערווײַל אין אַ פּאַראַדנע, אין אַ הויף.

באַ די קאַלינקעס אַף דער טיר איז געהאַנגען אַ שלאָס. נאָכפרעגן זיך אַף זיי צי איבער־וואַרטן באַ די שכיינים האָט ליאָניע ניט געוואַגט — מע קאָן דערקענען, אַז דאָס איז ער יענער סאָלדאַט, וואָס איז געווען אַן אַרײַנגייער צום נאַכט־וועכטער. ווער ווייסט, אַף וועמען ער וועט דאָ אָנטרעפן? טיכאָן וואַסיליעוויטש און עדיק געפינען זיך נאָך עפשער אין לאַגער אַפן היפּאָדראָם, דאָקיאַ סטאַסאָוונאַ האָט געקאָנט אַוועקגיין צו זיי. האָט ער זיך פאַרקליבן אַף דער באַרגיקער פּאָסטקע, פון וועלכער מ'האָט געזען עדיקס פענצטער, און אָפּגעוואַרט דאָרט אין די קוסטעס ביז פאַרנאַכט. אָבער אויך פאַרנאַכט איז דער שלאָס אַף דער טיר געהאַנגען, און אַרום האַלבנאַכט האָט ליאָניע אים ווידער אָנגעטאַפּט. האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז די קאַלינקעס וועלן אים געוויס מויכל זײַן, אויב ער וועט ווי סע־ניט־איז אַרײַנ־דרינגען צו זיי אין דער דירע. דאָרט וועט ער זיך איבערטאָן, איבערכאַפּן דאָס האַרץ, — און דעריקער: דאָרט וואַרט אַף אים דעם טאַטנס אַ בריוו.

פאַר אַלעמען האָט ליאָניע אָפּגעריסן אַ ברעט פונעם פּלויט פאַר עדיקס פענצטער, — טאָמער וואָס, זאָל זײַן לײַכטער צו אַנטלויפן פון שטוב. דערנאָך אויסגעקאַלופּעט אַ טאַפּליע, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער שוין אומגעבלאָנקעט אין דער פינצטער איבער די צימערן.

די קומענדיקע צוויי מעסלעס איז ער אין ערגעץ ניט אַוועק פונדאַנען. עס האָט אים געכידעשט און באַאומרויִקט, וואָס קיינער פון די קאַלינקעס קומט ניט. נאָר עפשער איז מען ערגעץ אַוועקגעפאָרן ניט אַף לאַנג? בעפיירעש ניט אַף לאַנג, ווײַל לויט ווי ליאָניע האָט פאַרשטאַנען, איז דאָ געבליבן זייער גאַנץ פאַרמעגן — געפעס, מאַלבושים, שוכוואַרג. דאָס אַלץ איז געווען ניט נײַ, נאָר מע האָט דאָך ביכלאַל געלעבט בעצימצעם. אין פּירהײַזל — אַ זאַק קאַרטאָפל, אַ ביסל מערן אין אַ קעסטל, אַ קראַנץ ציבעלעס אַף אַ טשוואָק. מיט אַזאַ גוטס וואַרפט מען זיך ניט, ווען מע פאַרלאָזט די שטוב אַף לאַנג. וואָס יאָ, ליאָניע האָט אַ ביסל זיך געקימערט פאַר עדיקן — עפשער האָט מען צוליב אים געמוזט זיך פאַרבאַהאַלטן. נאָר ווידער טאַקע — ניט אַף לאַנג. עמעצער מוז דאָך קומען.

און אויב ער וועט אַפילע ניט דערוואַרטן זיך אַף די באַלעבאַטים, וועט סײַווי די צײַט באַ אים אומזיסט ניט פאַרלוירן גיין. קוידעמקאָל האָט ער אָפּגעזוכט אַפן קאָמאָד דעם טאַטנס בריוו — דאָרט, ווו טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט געזאָגט. מיט אַ קנאַפּן כוידעש צוריק איז דער טאַטע שוין געווען אַפן לינקן ברעג פון דניעפּער — קיִעוו האָט זיך נאָך דעמלט געהאַלטן. דער טרוים האָט אַוועקגעטראָגן ליאָניען ערגעץ אַהין, הינטער קאַכאָווקע, צי זאָל זײַן אַפילע מיזרעכדיקער — צו מעליטאָפּאָל. צי וועט ער זיך בעטן, מע זאָל אים נעמען אינעם טאַטנס פּאָלק? ווער ווייסט. עפשער גאָר ניט. אַף דער מילכאָמע איז בעסער, מע זאָל ניט ציטערן פאַר דיר יעדער שאָ. דער טאַטע איז טאַקע ניט אַזאַ, נאָר פונדעסטוועגן...

דאָס זײַנען געווען זײַנע טרוימען, און קעדיי עס זאָל ניט זײַן סטאַם געטרוימט, האָט ער זיך גענומען גרייטן אין ווײַטן וועג. גענייט, ווי אַ דערפאַרענער מענטש. ער האָט געפונען טיכאָן וואַסיליעוויטשעס אַ דורכלאָז־שײַן — אַ ביכעלע מיט אַ פאָטאָגראַפיע, מיט אַ שטעמפּל. האָט ער גענומען די פּאָטאָ פון זײַן קאָמיוגישן בילעט — זי האָט סײַווי זיך אָפּגעריסן דאָרט, אין דער כאָליעווע, און קיין אַנדער ברייִרע איז דאָך אויך ניט געווען, — צוגעקלעפּט זי צום ביכעלע, אָנשטאָט דעם אַלטנס פאָטאָגראַפיע. אָט אַזוי איז ליאָניע קרעמעז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טיכאָן וואַסיליעוויטש קאַלינקאַ — דעם וועכטער פון אַ קליידער־אַטעליע. דעם קאָמיוגישן

בילעט, ער זאָל זיך אזוי ניט רײַבן, האָט ער אײַנגעניײט אינעם קאָלנער פון עדיקס הארבסטיק רעקל, וואָס ער האָט באשטימט מיטצונעמען מיט זיך אין וועג. ער האָט דאָ ביכלאָל זיך איבערגעטאָן אין די קליידער, וואָס זײַנען אים געווען גוט לויט דער מאָס, פון צווישן עדיקס און דעם אלטנס מאלבושים. ווו מ׳האָט געדארפט — געלייגט א לאטע. גוט פארהאנגען דאָס פענצטער אין קיך, האָט ער אָנגעצונדן דעם קעראָגאז (ס׳איז אין אים געבליבן קעראָסין) און אָנגעטריקנט עטלעכע קילאָ געבראָקטע קארטאָפל אפן וועג. ער האָט די אלע טעג געגעסן געקעכטס — דאָס איז אויך געווען וויכטיק; אויסגערוט זיך, אויסגעשלאָפן זיך. מאָרגן האָט ער שוין געקאָנט גיין. און דאָ האָט אים אופגעוועקט עדיק...

2

עדיקס קומען האָט קימאט ניט ארײַנגעטראָגן קיין ענדערונגען אין ליאָניעס פלאן. איינס נאָר — צוליב עדיקן האָט ער זיך געמוזט נאָך א ביסל פארהאלטן אין שטאָט. ס׳הייסט, ביכלאָל איז ליאָניען געוואָרן שווערער, נאָר עס האָט זיך בא אים אפילע ניט דערוועקט קיין פארדראָס, — צו שטארק איז געווען דער ווייטעק און דאָס געפיל פון מיטלײַד צום יינגל. כוץ דעם, האָט עדיק זיך געפלײַסט אמווייניקסטן אים זײַן צו לאסט.

דאָס יינגל איז געקומען פון יאר א דערשיטערטער, אָבער ניט קיין אײַנגעבראָכענער. מונטערן, טרייסטן האָט מען אים קימאט ניט געדארפט. איין מאָל דערציילט זײַן געשיכטע, אָן טרערן, געפרעסט, האָט ער מער צו איר זיך ניט אומגעקערט. ער איז ווי אויסגעוואקסן. נײַ איז געווען אין אים ניט בלויז די פארביטערטקײַט און אָנגעשפיצטקײַט, נײַ איז געווען די זאכלעכקײַט זײַנע. ניט לויט די יאָרן אָן ערנסטער, א פארכושטער, האָט ער געוויינלעך געקוקט ניט ארום זיך, נאָר אין זיך. איצט האָט די פארכושטקײַט זיך אָפגעטאָן פון אים.

דאָס האָט זיך אנטפלעקט אפילע אין קלייניקײַטן, וואָס זײַנען בא דער געשאפענער לאגע קיין קלייניקײַטן שוין ניט געווען. געבנדיק עדיקן עפעס אָפצועסן, האָט ליאָניע אים געזאָגט, ער זאָל זיך ארומוואשן. ער האָט עס, אייגנטלעך, געזאָגט מיט פארבאָרגענער באדויערונג, און עדיק האָט עס אופגעכאפט.

— קיין וואסער גייט נאָך ניט? — האָט ער געפרעגט.

— א ביסל איז געבליבן אין עמער.

— דארף מען זשאלעווען.

און ער האָט בלויז ארומגעוואשן די שפיץ פינגער, א וויש געטאָן די אויגן, די ליפן.

פון די עטלעכע קאלטע קארטאָפל, וואָס ליאָניע האָט אים דערלאנגט, האָט ער אופגעגעסן בלויז איינע.

— מע דארף עפשער ניט מער, בא מיר איז אלץ איבערגעטריקנט אינווייניק, — האָט ער זיך אליין אָפגעשטעלט.

שלאָפן איז ער אוועק צו זיך אין צימערל. אינדערפרי האָט ליאָניע, בא וועמען דער שלאָף איז לעצטנס געוואָרן זייער א גרינגער, אופגעכאפט זיך פון עפעס א שורשען. ערשט, עדיק האָט זיך געפאָרעט בא דער עטאזשערקע — אָפגעלייגט אף א בענקל ביכלעך, העפטן.

— שוין דאָס דריטע מאָל, — האָט ער געזאָגט, — און יעדער מאָל קלײַב איך אָפ דאָס סאמע וויכטיקע... כאָטש, צו איוואן איוואנאָוויטשן, אויב איך זאָל בא אים קאָנען בלײַבן, מעג מען ביכלאָל קומען אָן ביכער.

— וואָס פאר אן איוואן איוואנאָוויטש?

— סילין. דער פראָפעסאָר סילין. מײַן לערער.

אָט אזוי האָט ליאָניע פארשפאָרט אָנהייבן דעם שמועס, וואָס צו טאָן ווײַטער, — עדיק האָט אים אליין אָנגעהויבן.

— דער פראָפעסאָר וווינט אף פעטשערסק, — ער האָט אָנגערופן דעם אדרעס, — טיכאָן וואסיליעוויטש האָט נאָכן לאגער מיך אפילע געפירט אהין, איך זאָל דאָרט בלײַבן. איך האָב עס פארשטאנען, און ער אליין האָט מיר אויך געזאָגט וועגן דעם דאָרט, אין יאר. אלץ וואָלט אויסגעזען אנדערש, ווען סילין זאָל דעמלט געווען זײַן אין קיִעוו. נאָר עפשער איז ער איצט אויך ניטאָ?..

— און אויב ער איז טאקע ניטאָ? — האָט ליאָניע פאָרזיכטיק געפרעגט.

— אויב ער איז ניטאָ, איז איינס פון די ביידע: מע קאָן זיך אײַנבעטן, כאָטש אף דער ערשטער צײַט, צו א שאָכן — פאראן דאָ צוויי אזעלכע מישפאָכעס. אָפזאָגן וועלן זיי מיסטאמע ניט, כאָטש זיי האָבן זייערע אייגענע צאָרעס, נאָר בעסער וואָלט געווען גלײַך אוועק קיין בראָווארי, אהין, ווו איוואן איוואנאָוויטש איז אוועק. ער האָט דאָרט א טאָכטער, א לערערן.

איך קען זי. איך בין פאראיאָרן זומער געפאָרן אהין מיט אים אף א טאָג. ווען איך זאָל זײַן בא איוואן איוואנאָוויטשן, וואָלט אפילע בא מיר די צײַט ניט פארפאלן געוואָרן... איר וועט דאָך אוואדע גיין אף מיזרעך, יאָ?

ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין ליאָניען מיט זײַנע פארשטאנדיקע, גרינלעך־קאָרע אויגן, און ניט אזוי געפרעגט, ווי אײַנגערעדט אים, ער זאָל גיין אהין, אף מיזרעך. ער, ליאָניע, איז אלץ נאָך געווען בא אים אין די אויגן א סאָלדאט, וואס האָט זיך זײַנע פליכטן.

ליאָניע האָט געזאָגט, אז יאָ, ער וועט גיין, און אז ער האָט שוין אפילע הײַנט געזאָלט זיך לאָזן אין וועג.

עדיק האָט זיך פארקלערט. אײַנגעגראָבן, ווי זײַן טעווע, די פינגער פון ביידע הענט אין די געפלאָנטערטע, טונקל־בלאָנדע קוטשערן, צוגעמאכט די אויגן. ליאָניע האָט פארשטאנען, אז עדיק דארף עפעס פויעלן בא זיך, צי ער וויל עפעס בעטן בא אים, בא ליאָניען, און וואגט ניט זאָגן. האָט ער באשטימט אים ניט צו טשעפען, עדיקן, און אוועק דערווײַל מאכן עפעס עסן. דעם שמועס האָט עדיק פאָרגעזעצט שוין אין קיך.

— איך וויל זײַן נאָך איין מעסלעס אין דער היים, — האָט ער געזאָגט, — כאָטש ס׳איז א ריזיקע — מע קאָן דאָך קומען ראבעווען, עפשער ניט צו אונדז די ערשטע, נאָר מע וועט קומען. אף גלובאָטשיצע האָט מען שוין נעכטן געראבעוועט, איך האָב געזען. דײַטשן זײַנען ארומגעפאָרן פון הויף צו הויף און געטראָגן פון דאָרט שווערע פעק. אָבער איך וויל דאָ בלײַבן ביז מאָרגן — עפשער וועט פאָרט נאָך עמעצער זיך אומקערן... דערנאָך וועל איך שוין אָנשרײַבן אף די ווענט, מע זאָל מיך זוכן בא איוואן איוואנאָוויטשן.

איז די מעניע, הייסט עס, באשטאנען אין דעם, וואס עדיק האָט געוואָלט, מע זאָל זיך דאָ פארהאלטן ביז מאָרגן. ליאָניע האָט אײַנגעשטימט און א טראכט געטאָן, אז א יינגל בלײַבט פאָרט א יינגל — קיין אנדערע מעניעס זעט ער גאָר ניט פאָרויס. נאָר עדיק האָט דאָס טייקעף דורכגעלייענט אף זײַן פאָנעם.

— דעם דניעפער, אויב ס׳וועט אויסקומען, — האָט ער זיך געײַלט צוגעבן, — וועל איך אריבערשווימען. טיכאָן וואסיליעוויטש האָט מיך אויסגעלערנט. דאָס, וואָס ס׳איז קאלט, מאכט ניט אויס.

ליאָניע האָט זיך גאָר ניט געריכט, אז עדיק זאָל זיך אײַנשטעלן אף אזא זאך. ער אליין האָט ניט אויסגעשטעלט איבערצושווימען דעם דניעפער אפילע לעס־ברייע. דער ליובאטשער טײַך איז ווײַט ניט דאָס, וואס דער דניעפער. ער האָט געמיינט גיין דורכן פאָנטאָן־בריק, פארלאָזן זיך אף טיכאָן וואסיליעוויטשעס ביכעלע. האָט ער דערווײַל אָפגעשוויגן.

— עס קימערט מיך אָט וואס — איך טאָר אין גאס זיך ניט באווײַזן, ביזוואנען ס׳איז ליכטיק, — האָט עדיק פאָרגעזעצט, — אף פעטשערסק דארף מען גיין באטאָג, און מיט קיין הינטערהויפן קאָן מען זיך אהין ניט דערלאנגען... אף אײַך דערקענט מען ניט אזוי... איז ווען איך טו אײַך א בעט...

— פארשטייט זיך, איך וועל צוגיין אהין, נאָר דו, עדיק, ביסט אויך... — ליאָניע האָט זיך דערמאָנט דעם צופאָל אפן היפאָדראָם און איז אנשוויגן געוואָרן.

— ניין, אָט דער פאכעד איז שוין בא מיר פארבליבן, — האָט עדיק אָפנהארציק זיך מוידע געווען, — אז מע רופט מיך אָן אזוי... נו, איר ווייסט... ווער איך דערציטערט... איך פארשטיי — און אז מע האָט דזשאָרדאנאָ ברונאָ גערופן „הערעטיקער“? נאָר איך קאָן מיט זיך גאָרנישט ניט מאכן.

ליאָניע האָט א טראכט געטאָן, אז ס׳איז ניט גוט, וואס ער האָט גענומען טיכאָן וואסי־ליעוויטשעס ביכעלע, מע דארף עס אָפגעבן עדיקן. ער האָט דאָס געזאָגט דעם יינגל און גע־פרעגט, צי וועט זיך בא אים ניט אָפזוכן קיין קליינע פאָטאָגראפיע.

— ווער וועט מיר גלייבן, אז איך בין א וועכטער? — האָט עדיק געענטפערט. — כ׳בין צו יונג. און ניט אין דעם אפילע גייט עס. איר דארפט גיכער דעם דאָקומענט. איר זײַט א מיליטערמאן, איר גייט אף מיזרעך. און ווער בין איך? אָט ווען די ארמיי קומט, וואָלט איך געגאנגען כאָטש קוילן אָנקלאָפן אין די פאטראָן־ראמען. איך וואָלט געטאָן, וואס מע דארף. אָדער ווען פארטיזאנער זוכן זיך אָפ, ווען זיי נעמען מיך. און אזוי האָב איך בלויז בא זיך אין די אויגן עפעס א ווערט.

ליאָניען האָט געכידעשט די רויִקע לאָגיק פון דעם דאָזיקן יינגל. ער האָט געזאָגט:

— ס׳איז ניט אינגאנצן אזוי, עדיק. כוץ אלעמען, ביסטו דאָך אָן איידעס פון אזא שוידער־לעכן פארברעכן.

און ווידער האָט עדיק געענטפערט פראָסט, בלויז די בלאסקײַט זײַנע און דער פלאָמיקער

גלאַנץ פֿון די גרינלעך־קאַרע אויגן האָט באַוויזן, וויפֿל אינערלעכע קראַפֿט דאָס קאָסט אים:

— איך בין אַן אײדעס? גאַנץ קיִעוו איז אַן אײדעס! דער יאַר... מע קאָן אים דען ערגעץ אַהינטאָן?..

3

סילין איז נאָך אַלץ ניט געווען הי, און ליאָניען איז געבליבן באַנוצן זיך מיטן גאַנג אויף פּעטשערסק צוליב אַ צווייטער זאַך, וועלכע ער האָט אַפּריִער זיך אָנגעמערקט. ער איז אַוועק לענגאויס די פּאַרקן, וואָס באַדעקן דעם הויכן דניעפּער־ברעג, קעדיי אַ קוק טאָן פֿון די אָפּהאַנגען, צי זײַנען אויפֿן טײַך דאָ פֿישפֿאַנגער, שיפֿלעך. גיין דורך די פּאַרקן האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט — דאָרט וואָלט ער גיכער, אײדער אין גאַס, צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקײַט צו זיך. אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, האָט ער געהאַט בעדייע אַוועק אַזש ביז צו די פּאָנטאָנען — זיך דערוויסן, צי לאָזט מען אַריבערגיין אויף דער צווייטער זײַט פֿונעם דניעפּער און צי דאַרף מען צוליב דעם אַ ספּעציִעלע דערלויבעניש. קיין באַזונדער האָנאָע דערפֿון, וואָס נאָך די ווינטיקע, קאַלטע טעג האָבן זיך געשטעלט שטילע, מעסיק־קילבלעכע, זוניקע טעג פֿון עכטן גאָלדענעם האַרבסט, האָט ליאָניע ניט געהאַט. ער וואָלט איצט געדאַרפֿט האָבן אַ פֿראָסט, וואָס זאָל פֿאַרקאָווען דעם דניעפּער און אַלע אַנדערע טײַכן, די זומפּן, די בלאָטעס, וועלכע ער וועט מוזן בײַקומען אויפֿן וועג צום פֿראָנט. און כאָטש ער האָט אויך געדאַרפֿט די וואַרעמע, טרוקענע נעכט, די ניט אויסגעגראָבענע גערטענער, די יאַגעדעס און שוואָמען אין די וועלדער, וואָלט ער פֿאַרט דאָס אַלץ פֿאַרביטן אויף שנייען, אויף אַ זאַווײ, ווײַל דאָס וואָלט געהייסן קריגן אַ ווײַסן צויבער־טעפּיך אונטער די פֿיס. אָט אַזוי האָט ער געטרוימט, שפּאַנענדיק פֿאַרבײַ די פּאַרקן — עמעסע שטיקער וואַלד, און ניט ווילנדיק פֿאַרט אַ ביסעלע באַהערשט געווען פֿון דער שיינקײַט אַרום אים. עס האָט אים פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן, וואָס ער זעט און פֿילט די דאָזיקע שיינקײַט, ער, וועלכער איז שוין אַזויפֿיל מאָל געשטאַנען אויפֿן ראַנד צווישן לעבן און טויט.

ליאָניע האָט פֿאַרקערעוועט פֿונעם טראָטואַר אויף אַ ווילדלעכער, באַרגיקער לאָנקע צווישן צוויי פּאַרקן, געלאָזט זיך צום אײַזערנעם פּאַרקנדל, וואָס האָט פֿאַרצוימט דעם ליימיקן אָפּהאַנג, און פּלוצעם אַ ציטער געטאָן, פֿאַרהאַלטן די טריט. פֿונעם פּאַרק, פֿון וועלכן ער איז ערשט אַרויס, פֿון אַ נאָענטער אַלייע, אַ דורכגעוועבטער מיט קאָסע גאָלדענע פּאַסן שײַן און מיטן שעמערירנדיקן פֿלאַם פֿון פֿאַלנדיקע בלעטער, זײַנען אַרויסגעקומען געאָרעמט אַ דײַטשישער אָפֿיצער און אַ מיידל און ניט געײַלט אַוועק צום אָפּהאַנג.

דער אָפֿיצער איז געווען אַ הויכער, אַ שווערלײַביקער — הוילע גוורע און גראָבקײַט, און געוויס שוין אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן אויך. ליאָניע האָט דאָס אָפּגעמערקט מיט אַ זײַטיקן בליק. געקוקט האָט ער אויפֿן מיידל. זי איז געווען שלאַנק און צאַרט, געטראָגן אַ בלויען זײַדענעם רעגנמאַנטל, וואָס זײַנע פֿאַנאַנדערגעשפּיליעטע פּאָלעס האָבן צוגעבויגן די גראָזן און די שטענגלעך פֿון די ווילדע בלומען. די העל־געקווייטלטע קאָסינקע, בלויז אַרופֿגעוואָרפֿן אויפֿן קאָפּ, האָט ניט אינגאַנצן פֿאַרשטעלט סײַ אויפֿן נאַקן, סײַ בײַ די זײַטן די שוואַרצע געלאָקטע האָר. עפּעס איז געווען אינעם מיידלס האַלטן זיך, אין איר גאַנג העפֿקערדיקס, געבראָכנס, נאָכגיביקס, נאָר צוזאַמען דערמיט האָט ליאָניע געזען אין איר שלאַנקײַט און איידלקײַט עפּעס אַנדערש, פֿאַרבאָרגנס, אַזוינס, וואָס פֿאַנגט, מאַכט דאָס בלוט גליווערן און פֿילט עס אין דער זעלבער צײַט אָן מיט פֿײַער, באַפֿליגלט און מאַכט אָפּהענטיק... ניין, ניט ער האָט דאָס געזען, — ער האָט דאָס אַלץ געזוכט אין אָט דעם מיידל, ווײַל דאָס אַלץ פֿלעגט ער געוויינלעך פֿילן, קוקנדיק אויף טאַניע מאַרקוס, און דאָס איז געווען זי — טאַניע מאַרקוס!

ליאָניע האָט זיך געטאָן אַ לאָז צום פּאַרק, געוואָלט זיך באַהאַלטן הינטער די שטאַמען פֿון אַלטע לינדנביימער און איז ווידער שטיין געבליבן אַ דערשטוינטער. עמעצער האָט נאָר־וואָס זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין דער זעלבער אַלייע, פֿון וועלכער דער דײַטש און טאַניע זײַנען אַרויס, און ס'האָט קיין ספֿק ניט געקאָנט זײַן — דאָס איז זשאָרזש דודאַקאָוו, דער פֿאַרבינדלער פֿונעם פֿאַנצערצוג. זשאָרזש איז אַפֿילו אָנגעטאָן געווען אינעם זעלבן לעדערנעם רעקל, אין וועלכן ער פֿלעגט אַרומפֿאָרן אויף זײַן מאָטאָציקל.

פֿלײַסנדיק זיך טרעטן גאָר שטיל איבער די שורשענדיקע בלעטער, איז ליאָניע אַרויס אויף דער אַלייע, צוגעקומען צו דער באַנק און אַוועקגעזעצט זיך לעבן זשאָרזשן. דודאַקאָוו האָט געזען ליאָניען; דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַ בליק געטאָן אויף אים מיט אָנגעשטרענגט־צעעפֿנטע אויגן, בײַס ליאָניע האָט זיך נאָר באַוויזן אויף דער אַלייע, דאָס צווייטע מאָל, ווען ער האָט זיך צוגעזעצט, און פֿונקט מע זאָל געווען זיך ערשט־אָ האָבן צעשיידט, ניט הויך געזאָגט:

— גיי אוועק.

— א נייַס! — האָט ליאָניע אויך אזוי שטיל געענטפערט, ניט קוקנדיק אף דודאקאָוון. — פארוואָס?

דאָרט, באַם פארקנדל, האָט דער דייַטש ארומגענומען טאניען פאר דער טאליע. דאָס מיידל האָט זיך אָפּגערוקט, האָט דער דייַטש זי ווידער צוגעצויגן צו זיך, געפּרוּווט א קוש טאָן. זי האָט זיך אויסגעדרייט פון זייַנע הענט, אָפּגעבראָכן א צווייַגל און, לאכנדיק, געטריבן אים — ער זאָל ניט צוגיין. א פּאָר מינוט האָט מען גערעדט, שטייענדיק איינס אנטקעגן אנדערן. טאניע האָט עטלעכע מאָל געוויזן מיט דער האנט אף די הייַזער פון יענער זייַט לאָנקע. דער דייַטש האָט זי גענומען אונטערן אָרעם, און מע איז אוועק צו דער גאס.

דודאקאָוו האָט, ניט אופהייבנדיק זיך, געוואָרנט:

— וועסט מיר ניט נאָכגיין, הערסט!

— ביסט מעשוגע! — ליאָניע האָט דאָס געזאָגט אי מיט צאָרן, אי מיט געבעט. ער האָט ניט געקאָנט, ניט געטאָרט פארלירן זשאָרזשן, אָבער ניט דאָס אפילע איז געווען דער איקער — ער האָט געמוזט וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט ניט געוואָלט דערלאָזן קיין שלעכטן געדאנק וועגן טאניען. אָבער דודאקאָוו האָט אים געטריבן פון זיך, און דערפאר איז זייַן פאר־דאכט געוואָרן אלץ שטארקער.

— א פעל? — האָט ער געפרעגט. — אָט אזוי ראטעוועט זי זיך?

דודאקאָוו האָט גערן אייַנגעשטימט:

— אהא!

אָבער גראָד דאָס, וואָס ער האָט אזוי אייַליק אייַנגעשטימט, האָט איבערצייַגט ליאָניען אין פארקערטן.

טאניע און דער דייַטש זייַנען שוין געווען אינמיטן דער לאָנקע. דודאקאָוו האָט זיך אופ־געהויבן, נאָר ליאָניע איז אויך אופגעשטאנען. האָט זשאָרזש ווידער זיך אוועקגעזעצט און אומגעדולדיק, נאָר דאָך א ביסעלע מער צוגעלאָזט, געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ? צוויי ווערטער — ווּ ביסטו געווען די גאנצע צייַט?

— אף קעראָסינע, אין לאגער. איך בין געלאָפן צוזאמען מיט איר טאטן.

— ווּ זשע איז ער?

— איך ווייס ניט. עפשער ווייסט זי עפּעס?

דודאקאָוו האָט פייַנלעך געקנייטשט דעם שטערן, קוים דערשלאָגן זיך, ס'זאָל זיך באווייַזן אף אים א האָריזאָנטאלער קנייטש. דאָס איז געווען א שטערן פון אזא איינעם, וואָס האָט ניט געהאט קיין סאך דייַגעס אין לעבן, נאָר איצט איז ער זיי ניט זשעדנע און זיי מאָסטען זיך קוים אייַן אין קאָפּ בא אים.

— ווּ קאָן איך דיך זען?

— איך וועל פון דיר אין ערגעץ ניט אָפּטרעטן, זשאָרע...

— איז גוט. זיץ דאָ. ווארט אף מיר א שאָ, אָנדערהאלבן.

— ניין! — און מיטאמאָל האָט ליאָניע זיך געכאפּט: — דו גלייבסט מיר ניט?

דודאקאָוו האָט בלויז א פיר געטאָן מיט די אקסל. ער האָט זיך א בייג געטאָן א ביסל אָן א זייַט, ווייַל א שטאם פון א בוים האָט פארשטעלט טאניען מיטן דייַטש, און אָט אזוי, ניט אָפּווענדנדיק די אויגן פון זיי, געזאָגט אן אופגערייצטער, כאָטש ווי אנטשולדיקנדיק זיך:

— מיילע, כאפּט דיך דער טייַוול! גייסט א הונדערט שפּאן הינטער מיר. אין דער פּא־ראדנע, ווּהין איך וועל אריַין, בלייַבסטו שטיין אפן ערשטן שטאָק. העכער הייבסטו זיך ניט אוף. הערסט? איך וועל ארויסקומען צו דיר. ווארט, וויפל עס זאָל ניט געדויערן. איך טרוי דיר, ליאָניע, נאָר אויך מייַנס א וואָרט איז עפּעס ווערט... אָפּגערעדט?

אופגעהויבן א גרויסן געלן קליאָן־בלאט, האָט דודאקאָוו, וויגנדיק זיך א ביסעלע אין גאנג, ניט געייַלט, געלאָזט זיך ארויסגיין פון פארק. ליאָניע האָט צוגעווארט און איז אוועק נאָך אים. אף דער גאס איז געווען פוסטלעך, און ליאָניע האָט, ארויסקומענדיק אפן טראָטואר, געזען ניט נאָר דודאקאָוון, נאָר העט פאָרויס אויך טאניען מיטן אָפיצער. מע האָט געמיטן איין ראָג, א צווייטן, פארקערעוועט אין א געסל. ווּ און ווען טאניע מיטן דייַטש זייַנען אהינגעקומען, האָט ליאָניע ניט באמערקט, אָבער די טיר פון א הויכן מויער, וועלכע דודאקאָוו האָט געעפנט און פארמאכט הינטער זיך, האָט ער גוט געזען.

די פּאראדנע איז געווען א געראמע, מיט אן ארויסגאנג אין הויף. ליאָניע האָט זיך אליין גענומען אייַנריידן: זשאָרזש האָט אים ניט אָפּגענארט, ער איז ניט ארויס דורך דער דאָזיקער הויף־טיר און אנטרונען. ער איז טאקע א שפּאסמאכער, זשאָרזש דודאקאָוו, נאָר אזוינס וועט ער ניט אָפּטאָן.

מירמלנע טרעפּ האָבן געפּירט ארופצו. ליאָניען האָט זיך זייער געוואָלט וויסן — עמעצער וווינט אינעם הויז, צי ס׳איז אינגאנצן פּוסט? פון דרויסן האָט ער עס ניט געקאָנט באַשטימען, און דאָ, אין פּאַראַדנע שטייענדיק — אויך ניט. ס׳איז שטיל געווען אַף די טרעפּ. ערגעץ האָט זיך דאָרט געפונען דער סוידעספּולער „ארוף״, אָבער ליאָניע האָט געזען בלויז די זײַטיקע ראנדן פון די טרעפּ־פּליטעס, וואָס האָבן זיך פארלוירן אינעם שמאָלן אָפּשטאנד צווישן די פּאָרענטשעס, אוואדע אפן דריטן אָדער פערטן שטאָק. א צעבראָכענע פּיאנע איז געשטאנען אין א ווינקל פון דער פּאַראַדנע. דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט גערעדט וועגן פּוסטקײַט, די פּוסטקײַט האָט ווי געקלונגען אַף די צעבראָכענע קלאווישן, אין די צעריסענע סטרונעס — מע האָט נאָר געדארפט זיך אײַנהערן.

ווער זשע האָט וועמען געפירט אהער, אויב טאניע מיטן דײַטש זײַנען אויך דאָ: ער — זי, צי זי אים? מיסטאמע — זי אים, ווײַל אויב פארקערט, איז פונוואנען וואָלט זשאָרזש געוווּסט, אַז זיי וועלן ארײַן אין א פּאַראַדנע, און דעריקערשט, אַז מע מעג דאָרט ווארטן? און עפּשער גייען זיי שוין אהער ניט דאָס ערשטע מאָל, און זשאָרזש ווייסט וועגן דער דאָזיקער פּאַראַדנע? עדיק ווארט דאָרט, אפן אנדרייעווסקי ספּוסק, און מיינט, אַז מע וועט אים ברענגען גוטע נײַס. יענע נײַס!.. סילין איז ניטאָ, און דאָ האלט ער זיך אָן, ליאָניע, פאר עפּעס א שטרויעלע... עפּשער איבער טאניען האָט ער ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון אָט דעם פויגל — פון זשאָרזשן. נאָר וואָס פאר א רעכט האָט ער צו טראכטן וועגן אים אזוי? און טאניע? עפּעס איז זי אים איצט פרעמד געוואָרן, מער ווי שטענדיק. פרעמד, אומפארשטענדלעך... ייִנגלש, נאריש האָט אויסגעזען אַלץ, וואָס ער האָט געטראכט וועגן איר. און צוגלײַך דערמיט איז זי אים איצט אַף אַן אנדער מין אויפן טײַער געוואָרן. פארוואָס? ווײַל ער האָט זיך באַקאַנט מיט איר טאטן, פארגעדענקט אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט וועגן איר, וועגן דעם, אַז הארבסט־צײַט און ווינטער־צײַט קילט זי זיך לײַכט צו, אַז זי שפּילט פּיאנע, אַז זי איז גענוג געוואגט דורכצושמועסן זיך מיט א כוליגאַן, און יענער זאָל דערנאָך ווערן א זײַדענער... „אוי, האָט זי מיר אָפּגעטאָן!״ — אזוי האָט געקלאָגט זיך אַף איר און אין דער זעלבער צײַט געגרויסט זיך מיט איר יאָסיף מארקוס. ער, ליאָניע, האָט געפרעגט: „זי האָט דאָך געקאָנט אוועקפאָרן?״ מארקוס: „זי האָט אָבער געדארפט וועלן, און ניט נאָר וועלן — מעגן...״ און וואָס האָט באַטײַט יאָסיף מארקוסעס נאָכפרעגן זיך אפן שווארצן, דעם געשטופלטן, און דאָס, וואָס מארקוס האָט ניט געוואָלט פארלײַדן, ווען ער, ליאָניע, האָט יענעם אָנגערופן „דער געשטופלטער״?..

טאניע האָט זיך ארָאָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. איצט איז זי שוין געווען אָנגעטאָן אין א בעזשענעם הארבסטיקן מאנטל און אין א בערעט — אַן ערעך פון דעם זעלבן קאָליר. זי איז געגאנגען ניט גערײַלט, באַמיִענדיק זיך ניט קלאַפּן צו שטארק מיט די הויכע קנאַפּל. איין האנט האָט זיך געגליטשט איבער דער פּאָלירטער פּאָרענטשע, די דינע פינגער האָבן לײַכט צוגעקלאַפּט צום טאקט. זי האָט ווי אײַנגעהערט זיך אין עפּעס, וואָס האָט געזאָלט פּאָרקומען פון אויבן, נאָר מעגלעך אויך, אַז ליאָניען האָט זיך דאָס בלויז אויסגעדאכט. פּאַשעט, א מיידל גייט און אײַלט זיך ניט, ווײַל עמעצער דארף זי באַלד אָניאָגן אַף די טרעפּ. זי האָט געקוקט אַף ליאָניען, וואָס איז געשטאנען לעבן דער פּיאנע (אָט דעם טערעץ האָט ער צוגעגרייט, ווען עמעצער זאָל אים פרעגן, וואָס ער טוט דאָ, — ער מיינט אראָפּנעמען עפּעס פון דער צעבראָכענער פּיאנע), געקוקט צוגעשמידט, אָבער אזוי, ווי מע קוקט אַף א ווילד־פרעמדן. באַלד קאָן זי דורכגיין און גאָר. נאָר אָט האָט זי אַף די לעצטע טרעפּלעך שוין נאָך מער פארלאנגזאַמט די טריט, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט.

— טאניע!

— אַך, דאָס זײַט איר? — זי האָט פארשנעלערט די טריט, קימאַט א לויף געטאָן, גענומען אים אונטער דער האנט, זי — אים, א צי געטאָן צום ארויסגאנג: — קומט, קומט...

זײַן פוס אין א פרעמדן וועלוועטענעם פּליודער און אין א צעשניטענעם שטיוול האָט געשפּאנט אפן טראָטואר באַנאנד מיט איר פוס, א געטאָקטן, אין א פּילדעפּערסאָוון זאָק, אין א בלויער זאַמשעווער טופליע, אַן ארומגעזוימטער מיט לאַקירטע פּאַסיקלעך בא די ראנדן. ער האָט מיט דער פארפרעסטער האנט געפילט איר זײַט, ער האָט געקוקט אַף איר פּראָפּיל, אַף דער בלאַסער באַק, אַף די פארשפּיצטע וויִעס. נאָר אָט די נאָענטקײַט האָט אים ניט געפרייט — בלויז צעטומלט און א ביסל פארשיקערט דעם קאָפּ.

דאָס מיידל האָט אים א שעפּטשע געטאָן באַם סאמע אויער:

— זשאָרע האָט מיר באַוויזן צו זאָגן... דערצייל...

— און ווו איז ער, זשאָרע, אַליין?

— ער ווייסט, ווו אונדז צו זוכן. ער וועט קומען. וואָס ווייסטו וועגן מײַן טאטן?

קאָנצענטרירן די געדאַנקען און אָנהייבן דערציילן לויט א סיידער איז ליאַניע אימשטאַנד געווען ערשט, ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין א פאַרלאָזטן הויף פון אַן איינשטאָקיק הויז, וואָס איז געווען פאַרוואַקסן פונעם סאַמע טויער מיט ווילדע ווײַנטרויבן. מע האָט זיך אוועקגעזעצט אַף א טרעפּל, טאַניע האָט זיך א ביסל אָפּגערוקט, קעדיי בעסער צו זען זײַן פּאָנעם, אַרומגענומען מיט די הענט די קני, אַף וועלכע זי האָט אָנגעצויגן די פּאָלעס פונעם מאַנטל, און געהערט.

בלויז איין מאָל האָט זי טיף א זיפץ געטאָן:

— פאַרוואָס האָט ער זיך אומגעקערט פונעם וועג? איך בין א קליינינקע? — און זיך אַליין געענטפערט: — נו, יאָ, איך פאַרשטיי...

זי האָט געוויינט אָן טרערן, ווי זי וואָלט געווען א שטיינערנע. פּאַשעט אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ און, ניט פינטלענדיק מיט די אויגן, געקוקט אין א זײַט, אין סעדל, ווו דאָס ווײַסע שפּינוועבס האָט זיך געזעצט אַף די פאַרטשאַכנעטע ווײַנשל־ביימלעך, אַף די אַגרעסן.

זשאָרזש איז אַרײַנגעקומען אין הויף א בלאַסער, די בלאַסקײַט האָט ווי אונטערגעשטראָכן זײַן זעלבסטבאַהערשטקײַט.

— טאַניע, גיי, טאָליע וואַרט...

זי האָט זיך אופגעהויבן. ווידער, שוין פאַרן געזעגענען זיך, אופמערקזאַם באַטראַכט ליאַניען.

— איך געדענק דיך ניט פון דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג, — האָט זי געזאָגט, — און אין דער קאַלאַנע, דעמלט, ווען איך האָב א וואָרף געטאָן דאָס פּעקעלע, האָב איך דיך אויך ניט באַמערקט. זע, ווי עס טרעפט... זײַ געזונט, טײַערער!

צי זשאָרזש דודאַקאָוו האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט ניט געהערט די לעצטע ווערטער טאַניעס, צי ער האָט פאַרגעסן, אַז ער פלעגט אָפּלאַכן פון ליאַניען, לעמײַ ער דרייט זיך אום בא דער טיר פונעם קאַדרען־אָפּטייל און זוכט א גלעגנהײַט א קוק צו טאָן אַף טאַניען, צי אַלץ אַרום האָט איצט, דאָ, שוין קיין שום ווערט ניט געהאַט, נאָר ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַפן טרעפּל, דאָרט, ווו טאַניע איז ערשט געזעסן, א שויבער געטאָן מיט א גרויסער, שווערער האַנט דעם סטאַרטשעגדיקן יאָזשיק, וואָס האָט געגלאַנצט פון שווייס, און מיד, פאַרזאָרגט, אומגעדולדיק, געזאָגט:

— איך קאָן דאָ זײַן נאָך פינף מינוט. רעד. וואָס האָסטו געוואָלט?

ליאַניע האָט פאַרשטאַנען: מע דאַרף גאָרנישט ניט פרעגן. מער, ווי ער האָט געזען, וועט ער אַלציינס זיך ניט דערוויסן, סײַדן... ער האָט אָבער ניט בלויז ניט געוואָגט א טראַכט צו טאָן, ער איז ניט גרייט געווען צום געדאַנק, אַז ער קאָן בלײַבן דאָ, אין שטאָט, זײַן צוזאַמען מיט זשאָרזשן, מיט טאַניען און מיט אַנדערע, אומבאַקאַנטע זייערע כאַווײרים. א ביסל האָט אים אָפּגעהאַלטן דאָס, וואָס טאַניע האָט אים ניט דערקענט (ער האָט נאָך ניט באַנומען, וואָס פאַר א געפיל האָט אים באַהערשט — אַנטוישונג, באַליידיקונג, געפּאַלנקײַט?). און כוץ אַלעמען, האָט ער געהאַט עדיקן אַף זיך. דערפאַר האָט ער געזאָגט:

— העלף מיר אַריבער דעם דניעפּער, זשאָרזש. איך בין ניט איינער. עס גייט מיט מיר א יינגל. איך וועל אים לאָזן בא א פּראָפעסאָר אין בראַוואַרי, זײַנעם א לערער, און וועל גיין ווײַטער. דאָס יינגל איז אַרויס פון באַבי יאַר, פאַרשטייסט אַליין...

זשאָרזש האָט פון דער זײַט אָנגעשטעלט אַף ליאַניען זײַנע ביסטרע, טונקל־גרויע אויגן, ווידער זיי אָפּגעקערעוועט און געשוויגן א מינוט, צוויי. ליאַניע האָט אין געדאַנק געציילט די מינוטן און געטראַכט: „אָן אַנדער מענטש. ווי גלײַך ניט ער פלעגט דאָס שפּאַסן, אופנעמען אַלץ מיט א גרינג האַרץ... כאָטש, וואָס וועסטו דאָ אופנעמען מיט א גרינג האַרץ?“

אַרויסגעצופּט א גרעזל, וואָס האָט געשפּראָצט פון צווישן די ברעטער, האָט זשאָרזש, אַלץ ניט אויסקערעווענדיק דאָס פּאָנעם צו ליאַניען, געפרעגט:

— און ווו איז דײַן אויטאָמאַט? האָסט עפשער באַוויזן ערגעץ אים פאַרוקן?

דאָס איז געווען אַן אָנצוהערעניש. ליאַניע האָט זיך דערפרייט, נאָר דערבײַ אויך אָנגעשפּיצט זיך: „און אויב מע דאַרף דורכגיין עפּעס א קאָנטראָל? ווער קאָן באַשטעטיקן, אַז אַלץ איז געווען אַזוי, ווי איך זאָג?“

ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט ער באַשטימט זיך האַלטן באַם עמעס:

— פון מײַן אויטאָמאַט, זשאָרזש, ווען די דײַטשן זײַנען אַרײַן קיין דאַרניצע, האָט געשאָסן גאָר א גוטער מענטש. ביז דער לעצטער קויל.

א קלער געטאָן, האָט ער צוגעגעבן:

— דעם קאָמיוגישן בילעט האָב איך פאַרהיט.

זשאַרזש האָט ווידער געצופּט א גרעזל. ליאָניע האָט אָפּגעמערקט: „שוין דורך מיסטאמע אַלע פינף מינוט. וועגן דניעפּער ענטפערט ער גאָרנישט. אַט האָסטו דיר זשאַרזש, גיי ווייס, אז ער איז גאָר אזא..."

שוין א ביסל מיט פארדראָס האָט ליאָניע געפרעגט:

— און דו? ווי קומסטו אין שטאָט?

— איך בין אין ערגעץ ניט אוועק.

— וואָס? און דער פאַנצערצוג...

— דער פאַנצערצוג איז אוועק, דאָס איז עמעס. נאָר עמעצער איז דאָ געבליבן. איך האָב דעמלט, אַפּדערנאַכט, דיר גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגן, ליאָניע. פארטאָג האָב איך דיך דאַפקע געזוכט ארום דעם אנדרייעווסקי ספּוסק און דער גלובאָטשיצע, נאָר, פארשטייט זיך, שוין אָנעם מאָטאָציקל...

זשאַרזש האָט א קוק געטאָן אַפן זייגער (א ציבעלע — דער ניקל אָפּגעקאָלופּעט, דאָס צעלולאָיִדענע גלעזל — געל, צעדראַפּעט, — זשאַרזש, וואָס אַלץ האָט געמוזט בא אים זײַן דאָס בעסטע, זאָל טראָגן אַף דער האַנט אזא זייגער!):

— איך וועל דער ערשטער ארויס פונדאַנען. צי כ'וועל דיר קאָנען העלפן, ליאָניע, אריבער דעם דניעפּער, ווייס איך ניט. נאָר וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען מע זאָל דאָס ייִנגל אָן דיר באוואָרענען?

— ער דאַרף קיין בראָוואַרי, דאָס איז אזא יאַט... אפילו אצינד האָט ער צו טאָן מיטן לערנען.

— גוט, נאָר אויב — אָן דיר? מע קאָן זאָגן אזוי אויך. וואָס זאָל איך ענטפערן?

— זאָג, אז דו ווייסט ווער איך בין, זשאַרזש.

— איז לאָמיר זיך דעריידן, ווו איך וועל דיך טרעפן מאָרגן, אזייגער צען אינדערפרי.

עדיק האָט באגעגנט ליאָניען, ניט וואָס אָן אופגערוימטער, כאָטש ס'האָט זיך געקאָנט דאכטן, אז ער איז א ביסעלע אופגערוימט, נאָר אָן סאַפּעק מער אופגעלייגט, איידער ער איז געווען, בייס מע האָט זיך צעשיידט. ליאָניע האָט דאָס פאר זיך דערקלערט דערמיט, וואָס דאָס ייִנגל האָט זיך דאָ געפילט אָן אים אומהיימלעך. ס'האָט אים בלויז פארכידעשט, וואָס די יעדיִע, אז סילין איז ניטאָ, האָט בא עדיקן קיין באזונדער פארדראָס ניט ארויסגערופן, און די צווייטע יעדיִע, אז א באקאַנטער האָט צוגעזאָגט טאָן עפּעס, מע זאָל אריבער דעם דניעפּער, האָט אים אויך ווי ניט איבעראַשט. ניט אָן א ביסעלע שטאָלץ האָט עדיק געמאָלדן, אז ער האָט צוגעגרייט עסן — געבראָטענע קאַרטאָפל אַף כאַזער־פעטס. בא ליאָניען איז דורכגעלאָפן א געדאַנק, פונוואַנען האָט זיך דאָ גענומען כאַזער־פעטס, נאָר געפרעגט האָט ער גאָרנישט — מאַלע וואָס... עדיק איז פאָרט בא זיך אין דער היים, עפּשער האָט ער זיך דערמאָנט, ווו דאָס פעטס איז געווען באהאַלטן.

אַלץ איז קלאָר געוואָרן, ווען מע האָט זיך געזעצט צום טיש און עדיק האָט אוועקגעלייגט פאר ליאָניען א פרישן אָקרײַעץ קאָרנברויט.

— איך פארשטיי ניט, — ליאָניע האָט א דריי געטאָן דאָס ברויט צווישן די פינגער, — אזוי ווי נעכטן געבאַקן?..

— מעגלעך, אז נעכטן. עס איז דאָ א מענטש, וועלכער וועט אונדז אריבערפירן איבערן דניעפּער.

— ווער?

— דער פעטער יאַקיוו.

— כ'ווייס ניט, ווער דאָס איז.

— א פישער. ער וווינט הינטער קורעניאָווקע, באַם סאַמע דניעפּער. איך וועל דיר, זאָגט ער, פארבינדן די באַק מיט א טיכל און אזוי דיך אויספוצן... קאָן זײַן, מע זאָל מיר אויך קריגן א פרעמדע מעטריקע. אָבער איך האָב געטראַכט — עפּשער האָט איוואַן איוואַנאָוויטש זיך אומגעקערט? וועגן אײַך האָב איך אויך געזאָגט דעם פעטער יאַקיוו. און איצט ווייס איך ניט — מיר קאָנען פארנאַכט אוועקגיין מיט אים, נאָר עס ווילט זיך פאָרט צוווארטן דאָ ביז אינדערפרי.

ליאָניע האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגענומען קאַרטאָפל, נאָר ניט דערטראָגן דעם גאָפּל צום מויל. דער הונגער האָט שטאַרק צונויפגעקלעמט די געדערים, און ער האָט אפילו ניט גלײַך זיך געכאַפּט, פונוואַנען דער ווייטעק קומט. עדיק איז ניט קיין נאַריש ייִנגל — אַבי וועמען וועט ער ניט פארטרויען. דאָס אַלץ איז מיסטאמע ערנסט.

— דערצייל אַלץ נאָכאַנאַנד, עדיק.

— עמעס טאַקע, דער ענטפער איז געקומען פאַר דער אופגאַבע... איך האָב געקוקט אין הויף אַרײַן דורך אַ שפּאַרונע אין לאָדן און דערזען: דער אַלטער יאַקיוו גייט. דאָקיאַ סטאַסאָוונאַ פלעגט בײַ אים שטענדיק קויפן פיש, די סאַמע דריבנע. ער איז לעסיעס דראַבאַטס פעטער. לעסיעס דראַבאַט איז אונדזערע אַ שכנה, איינע פון די, וואָס כ׳האָב אײַך דערציילט וועגן זיי, אַז זיי האָבן זיך שוין אָנגעליטן. פאַר איין שאָ איז זי אינגאַנצן ווײַס געוואָרן — מע האָט אין איר געשאָסן, געוואָלט, זי זאָל אַרויסגעבן דעם מאַנס אַ פּלעמעניק. זי האָט אים אָבער ערגעץ גוט פאַרבאַהאַלטן. אַז דער פישער האָט זיך באַוויזן אין הויף, האָב איך דאָס ערשטע אַ טראַכט געטאָן: אַ קלאָרע זאַך. בײַ יאַקיוון. און דאָ איז מיר געקומען דער געדאַנק: ער האָט דאָך אַ שיפל, און אויב מע האָט עס אַפילע צוגענומען בײַ אים, וועט ער עפּעס צוקלערן. יאַקיוו איז אַרײַנגעגאַנגען צו לעסיען, ס׳איז טאַקע אין אונדזער הויז, נאָר אין דער דריטער פּאַראַדנע פון אונדז. וויאַזוי זשע דערלאַנגט מען זיך צו די דראַבאַטס? און כ׳האָב צוגעקלערט: אָפּן נוסנבוים, פון דאָרט — אין דער דירע אָפּן צווייטן שטאָק, וואָס פּוסטעוועט, פון דאָרט — אָפּן בוידעם, און דערנאָך — צו די דראַבאַטס...

ליאָניע האָט זיך גענומען צום עסן.

4

עדיק איז טאַקע דעם זעלבן טאָג אַוועק מיטן פישער, און ליאָניע איז געבליבן נאָך אָף איין נאַכט בײַ די קאַלינקעס אין דער דירע. צען אינדערפרי איז ער געקומען אָף דער שכײנעסדיקער, גאַנטשאַרנע גאַס, וואָס שלענגלט זיך צווישן ליים־בערג, באַוואַקסענע מיט קוסטעס. מיט די הילצערנע טרעפּ, וואָס פירן פון די אייבערשטע צענטראַלע גאַסן, האָט אײַנגיכן זיך אַראָפּגעלאָזט אַהער זשאָרזש דודאַקאָוו. ער האָט געטראָגן אַ שטײַגל, אין וועלכן ס׳איז געזעסן, ענלעך אָף אַ בונט קנײַלעכל, אַן אָנגעבלאָזענער שטיגליץ. ניט ווײַט, אָף פּאָדאָל, איז אַלע יאָרן געווען אַ פייגל־מאַרק. האָט אַוודאי געדאַרפט אויסקומען, אַז זשאָרזש גייט אַהין.

קיין קאָנקרעטן ענטפער האָט ער ניט געבראַכט — עמעצער דאַרף נאָך בײַ עמעצן פרעגן, עס וועט קלאָר ווערן אין צוויי טעג אַרום.

ליאָניע האָט גענומען דאָס שטײַגל און, באַטראַכטנדיק דאָס פייגעלע, — עס איז געווען גאָר אַ שלאַבעריקס, געציטערט, געהאַלטן האַלב צוגעמאַכט די אויגן, אַ הירזשן גרײַפּעלע האָט געשטעקט בײַ דעם אינעם פּיסקל, — דערציילט וועגן פישער.

— הײַנט זעסטו שוין, — האָט זשאָרזש געזאָגט אַ פאַרזאָרגטער, — וויאַזוי עס טרעפט דאָ בײַ אונדז — אָפּטער פון אַלץ דאַרף מען אַליין אָנעמען אַ באַשלוס. וואָס פאַר אַן אייצע זאָל איך דיר געבן? גיי, פאַרשטייט זיך. ווען דער פישער צי עמעצער פון זײַנע כאַווײרים פירט אָפּ דאָס באָכערל ווײַטער...

— איך האָב געגעבן אָנצוהערן, נאָר...

— און כאָטש עפּעס אַ פּאַפּירל האָסטו?

ליאָניע האָט דערציילט וועגן טיכאָן וואַסיליעוויטשעס ביכעלע.

— רעכט. וועסט זיך אומקערן אין שטאָט — זוך מיך ניט, זוך קיינעם ניט, גיי אופשטעלן די אײַזנבאַן־בריק. מע נעמט אַהין אַלעמען. צוויי הונדערט גראַם ברויט פון פּראָסע מיט אַרבעס פאַר אַ טאָג האָרעוואַניע זשאַלעוועט די פאַשיסטן קיינעם ניט. דאָרט וועל איך דיך אָפּזוכן.

ער האָט איבערגענומען דאָס שטײַגל פון ליאָניעס הענט. דער שטיגליץ האָט שוואַך אַ ריר געטאָן מיט די בונטע פליגעלעך און ווידער זיך אָנגעבלאָזן.

— אַ זדעכליאַק! דאָס האָב איך אים אין אַ פּוסטער דירע געפונען, — האָט זשאָרזש זיך פאַרענטפערט, — נישקאָשע, ער וועט קומען צו־זיך, וועל איך אים אַרויסלאָזן...

און דריקנדיק ליאָניעס האַנט:

— איך האָב געהאַט אַ שטיגליץ, איז עס געווען אַ שטיגליץ! מע האָט קיין ראַדיאָ ניט געדאַרפט. נאָר אַז די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן... זײַ געזונט!

אָט ווען ליאָניע האָט דערזען פאַר זיך דעם פריערדיקן זשאָרזש.

קיעוו איז פאַרבליבן ווײַט הינטער די פּלייצעס, אָף מײַרעוו. איבער סטעזשקעס, וואָס ווער ווייסט, ווער ס׳האָט זיי דורכגעטראָטן אין די פאַרוואָרפענע טאָרפיק־פײַכטע ערטער פון דער לינקבערעגיקער דניעפּער־פּאַימע, איבער זאַמדיקע פּוסטקעס, ווו סטעזשקעס פאַרשווינדן נאָכן ערשטן רעגן, דורך געדיכטן לאָזניאַק, קליינע אָסינע־ און ראַקיטע־וועלדלעך, און ווידער דורך זאַמד, און הויכע גראָזן, און לאָזניאַק, און שוין טאַקע אויך סאָסנע־וועלדלעך, זײַנען

לֿיאָניע און עדיק געגאנגען אלֿץ ווײַטער פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געטוקט אין בלֿויקײַט מיט אירע געלֿבלֿעכע בערג, מיט די קוים־מערקבארע אקווארעלֿ־פאסיקלֿעך פון גאסן, מיטן גאָלֿדענעם קופּאָלֿ פון דער פעטשערסקער לֿאווריע. און זי האָט זיי ווי נאָכגעשריגן אהער, אין דער שטילֿקײַט, די שטאָט, מיט הונדערטער פארצווייפלֿטע קוילֿעס, נאָכגעהילֿכט מיט דער שיסערײַ, מיט אלֿדעם, וואָס זיי האָבן זיך דאָרט אָנגעהערט, פון וואָס דאָס הארץ איז אזויפילֿ מאָלֿ פארצאפּלֿט געוואָרן. כאָטש געצאפּלֿט האָט דאָס הארץ אויך דאָ פון יעדן שאָרך, פונעם רויש אף א נאָענטן וועג, פונעם אומקלאָרן הו־הא ערגעץ לֿעם א יִישעוו.

זיי האָבן מיינסטנס געשוויגן, און אויב זיך יאָ א שעפּטשע געטאָן — איז וועגן סאמע בייטיקן. ווען־ניט־ווען האָבן זיי באגעגנט מענטשן, וואָס האָבן, פונקט ווי זיי, געגאנוועט זיך, אָפטער — אף מיזרעך, זעלֿטענער — אף מײַרעוו, נאָר אָפּגעשטעלֿט האָט מען קיינעם ניט, געהאלֿטן זיך פונוויַיטנס. מע איז גאנץ אָפט געלֿעגן פארטײַעטע אין פארלֿאָזטע שוצגריבער, אין קאנאוועס, צווישן זומפ־בערגלֿעך, אין קוסטעס, שוין קימאט אָן בלֿעטער, און מע איז ווײַטער געגאנגען. און די גאנצע צײַט האָט לֿיאָניע, סײַ ווען ער איז ערגעץ געלֿעגן פארטײַעט, סײַ ווען ער איז געגאנגען, געטראכט וועגן טאניען, געדענקט וועגן איר, ווי וועגן א ווייטעק, וואָס פארגייט, אָבער זייער לֿאנגזאם, און מע איז ניט זיכער, אז ער וועט ווידער ניט קומען.

ער האָט שיר ניט געפרעגט בא זשאָרזשן בייסן געזעגענען זיך, צי איז דאָ געבלֿיבן, אין שטאָט מיט טאניען, דער שווארצער, דער געשטופּלֿטער, און גוט, וואָס ער האָט עס ניט געפרעגט. א שווארצער, א געשטופּלֿטער, אָנדערהאלֿבן מאָלֿ עלֿטער פון איר — דאָס אלֿץ האָט דאָך געזאָגט זשאָרזש. עפשער איז עס גאָר געווען א וויץ, פון יענע לֿוסטיקע וויצן, וואָס זשאָרזש פלֿעגט זיך פארגינען? יאָסיף מארקוס האָט אויך זיך נאָכגעפרעגט אף א שווארצן, א געזונטן, נאָר מיט זאָרג, און כאָטש ס'איז ניט קלֿאָר געווען, פונוואנען זי נעמט זיך, די זאָרג, האָט אָבער קיין ביטלֿ אין זײַנע ווערטער זיך ניט געפילֿט. איז ער עפשער גאָר א ווילֿער באָכער, יענער שווארצער? מיסטאמע איז עס טאקע אזוי, טאניע פארשטייט דאָך עפעס...

ווען ער האָט געטראכט וועגן טאניען פריִער, ביז דער באגעגעניש אף פעטשערסק, איז זי פאר אים געווען א געוויינלֿעך מיידלֿ, וואָס האָט ערגעץ־ווו אף מיזרעך א מאמע, וועלֿכע באומרויִקט זיך פאר דער טאָכטער, באווײַזט איר פאָטאָגראפיע די נײַע שכיינים. זי איז פאר אים געווען א מיידלֿ, וואָס האָט זיך געפּאָרעט מיט פאפקעס, געדרוקט אף א מאשינקע, א שיין מיידלֿ, וועלֿכע ער האָט דערזען דאָרט, אין דער אײַזנבאן־פארוואלֿטונג, און איז איר נאָכגעגאנגען פוסטריט. און עפשער וואָלֿט ער איר אזוי לֿאנג נאָכגעגאנגען, ניט וואגנדיק אויסריידן מיט איר קיין וואָרט, ביז ער וואָלֿט זי ענדלֿעך ניט דערזען מיט יענעם פרעמדן אונטער דער האנט — א פרעמדן, וועלֿכן ער וואָלֿט געהאסט און וואָלֿט אים מעקאנע געווען, און צוגלֿײַך דערמיט געווען אים אויך א פרײַנט, ווײַלֿ ער איז איר פרײַנט... נאָר פון נעכטן אָן איז זי פאר אים געוואָרן גאָר אן אנדערע — א סאָד, וואָס וועט מיסטאמע אזוי טאקע בלֿײַבן ניט אנטפלֿעקט. נו, יאָ, אויב אפילֿע ער וועט זיך אומקערן קיין קיִעוו, לֿיאָניע, איז דאָך נאָך קיין סימען ניט, אז ער וועט זי זען, אז ער וועט עפעס זיך דערוויסן צי הערן וועגן איר, — ער וועט דאָך גאָר ארבעטן אף דער בריק. און ניט נאָר דאָס — עפעס איז זי טאקע מיט איר סאָד, מיט איר פארשטעלֿטקײַט אריבערגעוואקסן אים, געוואָרן א העלֿדן פון א מײַסע, פון א לֿיד.

ער האָט ווידער און ווידער געהערט טאניעס געלֿעכטער דאָרט, באם אָפּהאנג, און איר קאָלֿ אינעם פארוואָרפענעם הייפלֿ: „איך בין א קלֿיינינקע?“. ער האָט זי געזען אומגיין איבער די פוסטלֿעכע גאסן פון דער שטאָט, איבער די סעדער און פארקן, ווי א לֿעבעדיק געוואָרענער שאָטן פון די, וואָס לֿיגן אין באבי יאר, אונטער הרודעס לֿיים און זאמד, פון די, אין ווײַסע און רויטע קאָפטלֿעך און קאָסינקעס, וואָס האָבן געגראָבן די שוצגראָבנס קעגן טאנקען ארום זשולֿיאנע און זײַנען געבלֿיבן דאָרט לֿיגן דערהארגעטע פון א באָמבע, א שאָטן פון יענע דרײַ אויסשפירערנס, וועלֿכע יערעמיי זארובא, דער אויסשפירער פונעם פאנצערצוג, האָט געזען געהאנגענע אין וואָרזעלֿער וואלֿד...

קיִעוו איז אלֿץ מער פארהוילֿן געוואָרן אין בלֿויקײַט, אין זוניקן פינקלֿ. אָט איז פארשווונדן אויך דער גאָלֿדענער קופּאָלֿ, בא א זײַט, אף צאָפן־מיזרעך, אין דורכלֿויכט פון א סאָסנע־וואלֿד, איז ארויסגעשווומען א ווײַסע קאלֿאנטשא, און ארויסגעשווומען ניט צופעליק — לֿיאָניע האָט זי מיט זײַנע געדאנקען ארויסגערופן. דאָרט, אף דער ווײַסער קאלֿאנטשא... נאָר ביין, ניט דאָס האָט ער זיך געוואָלֿט דערמאָנען, ניט קושנאריאָוון מיט די אראָפּהענגענדיקע הענט איבער דער פאָרענטשע פונעם גאנעק, — לֿאריסקען, דאָס מיידלֿ מיט די בלֿאָנדע,

גלײַכע האָר, מיטן קינדערש־לענגלעכן פּאָנעם, מיט די גרויסע, קינדערש־פֿאַרזאָרגטע און מיטפֿילנדיקע אויגן, מיטן דינעם האַלדז און די צאַרט־אָנגעמערקטע שלאָסבײנער אין אויס־שניט פֿונעם קאָפּטל... דעם רעגנמאַנטל, וואָס זי האָט אים נאָכגעוואָרפֿן, דעמלט, ווען די דײַטשן האָבן שוין געשאָסן אין גאַס, האָט ער געלאָזט אין גאָרטן — ניט געדאַרפֿט געווען אים לאָזן, כאָטש ער האָט זיך צעריסן, בײַס ליאָניע איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער מאַשין... לאַריסע... דאָס ייִנגעלע, וואָס ער האָט איר איבערגעגעבן, וועט זײַן זייער געמיינזאַם ברו־דערל — אירס און זײַנס, און עפּשער... דאָס האַרץ האָט גענאָגט, זיס גענאָגט, פּונקט דאָרטן, ווו ס׳האָט ווייטעקדיק געקלעמט, ווען ער האָט געטראַכט וועגן טאַניען. נאָר גיין אַהין, צום שטיבל, וואָס שטייט אַ ביסל ווײַטער פֿון דער קאַלאַנטשאַ, וועט ער איצט ניט. אַפּצוריק־וועגס — דאָס איז עפּעס אַנדערש. פֿירן מיט זיך עדיקן אין שטעטל — איז געפֿערלעך, איבערלאָזן אים דאָ, אין וואַלד — טויג אויך ניט. בלײַבט טאַקע, אַז צוריקוועגס. ווען? אין אַ טאָג דרײַ ארום. דרײַ אָדער פֿיר. לאַריסעס טאַטע וועט עפֿענען די טיר און, מעגלעך, ווידער ניט וועלן אים אַרײַנלאָזן. לאַריסע וועט אָבער פּונקט האָדעווען דאָס יאַטל אין קיך, זי וועט זיך אַ כאַפּ טאָן פֿון אָרט מיטן לעפֿל אין האַנט... און עפּשער וועט זי גאָר עפֿענען די טיר? און עפּשער וועט זי פּונקט זײַן אין הויף?..

5 ניט נאָר ליאָניע, אַפֿילו עדיק האָט ניט געקאָנט בלײַבן בײַ סילינס טאָכטער. איר שטוב האָבן באַוואַכט צוויי דײַטשישע סאָלדאַטן — איינער אין גאַס, וווּהין ס׳האָט אַרויסגעקוקט דאָס גאַנעקל, דער צווייטער האָט אומגעשפּאַנט אונטער די פֿענצטער אין סאָד. דאָ האָט קוואַרטירט דער קאָמאַנדיר פֿון אַ גרויסן אינטענדאַנטן־טייל, וועמעס שטאַב ס׳האָט זיך געפֿונען דערנעבן, אין שול. די באַלעבאַטים — סילינס טאָכטער, צוויי קינדער, די שוויגער — האָט מען געלאָזט וווינען אין דער זומערדיקער קיך, טיפֿער אין הויף. איוואַן איוואַנאָוויטשן האָבן גענומען צו זיך קרויווים צי באַקאַנטע. אַהין האָט מען אָפּגעפֿירט עדיקן, און ליאָניע האָט אים מער ניט געזען, דעם פּראָפֿעסאָר האָט ער אויך ניט געזען.

פֿאַר ליאָניען האָט סילינס טאָכטער, אַ פֿאַרמוטשעטע, אָן אָנגעשראָקענע, געפֿונען אַ נאַכטלעג בײַ שכנים. ער האָט דאָרט געמוזט בלײַבן אויך אויפֿן צווייטן טאָג — אין שטעטל איז פֿאַר דער נאַכט אָנגעפֿאָרן אַ סאַך מיליטער. געלאָזט אין וועג האָט ער זיך ערשט פֿאַרנאַכט, דורך די גערטענער דערלאַנגט זיך צום פֿעלד, און ווײַל אַרום־און־אַרום איז געווען אומרויִק: ראַקעטעס האָבן געהאַלטן אין איין אויפֿליכטן דאָ און דאָרט, מאַטאָציקליסטן האָבן אַרומגע־שמײַעט מיט אָנגעצונדענע פֿאַרעס, פֿון מאָל צו מאָל האָט אויסגעבראָכן אַ שיסערײַ, — האָט ער באַשטימט ווידער ערגעץ איבערוואַרטן, ביז ס׳וועט ווערן ליכטיק, ווען עס איז גרינגער צו אָריִענטירן זיך און באַצײַטנס באַמערקן אַ געפֿאַר.

ער האָט אויך געוואָלט באַקלערן, צי זאָל ער בכלל ניט ענדערן דעם מאַרשרוט, אוועקלאָזן זיך אויף מיזרעך. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, האָט ער פֿון קיִעוו שוין אוועקגעשפּאַנט אַ קילאָמעטער דרײַסיק, און — בעשאָלעם. דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט. זשאָרזש וועט אויף אים וואַרטן? קיין גרויסן פֿאַריבל וועט זשאָרזש ניט האָבן. נאָך דער מילכאָמע וועט מען זיך באַגעגענען און אַלץ וועט זייער לײַכט קלאָר ווערן. וואָס נאָך — דער וויזיט צו לאַריסקען וועט אָפּגעלייגט ווערן? דאָס איז אויך צו דערלײַדן. די מענטשן, בײַ וועלכע ער האָט דעם טאָג זיך אופּגעהאַלטן, האָבן דערציילט, אַז רויטאַרמייער און קאָמאַנדירן גייען אָן אופֿהער אַרויס פֿון דער אַרומרינגלונג. מע כאַפּט טאַקע אויף די וועגן, אייניקע פֿירט מען צוריק — צעשלאָגענע, שרעקלעכע. אַרום־און־אַרום האָט מען דאָ געמאַכט לאַגערן. וואָס דאָרטן טוט זיך, איז שווער צו פֿאָרשטעלן זיך. ליאָניע האָט שוין יאָ געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין אַ לאַגער, און דאָך האָט ער געדאַרפֿט אַ גוטן טראַכט טאָן, צי איז פֿונדעסטוועגן ניט בעסער אויסקלײַבן דעם לאַנגן וועג אויף מיזרעך, איידער דעם קורצן אויף מײַרעוו. די יעדיִעס פֿון הינטער כאַרקאָוו, בריאַנסק, מאָסקווע האָבן קיין טרייסט ניט געקאָנט ברענגען, נאָר טאַקע מאַכמעס דעם האָט ליאָניע אויך געוואָלט זײַן דאָרט, מיט אַלעמען...

אָט אַזוי, דערווײַל נאָך אָן אַ פֿעסטן באַשלוס, האָט ער שוין גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט אָפּגעזוכט ווײַט פֿון וועג אַ גרויסע סקירדע שטרוי און גענומען אויסגראָבן אין איר אַ נאָרע פֿאַר זיך. פֿון דער סקירדע האָט עמעצער אים שטיל אַ רוף געטאָן:

— היי, הער נאָר! האָסט עפּשער עפּעס אויף וועטשערע?

— אַ פּאָר פּאָמידאָרן האָב איך, — האָט ליאָניע געענטפֿערט, — אַ שטיקל ברויט קאָן איך אויך אָפּברעכן.

פֿון דער שורשענדיקער שטרוי האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ האַנט:

— גיב אַהער!

ליאָניע האָט געזאָגט:

— טו זיך אַ רוק, וועל איך זיך פּאַרקלײַבן צו דיר.

— איך אײַלע ניט, — האָט זיך אָפּגערופן שוין אַ צווייטע שטים, — מיר זײַנען זייער לײַזיק... כאָטש, עפּשער ביסטו אויך ניט ריינער?

מיטן עסן האָט ליאָניע זיך געטײַלט, נאָר געלייגט זיך באַזונדער.

געשלאָפן איז ער געשמאַק. דער באַוווּסטזײַן, אַז ניט ווײַט פון אים געפינען זיך מענטשן, אָט אַזעלכע, ווי ער, וואָגלער, האָט אים באַרויִקט. אין שלאָף, מער איידער אַף דער וואָר, איז ער געווען אָנגעשפּיצט — ניט געוואָלט פאַרשלאָפן, ווען די דאָזיקע צוויי וועלן פאַרלאָזן די סקירדע. עפּשער וועט ער זיך פאַרייניקן צו זיי? דערעדן זיך מיט זיי וועגן דעם באַנאַכט, ווען מע זעט קיין פּנים ניט, האָט מען טאַקע ניט געדאַרפט, נאָר איינס האָט ער זיך דערוווּסט: מע גייט אַף מיזרעך.

„אַף מיזרעך“, — די דאָזיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מויעך, דאָס אָנגעשטרענגטע טראַכטן וועגן וועג, וואָס שטייט אים פאָר, די מוירע צו פאַרשלאָפן, ווען זײַנע צופעליקע כאַווירים וועלן זיך לאָזן גיין, — אַלץ צוזאַמען האָט אַרויסגערופן מעשונע-דיקע כאַלוימעס: אַ קאַיאָר אין טײַגע בייס דער געאָלאָגישער פּראַקטיק. דער דעזשורנע וועקט דעם קליינינקן לאַגער — פינף פּאַלאַטקעס צופוסנס פון אַ סאָפּקע, — ער קלאַפּט מיט אַ שטעקן אין אַ צעבראָכענעם בלעכענעם עמער, וואָס איז צוגעבונדן צו אַ נידעריקער פיכטע-צווײַג. די פיכטע ברענט, ווײַל די זון גייט אויף הינטער איר, נאָר די זון אַליין איז אַ מעשענע, זי איז געמאַכט פון דעם מעש, וואָס מע זוכט דאָ, אין די סאָפּקעס. דאָס יִינגל קלאַפּט אין איר, ווי אין אַ גלאַנציק־שעמערירנדיקער טאַץ, און דאָס קלינגט זי... פּלוצעם — אַ דונער. גאָר פון קאַיאָריקן הימל, אַף וועלכן ס'איז קיין וואָלקנדל ניטאָ. נאָך אַ דונער, און נאָך, און קוילעס: „ראוס, שווײַנען, ראוס!“ עפּעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין רעכטן פוס, באַם קנעכל, ווי מיט אַ דראַנג. וואָס איז דאָס?

ליאָניע האָט געקוקט דורך דער שטרוי, מיט וועלכער ער האָט באַנאַכט עטוואָס צוגעדעקט זיך דעם קאָפּ, און געזען: אַ גרויער פּאַרטאָגיקער הימל — די זון איז ניטאָ. ס'איז זייער פרי. דײַטשן זיצן אַף מאָטאָציקלען, די מאָטאָרן הילכן, רויכלעך קלאַפּן לעבן די הינטערשטע רעדער. איין דײַטש האָט אופגעהויבן דעם אויטאָמאַט. נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ אינעם זעלבן פוס, אין וועלכן מ'האָט שוין איין מאָל אַ קלאַפּ געטאָן. ס'איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

ווידער האָט אַ שײַן געטאָן די טאָג־ליכט פאַר ליאָניען, נאָר — אַ רויִקע, מיט פײַער־דיקע זיך וויגנדיקע צינגער. די סקירדע האָט געברענט. ער האָט זיך אַרויסגעוואָליעט אַף דער ערד, אָפּגעפּויזעט ווײַטער פונעם פײַער, געוואָלט אופשפּרינגען אַף די פיס און ניט געקאָנט. אַ טעמפּער ווייטאָק האָט ווי אָפּגעשניטן איין פוס. עפּעס צוויי מענטשן האָבן אים גענומען אונטער די הענט און אוועקגעשטעלט אַפן געזונטן פוס.

— האַלט זיך, שטיי, — האָבן זיי אַ שעפּטשע געטאָן, — די, וואָס שטייען ניט אויף, שיסט מען.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דער סקירדע האָבן זיך פאַרגראָבן אַ מענטשן צוואַנציק, און עפּשער האָבן די דײַטשן אַ טייל געבראַכט צו טרײַבן פון ערגעץ אַנדערש. ס'איז צוגעפאָרן אַ גרויסע לאַסטמאַשין. די צוויי, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן ליאָניען, האָבן אים אופגעהויבן און געהאָלפן אַרײַן אין אָפענעם קוזאָוו. דאָך האָט ער פאַרטשעפּעט באַם באָרט דעם פאַר־וווּנדעטן פוס און ווידער פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן.

ליאָניע איז געקומען צו־זיך, ווען די מאַשין איז שטיין געבליבן בא עפּעס אַן אַרקע פון ברעטער, געפאַרבטע אין רויטן. עמעצער האָט באַנאַנד מיט אים געזאָגט:

— צוגעשטעלט מיך גלײַך אַהיים — אין אוויִאַשטעטל. מע קאָן נאָך אונדז אַרויסזעצן פון דער מאַשין פונקט בא מײַן הויז, וועט זײַן גאָר שיין!

— באָריספּאָל? — האָט געפרעגט אַ צווייטער.

— באָריספּאָל איז דאָרט, ווײַטער, מע איז אַ ביסל ניט דערפאָרן.

ליאָניע האָט ניט געפילט דעם רעכטן פוס. דער ווייטאָק איז געווען אַ מוירעדיקער, ווי מע זאָל אים זעגן דעם דאָזיקן פוס, אָבער גאָר פון אויבן. עמעצער האָט ליאָניען קימאַט באַם סאַמע דיך אײַנגעצויגן דעם פוס מיט אַ רימען. „אַ זשגוט“, — האָט ליאָניע פאַרשטאַנען און מיט דאַנקבאַרקײַט אַ קוק געטאָן אַף רעכטס און אַף לינקס פון זיך. „ווער האָט עס געטאָן? מיסטאָמע יענע צוויי, וואָס האָבן מיך אופגעהויבן פון דער ערד“. ער האָט זיי דערקענט: דאָס האָט איינער, דער שמאָלפּנעמדיקער, געזאָגט, אַז ער איז אין דער היים; דער צווייטער, מיט

א גרויער קעפּקע אָנגערוקט איבער די אויערן, האָט געפרעגט, צי ס׳איז באַריספּאַל. „עפשער זײַנען עס די, וואָס איך האָב זיי באַנאַכט געגעבן עסן?״ — האָט ער נאָך באַוויזן א טראַכט טאָן, נאָר די מאַשין איז אַוועקגעפאָרן ווײַטער, אין הויף אַרײַן. פונעם טרייסל האָט פאַר די אויגן זיך גענומען דרייען ווי א טשאַטע פליגן, צווישן וועלכע אייניקע זײַנען געווען פײַערדיקע. דערנאָך האָט ער דערפילט, אז מע הייבט אים אונטער, אז ער שטייט אף איין פוס, אז מע פירט אים צי מע טראָגט אים ערגעץ אין א דושנער, דריקנדיקער פינצטערניש.

ער האָט זיך אופגעכאַפּט אף א צעמענטענעם דיל. אופגעכאַפּט זיך פון קעלט. א זוך געטאָן די קאָלדרע לעבן זיך, נאָר ניט געפונען, אָנגעטראָפן נאָר אף א האָריק פּאָנעם.

— שטילער, — האָט דער באַוואַקסענער זיך א כאַפּ געטאָן, — וואָס וואַרפסטו זיך!

— וווּ בין איך?

— ניט אפן הימל. דערווײַל נאָך אף דער ערד.

ליאָניע האָט זיך דערמאָנט די ברענענדיקע סקירדע, דעם געדיכטן שטויב, וואָס איז געפלויגן פון שליאַך אף דער דײַטשישער לאַסטמאַשין, דערפילט, אז אין מויל איז אַלץ איבערגעטריקנט, זאַמד קריצט אף די ציין, און אַרויסגעקרעכצט:

— וואַסער.

— וואַסער? — דער באַוואַקסענער האָט זיך אונטערגעהויבן א ביסל אף אַן עלנבויגן. — באַלד וועט מען ברענגען באַלאַנדע, וועט עס זײַן אי א געטראַנק, אי א צובײַסעכץ... אָט וואַרטן שוין אַלע.

ליאָניע האָט א שוואַכן קער געטאָן דעם קאָפּ אַהין, וווּהין דער באַוואַקסענער האָט אָנגעוויזן. מענטשן, צעפּאַטלטע, אין צעריסענע קליידער און אין הוילן וועש, פאַרבאַנדאַזשירטע, מיט בלאָס־געלע פּנעמער, האָבן עפּעס ווי זיך אַרופגעדראַפּעט א בײַסעלע איינס דעם אַנדערן אף די פּלייצעס. ער האָט קוים באַנומען, אז דאָס שטייט מען ענג־צונויפגעדריקט אף טרעפּ, און אז ער, און דער באַוואַקסענער, און פיל אַנדערע ליגן פון אונטן, אפן דיל, בא די טרעפּ.

— און אין וואָס וועט מען זי דיר אָנגיסן, די באַלאַנדע? אין קעשענע? — האָט געפרעגט דער באַוואַקסענער שאָכן זײַנער. „אין קעשענע... אין קעשענע״, — האָט ליאָניע גענומען איבערכאַזערן אין געדאַנק, און פאַר זײַנע אויגן האָבן זיך א ווײַז געטאָן קעשענעס, די פאַרשיידנסטע קעשענעס,

וועלכע ער האָט נאָר ווען־עס־איז געזען — גרויסע, קליינע, אָנגענייטע, אײַנגענייטע, זיי זײַנען פון אַלע זײַטן געשווומען צו אים און פאַרן סאַמע פּאָנעם געפּלאַצט, אַזוי אַז ס'זײַנען געבליבן בלויז שוואַרצע פלעקן, דורכגעשניטן מיט בליצן.

נאָר אָט האָבן די קעשענעס ניט געסטײַעט. ליאָניע האָט ווידער געזען פאַר זיך טרעפּ, פול און פול מיט מענטשן, און דרײַ טירן: צוויי אָפענע בא די זײַטן, און איינע אַ פאַרמאַכטע — פונקט אַנטקעגן די טרעפּ. פון אויבן, איבער דער פאַרמאַכטער טיר, איז געווען אַ שמאָל פענצטערל, דורך וועלכן ס'האָט אַרײַנגעקוקט דער הימל.

עמעצער האָט שטאַרק געקרעכצט דאָרט, אין ווינקל, אונטער די טרעפּ, געבעטן עפּעס, דערנאָך פאַרביטערט גענומען אויסשרײַען זידלווערטער. אַ סאַך האָבן דאָ געקרעכצט. דער דיל איז פאַרוואַלגערט געווען מיט מענטשן אי פאַר די טרעפּ, אי ווײַטער, פון יענער זײַט צע־פּראַלטע טירן. נאָר איצט זײַנען אַלע אַנשטילט געוואָרן און געהערט, ווי יענער איינער זידלט זיך.

לעבן ליאָניען האָט גאָר אַן אויסגעצערטער מענטש, הויט און ביין, — ער איז געזעסן מיט אַן אָנגעוואָרפענער אַף די הוילע אַקסל סאָלדאַטישער שינעל, — זיך אָנגערופן צו אַ צווייטן, וועלכער איז געלעגן ווי אַ פלאַסט:

— אַהאַ, ווו ער שפּאַרט שוין אָן! צו היטלערן זיך דערקליבן... יאָ, האָב איך, הייסט עס, איר אָנגעשריבן, דוניאַשען, דעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע: „איך שרײַב דיר פון כאַרקאָוו, דעם צווייטן בריוו מײַנעם דערוואַרט פון בערלין“.

דער, וואָס איז געלעגן ווי אַ פלאַסט, האָט געזאָגט:

— און סאַשקען? סאַשקע קאָנטאָר געדענקסטו? דעם קאָנאָניר פון מײַן האַרמאַט? ער האָט זיך געלייגט צווישן די קראַנקע אַף דעזינטעריע, ווײַל דײַטשן קומען אַהין ניט — מע האָט מוירע. ערשט, איינער, אונדזערער, אַ געוועזענער קעכער, קערסט אים געדענקען, מיט אַ שראַם אַף דער נאָז, האָט אים אויסגעגעבן, פאַר אַ טרוקן באַרל אים פאַרקויפט אַ פּאָליצײַ... אינדערפרי איז דער קעכער געלעגן אַ טויטער, ווער ווייסט פון וואָס...

„טיכאָן וואַסיליעוויטש קאַלינקאַ, — האָט ליאָניע אײַנגעכאַזערט, — אַפילע אין היץ דאַרף איך דאָס געדענקען!“

— היי, באָכער! — האָט עמעצער געטאָרעט ליאָניען. — לעבסט?

דאָס איז געווען יענער, מיט דער אָנגערוקטער קעפּקע איבער די אויערן.

— קום געפונען דיך! אַז מע לאָזט גאָר ניט אַרײַן אַהער, אַ קראַנק זיי אין די ביינער! — דער צעקניטשטער דאַשעק איז אַ פּאָר געטאָן אַרוף, אָפּגעדעקט אַ פאַרשוויצטן שטערן, אַן אָנגעקוועטשטן רויטן פּאַס בא די סאַמע ברעמען, שוואַרצע אויגן־שפּעלטיקלעך, אופמערקזאַם־אָנגעשטרענגטע, פאַרזאָרגטע, — האָסט נאָך אַ שטיקל גליק! נאָך אַ ביסל שטאַרבט ער, דײַן פוס, — דער זשגוט ליגט דאָך שוין באַלד צוויי שאָ!

— לאָזט נאָר, לאָזט מיך נאָר דורכגיין! — עמעצער האָט פון די טרעפּ זיך דורכגעשטופּט, האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאַר דער פּאַרענטשע און אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער צווייטער אַף אַ שטעקן אַנשטאָט אַ קוליע. ער האָט זיך דערקליבן צו ליאָניען פונקט דעמלט, ווען יענער, אין דער קעפּקע, האָט מיט די ציין געפּרוווט פאַנאַנדערקניפּן דעם רימען, מיט וועלכן ס'געווען איבערגעבונדן ליאָניעס פאַרווונדעטער פוס. ליאָניע האָט דערפילט, אַז דער שאַרפער ווייטעק אינעם פוס ווערט טעמפּער, צעגייט אַזוי ווי, אָבער דער קאָפּ דרייט זיך שטאַרקער און עפּעס שוואַרצס, אַ פינצטערניש, טראָגט זיך דורך פאַר די אויגן. יענער מיטן שטעקן האָט אָנגעבויגן צו אים זײַן ברייט פּאָנעם מיט די גראָבע ליפּן און גרויע אומרויקע אויגן און געפרעגט: — ביסט ניט פון גאָלאָוואַניאָוס פּאַנצערצוג, האַ? איך בין שורפאַלאָ, פון די נײַע, וואָס זײַנען די לעצטע געקומען אָפּן פּאַנצערצוג, נאָר פון די אַלטע זײַנען דאָ אויך פאַראַן... איך האָב דיך, דאַכט זיך מיר, געזען דאָרט.

— קאַלינקאַ בין איך, טיכאָן קאַלינקאַ, — האָט ליאָניע קוים אַרויסגעבראַכט; ער האָט דערקענט שורפאַלאָן — דאָס האָט ער דעמלט, אָפּדערנאַכט, ווען מע האָט געהאַלטן בא פאַראָזן קיִעוו, געזאָגט, אַז מע וואָלט באַדאַרפט זיך דורכרײַדן מיט די דײַטשישע סאָלדאַטן, זיי זאָלן ניט גיין קעגן אונדז, און פיאָדאָר פּידכאַטני האָט אים געפרעגט, צי האָט ער זיך ניט געערירט פונעם זינען. איצט האָט ליאָניע ניט געוווּסט — צי פרייען זיך, וואָס ער האָט דאָ באַגעגנט אָט דעם שורפאַלאָ, צי שרעקן זיך פאַר אים, נאָר עפּעס איז אים שוין געווען אַפילע אַלצאיינס סײַ די פרייד, סײַ די שרעק, ווײַל די פינצטערניש האָט זיך שטאַרקער אָנגערוקט.

יערעמיי זאַרובעס ווערטער: „אַך, סינאַק, סינאַק, האָט מען דיך צעמאַזיקט!“ האָבן צו ליאָניען זיך דערטראָגן ווי פון יענער זײַט וואַנט. דערנאָך, ווען די וואַנט איז פאַרשווונדן, איז אויסגעקומען מאָדנע: ער האָט געזען אי יערעמיי פּאַמיטשן, וועלכער האָט זיך אָנגעבויגן

צו אים א ליסער, מיט א געל שיטער בערדל, אי עטוואָס ווײַטער דעם דאָזיקן שור־פּאַלאָ מיט א שטעקן אין האַנט, אי דעם שוואַרצן, צעקודלטן פּיאָדאָר פּידכאַטני, מיט דער צוויי מאָל געהאָרבעטער נאָז און א פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט, וואָס סטאַרטשעט אַרויס מיטן עלנבויגן אונטערגעשפּאַרט אָף א ברעטעלע, — ער האָט זיי געזען ווי פון אונטער א וואַסער — זיי האָבן אַלע אויסגעזען גרין און זיך געוויגט אַהין און אַהער.

פּידכאַטני און שורפּאַלאָ זײַנען טייקעף ערגעץ אַנטרונען, און געבליבן איז בלויז זאַרובאַ. דער אויספירער האָט אים, ליאָניען, שטאַרק געדרייט די נאָז, ס'האָט ווי געטאָן, געריבן די אויערן און עטלעכע מאָל גערופן: „טיכאָ, טיכאָ!", „האַ־אַ, מע האָט פאַרשטאַנען!" — האָט ליאָניע זיך דערפרייט. נאָר ענטפערן האָט ער ניט געקאָנט, און עפּשער האָט ער זיך אָפּ־גערופן, נאָר די וואַסער, וואָס זאַרובאַ האָט אים געגאָסן אין מויל, איז ווי שטיין געבליבן שטעקן אין גאַרגל, און אַנשטאָט ווערטער האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן עפּעס א כאָרכלען.

ס'האָבן זיך אומגעקערט פּיאָדאָר פּידכאַטני און שורפּאַלאָ און געבראַכט מיט זיך איינעם מיט א געקנייטשט פריש־געגאָלט פּאָנעם און אָנגעכמורעטע ברעמען. ער האָט געהאַט קאַלטע הענט, נאָר זיי, די דאָזיקע הענט, האָבן געוווסט, וויאַזוי זיך צורירן צו אַן אַנגעווייטעקט אָרט. און כאָטש אין דעם דאָזיקן אָרט הייבט אָן שטאַרקער ווי טאָן, דאָך פאַרשאַפט דער זיכערער צוריר פון די פּילבאַרע, דאַרע פינגער עפּעס א מאָדנע פאַרגעניגן, ער פאַרגעדענקט זיך, דער צוריר, און דערפאַר טוט אַזוי ווי ווייניקער ווי לעבן דער ווונד. „באַלד, גאָלובטשיק, באַלד", — האָט ער אַלץ איבערגעכאַזערט, יענער מיטן אָנגעכמורעטן, געקנייטשטן פּאָנעם.

אין א שטיקל צײַט אַרום האָט יערעמיי זאַרובאַ א ביסל אונטערגעהויבן ליאָניען פאַר די פּלייצעס, געהאָדעוועט אים פון א בלעכענער קיילע מיט עפּעס פּליסיקן, לעבלעכן, גע־האָדעוועט און אײַנגערעדט: „שלינג, סינאָק, שלינג, דאַרפסט האָבן קויכעס". און ס'איז טאַקע ווי צוגעקומען קויעך. ליאָניע האָט שוין אַלץ געזען, ניט ווי דורך א גרין וואַסער. ער האָט געזען, אַז ער געפינט זיך שוין ניט באַ די טרעפּ, נאָר אין א גרויסן צימער מיט עטלעכע אויסגעזעצטע פענצטער, געדיכט באַפּלאַכטעוועט מיט שטעכדראָט. דער צימער איז פול מיט פאַרוווּנדעטע און קראַנקע — מע ליגט איינס לעבן אַנדערן אָפן דיל, אייניקע זיצן. גאָר נאָענט לעבן ליאָניען זײַנען געשטאַנען פּידכאַטני, שורפּאַלאָ און יענער מיטן געקנייטשטן פּאָנעם, וועלכער איז היפּש נידעריקער פון זייביידן. גערעדט האָט דער מיט די קנייטשן:

— נאַרישקײַטן, אין ערגעץ איז ער ניט אַוועקגעפלויגן... דער לייטענאַנט, וואָס איך דערציייל אײַך, דאָ ליגט ער, אָפן צווייטן שטאָק, האָט אַליין געזען: א סנאַריאַד האָט זיך אָפּגעריסן, עטלעכע זײַנען געפאַלן, און קירפּאָנאָס אויך. ער איז אויסגעגאַנגען אונטער א קוסט אָף דער נאַסער ערד, מע האָט אפילו ניט באַוויזן אים איבערצובינדן. דער זעלבער אומגליק, וואָס האָט אַזויפיל מענטשן געטראָפן, האָט אים אויך ניט אויסגעמיטן.

ס'איז צוגעקומען זאַרובאַ, אינגאַנצן אַן אײַנגעבויגענער, און מיט פאָרוווּרף געזאָגט צו פּידכאַטנין:

— אָט אַזוי, פעדיע. מײַן זעמליאַק איז שוין אָף דער וועלט ניטאָ... און דו פּלאַפּלסט אַלץ, באַלבעסט!

— איך באַלבע! וואָס עפּעס באַלבע איך? — האָט פּידכאַטני זיך א קאָך געטאָן. — מע האָט געזאָגט, האָב איך אויך געזאָגט — אַוועקגעפלויגן דײַן קירפּאָנאָס... ער האָט דען געדאַרפט באַ מיר פרעגן?

ליאָניע האָט צוגעמאַכט די אויגן. א היץ האָט באַשלאָגן דאָס לײַב. דער ווייטעק האָט דערלאַנגט ביזן סאַמע האַרץ. „מיסטאַמע האָט ער געפילט דאָס זעלבע, און איצט איז ער שוין ניטאָ, — האָט ליאָניע געטראַכט וועגן קירפּאָנאָסן, — ער האָט געגעסן שפּעטע מאַלינע... אָט וואַקסט מאַלינע אויך באַ מיר איבערן קאָפּ..." ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז קיין שום מאַלינע קאָן דאָ ניט וואַקסן, געעפנט די אויגן און דערזען: יענער מיט די אָנגעכמורעטע ברעמען דרייט דאָס קלינגל פון א קעשענע־מעסערל פאַרן פּלעמל פון א צינדמאַשינדל, וואָס זאַרובאַ האַלט צווישן צוויי פינגער. דערנאָך האָט פאַרן זעלבן פּלעמל זיך געגומען דרייען דאָס קלעם־פּיסל פון א געווינלעכער אָפּצווענגע.

— איצט, גאָלובטשיק, וועט א ביסל ווי טאָן, — האָט געזאָגט, צוזעצנדיק זיך אָף די שפּיץ פינגער לעבן ליאָניען, דער, וואָס מיטן מעסערל, — הערסט מיך, גאָלובאָק? וועסט מוזן צולײַדן. דריי זיך ניט, וועט ווייניקער ווי טאָן. אויב וועסט קאָנען — שרײַ ניט, וועסטו גאָר זײַן א מאָלאָדטשינע. ווען מע ברענגט דיך צו מיר אין דער ראָסטאָווער קליניק, וואָלט איך דיר די קויל אַרויסגעשלעפּט, זאָלסט אפילו ניט וויסן, און דערלאַנגט זי דיר אָף א טעלערל... נו, מיר הייבן אָן... איר וועלט אים עפּעס זאָגן?

יערעמיי זאַרובאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו ליאָניעס אויער:

— איך וועלֿ דיך צוהאלטן. מע מוז, פארשטייסט. דערנאָך, ווער ווייסט, וויִאזוי עס וועט זײַן. אויב וועסט קיינעם ניט זען ארום זיך — טראכט ניט איבער. מע וועט דיך אוועקטראָגן פונדאנען אף אן אנדער אָרט, אָט יענער וועט זאָרגן וועגן דיר. זעסט?

דער, אף וועמען זארובא האָט אָנגעוויזן, איז געשטאנען בא לֿיאָניען צופוסנס. ניט קיין הויכער, מיט אן אײַנגעפאלֿענער ברוסט. איין אויער איז בא אים געווען איבערגעבונדן, אן אקסלֿ — אײַנגעבראָכן. נאָר דאָס איז פאָרט געווען יורי טאנאגאָז. אפן קופּערדיק־ברוינעם פּאָנעם האָט זיך באזונדערס אויסגעטיילֿט די קורצע פויגלֿשע נאָז, און דאָס בענדלֿ פונעם באנדאזש האָט ווי נאָך מער ארויסגערוקט דעם אזוי אויך ארויסשפּארנדיקן קין. לֿיאָניע האָט אפילֿע ניט באוויזן צו באנעמען, וואָס האָט אים אזוי אָנגעשראָקן, ווען ער האָט דערזען טא־נאגאָזן. לֿויט דעם, ווי טאנאגאָז האָט, ניט פינטלֿענדיק מיט די אויגן, געקוקט אף אים, האָט ער פארשטאנען, אז יענער האָט אים אויך דערקענט.

פרוּווּנדיק זיך אופזעצן, האָט לֿיאָניע פארצווייפלֿט אויסגעשריגן:

— ניין, ניין, מע דארף ניט!

זארובא האָט געמיינט, אז דאָס לאָזט ער זיך ניט, לֿיאָניע, אָפּערירן, האָט ער לֿײַכט זיך אָנ־געוואלֿגערט אף אים מיט דער זײַט און, פארשטעלֿנדיק מיט דער ברוסט זײַן פּאָנעם, פעסט אָנגענומען אים פאר די הענט. עמעצער, מעגלֿעך אפילֿע, אז טאנאגאָז, האָט צוגעדריקט לֿיאָניעס געזונטן פוס צום דילֿ. און א שארפער ווייטעק האָט מיטאמאָלֿ דורכגעשטאָכן דעם פארוווּנדעטן פוס, ערגעץ גאָר פון אונטן, באם קנעכלֿ.

ער האָט דערהערט:

— גאָלֿובטשיק, גאָלֿובטשיק, לֿיג אײַן! אָט איז זי, אָט כאפּ איך זי אָן... נו, שטילֿער, איך קאָן דאָך דיר פּאטערן דעם נערוו!..

מער האָט לֿיאָניע גאָרנישט ניט געהערט.

6

ער האָט געעפנט די אויגן, אָבער די פינצטערניש איז געבלֿיבן. ער האָט ווירקלֿעך געעפנט די אויגן, און דער גאנצער גוף זײַנער האָט אופגעוואכט אזוי ווי שטענדיק, בלֿויז דער פארוווּנדעטער פוס האָט ווי אויסגעצויגן זיך א מעגושעמדיק גרויסער, א שווערער, און דער ווייטעק האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ ווײַט. די פינצטערניש איז ניט פארשוווּנדן. לֿיאָניע האָט א טאפּ געטאָן ארום זיך — ערד, שפּענדלֿעך. און ווו איז דער ברעטערנער דילֿ? פארשטאנען שוין, אז ער האָט ניט וואָס צו זוכן ארום זיך ניט דעם פאר־וואקסענעם, ניט דעם צווייטן שאָכן, וועלֿכער האָט דערציילֿט וועגן א בריוו, האָט ער סטאם געפרעגט אין דער נאכט ארײַן:

— עמעצער איז דאָ?

— האוו, האוו! — האָט זיך דערטראָגן א בילֿערײַ, ניט צו פארשטיין — פונדערנאָענט, צי פונדערווײַטנס.

לֿיאָניע האָט זיך געפּרוּווט אָנשטויסן: „ווו האווקעט דער הונט?“ און ענדלֿעך בארויִקט זיך: „נאָענט, אָבער ניט לֿעבן מיר“. עס האָט זיך דערהערט א הינטישער גענעץ מיט א קוויטשיקלֿ, א שורשען. „ער מאָסטעט זיך אײַן, קלֿײַבט זיך ווײַטער שלֿאָפן. איז עפשער זאָלֿ איך אויך נאָך א ביסלֿ שלֿאָפן? נאָר איך בין דען געשלֿאָפן? וואָס איז געווען מיט מיר?“

ער האָט זיך דערמאָנט אלֿץ, ווי ס'איז פאָרגעקומען. דערמאָנט זיך, ווי ער אלֿיין האָט אויסגעשריגן: „ניין, ניין, מע דארף ניט!“ און פארשטאנען: „איצט איז מיט מיר געשען דאָס, וואָס איך האָב ניט געוואָלֿט. מע האָט מיך איבערגעגעבן יורי טאנאגאָזן. נאָר וואָס האָט ער געטאָן מיט מיר? יערעמיי זארובא האָט געזאָגט: „טראכט ניט איבער“ — בלֿײַבט, הייסט עס, איצט איינס — וואַרטן“.

פאמעלֿעכן האָט זיך געשטעלֿט דער טאָג. ס'הייסט, דאָ, ווו לֿיאָניע איז געלֿעגן, איז ווי פריִער געווען פינצטער, דאָך האָט ער שוין געזען: א ברעטערן קעמערלֿ, א קלֿיינער שטאבעלֿ האָלֿץ אין א ווינקלֿ, אין צווייטן ווינקלֿ — א ביסלֿ קוילֿן. די סטעלֿיע איז א צעמענטענע, הייסט עס, אז פון אויבן איז א הויז, און דאָס איז דער צאָקאָלֿ־שטאָק צי דער קעלֿער.

פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן געשטיקטע קוילֿעס. עמעצער האָט גאָר נאָענט גערעדט צו א הונט, גערופן אים אף רוסיש „רעקס, רעקסיק“ און א פלֿיוך געטאָן עפּעס אין א בלֿע־כענער קיילֿע. דער הונט האָט גענומען כלֿיעפּטשען אײַליק, צובורטשענדיק.

עס האָבן זיך דערנעענטערט טריט. פּאָרזיכטיקע. פון איין טראָט ביזן צווייטן האָט א ביסעלֿע געדויערט, און לֿיאָניע האָט זיי געציילֿט: „עלֿף, צוועלֿף...“ ער האָט צוגעמאכט די אויגן, ווען יענער, וואָס איז געגאנגען אהער, איז שטיין געבלֿיבן בא דער טיר פונעם קעמערלֿ.

אָבער א קליינינק שפּעלטיקל איז געבליבן צווישן די וויִעס. טאנאגאָז. אייגנטלעך, האָט אים שוין ליאָניע דערקענט לויט דער שטים, לויטן ריידן צום הונט. טאנאגאָז איז ניט ארײַנגע־גאנגען אין קעמערל, ניט א רוף געטאָן ליאָניען. אָבער ליאָניע וואָלט אלציינס זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט געהאָפּט, אז זארובא וועט קומען.

דערווײַל האָט אים פארכידעשט: „דעם הונט האָט ער עפּעס אויסגעפּליוכעט — און פאר מיר גאָרנישט ניט געבראכט. כאָטשבי א ביסל וואסער אין א טשערעפּ. א קראנקער, א פארוואונדעטער וויל דאָך דאָס ערשטע — א טרונק? יאָ, קיין גוטס קאָן איך פון אים ניט דערווארטן".

נעכטן, ווען ליאָניע האָט דערזען טאנאגאָזן און דערהערט, אז יענער דארף אים ערגעץ נעמען מיט זיך, האָט ער גאָרניט באוויזן אופקלערן זײַנע פרײַנט. און ער וואָלט דאָס מיס־טאמע אויך ניט געקאָנט טאָן מאכמעס זײַן צושטאנד. ער האָט ניט פארטרויט טאנאגאָזן? מוירע געהאט פאר אים? פריִער פאר אלץ האָט ער אים פאראכט. ניט געוואָלט זײַן טויווע. דערצו איז נעכטן אים גאָר ארויס פון זינען, אז דער מענטש, וועמען ער און קושנאריאָוו האָבן געוואָלט פארהאלטן בא די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון פּאָדאָל, האָט באוויזן א קאָמאנדירן־צײַגעניש אף יורי טאנאגאָזס נאָמען און כאָטש דאָס האָט נאָך ווייניק־וואָס באטײַט, די דײַטשן האָבן פּאָשעט געקאָנט צונעמען דעם דאָזיקן דאָקומענט בא טאנאגאָזן, דאָך האָבן בא ליאָניען ווידער אָפּגעקלונגען אין די אויערן קושנאריאָווס ווערטער: „ווער קאָן וויסן — ער לעבט, דער לאנדסמאן דײַנער, צי ער איז טויט? עפּשער איז ניט גוט צו ריידן שלעכטס וועגן א טויטן, נאָר עס קאָן זיך מאכן, אז ער לעבט בא די דײַטשן, ער איז אזא..." איז אָט, לעבט ער און האָט אים אפילע קיין וואסער ניט געבראכט!

דאָס ערשטע מאָל האָט ליאָניע זיך באקענט מיט טאנאגאָזן, דערוווסט זיך, אז ער איז א ליובאטשער, מיט פיר יאָר צוריק, אפן ווײַטן מיזרעך, אין די סיכאָטע־אָלינער בערג, ווו דער טאטע האָט דעמלט געדינט. ליאָניע האָט נאָרוואָס געענדיקט די ליובאטשער זיבניאָריקע שול, און ווײַל לערנען ווײַטער איז דאָרט ניט געווען ווו, און אָפּלאָזן אים זיך לערנען קיין קיִעוו צי ערגעץ אנדערש האָט אלציינס געהייסן — זײַן צעשיידט, איז די באָבע מאסקים געווען, ער זאָל פאָרן צום טאטן, וווהין מע האָט אים געהאלטן אין איין רופן. סאָפּקאָלסאָף האָט די מישפּאָכע געוווינט שוין ניט אין קיין העק, נאָר אין א נײַעם בארג־יישעוו, וואָס האָט זיך ראשיק געבויט און ווו עס זײַנען געווען מער אויסזיכטן ברענגען דאָס יינגל צו א טאכ־לעס. אָט דאָרט זײַנען אָפּטע ארײַנגייער צום טאטן אין שטוב געווען צווייען: יורי טאנאגאָז, א מענטש, וואָס איז דורכויס געווען ארומגעהילט מיט סוידעס, כאָטש געהאלטן האָט ער זיך אומגעצווונגען און אפילע לוסטיק, און אן אינזשעניער, א געאָלאָג, דעם טאטנס א לאנגאָניקער כאווער פונעם בירגערקריג — זביסלאוו, זבישעק דעמביצקי. דער איז געווען גראָד ניט קיין צוגעלאָזטער, א צעשטרײַט־פארקלערטער, נאָר טאקע דער ערנסט זײַנער און די געוויסע סוידעסדיקײַט — עפּעס זוכט ער אין די בערג — האָבן אף זייער אויפן אימפּאָנירט ליאָניען — ער האָט שוין דעמלט פארקלערט לערנען זיך אף א געאָלאָג. און ביכלאָל זײַנען ביידע, סײַ טאנאגאָז, סײַ דעמביצקי, אים געווען צום הארצן.

נאָך ליובאטש, ווו ליאָניע האָט בא דער באָבען און באם פעטער מיכל אין שטוב געזען גאָר אנדערע מענטשן, פּאָשעטע, וואָכעדיקע, זײַנען די דאָזיקע צוויי, — ווי אלץ, מיט וואָס ער האָט זיך געטראָפן באם טאטן, — געווען פאר אים נײַ, איבערראשנדיק. אָבער דעם נײַגער זײַנעם, ווי אויך דעם געפיל פון אנציקונג, האָט ער פארבאָרגן אין זיך. אויסערלעך איז ער געווען א פארשלאָסענער, אפילע א ביסל אן אָפּגעפרעמדטער. מע קאָן ניט זאָגן, אז פאר־דעכטיק, — אָנגעשפּיצט. ער האָט זיך צוגעקוקט צום טאטנס פרײַנט, און אוואדע נאָך מער צום טאטן, און צו דער מומע אָלגע, און צום שוועסטערל נאטאשע; ער האָט יעדן פון זיי געשעצט, ניט געוואָלט אנטוישן זיך אין קיינעם, און זייער לײַכט געקאָנט אנטוישן זיך. ס'איז געווען א שווערע צײַט פארן יינגל.

טאנאגאָז האָט גלײַך אָפּגעשאצט, וואָס מיט ליאָניען קומט פאָר. דער טאטע איז שטענדיק פארנומען אין זײַן מיליטער־טייל, און ווען ער קומט אהיים, מוז ער זיך צעטיילן צווישן דרײַען. ליאָניע אייפערט. אזא, ווי ער, וועט וועלן טאָן פארן טאטן עפּעס אזוינס, וואָס יענער זאָל עס דערזען און שעצן, און אין דער זעלבער צײַט קוקט ער שוין אויך קריטיש אפן טאטן. טאנאגאָז האָט זיך פארהאלטן גוט מיט ליאָניען, דערבײַ געפלײַסט זיך טאָן אזוי, אז דאָס יינגל זאָל וואקסן בא זיך אין די אויגן. ער האָט געקאָנט, אשטייגער, ווען עס גייט א שמועס באם טיש, אינגאנצן ניט באטייליקן זיך אין אים אָדער באטייליקן זיך, אזוי צו זאָגן, פון דער זײַט, און בייסמײַסע שפּילן מיט ליאָניען אין שאָך. ארײַנשטעלנדיק זײַן וואָרט אינעם שמועס, וואָס מע פירט, האָט טאנאגאָז געקאָנט דערבײַ א פרעג טאָן: „ווי מיינסטו? הא, ליאָניע?"

טעלעכע מאָל איז מען צוזאַמען געגאַנגען אַף פּישפּאַנג, איין מאָל — דאָס איז באַזונדערס געפֿעלן געוואָרן ליאַניען — אַף יאַגד.

הינטערווײַלעכס האָט טאַנאַגאַז אויסגעפֿרעגט ליאַניען וועגן טאַטן, צי האָט ער יעדיעס פֿון די קרוויוים, וואָס לעבן אין פּוילן. אָך, ער איז בייסן מאַרש אַף וואַרשע געווען באַ זיי? נו, און דערנאָך — עפּשער האָט די באָבע באַקומען בריוו, גרוסן פֿון יענע קרוויוים? ער האָט אים אויך אַרײַנגעגעבן אַזאַ געדאַנק: אַ מענטש קאָן מיינען, אַז ער איז אין גאָרנישט ניט שולדיק, און זײַן שולדיק, ווײַל ער האָט עפּעס פֿאַרזען. איינמאָל האָט אים טאַנאַגאַז געזאָגט: ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דעמביצקי איז ניט דער, פֿאַר וועמען ער גיט זיך אויס. אַלץ, וועגן וואָס דעמביצקי רעדט מיטן טאַטן, דאַרף ליאַניע דערציילן אים, טאַנאַגאַזן, זאָל זײַן, זיי ריידן אַפֿילע וועגן גאַנץ געוויינלעכע זאַכן. ס'דאַרף בלײַבן בעסאָד, דאָס, וועגן וואָס ער בעט אים.

ליאַניע איז געווען געפּלעפֿט. עפּשער איז דער טאַטע שוין שולדיק אין עפּעס און ווייסט נאָך אַליין ניט? מע איז געגאַנגען פֿון פּישפּאַנג. אין איין האַנט האָט ליאַניע אַף אַ בענדל געטראָגן זײַנע דרײַ פּלאָטעצעס, אין דער צווייטער — טאַנאַגאַזס אַ גאַנץ שנירל. אָפּגעשטעלט זיך און אויסגעשטרעקט טאַנאַגאַזן זײַנע פֿיש, האָט ער שטיל געזאָגט:

— נעמט מײַנע אויך.

טאַנאַגאַז האָט געצוווּנגען אַ שמייכל געטאָן. ער האָט ווי געזאָגט מיט אָט דעם שמייכל: „איך קאָן דיר גראָדע אָפּגעבן מײַנע אויך, נאָר ווייסט ניט נעמען”. ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען, און ליאַניע האָט עס געזען. דערפֿאַר האָט ער מיט מער פֿעסטקײַט זיך אָנגערופֿן אין אַ מינוט אַרום:

— איך מיין, אַז איר דאַרפֿט וואָרענען מײַן טאַטן וועגן דעם. דעם טאַטן טרויט איר דאָך?

דער טאַטע איז געקומען אַהיים שפּעט אין אָוונט. אַ פּיטש־נאַסער פֿונעם רעגן, אַ צוגעקילטער. ליאַניע האָט נאָך ניט געפּויעלט באַ זיך, צי ער דאַרף האַלטן וואָרט און גאָרנישט ניט דערציילן דעם טאַטן וועגן שמועס מיט טאַנאַגאַזן, צי האַלטן וואָרט הייסט אין געגעבענעם פֿאַל — פֿאַראַטן דעם אייגענעם פֿאָטער. ער האָט באַשטימט צוואָרטן ביז אינדערפֿרי.

ער איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן אַף זײַן קאַנאַפּקע, ווען מע איז געקומען נאָכן טאַטן. יענע נאַכט האָט מען פֿאַרנומען אויך דעמביצקין. ביידע האָבן זיך אומגעקערט אין פֿינף כאַדאָשים אַרום. טאַנאַגאַז איז ניט לאַנג פֿאַר דעם ערגעץ אַריבערגעפֿירט געוואָרן.

אין מעשעך פֿונעם גאַנצן טאָג האָט טאַנאַגאַז זיך מער ניט באַוויזן לעבן קאַמערל, ווו ליאַניע איז געלעגן. דער הונט באַם אַרײַנגאַנג האָט געבילט, געסקאַווטשעט, געגראַבלט מיט די לאַפּעס די ערד. עטלעכע מאָל האָבן דײַטשן זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט צו אים — וויציק־מיטפֿילנדיק, ווי מע רעדט מיט אַ באַלכײַ, מיט וועלכן ס'איז געשען עפּעס אומאָנגענעמס. די שטימען האָבן זיך געהערט ווײַטער, איידער טאַנאַגאַזס שטים אינדערפֿרי, — קאָנטיק פֿון דרויסן. קיין ווערטער האָט ליאַניע ניט פֿאַנאַנדערגעקליבן.

ליאַניע האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס געפֿינט זיך דאָ אַ הונט. צי דען אַף היטן אים? דעמלט וואָלט ניט טאַנאַגאַז געקומען אַהער אינדערפֿרי, נאָר אַ דײַטש. עפּשער ליגן דאָ ערגעץ נאָך געפֿאַנגענע? ליאַניע האָט זיך גוט אײַנגעהערט — קיין קלאַנג. און וואָס וואָלט מען אים גאָר פּלוצעם געהאַלטן אין אַ באַזונדער קאַמערל? הייסט עס, אַז זאַרובאַ האָט שוין נעכטן געוווּסט טאַקע וועגן דעם דאָזיקן אָרט, ווען ער האָט געוואָרנט: „אויב וועסט קיינעם ניט זען לעבן זיך — טראַכט ניט איבער”. וואָס זשע בלײַבט? איינס פֿון די צוויי: אָדער ס'איז דאָ עפּעס אַ שפּײַכלער און דער הונט באַוואַכט אים, אָדער דער הונט געפֿינט זיך אין קאַראַנטין.

פֿאַרנאַכט איז ליאַניע, פּויזענדיק אַף די הענט, אַרויס פֿונעם קאַמערל. דער הונט האָט זיך שטאַרק צעבילט, נאָר ליאַניע האָט געקלערט אַזוי: אויב עס שטייט דאָ נאָענט אַ וואָך, וועט מען די סיבע, פֿאַרוואָס דער הונט בילט, זוכן פֿון דרויסן, און אויב דער הונט איז אין קאַראַנטין, וועט ביכלאַל קיינער ניט אַרײַן אַהער.

דער הונט האָט געבילט, ביז עס איז אים נימעס געוואָרן, דערווײַל אָבער האָט ער זיך אויך צוגעוווינט דערצו, וואָס ליאַניע איז לעבן אים.

די קאַמערלעך האָבן זיך געצויגן פֿון ביידע זײַטן פֿון אַ לאַנגן קאָרידאָר און זײַנען צומײַנסטנס געשטאַנען אָפֿן. ווײַזט אויס, מע האָט דאָ טאַקע גאָרניט באַוואַכט. באַ דער שוואַכער לעוואָנע־שײַן האָט ליאַניע גוט געזען, אַז דער הונט, אַ גרויער וואָלפֿהונט, איז צוגעבונדן אַף אַ קייט אינעם ערשטן קאַמערל פֿון רעכטס, נאָר אַזוי, אַז ער קאָן אויך אַרויס

אין קאָרידאָר: אַן ערעך אַ מעטער פאַר דעם טירל פון זייַן קעמערל, בא די צוויי־דרייַ טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט אין דרויסן ארויס, איז געשטאַנען אַ שיסל.

כוץ דעם, וואָס ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס ארום אים טוט זיך, האָט ליאָניע געהאַט נאָך אַ מיין, ווען ער האָט, ניט געקוקט אַפן ווילדן ווייטעק אין פוס, געלאָזט זיך פויזען איבער די קעמערלעך. ס'איז זייער קאַלט געווען צו ליגן אַף דער הוילער ערד, און ער האָט צונויפגעקליבן עטלעכע אַלטע זעק, פון וועלכע עס האָט געזעצט קוילן־שטויב, פאַרשיידענע שמאַטעס און אומגעקערט זיך מיט דעם אַלעמען אין זייַן קעמערל. טאַנאַגאָז וועט געוויס לויט דעם דאָזיקן געלעגער זיך אָנשטויסן, אַז ער האָט דאָ אומגעפויזעט, ליאָניע. מיילע. עפּשער וועט אַפילע אויסקומען צו ריידן מיט טאַנאַגאָזן, אויב זאַרובאַ וועט זיך ניט באַווייַזן.

נאָר אַף מאָרגן איז טאַנאַגאָז ניט געקומען. עמעצער האָט אינדערפרי און פאַרנאַכט אָנגעגאָסן אין שיסל עסן פאַרן הונט און ניט ארויסגעבראַכט דערביי קיין וואָרט. ארויסקוקן פון קעמערל, קעדיי זען, ווער איז דאָ געווען, האָט ליאָניע זיך ניט אייַנגעשטעלט.

ס'איז שוין געגאַנגען דער דריטער מעסלעס. ניט קיין עסן, ניט קיין טרונק. בא ליאָניען האָט געברענט אין מויל, קראַמפּן האָבן אים צונויפגעקלעמט די געדערים, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט. אַזוי איז געווען אין לאַגער אַף דער קעראָסינע, נאָר דעמלט האָט יאָסיף מאַרקוס אָפּגעזוכט דעם באַק מיט וואַסער. ליאָניע האָט זיך דערמאָנט אין מאַרקוסן, דערזען זייַן ענערגיש פּאָנעם, די לענגלעכע, פאַרטראַכטע און דאָך אַקשאָנעסדיקע אויגן און געזאָגט צו זיך אַליין: „איך מוז עפּעס צוטראַכטן". ער האָט שוין, אייגנטלעך, געוווּסט — וואָס. ווען ער האָט באַקוקט די קעמערלעך, האָט ער אין איינעם פון זיי באַמערקט עטלעכע רייפלעך דראָט. סאָף נאַכט, קאַלזמאַן ער האָט נאָך געהאַט אַ ביסל קויכעס, האָט ער אַוועקגעפויזעט נאָך דעם דראָט. ער האָט עס געבראַכט צו זיך אין קעמערל און צונויפגעדרייט אינצווייען, געמאַכט אַ מין קאָטשערקעלע, עטוואָס לענגער פון אַ מעטער. דערנאָך האָט ער גענומען וואַרטן, ביז ס'וועט אָנהייבן טאָגן, ווייַל ער האָט נאָך פאָרט ניט געקאָנט פויעלן בא זיך טאָן דאָס, וואָס איז געבליבן אַף לעס־ברייַרע...

דעם פערטן טאָג איז ליאָניע שוין קימאַט דורכויס געווען פאַרטראָגן אין היץ. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פויזעט אין טונדרע צווישן קוסטעס און מאָך. אַף יעדן טראָט — קאַליוזשעס, זומפּן, נאַסער שניי. אָט אַזוי האָט געפויזעט, אויך מיט אַ צעשעדיקטן פוס, דער הונגעריקער, וועלכן דזשעק לאָנדאָן האָט באַשריבן. וואָס האָט ער געגעסן? זומפּ־יאַגעדעס, פּיצינקע לעבעדיקע פישלעך. אָבער וואַסער האָט ער געהאַט גענוג. געזען האָט ליאָניע זיך אויך אין אַ טיפער ליימענער גרוב — יענער גרוב, ווו טאָלסטאָיס קאַווקאַזער געפאַנגענע זשילין און קאָסטילין זייַנען געזעסן מיט אָנגעקלאַפּטע קלעצלעך אַף די פיס. לאַריסקע, אָט די, פון דאַרניצע, האָט זיי אַלעמען געוואָרפן האַלב־רויע פלעצלעך, קאַרשן, אַראָפּגעלאָזט זיי אַף אַ שטריקל אַ לאַדעשקע מילך. און ווער האָט בא אַ וואָלף פונעם גאָרגל געטרונקען דאָס בלוט? ווידער יענער, דזשעק לאָנדאָנס... אַזוי האָבן דעם גאַנצן טאָג זיך געקייטלט כאַלוימעס, האַליוצינאַציעס, מעטושטעשע געשטאַלטן. אָבער ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, האָט ליאָניע, כאָטש אַלץ נאָך ווי אין כאָלעם, נאָר מיט אַ פאַרשאַרפטן כוש, וואָס קומט פון פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג, אַוועקגעפויזעט צום הונט, שלעפּנדיק נאָך זיך דאָס קאָטשערקעלע. ער האָט בלויז פאַר איינס מוירע געהאַט — בלייַבן ליגן אַ פאַרכאַלעשטער אין קאָרידאָר. דער הונט האָט געריטשעט, נאָר דאָס האָט זיך דערטראָגן ערגעץ שטאַרק פונדערווייַטנס. און ס'איז גאָר קיין הונט ניט — אַן אַלטער, שוואַכער וואָלף. אָבער די שיסל מיטן ביסל מוטנע פליסיקייַט אַפּן סאַמע דנאָ, דאָרט, ווּהין ס'פאַלט די שייַן פון דער לעוואָנע, וויל ער ניט אָפּגעבן. ליאָניע האָט פאַרטשעפּעט די שיסל מיטן קאָטשערקעלע, האָט דער וואָלף זיך אַוועקגעשטעלט אין איר מיט די פאָדערשטע לאַפּעס און זיך ניט גערירט פון אָרט.

די שיסל האָט געהאַט צוויי הענטלעך פון די זייַטן. ליאָניע האָט נאָך מער פאַרבויגן דאָס קאָטשערקעלע און פאַרטשעפּעט איין הענטל; ער האָט אָנגעשטרענגט די לעצטע קויכעס און טאַקע ארויסגעריסן די שיסל באַם הונט פון אונטער די לאַפּעס. ער האָט צונויפגעשאַרט מיט דער דלאָניע די צעווייקטע שטיקלעך ברויט, די קאַשע, צוגעפאַלן צו דער שיסל מיטן פּאָנעם און געכליעפּטשעט די באַלאַנדע. דער הונט האָט געסקאַווטשעט ניט לאַנג. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט, אַראָפּגעלאָזט די מאָרדע אַף די אויסגעשטרעקטע לאַפּעס און געקוקט אַפּן מענטשן שוין ניט בייז — גלייַכגילטיק. ליאָניע האָט צוגערוקט צו אים מיטן קאָטשערקעלע די ליידיקע שיסל און אַוועקגעפויזעט צו זיך אין קעמערל.

ער איז געלעגן און געקוקט אין דער פינצטערניש. גראַדע איצט, ווען ער איז געווען זאַט, איז ניט געקומען צו אים ניט קיין שלאָף און ניט קיין זעונג. פולשטענדיקע ניכטערקייַט.

שוידערלעכע ניכטערקײַט. עס האָט אים געהאַדיעט. פון מאָל צו מאָל האָט ער אויסגעשפּיגן הינטישע האָר. נאָר עס זײַנען געווען נאָך און נאָך — אפן גומען, אונטער דער צונג. אין בויך האָט עפּעס ווייטעקדיק זיך איבערגעגאָסן — אָט קאַלטס, אָט הייס. ליאָניע האָט אין זיך געפונען קויעך ווידער נעמען טראַכטן וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים געקאָנט טרייסטן: באַ דזשעק לאָנדאָנען האָט דער הונגעריקער צוגעפויזעט ביז צום ברעג פון יאַם און מע האָט אים דערזען פון אַ שיף, זשילין האָט דורך די בערג דערקליבן זיך צו די זײַניקע, לע־ווינסאָן איז אין שפּיץ פון זײַן צעקלאַפּטן אָטריאַד ארויסגעפּאָרן פון וואַלד און געקוקט אַף אַ זוניק פעלד, אַף וועלכן פויערים האָבן געדראָשן טווע. וועגן לעווינסאָנען האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ווײַל ער האָט זיך דערמאָנט אין די לעצטע שורעס פון פאַדייעווס בוך, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט: „מע האָט געדאַרפט לעבן און אויספילן די פליכטן“. יאָ, ער האָט נאַרוואָס געגעסן מיט אַ הונט פון איין שיסל, נאָר רײַך און שטאָלץ איז ער געווען דערמיט, וואָס מענטשן האָבן אים געגעבן.

7

טאַנאַגאָז האָט זיך באַוויזן ערשט אפן פינפטן מעסלעס, אינדערפרי. ליאָניע האָט אים ווידער דערקענט לויט דעם, ווי ער האָט גערעדט צום הונט, לויט די פּאַרזיכטיקע טריט אין קאָרידאָר. ליאָניע האָט זיך אונטערגעהויבן און זיך אוועקגעזעצט, צושפּאַרנדיק זיך מיט דער פלייצע צום שטאַבעל האָלץ.

— אָ, אָט דאָס ביסטו אַ מאָלאָדיעץ, האָסט אַ שטיין אַראָפּגענומען פון מײַן האַרצן! — האָט טאַנאַגאָז ניט הויך אויסגערופן און פון אופרעגונג צי פאַרלוירנקײַט אַראָפּגעשלעפּט אַ ביסל דעם באַנדאַזש פונעם אויער. — וואָס? איך הער שלעכט... אַבי דו לעבסט! איך האָב שוין געמיינט, אַז איך גיי צו אַ מעס.

ליאָניע האָט ניט געענטפערט, ער האָט געוואַרט.

טאַנאַגאָז האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — מיטפילנדיק און פאַרכידעשט. ער האָט באַמערקט דאָס דראָטענע קאָטשערקעלע, פאַרשטאַנען, וואָס ליאָניע האָט געטאָן מיט דעם, און געזאָגט מיט געמאַכטער פאַרדײַגעטקײַט, וואָס האָט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן זײַן שאָדנפרייד:

— דער הונט, זעסטו, דאַרף דאָ נאָך שטיין דרײַ טעג — ביז ס׳וועט קלאָר ווערן, צי איז ער ניט מעשוגע. עס איז דעם דאָקטער בראַנדטס הונט. ער האָט אַ טעווע, דער דאָקטער, יעדן אינדערפרי זיך דורכפּאָרן רײַטנדיק פון יענער זײַט לאַגער, און רעקס זאָל אים נאָכ־לויפן. אַ היגער הונט האָט רעקסן אַ ביס געטאָן. דער דאָקטער האָט דאַפקע געשאָסן אין יענעם הונט, נאָר ער איז אַוועק — ווו זאָל מען אים זוכן... אָט אַזאַ געשיכטע! און מיך האָט דער דאָקטער די גאַנצע צײַט ניט געלאָזט אַהער גיין, כאָטש לייג זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. אַ דײַטשל האָט זיך געפּאָרעט מיטן הונט. און גלאַט אַזוי וועסטו דאָך אַהער ניט קומען... האַקלאַל, איך האָב שוין געטראַכט, אַז דו... רעקס איז, דאַכט זיך, ניט קראַנק — ער זשליאָקעט וואַסער און עסט, וואָס מע ברענגט אים, נאָר ווער ווייסט, וואָס ס׳וועט ווײַטער זײַן...

— און דו האָסט מיר עפּעס געבראַכט? — האָט ליאָניע געפרעגט. מיטן „דו“ האָט ער געוואָלט אונטערשטרײַכן, אַז ער דערקענט אים ניט, טאַנאַגאָז, און אַז ער גלייבט ניט שטאַרק אין די טערוצים, דערבײַ האָט דער טאָן, מיט וועלכן די פראַגע איז פאַרגעבן געוואָרן, באַטײַט: „מיינסט, איך בין אין דײַנע הענט — און גאָר? עמעצער האָט מיך אין זינען, מעגסט ניט צווייפלען!“.

— אַ פײַקע האָב איך פאַר דיר, — טאַנאַגאָז האָט אַ זוך געטאָן אין פּאַזוכע, — און וואַסער וועל איך באַלד ברענגען, די הענט זײַנען באַ מיר געווען פאַרנומען.

ער האָט אינגיכן זיך אומגעקערט מיט אַן עמער וואַסער און אַ בלעכל. געגעבן ליאָניען אָנטרינקען זיך און ווידער אָנגעפילט דאָס בלעכל:

— וואַש זיך עפּשער אָרום, איך וועל דיר אופגיסן. עס פרישט אָפּ.

ליאָניע האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט.

אויסגעליידיקט דעם עמער, האָט אים טאַנאַגאָז איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרוף, זיך צו־געזעצט אַף אים און געזאָגט:

— הער אויס, ליאָנקע! איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט ניט טיכאָן. מיך איז טאַקע שווער צו דערקענען, נאָר דו האָסט דאָך מיך אויך דערקענט. עמעס? — ער האָט אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש פונעם אויער. — נו, אָט. אַמאָל האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע.

מײלע. לאָמיר עס בעסער פאַרגעסן. גוט? איצט זײַנען מיר בײדע אין אײן לאַגע. דו ביסט אַפילע אין אַן ערגערער. יענער ליסער, זאַרובאַ, איז ניט דײַן פעטער. נאָר מיר גײט עס ניט אָן. פאַרקערט, עס קומט אים אַ דאַנק. הײַנט אַפּדערנאַכט װעלן מיר דיך צונעמען פונדאַנען — איך און נאָך אײן סאַניטאַר. מע קער דיך שױן מיסטאָמע דאַרפן איבערבינדן? ער טוט עס בעסער פון מיר. מאָרגן װעלן מיר פאַרלאָזן דעם דאָזיקן לאַגער — איך, זאַרובאַ, נאָך עטלעכע מענטשן און דו. איך האָף, אַז דו אױך. דערװײַל װעט מען אונדז אַריבערפירן אין דאַרניצער לאַגער, און דאָרט װעט מען אונדז, גיכער פון אַלץ, באַפרײַען. װיִאַזױ? דאָס איז ניט װיכטיק. די דײַטשן דאַרפן האָבן אײַזנבאַנער. איצט זעסטו שױן, אַז אַלטע באַקאַנטשאַפט קומט צוניץ? אַפילע אַן אַלטע קריג — איז אױך באַקאַנטשאַפט... װוּ איז דער טאַטע דײַנער — קרעמעז? מײנסט, איך האָב װײניק געטאָן, ער זאָל אַרױס, די מיספאַרשטײעניש זאָל אױפגעקלערט װערן? האָסט עפּעס געהערט װעגן טאַטן?

ליאָניע האָט געטראַכט: „עפּעס קװעטשט אים. אױב ער נאַרט מיך אַפילע אָפּ, אױב די מײַסע מיט די אײַזנבאַנער איז אַן אױסגעטראַכטע, האָט אַלצײנס קײן זינען ניט װײַטער צו פאַרשטעלן זיך. פאַר די דײַטשן איז גענוג אײן װאָרט זײַנס. אײַ, ער אַלײן איז אױך אַ נײַדע פאַר זײ, — האָט ער מיך אָבער געקאָנט פאַרקױפן, איך זאָל אַפילע ניט װיסן. צײַט האָט ער געהאַט גענוג. גיכער פאַר אַלץ, האָט ער מוירע פאַר זאַרובען, פידכאַטניך, שורפאַלאָן און עפשער נאָך פאַר עמעצן. אױב אַזױ, מעג איך ריזיקירן. עפשער האָט ער טאַקע אַפּאַנעמעסן ניט געקאָנט צוקומען אַהער?”

— דער טאַטע איז אױפן פראָנט, אױפן דאָרעמדיקן.

— האָסט פון אים געהאַט בריװ?

— דער לעצטער בריװ איז געשריבן געװאָרן מיט אַ כױדעש צוריק.

ליאָניע האָט געהאַט האַנאָע, דערצײלנדיק עס. ער האָט געזען, װי טאַנאַגאָזן מאַטערט עפּעס אַ געפיל. ליאָניע האָט געמײנט — קינע. און ער האָט צוגעגעבן:

— דער טאַטע קאָמאַנדעװעט מיט אַ פּאָלק.

— אַזױ, אַזױ, מיט אַ כױדעש צוריק... דאָס איז גוט. גוט. גײ איך, הײסט עס. און דו — װאַרט.

אײנס האָט ליאָניע פונדעסטװעגן ניט געקאָנט פאַרשטײן — װאָס האָט געצװוּנגען טאַנאַגאָזן אַזױ ענדערן זיך? אָט האָט ער אים, אַן אומבאַהאָלפענעם, געלאָזט אָן אַ טראָפּן װאַסער, און אָט זאָרגט ער אַזױ װעגן אים. מע האָט געקאָנט זיך פאָרשטעלן: דעמלט, דאָס ערשטע מאָל, איז טאַנאַגאָז אַװעק נאָך שפּײַז, נאָך װאַסער און עפּעס האָט אים געשטערט זיך אומקערן. נאָר עפשער גאָר אַזױ: טאַנאַגאָז איז ניט קײן אײַזנבאַנער, און װײַל ער װיל אָנגײן פאַר אַן אײַזנבאַנער, קעדײ אַרױס פונעם לאַגער, דאַרף ער, אַז עמעצער זאָל עס באַשטעטיקן, — זאַרובאַ, אַשטײגער, פידכאַטני, שורפאַלאָ. און װײַל אַזױ, מוז ער אים, ליאָניען, שױן אױך אַרױסשלעפּן פונדאַנען, ער מוז זיך אַרױסשטעלן פאַר זײַנעם אַ גוטנפרײַנט. „מיסטאָמע איז עס טאַקע אַזױ”, — האָט ליאָניע באַשלאָסן בײַ זיך.

ליאָניע האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, פאַרװאָס טאַנאַגאָז האָט געענדערט צו אים די באַציִונג, ער האָט אָבער ניט געװוּסט דאָס װיכטיקסטע, אַז דעם געדאַנק צו גײן מיט די אײַזנבאַנער האָט טאַנאַגאָזן אױפגעגעבן װאָלפגאַנג ראָגאָוש. דער געסטאַפּאָװעץ איז אַראָפּגעקומען אין לאַגער, געזען זיך מיט װעמען ער האָט דאָ געדאַרפט, און בעסױכעם אױך מיט יורי טאַנאַגאָזן.

זיצנדיק, װי זײַן שטײגער איז, אײַנגעניורעט מיט אַ זײַט אינעם טיפן, װײכן פאָטעל, האָט ראָגאָוש צוערשט פאַרפירט אַ פילאָסאָפישן שמועס, בײס װעלכן ער האָט געקאָנט, װיפל ער האָט געװאָלט, אױ רײדן, אױ מאַכן פּאַוזעס, בײַסן דעם פּאַפּיראָס, קנײטשן אים צװישן די פינגער, פאַרציִען זיך, אַרױסלאָזן דעם רױך רינגענװײַז פונעם קרום־צעעפנטן מױל אָדער דורך די ברײטע נאָזלעכער פון דער פאַרשפּיצטער נאָז, קוקן מיט ביטל אױף טאַנאַגאָזן אָדער ניט קוקן אױף אים. און טאַנאַגאָז, שטײענדיק פאַר אים אױסגעצױגן לעבן דער פאַרשלאָסענער טיר, האָט בלױז געדאַרפט צוטרעפן, װען צו זאָגן: „פּאָלקאָם ריכטיק, הער אָפיצער!”

— די מענטשן, — האָט געפילאָזאָפירט דער געסטאַפּאָװעץ, — זײַנען דאָס גאַנצע לעבן װי אין אַ לױף־געװעט — יעדער אײנער זעט בלױז דעם, װאָס לױפט אױף אַ שפּאַן אָדער אױף צװײ פאַר אים, און הערט בלױז דעם, װאָס אָטעמט הינטער אים. אינדערעמעסן איז אָבער סײַ פון פאָרנט, סײַ פון הינטן אַ מענגע מענטשן... יאָ... אָט דו, אַשטײגער... דו ביסט שטאַרק טײַער בײַ זיך, דו היטסט אױס דײַן פעל — דאָס איז אײנס, און צװײטנס, גיסטו זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז װײַל דו האָסט אַ שטיקל װערט פאַר אונדז, קאָנסטו איבעריאָגן יענע, װאָס

קאָנען ניט אַנטלויפן פונעם טויט... יאָ, נו, און דריטנס, און עפשער איז דאָס גאָר דאָס ערשטע: דו האָסט אַליין געזאָגט, אַז דאָרטן, בײַ אײַך, האָסטו ניט זעלטן עמעצן אונטערגע־שטעלט אַ פיסל, הייסט עס, ביסטו שוין געווינט צו פילן קויעך אין זיך, אַז ביסט פאַר עמעצן געפערלעך. זאָלן אַנדערע אַפילע ניט וויסן, אַז מע דאַרף פאַר דיר מוירע האָבן, וויכטיק איז, אַז דו אַליין זאָלסט עס וויסן. אָט פאַרוואָס מיר האָבן מיט דיר זיך דאָ אַזוי שנעל דערעדט.

צום איקער פונעם שמועס איז ראָגאוש צוגעקומען מיט אַ שפּריכוואָרט:

— כאַפּן פיש אין שטייענדיק וואַסער קאָן מען אויך מיט די הוילע הענט. דו ווייסט עס גוט. קיִעוו — דאָס איז אַ טײַך, אַ יאַם. אָט דאָרט דאַרפן מיר דיך האָבן. נאָר ווי וואָלסטו אַהין געקומען אַמפּײַנסטן און געבליבן אין שאָטן?..

וואַריאַנטן זײַנען געווען דרײַ: פּאַשעט לויפן בײַסן עטאַפּ — דער קאָנוואָי וועט געוואָרנט ווערן, אַז מע דאַרף שיסן אינדערלופטן; איבערגעבן מיט עמעצן אַ בריוו דער שוועסטער, זי זאָל קומען און אים צונעמען פונעם לאַגער; אַוועק מיט די אײַזנבאַנער. דער דריטער וואַריאַנט האָט מער פון אַלע צופרידנגעשטעלט טאַנאַגאָזן.

8 ניט יערעמיי זאַרובאַ, ניט פיאָדאָר פידכאַטני, ניט שורפאַלאָ האָבן טאַנאַגאָזן ניט געקענט. געקענט האָט אים זייערער אַ כאַווער פונעם פאַנצערצוג, אַן אַרטילעריסט, כרוסטיקאָוו, וועלכער איז דאָ אין לאַגער געשטאָרבן פון אַ גאַנגרענע. ווען מע האָט זיי אינפירען געבראַכט אַהער אַף אַ וואָגן צוזאַמען מיט אַ גרויסן טראַנספּאָרט פאַר־ווונדעטע פון הינטער בערעזאַן, ווו ס'איז אופגעריסן געוואָרן דער קיִעווער פאַנצערצוג, וועלכן דער סוינע האָט אָפּגעשניטן דעם וועג (בײַ זאַרובען האָט פון אַ קאָנטוזיע זיך צעשפּילט זײַן כראָנישער ראַדיקוליט און ס'האָט אים מאַמעש די פיס אָפּגענומען — איצט איז שוין לײַכטער, אויב צערודערן אַ ביסל די אייוורים, וואָלט ער שוין עפשער געקאָנט גיין אויך; פידכאַטני האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ צעבראָכענער האַנט, וואָס איז זיך צונויפגעוואַקסן, נאָר קרום, מע וועט זי נאָך דאַרפן ברעכן אַוואַדע; מער בעריע פון אַלע איז געווען שורפאַלאָ — אים האָט אַ שפּליטער געטראָפן אין פוס, נאָר דעם ביין ניט פאַרטשעפּעט), — איז אָט דעמלט, ווען מע האָט אַראָפּגענומען פון די וועגענער די שווער־פאַרווונדעטע, האָט כרוסטיקאָוו באַ־מערקט צווישן די סאַניטאַרן אַ באַקאַנט פּאָנעם. שפּעטער האָט ער שוין פינקטלעך זיך דערמאָנט, ווו ער האָט דעם איצטיקן סאַניטאַר געזען, און אײַנגערוימט די כאַווײרים, וואָס זײַנען געלעגן לעבן אים, דעם סאָד, ווער טאַנאַגאָז איז. אַלע פיר האָבן זיי באַשטימט זיך צוקוקן צו אים, ווײַל וואָס געווען, איז געווען, אָבער ווער איז ער איצט?

כרוסטיקאָוו האָט אײַנגיכן זיך דערפילט גאָר שלעכט. זאַרובאַ, וועלכער איז אָנגעגאַנגען פאַרן עלטסטן צווישן דעם פירלינג, און ניט נאָר ווײַל ער איז עלטער געווען לויט די יאָרן, האָט מיט גרויס מי זיך דערלאַנגט צו די טרעפּ, צוגעוואַרט דאָרט אַף טאַנאַגאָזן, און אַ רעד געטאָן מיט אים וועגן כרוסטיקאָוון. זאַרובאַ האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט, ווער טאַנאַגאָז איז, און האָפט אַף זײַן הילף.

צוויי טאַבלעטן סטרעפּטאָציד האָט טאַנאַגאָז געבראַכט כרוסטיקאָוון. אינעם לאַגער איז עס געווען אַ גאַנצער אוצער. נאָר וואָס האָט שוין געקאָנט זײַן די פולע דערפון? אַלציינס, ווי אויסגיסן אַ גלאָז וואַסער אַף אַ ברענענדיק הויז. ער, טאַנאַגאָז, האָט אויך געבראַכט אַ דאָקטער. יענעם, וועלכער האָט שפּעטער ליאָניען אָפּערירט. דער דאָקטער האָט בלויז צעפירט מיט די הענט: מע דאַרף טייקעף אַמפּוטירן דעם פוס — אָבער מיט וואָס? מיט אַ געווײנלעכער זעג? און ווער וועט עס קאָנען אויסהאַלטן אָן נאַרקאָז?

כרוסטיקאָוו האָט לאַנגזאַם געגויסעסט, און טאַנאַגאָז איז קימאַט יעדן טאָג געקומען צו אים געוווירע ווערן. פאַר דער דאָזיקער צײַט האָט ער זיך אַלץ מער דערנעענטערט מיט די אײַזנבאַנער. ער האָט אַפילע זיך שוין אײַנגעשטעלט פרעגן, צי זײַנען אין דער פאַלאַטע דאָ פּאָליטטוער, קאָמוניסטן, וועלכע מוזן זײַן באַזונדערס געהיט. ער האָט זיך אינטערעסירט, וואָס די פרויען, וועלכע קומען נעמען פונעם לאַגער זייערע אייגענע, דערציילן וועגן די פאַרטיזאַנער און אונטערערדלער. זאַרובאַ איז געווען ניט פון די, וואָס וועלן אַזוינס גלײַך אונטערטראָגן אַף אַ טעלערל. ער האָט אויך פידכאַטנין און שורפאַלאָן געוואָרנט: „איר פאַר־שטייט, כעוורע, ער טאַפּט אונדז אויס. נאָר אַז מיר ווייסן, לאָמיר זאָגן, גאָרנישט ניט — איז ניט קיין מוז, ער זאָל דאָס זען. אַ טאַפּ פאַר אַ טאַפּ. עפשער ווייסט ער עפּעס?“

אָט אזוי האָט עס געהאלטן, ווען שורפּאלאָ האָט דערזען אפּן דיל ליאָניען — א צעלע־כערטן, א פארכאלעשטן. פּידכאטני און שורפּאלאָ זײַנען אוועק אין דער צווייטער העלפט הויז, ווו עס זײַנען אויך, פּונקט ווי דאָ, קאָפּ אף קאָפּ געלעגן פארווונדעטע, און אראָפּגעבראכט טאנאגאָזן. ווײַטער איז אלץ אוועק, ווי עס האָט אין פלוג זיך געקאָנט דאכטן, אפּן סאמע בעסטן אויפן.

טאנאגאָז האָט פאָרגעשלאָגן צו באהאלטן ליאָניען אין א זיכער אָרט, כאָטשבי די ערשטע צוויי־דרײַ טעג, ביזוואנען ער וועט אופהערן פארלירן דעם באוווסטזײַן (דער דאָקטער האָט געוואָרנט, אז ליאָניעס צושטאנד וועט אפילע דאן זײַן גענוג שווער) און וועט קאָנען זיך אופזעצן. אופזעצן זיך אָדער אונטערהייבן זיך אף אן עלנבויגן, אויב ניט אופשטיין, האָט געמוזט יעדער קראנקער, בייס דער קאָמענדאנט פון לאגער פלעגט זיך באווײַזן אין די באראקן. קומען פלעגט ער טאָגטעגלעך. געהייסן האָט עס דאָ — קלײַבן פּאדעליצעס. דער קראנקער, וועלכער איז ניט אימשטאנד געווען זיך אונטערהייבן, פלעגט באצייכנט ווערן מיט א שמיץ פונעם קאָמענדאנטס נאהײַקע, און אויב ס'איז ווער געלעגן ווײַט און די נאהײַקע האָט ניט דערלאנגט צו אים, האָט דער דאָקטער בראנדט אלציינס, הינטערן קאָמענדאנטס פּלייצעס, אָנגעוויזן אף אים מיט א פינגער די סאניטארן, — סײַ דער שמיץ, סײַ דעם דאָקטערס אָנגעשטעלטער פינגער האָבן באטײַט, אז מע דארף דעם פארווונדעטן אוועקטראָגן צו דער גרוב, ווּהין מע ווארפט צונויף די מייסים.

טאנאגאָז האָט געוווסט, אז די אײַזנבאנער וועלן זיך אָנכאפּן אין זײַן פאָרשלאָג, ווײַל כוץ דעם, וואָס ליאָניע קאָן אוועק אלס א „פּאדעליצע“, איז געווען נאָך איין געפאר, וועגן וועלכער זארובא און זײַנע כאווירים האָבן אים, טאנאגאָזן, קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר געוויס געטראכט וועגן איר — ליאָניעס אָפּשטאם...

פארנאכט, ניט לאנג פאר דעם, ווי אין לאגער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן יעטווידע באַוועגונג, איז טאנאגאָז געקומען מיט נאָך איין סאניטאר און פארנומען ליאָניען אף א טראָגבעטל. אף מאָרגן אינדערפרי האָט ער געבראכט ניט קיין גאָר גוטע נײַס: דער באָכער איז נאָך ניט געקומען צו־זיך, אָבער ניט דאָס איז דער איקער, אבי ער לעבט; שלעכט איז, וואָס ער, טאנאגאָז, וועט מיסטאמע עטלעכע טעג ניט קענען געווירע ווערן, וואָס ער מאכט. אין איינעם פון די באראקן האָבן זיך באוויזן טיפוס־קראנקע, דער באראק ווערט איזאָלירט, אלע, וואָס ארבעטן דאָרט, — אויך, און אים שיקט מען גראָד אהין, נאָרוואָס האָט ער באַקומען א באפעל, און צום הונט האָט מען צוגעשטעלט א דײַטש.

ס'האָבן זיך אוועקגעצויגן אָנגעשטרענגטע טעג — איינער, א צווייטער, א דריטער. יערעמיי זארובא האָט זיך אָפּגעגעסן דאָס הארץ:

— אליין געפּאטערט דעם יאט. בעסער זאָל ער דאָ געווען ליגן. וויִאזוי עס וואָלט געווען, וואָלט געווען.

פּידכאטני (ער איינער איז געבליבן מיט זארובען, שורפּאלאָ איז ארויסגעיאָגט געוואָרן פונעם לאזארעט, ווײַל זײַן ווונד האָט זיך דאָ גערעכנט פאר א לײַכטער, און ס'איז א סוואָרע, אז ער, א גאנץ קרעפטיקער לויט דער קאָמפּלעקציע, איז גאָר ארויסגעפירט געוואָרן באגלײַך מיט אנדערע אף ארבעט ערגעץ אויסערן לאגער), פּידכאטני — דער האָט זיך געהאלטן רויִקער, ער איז ביכלאל געווען קאלטבלוטיקער:

— מיר האָבן דען געוואָלט ערגער? בעסער האָבן מיר געוואָלט. נאָר אז ס'האָט אזוי פּאסירט... מיט אונדז קאָן אויך פּאסירן פארשיידנס.

דערגיין בא די סאניטארן, צי זיי זעען טאנאגאָזן, צי קומט ער ארויס פונעם טיפוס־באראק, האָט מען ניט געקאָנט. געוויינלעך פלעגן זיי זיך באווײַזן אין פּאלאטע בלויז דעמלט, ווען זיי האָבן באגלייט דײַטשן. אויב עמעצער איז אמאָל געקומען אליין, פלעגט מען אים אָנהייבן רופן פון אלע זײַטן, און ער האָט זיך געפּלײַסט וואָס גיכער צו פארשווינדן. די סאניטארן זײַנען ביכלאל געוואָרן אלץ הארבער, הארצלאָזער און ווייניק אונטערשיידט זיך פון געוויינלעכע פּאָליצײַען.

ארויס אין הויף האָט געהייסן ריזיקירן, אז מער וועט מען זיך ניט קענען אומקערן — טויזנטער קריגסגעפאנגענע האָבן זיך געפונען אונטערן הוילן הימל און באלאגערט די טירן פון יעדער הויז, יעדער באראק, ווו די פארווונדעטע און קראנקע זײַנען געלעגן. דאָך איז יערעמיי זארובא ארויס אין הויף. ארײַנגעדרייט זיך צווישן די פאראשניקעס — און מיט זיי טאקע אומגעקערט זיך פארנאכט. ער האָט געזען דעם ארײַנגאנג אין האלבן קעלער, ווו ס'איז באלד לעם די טרעפּלעך צוגעבונדן געווען דער וואָלפהונט. דורכשמוגלען זיך אהין איז געווען אומעגלעך: דער הונט וועט נעמען בילן, ניט ווײַט, צווישן צוויי רייען שטעכדראָט, סטארטשעט א וואך־טורעם — מע קאָן קריגן א קויל און גאָר. דערוויסן זיך אינעם הו־הא,

וואָס איז געשטאנען אין הויף, בא די אויסגעשעפטע, צערייצטע מענטשן, צי האָט עמעצער געזען דעם סאניטאר, וואָס ער, זארובא, זוכט, איז אויך ניט געלונגען. בלויז איינער א באקאנטער אײַזנבאנער האָט געזאָגט זארובען, אז ער האָט נעכטן באגעגנט דאָ אזא סאניטאר מיט אן עמער אין האנט. און כאָטש מע קאָן זיך ניט פארלאָזן בלויז אף דעם, וואָס איינער זאָגט, און אין לאגער איזווירקלעך געווען אן איזאָלירטער טיפוס־באראק, דאָך האָט יערעמיי פאָמיטש זיך אומגעקערט אין פאלאטע ניט נאָר א באטריבטער, וואָס ער האָט ליאָניען מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן, נאָר מיט א כשאד, וועלכן ער האָט אי דערקלערן ניט געקענט, אי אלץ מער געפונען סיבעס פאר אים.

„ער האָט צו אומגעדולדיק, צו אײַנגעשפארט אלץ אויסגעפרעגט מיך און פעדיען, — האָט זארובא שוין קימאט מיט סינע געטראכט וועגן טאנאגאָזן. — און אליין ניט געוואָלט צי ניט געהאט וואָס צו דערציילן. א גליטשיקער“.

— עך, מענטש, דו מענטש! — האָט יערעמיי פאָמיטש געהאלטן אין איין טײַנען צו זיך, — האָסט דאָך דאָס אלץ געוווּסט אויך פריִער! וועגן דעם, אז אפאנאסי טימאָשטשוק געפינט זיך אין דארניצע, אז דו האָסט געהאט אזא גרוס מיט איינעם, וואָס איז געגאנגען אף מיזרעך און געפאקט זיך אהער, האָסטו אים דאָך גאָרנישט ניט דערציילט. עמעס, האָסט אויך פידכאטניך און שורפאלאָן קיין וואָרט וועגן דעם ניט געזאָגט. נאָר פידכאטני איז פידכאטני, ער, אויב עס וועט זײַן וואָס — וועט פון אלצדינג וויסן, פונקט ווי שורפאלאָ, ווען ער זאָל זיך נאָר ערגעץ אָפּזוכן אף דער פרײַ. אָבער אים, טאנאגאָזן, וואָלסטו דאָך אויך שפעטער גוט א טראכט געטאָן, צי דערציילן אים וועגן טימאָשטשוקן. און דאָך האָסטו ליאָניען אים פארטרויט!..

טימאָשטשוק — דאָס איז געווען זארובעס א סאָד, וועלכן ער האָט עפשער אליין זיך ארײַנגעשלאָגן אין קאָפּ, אָבער דאָס געפיל פון אן אויסשפירער האָט אים אונטערגעזאָגט: „עפּעס שטעקט דאָ“. ווען די דײַטשן זײַנען נאָר ארויס אף די וועגן צו קיִעוו און יערעמיי פאָמיטש האָט זיך פארשריבן אלס פרײַוויליקער אפן פאנצערצוג, וועלכן מע האָט דעמלט געהאלטן אין עקיפּירן, האָט מען אים, זארובען, אן אומפארטייִשן, שפעט אין דער נאכט ארויסגערופן אין דארניצער ראיפּארטקאָם. מע האָט אים רעקאָמענדירט, ער זאָל דערווײַל ניט גיין אפן פאנצערצוג, מעגלעך, אז מע וועט אים לאָזן אין אונטערערד. דערנאָך איז די זאך צעדרייט געוואָרן — מע האָט אים פאָרט געקענט אין דארניצע ניט בלויז ווי אן אמאָליקן פולן געאָר־גיע־קאוואלער, אן אויסשפירער, וועלכער האָט זיך דערדינט ביז צו א פּאָדפּאָרוטשיק, נאָר אויך אלס א פארטיזאן, און שפעטער — קירפּאָנאָס׳ אן אדיוטאנט. איז אָט דעמלט, באנאכט, ארויסגייענדיק פונעם ראיפּארטקאָם, האָט יערעמיי פאָמיטש באמערקט, ווי טימאָשטשוק איז ארײַנגעגאנגען אהין. און אינעם לעצטן פארנאכט, ווען דער פאנצערצוג האָט שוין געוואַרט באם צענטראלן פעראָן פונעם קיִעווער וואָקזאל אף א באפעל צו פארלאָזן די שטאָט, האָט יערעמיי פאָמיטש ווידער געזען טימאָשטשוקן ארומגיין איבער די רעלסן. פארוואָס זשע איז ער ניט אוועק מיט אלעמען? אָט דאָס איז פעסט ארײַן זארובען אין קאָפּ, און ער האָט גע־קלערט, אז ווען עס געלינגט אים ארויסצורײַסן זיך פון לאגער, וואָלט ער שוין געוווּסט וועמען ער האָט צו זוכן.

זארובא האָט באשטימט צו פארלאָזן דעם לאזארעט, אריבער צו די, וואָס געפינען זיך אין דרויסן, און זאָל זײַן פון אונטער דער ערד, נאָר אויסגראָבן טאנאגאָזן. אויב עס וועט קיין אנדער ברייִרע ניט זײַן, וועט ער אפילע ארײַן אין טיפוס־באראק, — נישקאָשע, ער האָט שוין אמאָל געקרענקט אף פלעק־טיפוס. און אָט, ווען יערעמיי פאָמיטש האָט, זיצנדיק לעבן פידכאטניך אפן דיל, געכליעפטשעט דאָס לעצטע ביסל באלאנדע פונעם קעסעלע, וואָס מע האָט באקומען אף צווייען, האָט זיך אראָפּגעיאווועט טאנאגאָז מיט א נײַעס: דער באָכער, וועלכן ער האָט פארנומען פונדאנען, לעבט און פילט זיך א סאך בעסער, הײַנט פארנאכט וועט ער אים ווידער ברענגען אהער. מאָרגן וועט מען אלע אײַזנבאנער, אפילע פארוואונדעטע, נאָר אבי זיי קאָנען גיין, אריבערפירן אין דארניצער לאגער, ווו זיי וועלן, גיכער פאר אלץ, אלע באפרײַט ווערן, קעדיי צו גיין ארבעטן. ער, טאנאגאָז, וועט זיך אויך מעלדן פאר אן אײַזנבאנער. אויב עפּעס, בעט ער, מע זאָל באשטעטיקן, אז מע קען אים, ער האָט געארבעט, נו, כאָטשבי אלס א וועג־וועכטער. ערשט איצט האָט זארובא זיך אָנגעכמורעט.

— און וויִאזוי וועט זײַן מיט די, וואָס קענען ניט גיין? — האָט ער געפרעגט. — איר האָט ניט געהערט? און ביכלאל — א ווערטעלע! — פירן צוגן... פאר וועמען?..

טאנאגאָז האָט א צוק געטאָן מיט זײַן אײַנגעבראָכענעם אקסל — געדארפט האָט עס מיסטאמע הייסן, אז ער, יעדנפאלס, וועט קיין צוגן ניט פירן. ער האָט געענטפערט, צעציִענ־דיק, ווי זײַן שטייגער, די ווערטער:

— עפשער וועט מען נאָך געבן פורן. פון בערעזאָן אהער האָט מען דאָך געפירט.

9

קיין פורן האָט מען ניט געגעבן, כאָטש די מערהײַט פון די, וואָס האָבן זיך געמאָלדן אַלס אײַזנבאַנער, זײַנען געווען פאַרווונדעטע אָדער קראַנק.

פיאָדאָר פידכאַטני האָט זיך אומגעקערט פונעם הויף און מיט א פינגער, ליאָניע, וואָס איז געלעגן אפן דיל, זאָל ניט באַמערקן, צוגערופן זאַרובען צו דער טיר.

— מיר וועלן מיט דיר גאָרנישט ניט צוטראַכטן, — האָט פידכאַטני, קרימענדיק זיך פון ווייטעק, געזאָגט (ער האָט ערגעץ אַוועקגעוואָרפן דאָס ברעטעלע, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן זײַן פאַרווונדעטע האַנט, מע זאָל מיינען, אַז די וווּנד איז א לײַכטע), — טראָגן קאָנען מיר אים ניט און איבּ אפילע עמעצער וועט אונדז וועלן העלפן, וועט מען ניט לאָזן — קיין ליגנדיקע נעמט מען ניט. עס וועט אויסקומען אים דאָ איבערלאָזן.

זאַרובאַ האָט אײַנגעשפּאַרט געקוקט אין א זײַט, זײַן פאַרוואַקסן פּאָנעם, אויסגעצערט אַזוי, אַז די הויט איז אַזש בלוי געווען, זײַן ניט הויכע, שאָפּלדיק אײַנגעהאָרבעטע פיגור — אַלץ האָט אויסגעדריקט א באַזונדער מין אַקשאָנעס.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — לאָזן אים דאָ איינעם אַליין קאָן איך ניט. עפּעס א האַרץ האָב איך דאָך. דו, פעדיע, גיי, אונדז ביידע דאַרף ער דאָ ביכלאַל ניט.

— ביסט אַן עלטערער מענטש און ווילסט אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקײַט, — האָט פידכאַטני געשאָקלט מיטן קאָפּ און די פּײַן האָט נאָך מער זיך געלאָזט מערקן אויף זײַן דאַר, ענערגיש־פאַרשפּיצט פּאָנעם, — ווען מע פרעגט אים, ליאָניען, וואָלט ער אַליין געזאָגט: גייט...

— אים פרעגן האָב איך ניט וואָס — לעבן וויל ער. אין דאַרניצע געפין א מיטל איבערצוגעבן מײַן כריסטיען, זי זאָל קומען נאָך אונדז. עס קאָן זײַן, אַז זי האָט זיך אַריבער־געקליבן קיין קיִעוו, צו דער שנור, ווייסטו אויך, ווו דאָס איז.

פידכאַטני איז אַוועק, ניט געזעגענענדיק זיך מיט ליאָניען — יערעמיי פּאָמיטש האָט ניט געהייצעט, — זאָל דער באָכער גאָרנישט ניט וויסן. אָבער דער עטאַפּ פון די אײַזנבאַנער האָט זיך פאַרהאַלטן אינעם לאַגער ביז באַטאָג, און דאָ האָט צוגעשפּילט ניט צו וויסן אפילע וועמעס מאַזל — ליאָניעס, זאַרובעס צי גאָר פידכאַטניס, — ווײַל אויך פאַר אים איז עפּשער געווען פּונקט אַזוי שווער אַוועקצוגיין, ווי צו בלײַבן דאָ. צווישן די פויערטעס, וואָס זײַנען ווער פאַר א שאָק אייער, ווער פאַר א כאַזערשער שינקע, וועלכע מע האָט אַרײַנגערוקט דער וואַך באַם טויער, אַרײַן אין לאַגער, קעדיי אַרויסצורײַסן פון דאָרט די אייגענע (דעמאָלט איז דאָס נאָך מעגלעך געווען), האָט פידכאַטני דערזען זײַנע א באַקאַנטע, וועלכע האָט געפירט אונטער דער האַנט איר מאַן, א פאַרווונדעטן אין קאָפּ. פיאָדאָר האָט געשטאַמט פון א דאָרף הינטער ניעזשין, און דאָס זײַנען געווען זײַנע לאַנדסלײַט.

— טיאָטיאַ טעקעלינאַ! — האָט פידכאַטני זיך א וואָרף געטאָן צו דער פויערטע. — עפּשער האָט איר דאָ א פור?

אָט אַזוי האָט זיי צוגעשפּילט דאָס מאַזל, נאָר אַלעמאָל שפּילט עס צו מיט א פּאָרטל. ליאָניע איז אפילע א ביסל פריִער אַרויס פונעם לאַגער, איידער פידכאַטני און זאַרובאַ. ער האָט גוט אײַנגעכאַזערט יערעמיי פּאָמיטשס און טימאָשטשוקס אַדרעסן אין דאַרניצע, פּיד־כאַטניס — אין קיִעוו, און איז אַוועקגעפאָרן אויף טעקעלינעס טרייסלענדיקן וואָגן, אין וועלכן ס'איז געווען געשפּאַנט כאָטש אַן אויסגעדייוועטער, נאָר א יונגער שוואַרצער אָגער. און אָט דער דאָזיקער אָגער האָט עס גוירעם געווען, דאָס מאַזל זאָל א שפּיל טאָן אויף פאַרקערט. מע איז אָפּגעפאָרן בלויז א פופצן קילאָמעטער אויף צאָפן, ווי צוויי פּאָליצײַען, וואָס זײַנען אָנ־געקומען אַנטקעגן, איינער אויף א וועלאָסיפּעד, דער צווייטער צופוס, האָבן אויסגעשפּאַנט דעם אָגער. דער, וועלכער איז געגאַנגען צופוס, האָט מיט א זאַק אָנשטאָט א זאָטל צוגעדעקט דעם פערדס רוקן און זיך געקליבן אַוועקרײַטן. טעקעלינאַ האָט געפּרווּט אי ברעכן זיך די הענט, אי בעטן, אי שילטן, נאָר גערירט האָט עס עפּשער בלויז דעם אָגער — ער האָט געקאָסיעט אויף איר די בלאָוולעך־שוואַרצע אויסגעבאַנקעוועטע אויגן און אומרויִק באַוועגט די שפּיציק־אָנגעשטעלטע אויערן. אויך דערנאָך, ווען טעקעלינאַ האָט נאָכגעשריגן די פּאָליצײַען, האָט בלויז דער אָגער איין מאָל זיך אומגעקוקט.

וואָס זשע האָט טעקעלינאַ — א קליינינטשקע פויערטע, וואָס די טונקלוואָלענע פרענדזל־דיקע שאַל האָט זי קימאַט אינגאַנצן ביז צו די קני צוגעדעקט, וואָס האָט זי געקאָנט טאָן מיט די צוויי פאַרווונדעטע אפן אויסגעשפּאַנטן וואָגן אינמיטן וועג? מיט דעם מאַן איז נאָך די צאָרע ניט אַזוי גרויס. ביז דעם אייגענעם ווינקל איז טאַקע געבליבן א זיבעציק קילאָמעטער, דער דורכגעלעכערטער קאָפּ דרייט זיך בא אים, נאָר זי וועט אים נעמען אונטער דער האַנט און פּאַמעלעכן דערפירן, אויב ניט אַהיים, איז צום נאָענטסטן ייִשעוו, דאָרט וועט מען שוין זען — מענטשן וועלן עפּשער העלפן. אָבער דער צווייטער, וועלכן מע האָט איר נאַרײַעט, — ער קאָן דאָך קיין טראָט ניט מאַכן!

טעקעלינא האָט אפילע געפּרוּווט אָפּשטעלן דײַטשישע לאַסטמאַשינעס, נאָר ווו־ווער? די דײַטשן האָבן געלאַכט, אָנשטויסנדיק זיך, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. איז געבליבן דאָס איינ־ציקע — איבערלאָזן דעם פֿרעמדן באַכער אפן וואָגן און פונעם נאָענטסטן דאָרף ארויסשיקן עמעצן נאָך אים.

ליאָניע האָט געהאַלטן, אַז ער איז אַלצייַנס א פֿאַרפֿאַלענער, און איז מיט אַלץ מאַסקים געווען. ער האָט זיך געפֿילט שולדיק בענעגייע דער פֿויערטע און איר מאַן, וואָס ער האָט באַלעסטיקט, און גלײַכצײַטיק האָט ער געשטיקט אין זיך די ביטערע זידלווערטער, וועלכע ער האָט געוואָלט נאָכשרײַען, ווען זיי האָבן זיך דערווײַטערט פֿון אים ארוף־באַרג, אָט־אָט געדאַרפֿט פֿאַרשווינדן פֿון יענער זײַט בערגל, און ער האָט איינער אַליין געדאַרפֿט בלײַבן אין פֿעלד, צווישן קראַקענדיקע ראָבן, וואָס זײַנען שווער איבערגעפֿלויגן פֿון אָרט אָף אָרט. נאָר דאָ האָט זיך אפן הויקערדיקן באַרג־ראַנד, ווו דער וועג האָט זיך אָפּגעהאַקט, באַוויזן עפּעס א געשפּאַן, א מין בויד, און הינטער איר — די פֿויערטע, וואָס האָט זיך אומגעקערט, שפּאַנענדיק מיט דריבנע טריט, באַנאַנד מיט אַן אַלטן ציגײַנער. פֿון הינטן איז צו דער בויד צוגעבונדן געווען עפּעס ענלעכס אָף א האָרן און א בלאָזזאַק.

— דאָברע, כאַזײַקאַ, דאָברע[1], — האָט געזאָגט דער ציגײַנער צו דער פֿויערטע און אָפּגעשטעלט דאָס פֿערדל זײַנס, — טפּר־ר...

אָף ליאָניען האָבן געקוקט גוטע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געטרערט פֿון אַלטקײַט, און כאָטש ס'איז אין זיי, אין די דאָזיקע אויגן, געווען גענוג ביטערקײַט, איז אין זיי געווען אויך עפּעס א פֿרייַלעכקײַט. אפן שטאַרק ברוינעם, ביז שוואַרצקײַט, קימאַט אָן קנייטשן, רונדלעכן געזיכט האָבן זיך אויך אויסגעטיילט די וואָנצעס — זיי זײַנען גרײַזלדיק און ברייט אראָפּגעוואַקסן ביז צום האַלדז. געווען איז דער ציגײַנער מיטלוווּקסיק, ביינערדיק־אונטערגע־צויגן, ווי א באָכער. א בלאָוו פּידזשאַקל, ברייטע הויזן, ארײַנגעלאָזט אין אָפּגעטראָגענע שטיוול — לײַכטע, מיט געקנייטשטע כאָליעווקעס. א בײַטש אין האַנט.

פֿון הינטערן עטוואָס אונטערגעהויבענעם ברעזענט אָף דער בויד האָט ארויסגעקוקט א יונגע ציגײַנערטע. די זעלבע שוואַרצע אויגן, ווי באַם ציגײַנער, נאָר פֿול מיט יונגן פֿלאַם, נײַגער, שעמעוודיקער און דאָך רייצנדיקער שפּילעוודיקײַט. דאָס געזיכט — מאַמעש קינדערש רונד. קאָרעלן פֿון קאָלירטע גלעזלעך און מאַטבייעס האָבן עטלעכע מאָל ארומגעוויקלט דעם איידעלן, ברוינעם האַלדז, עס האָט זיך ארויסגעזען דער שפּיץ פֿון אַן אַקסל, קימאַט א הוילער, א בראָנזענער. טונקעלע דינע פֿינגער האָבן געהאַלטן דעם ראַנד פֿונעם ברעזענט דאָרט, ווו א זשמוט שוואַרצע געדיכטע האָר איז באַם סאַמע שטערן אונטערגעכאַפּט געווען מיט א סטענגע.

— גיי, כאַזײַקאַ, גיי, מיר וועלן דאָ אַליין אָפּטאָן אַלץ, — האָט דער ציגײַנער אָפּגעשיקט די פֿויערטע.

ער האָט עפּעס געזאָגט אָף זײַן לאָשן צו דער, וואָס האָט ארויסגעקוקט פֿון בויד. זי איז אראָפּגעשפּרונגען אפן וועג א בייגעוודיקע, א דינע, ניט קיין הויכע. איידער זי איז אראָפּ אָף דער ערד, האָט זי פֿון דער פֿאַלע פֿונעם ברייטן שטאַרק געפֿאַלדעוועטן קליידל ארויס־געכאַפּט עפּעס א פֿאַרוויקלטס אין שמאַטעס און א רוק געטאָן עס טיפֿער אין בויד. ליאָניע האָט באַמערקט א קליין פּענעמל, שוואַרצע הערעלעך און א קלער געטאָן: „א ליאַלקע?“ נאָר ווען זי איז צוגעגאַנגען נעענטער צו דער פֿור, ווו ער איז געלעגן, און מע האָט זי געקאָנט זען אינגאַנצן, האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען: „א קינד“.

די ציגײַנערטע האָט אראָפּגענומען פֿון דער פֿויערשער פֿור דעם שפּאַן, דער אַלטער האָט געהאָלפֿן ליאָניען אריבער אין בויד. דערנאָך איז מען אוועקגעפֿאָרן — אָבער שוין ניט אָף צאָפֿן־מיזרעך, נאָר אָף מײַרעוו. די ציגײַנערטע איז געגאַנגען באַנאַנד מיטן אַלטן. דאָס קינד, קימאַט א פּאַנאַנדערגעדעקטס, איז געשלאָפֿן אין ווינקל פֿון בויד און געסמאָקעט א קולעקל. ליאָניע האָט אויך אײַנגעדרעמלט. וואָס האָט ער דאָ געהאַט צו פֿרעגן, ריידן? מע האָט אים גאָרנישט ניט געפֿרעגט, האָט ער אויך געשוויגן. ער האָט אפילע ניט געפּרוּווט זיך פֿאַרטראַכטן, וואָס וועט ווײַטער זײַן. צוליב וואָס? ווי קאָן ער עס וויסן? איינס איז אים געפֿעלן געווען — די אײַנגעבוירענע איידלקײַט פֿון די דאָזיקע מענטשן: מע לאָזט אים צורו. נאָר עפּשער איז דאָס פּאָשעט גלײַכגילט?

איין מאָל נאָר האָט דער אַלטער אים א לײַכטן טאָרע געטאָן, דערלאַנגט אַן אָפּגעשיילט איי, א שטיק קאָרנברויט:

— עס...

[1] גוט, באַלעבאָסטע, גוט (אוקר.).

דערנאָך האָט ער אים אויסגעשטרעקט א פלעשל וואסער, פון וועלכן ס'איז מער פון האלב אָפּגעטרונקען געווען:

— טרינק...

ליאָניע האָט פארשטאנען: „אָט אזוי־אָ, גייענדיק, האָבן זיי איבערגעכאַפּט. מע איילט זיך ערגעץ. מע שטעלט זיך ניט אָפּ“.

אינגיכן איז די ציגיינערטע אריין אין בויד, צוגעזעצט זיך זייט בא זייט מיט ליאָניען און געגעבן דעם קינד די ברוסט. ער האָט זיך געפּלייסט ניט קוקן און דאָך געזען: א ברוינע, א קליינינקע, זייער א צארטע ברוסט. דער מוטערס א פינגער דריקט צו די ברוסט אין איין אָרט, אין א צווייטס, דאָס קינד — א פולינק פּענעמל, א קײַלעכדיק שטערנדל מיט שיטער־געקרייזלטע פייכטלעכע האָר, — ארבעט זשעדנע, סאָפּעט, קוויקט זיך און טאַפּט סטאם אזוי מיטן הענטל, אמאָל די ברוסט, אמאָל דער מאמעס שארפן אקסל, אמאָל איר לענגלעך־רונדע קין...

באמערקט, אז ליאָניע ליגט מיט אָפענע אויגן, האָט די ציגיינערטע א שמייכל געטאָן — שעמעוודיק און פארטייעט־ארויסרופעריש איינצייטיק.

— גאָזשקע, — האָט זי געזאָגט און אָנגעוויזן אָף זיך מיטן פינגער, וואָס האָט נארוואָס צוגעהאלטן די ברוסט — א ריר געטאָן מיט אים דאָס ביישל קארעלן.

— גאָזשקע, — האָט ליאָניע איבערגעכאזערט, — דאָס איז דיין נאָמען?

— דער נאָמען... דאָס באטייט — א שיינע.

— א שיינע, — האָט ליאָניע איינגעשטימט. — און ווי הייסט דיין טאטע? צי עפּשער איז עס דיין מאנס טאטע?

זי האָט ווידער א שמייכל געטאָן, נאָר גאָר טרויעריק, און זיך פארקלערט. זי האָט געענטפערט ערשט, ווען זי האָט באהאלטן די ברוסט און גענומען איינוויגן דאָס קינד אָף די הענט:

— דאָס איז מיין טאטע. דאנילא.

— דאנילא? — האָט בא ליאָניען ארויסגעריסן זיך. — מיין טאטע הייסט אויך אזוי...

ער האָט זיך געכאַפּט, אז לויטן דאָקומענט, וואָס ליגט בא אים אין קעשענע, איז ער — „וואסיליעוויטש“, און צוגעגעבן: — און מיך רופט מען טיכאָן.

— טיכאָן? — האָט גאָזשקע זיך שפּילעוודיק פארכידעשט און אויסגעדריקט אפן פּאָנעם א ביסעלע אנטוישונג. — און איך וואָלט דיך גערופן גוזשוואט.

— וואָס הייסט עס?

— א ווילער, א דרייסטער.

— פונוואנען ווייסטו?

— איך זע, — זי האָט איבערגעפירט דעם בליק אָף ליאָניעס פארווונדעטן פוס. — ביסט א העלד — גוזשוואט...

ליאָניע האָט א שוואכן שמייכל געטאָן, א פיר געגעבן מיט דער האנט איבערן פארוואקסע־נעם פּאָנעם, א טאַפּ געטאָן די איינגעצויגענע הויט אָף די שטארצנדיקע קינבאקן.

— שוין איינמאָל א גוזשוואט, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב ערשט־אָ פיר מעסלעס געהונגערט, און ביז דעם — וויפל?.. איך בין עפּשער איינער געבליבן לעבן פון א גאנצן בא־ראק מיט מענטשן — אלעמען האָט מען דערשאָסן.

ער האָט ניט געמיינט ארויסרופן בא איר קיין מיטלייד, כאָטש א ביסעלע עפּשער יאָ גע־מיינט. אָבער ער האָט געזען: זי פארשטייט עס ניט, דאָס, וואָס ער דערציילט. זי שטעלט זיך עס ניט פאָר, גלייבט אפילע ניט אין אלץ. דער מיטלייד אירער (זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, עט־וואָס צוגעקנאקט מיט דער צונג, אָבער די אויגן האָבן סוידעסדיק צוגעשמייכלט) איז א ריין פרוייִשער. ליאָניע, פון זיין זייט, האָט דאָס עכט פרוייִשע, וואָס איז געווען פארבאָרגן אין גאָזש־קען, אויך גיכער דערפילט, איידער באזיניקט, נאָר גראָד דאָס איז געווען די לוין פאר אלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, גראָד דאָס האָט אים דערוואָרעמט. אָנווייזנדיק מיט די אויגן אפן איינגעשלאָפענעם קינד, האָט ער געפרעגט:

— און ווו איז זיין טאטע?

— ער האָט געפונען א שענערע פון מיר.

ליאָניע האָט ניט פארשטאנען — זי שפּאסט, צי זי רעדט ערנסט. נאָר עפּעס א שאָטנדל איז דורכגעלאָפן איבער איר טונקל שיין פּאָנעם. דעריבער האָט ער אָפּגעשוויגן. און ביכלאָל א טראכט געטאָן, אז שוויגן איז בעסער. דערוף, וואָס מע פרעגט אים דאָ וועגן גאָרנישט ניט, דארף ער ענטפערן מיט דעם זעלבן.

די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער ציגײַנער איז ערגעץ אוועק. גאָזשקע האָט ארויסגע־רוקט דעם קאָפּ פון הינטערן ברעזענט, עטלעכע מינוט נאָכגעשפּירט נאָכן טאטן און געזאָגט, קוקנדיק אף ליאָניען, אזוי ווי זי האָט עס געקאָנט — אי סוידעסדיק, אי מיט אזא אויסדרוק, ווי זי זאָל זײַן גרייט אָט־אָ שוין אופדעקן דעם סאָד, זאָל ער, ליאָניע, נאָר וועלן:

— דער טאטע וויל דיך מאכן פאר א ציגײַנער.

— מיך, א געלן? וואָס איז ער, א קישעפמאכער?

— א קישעפמאכער. אָט האָט ער דאָס פערדל אונדזערס געמאכט פאר אזא־אָ — א קרע־ציקס, אז קיינער זאָל עס ניט צונעמען. און ווען ער וויל, ווערט עס בא אים פאר איין שאָ א גלאטס, א פײַערדיקס. דער טאטע איז א ציגײַנער. ער וועט אויך דיך מאכן פאר א ציגײַנער, אויב וועסט וועלן.

— א קוק טאָן, וויאזוי ער וועט עס טאָן, וואָלט איך געוואָלט.

— אָט שינדט ער א געפּייגערטן הונט בא דעם וועג. דאָס איז צוליב דיר! — גאָזשקע האָט זיך צעלאכט. דאָס קינד אף אירע הענט האָט פון שלאָף א כליפּע געטאָן, האָט זי צוגעלייגט א פינגער צום מויל און נאָר מיט א פארשײַטן שמייכל געקוקט אף ליאָניען.

לאנג שווײַגן האָט אָבער גאָזשקע ניט געקענט. ווען דאנילא האָט זיך אומגעקערט, א רוק געטאָן עפּעס אין בויד, אונטער דער שטרוי, און אוועקגעטריבן ווײַטער דאָס פערד, האָט זי געזאָגט:

— געלע ציגײַנער זײַנען בא אונדז דאפקע יאָ דאָ, נאָר די הויט איז בא זיי סײַווי א ברוינע. וועסט אויך זײַן אזוי. דער טאטע וועט איבערזידן הינטיש פעטס מיט זייף און דיך עטלעכע מאָל באשמירן, וועסטו ווערן ברוין.

„ווידער הינט...“ — ליאָניע האָט צוגעמאכט די אויגן.

מיטאמאָל האָט ער דערפילט גאָזשקעס האנט בא זיך אפן פּאָנעם. גאָזשקע האָט אים א צי געטאָן פאר א וויִע:

— שלאָף ניט... עס וועט קלעקן די נאכט.

אויב ניט שלאָפן, האָט ער געדארפט רעדן, פרעגן. און עפּשער האָט גאָזשקע טאקע דאָס געוואָלט?

דער אלטער האָט ארײַנגעקוקט אין בויד, א רוף געטאָן די טאָכטער אף ציגײַנעריש. זי האָט אים עפּעס געענטפערט און געבליבן לעבן ליאָניען.

— ציגײַנער פאָרן געווײנלעך מיטן טאבאָר, — האָט ליאָניע געזאָגט, — און איר זײַט אליין.

— אליין...

פארנאכט, ווען די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט אין א וועלדל און גאָזשקע איז אוועק צע־לייגן א שײַטער, האָט ליאָניע שוין געוווסט: דאנילא און די טאָכטער זײַנען פון בעסאראביע. פאראיאָרן זומער, ווען בעסאראביע איז באפרײַט געוואָרן, האָבן צוויי טאבאָרס צוזאמען אוועק־געוואנדערט אף מיזרעך. מע האָט זיך דערקליבן ביז צו פּאָלטאווע. גאָזשקעס מאן איז געווען פונעם אנדערן טאבאָר, ער האָט זי איבערגעלאָזט מיטן קינד און אוועק צו די זײַניקע. ווען די דײַטשן האָבן זיך דערנעענטערט, האָט גאָזשקעס טאבאָר זיך אוועקגעלאָזט אף דאָרעם, קעדיי אריבער דעם דניעפּער און אומקערן זיך קיין בעסאראביע. גאָזשקע מיטן טאטן האָבן זיך א ביסל פארהאלטן לעבן צווייטן טאבאָר — געמיינט אומקערן דעם מאן. נאָר ער האָט זיך ניט אומגעקערט. אנומלטן באנאכט זײַנען אָנגעפאָרן דײַטשישע טאנקען, דער טאבאָר, ווו דער מאן איז געווען, איז פארשוווּנדן, מיסטאמע אוועק אף מיזרעך. און אָט קערן זיי זיך איצט אום — אן איין־און־איינציקע בויד. דער אלטער האמערט אין די דערפער פידקאָוועס, קליאמקעס, לעמעכן צו אקערס — אלץ, וואָס מענטשן דארפן.

דער הימל האָט זיך לאנג געכמארעט. רעגן־טראָפּנדלעך האָבן דורכגעשווינדלט פארבײַ דער פארהאנגענער בויד, שטיל געגומען קלאפּן אין ברעזענט. דאנילא איז ארײַן אונטערן צודעק, גענומען דאָס קינד אף די הענט. גאָזשקע האָט זיך געפּאָרעט באם רויכיקן שײַטער — ליאָניע האָט זיך אונטערגעהויבן אף אן עלנבויגן און געקוקט אף איר.

דאנילא האָט געזאָגט:

— הער אויס, באָכער, איך ווייס ניט, צי מע דארף דיך ערגעץ אָפּפירן, עפּשער האָסטו אייגענע און מיר פירן דיך אוועק ווײַטער פון זיי? צי וועסט פאָרן מיט אונדז? איך וועל זיך דאָ אומדרייען מיט דער קיביטקע ביז ווינטער, און אז דער דניעפּער וועט זיך שטעלן, וועלן מיר אים אריבער מיטן אײַז. די דײַטשן וועלן דאָך מיך אף זייער בריק ניט ארופלאָזן. איז ווי דו ווילסט... קאָנסט ווערן גאָזשקעס מאן. זי איז א ווילדע.

— ווי נאָר איך וועלֿ געזונט ווערן, דאַרף איך אוועקגיין פון אײַך, — האָט לֿיאָניע געענטפערט.

— ווי דו ווילֿסט. איז באַלֿיידיק ניט גאָזשקען. זי איז א ווילֿע.

גאָזשקע האָט געבראַכט געבאַקענע קאַרטאָפלֿ, גרינע אוגערקעס. מע האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, און דאַנילֿא, כאָטש דאָס רעגנדלֿ האָט נאָך אַלֿץ געמאַראַקעט, האָט אַרופגעוואָרפן אַן אַלֿטן מאַנטלֿ אַף די פּלֿייצעס און איז אוועק צום שײַטער.

ביזוואַנען גאָזשקע האָט אָנגעהאָדעוועט דאָס קינד, איז שוין רעכט פינצטער געוואָרן. זי האָט ניט גערעדט צו לֿיאָניען, האָט ער אויך געשוויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט כאַראָטע, וואָס זי האָט אים דערציילֿט וועגן זיך, געשפּאַסט מיט אים. און באַגלֿײַך דערמיט האָט ער געוווּסט, אַז ס'איז ניט אַזוי, אַז דאָס, וואָס זי האָט גערעדט, דערציילֿט, געשפּאַסט, און דאָס, וואָס זי שווײַגט איצט, — דאָס אַלֿץ איז פאַרבונדן אײנס מיטן אַנדערן. און ער האָט אויך ניט סטאַם געשוויגן — ער האָט געוואַרט. שווער איז אים געווען צו הערן דאַנילֿעס ווערטער, נאָר טאַקע די פּאָשעטקײַט, מיט וועלֿכער זיי זײַנען געזאָגט געוואָרן, האָט א ביסלֿ די שווערקײַט געלֿינדערט.

ענדלֿעך האָט גאָזשקע אַוועקגעלֿייגט דאָס קינד אין א ווינקלֿ, באַם צוקאָפּנס, און אינעם אָנטאָן, אַפילֿע אין דער שאַלֿ, וואָס זי האָט פאַרנאַכט גענומען אַף די אַקסלֿ, זיך צוגעלֿייגט לֿעבן לֿיאָניען. ער האָט זיך באַמיט אָטעמען רויִק, רעגלֿמעסיק, גאָזשקע זאָלֿ מיינען, אַז ער שלֿאָפט. און אַזוי איז ער טאַקע אײַנגעשלֿאָפן מיט א גוט, לֿײַכט געפילֿ.

זעט אויס, גאָר אינגיכן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון א שורעווען און א קרעכצן, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון אונטער דער קיביטקע. דאַנילֿא האָט צווישן די רעדער זיך געמאַכט א געלֿעגער. און דאָ האָט לֿיאָניע דערפילֿט — גאָזשקע שלֿאָפט אויך ניט. זי האָט קוים־קוים זיך געטאָן א ריר, נאָר אין א מינוט אַרום, ווען ער האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן, האָט זי זיך אויסגעקערעוועט צו אים, אָפּגעוואָרפן א ברעג פון דער שאַלֿ און אונטערגערוקט אים צוקאָפּנס א וואַרעמע, הוילֿע האַנט.

XX. אַריסיעס קורגאַן. דער אופשריפט אַפן קעסעלע. „לאָזט אים צו צום האַרמאַט...“

1 אַף זײַן קוואַרטיר, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע עק פונעם שאַכטיאָרישן יישעוו, האָט דאַניִעלֿ קרעמעז געטראָפן א גאַסט: קוקאַרינען, דעם רעדאַקטאָר פון „פּראַוודא וואָסנא“. ער איז געקומען געוווירע ווערן, וואָס מאַכט וויכאָרעוו, וועלֿכער האָט געוווינט צוזאַמען מיט דאַניִעלֿן. אייערנעכטן, בײַס די דײַטשישע אַוויִאַציע האָט אַטאַקירט דעם פּאָלק, האָט וויכאָרעוון לֿײַכט קאָנטוזיעט, און ער איז געווען געצוווּנגען זיצן אין שטוב. דאַניִעלֿ האָט זיך אומגעקערט פון דער פאָדערשטער לֿיניע, ווו עס האָט זיך פאַרטיידיקט א פּאָלק פון דער שכײנעסדיקער דיוויזיע (דאַניִעלֿס פּאָלק, ווי די גאַנצע דיוויזיע יאַסענעווס, האָט פאַרנומען די צווייטע לֿיניע). ער איז געווען נאַס פונעם רעגן און זיך געפילֿט צעבראָכן פונעם פאָרן רײַטנדיק איבערן בלֿאָטיקן סטעפּ. באַזונדערס האָט גענאָיעט דער לֿינקער פוס, אין וועלֿכן ס'האָט געטראָפן א קוילֿ נאָך בײַס דעם בירגערקריג. אַפן האַרצן איז געווען שווער. ניט אומרויִק, ניט טרויעריק — שווער. עס איז ענדגילֿטיק קלֿאָר געוואָרן: דער פאַרהעלֿטניסמעסיקער שטילֿשטאַנד ענדיקט זיך. קלֿייסט פאַרקערעוועט זײַנע טאַנקען אַף דאָרעם. אַהער, ווײַזט אויס.

— מיר זײַנען מיט אײַך שכיינים, מאַיאָר! — האָט געזאָגט קוקאַרין, קוקנדיק מיט צוגעזשמורעטע אויגן (טרוקענע קנייטשעלֿעך לֿיגן אַרום די אויגן, פּונקט אַזעלֿכע קנייטשעלֿעך — באַם מוילֿ, דאָס אַלֿץ בילֿדעט א קלֿוגיטשקן שמייכלֿ), ווי דאַניִעלֿ שלֿעפּט אַראָפּ פון זיך דעם רעגנמאַנטלֿ, שטייענדיק לֿעבן דער פּלֿיטע, וואָס אין האַלב אירע איז געווען אין קיך און די צווייטע — דאָ אין צימער. — איר זעט, מאַיאָר, די רעדאַקציע איז ניט נאָר אינעם ערשטן עשעלֿאָן פון דער דיוויזיע — נאָר קימאַט אין די רייען פון דער פּעכאָטע. מיר לֿאָזן דאָ אַרויס, אין דער היגער דרוקערײַ, דעם יאָמטעוודיקן נומער — פיר זײַטן.

„ס'איז געוויס א ביסלֿ לֿײַכטזיניק, — האָט א טראַכט געטאָן דאַניִעלֿ, — כאָכלֿאָוו איז א מענטש מיט קאַלֿט בלֿוט. זאַגאָרויקאָ וואָלֿט אַזוינס ניט דערלֿאָזט“. נאָר ווו איז איצט זאַגאָרויקאָ? פון זײַן לֿעצטן בריוו קאָן מען אַלֿץ ניט וויסן, ווי האַלֿט עס באַ אים מיט דער ווונד. און דער קאָמדיוו באַשטייט אַף זײַנעם: „זאָלֿ דערווײַלֿ קאָמיסאַרעווען כאָכלֿאָוו, דער נאַטשאַלֿניק פונעם פּאָליטאָפּטיילֿ, קיין אַנדערן דאַרף איך ניט — זאַגאָרויקאָ וועט קומען!“

איז אָט האָט ער, הייסט עס, א שאָכן, דאנִיעלֿ, — די דיוויזיאָנקע. דורכפאָרנדיק נאָרוואָס די גאס, האָט ער באמערקט דאָס שילדלֿ פון דער ראיאָנער דרוקערײַ, א פארגאָסנס פון רעגן. ער האָט געקוקט אף דעם שילדלֿ און געוווּסט, אז טשארנע געפינט זיך אין אָט דער גרויער געבײַדע. ער ווייסט דאָס שוין פון נעכטן אָן, ווען ער האָט בא זיך אין א באטאַליאָן באגעגנט דעם מיטארבעטער פון דער רעדאקציע פּאשטשענקאָ.

— פיר זײַטן, ווי די מאָסקווער „פּראַוודא"! — האָט מיט היספּײַלֿעס פאָרגעזעצט קוקארין, און דאנִיעלֿ, אויסלֿייגנדיק דעם רעגנמאנטלֿ אף דער ווארעמער פּלֿיטע, ער זאָלֿ זיך טריקענען, האָט מיד געטראכט: „מאָסקווע... עפּשער שיט שוין דאָרטן אפילֿע א שנייעלֿע? עס גייען שלֿאכטן בא וויאזמע, בא מאלֿאָיאראָסלאוועץ... און דאָ, אינעם שאכטיאָרישן יִישעוו — א יאָמ־טעוודיקער נומער... ווי האָט דאָס פּאשטשענקאָ דערציילֿט: עפּעס מאכן זיי א שוטפעס מיט דער ראיאָנישער רעדאקציע. מע טוישט זיך אויס מיט צײַטונג־זײַטן, דעם אָפיציעלֿן מאטעריאלֿ וועט מען דרוקן פון געמיינזאמען זאץ. קלוג. און טשארנע וועט אכטונג געבן, אז קיין גרײַזן זאָלֿן ניט זײַן. עפּשער פרעגן אף איר בא קוקארינען? וואָס, אייגנטלֿעך, מײַד איך זי אויס?"

די פראגע איז אופגעקומען, נאָר דאנִיעלֿ האָט געהאט אף איר א גרייטן ענטפער: „אזוי איז בעסער". שוין ניט איין מאָלֿ האָט ער זיך געשטעלֿט די דאָזיקע פראגע, און אלֿע מאָלֿ בא זיך באשלֿאָסן: „אזוי איז בעסער". אין מעשעך פון די צוויי כאדאָשים זינט זייער געמיינזאמער וועטשערע אין דער פויערשער גאָרניצע האָט ער עטלֿעכע מאָלֿ געזען טשארנען פונוויַיטנס. ער האָט אָפט איבערגעקלֿערט וועגן איר, באזונדערס בייסן שווערן מארש פון מעלֿיטאָפּאָלֿ, ווען מע האָט קוים אויסגעמיטן א נײַע ארומרינגלֿונג, נאָר אָפן קיין שום זאָרג וועגן איר ניט ארויסגעוויזן.

וויכאָרעוו, וועלֿכער איז געזעסן אף דער צארגע פונעם בעט, די פיס אראָפּגעלֿאָזט אף א נידעריק בענקעלֿע, האָט שווײַגנדיק זיך אײַנגעקוקט אין דאנִיעלֿן, פרעגנדיק מיט אָט דעם בלֿיק (בלֿויז עטוואָס אונטערגעהויבן די ברעמען): „נו, וויאזוי איז דאָרט?" נאָר דאנִיעלֿ האָט אים דערוף גאָרניט באוויזן צו זאָגן: ס'האָבן זיך דערהערט סיגנאַלֿן פונעם פעלֿד־טעלֿעפאָן, וואָס איז געשטאנען באם ברעג פון טיש.

— סטאראָסטין? — האָט דאנִיעלֿ געפרעגט אין טרײַבלֿ. — פונוואנען קלֿינגסטו? פונעם קאבינעט? — אן אופגעלֿעבטער בלֿיק אף וויכאָרעוון. — זיצסט זיך דאָרט אפן פעסלֿ פּולווער... איך זאָג, אונטער דיר איז די ערד אָנגעשפּיגעוועט מיט אמאָנאלֿ, און דו טוסט זיך דײַנס... וואָס? יאָ, יאָ, זיץ דערווײַלֿ... א ביסלֿ ווערט כמארנע... וויפלֿ — אכט טויזנט טאָן? מאָלֿאָדצי!.. זײַ געזונט, סטאראָסטין! פארשטייט זיך — קלֿינג!

— הערסט? — דאנִיעלֿ האָט אוועקגעלֿייגט דאָס טרײַבלֿ און אויסגעקערעוועט זיך צו קוקארינען. — אָט האָסטו, רעדאקטאָר, א גרייטע נאָטיץ פארן אָקטיאבער־נומער. א שאכטע באם סאמע פראָנט — זי איז אין סאָקאָלֿעצס שוץ־זאָנע — האָט פארן מעסלֿעס ארויסבאקומען פופצן וואגאָן קוילֿן, זיי זײַנען שוין אפן וועג קיין סטאלֿינגראד.

— סטאראָסטין — דאָס איז דער דירעקטאָר? — האָט קוקארין געפרעגט.

— אן אינזשעניער. נו, יאָ, איצט איז ער שוין דער דירעקטאָר אויך. דעם דירעקטאָר האָט נעכטן א באָמבע אָפּגעריסן בײדע פיס.

וויכאָרעוו האָט געמאָלֿדן, אז ס'איז גענוג פאר אים די צוויי מעסלֿעס, וואָס ער זיצט אין שטוב, און גענומען אָנטאָן די שטיוולֿ, באמִיענדיק זיך ניט ארויסצווײַזן, ווי עס טוט אים א בראָך דעם רוקן בא יעדן ניט געלֿונגענעם קער. דאנִיעלֿ האָט פארשטאנען, אז מע קאָן אים דאָ מער ניט פארהאלטן, דאָך האָט ער געפּרוווט דערווידערן:

— אָט דאָס איז טאקע שלֿעכט, איליא, וואָס דו ביסט געזעסן. דארפסט איבערלֿיגן.

— ניין, ניין, זאָג עס ניט, דאניִלֿ זאכאראָוויטש. אין די באטאלֿיאָנען קומען אָן מענטשן. ווייסט דאָך, מע דארף א קוק טאָן יעדערן אין די אויגן.

ער איז ארויס צוזאמען מיט קוקארינען, און באלֿד האָט דאנִיעלֿ דערהערט, ווי עס האָט אין הויף דורכגעטופּעט וויכאָרעווס פערד.

איידער ער האָט זיך אומגעקערט אהער, אף דער קווארטיר, איז דאנִיעלֿ פארפאָרן צו זיך אין שטאב — א שטיבלֿ אין עק גאס, וואָס מע האָט געזען פונדאנען דורכן פענצטער. דאָרט האָט בוזולוק אים איבערגעגעבן א טעלֿעפאָנאָגראם מיט דעם גענעראלֿ יאסענעווס פאראָרדענונג: אין א שאָ ארום קומען אף א בעראטונג פון די קאָמאנדירן. „הייסט עס, פון דער באָד וועט מען זיך מוזן אָפּזאָגן", — האָט דאנִיעלֿ א טראכט געטאָן, לֿייענענדיק די טעלֿעפאָנאָגראם. בייס ער איז געפאָרן אהער, האָט ער געזען שפּאנען אין פעלֿד אונטערן רעגן זײַנעם א ווזוואָד סאָלֿדאטן; אף א וואָגן, אײַנגעדעקט מיט א פּלֿאשטש־פּאלאטקע, האָט מען נאָכגעפירט דאָס קויטיקע גרעט.

אַזאַ עכט־סאָלדאַטישער טײַנעג האָט זיך געלאָזט זען אױף די צעפּלאַמטע ליכטיק געוואָרענע פּע־נעמער! דאָס האָט הײַנט בוזולוק באַם צונױפשטעלן די פאַרגעבונג אָפּן טאָג װעגן פאַרשנעלערן די פאָרטיפיקאַציע־אַרבעטן באַנאַנד דערמיט אױך באַפױלן אױסבאָדן דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פונעם פּאָלק, אױסנוצנדיק די שאַכטיאָרישע שװיץ־בעדלעך אין די הױפן און די באָד פונעם יִישעװ. דעניס קאַראַטײַ, דער אָרדינאַרעץ, האָט זיך געקליבן באַװײַזן דאַניִעלן, װאָס הײסט אָפּנעמען די דריטע פּאָלקע און װיִאַזױ ער קאָן אָנרײַבן אַ פּלײצע. דאַניִעל האָט שױן אָבער נאָך בײס דער רעקאָגנאָסצירונג געזען, אַז אױף אַ באָד װעט בײַ אים קײן צײַט ניט קלעקן. װען ער האָט באַגעגנט דעם אױסגעבאָדענעם װזװאָד, האָט ער געזאָגט קאַראַטײַען:

— האַ, דעניס? מיר מיט דיר װעלן שױן מיסטאַמע אָפּלײגן דאָס בעדל אױף אַ צװײט מאָל. צו נאַכט־צו, אַמשפּעטסטן קאַיאָר, װעט דאָ זײַן פרײלעך.

— ע, ס'איז דען בײַ אונדז דאָס ערשטע צי דאָס לעצטע מאָל פרײלעך, כאַװער מאַיאָר? — האָט זיך אָנגערופן קאַראַטײַ. — װי זאָגט מען עס בײַ אונדז אין דער נײַנטער ראָטע: אַ סאָלדאַט דאַרף קײנמאָל ניט אָפּלײגן אױף שפּעטער דרײַ זאַכן — אָפּעסן, אױסשלאָפן זיך און אױסבאָדן זיך, װײַל קײנמאָל װײסט ער ניט, װען עס קאָן זיך נאָכאַמאָל שאַפן אַ געלעגנהײַט עס אָפּצוטאָן.

דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם דאָזיקן שמועס, האָט דאַניִעל אַ שמײכל געגעבן: דאָס דריטע, דאָס באָדן זיך, האָט דער אָרדינאַרעץ אונטערגעשטעלט אינעם װערטל אָנשטאָט אַן אַנדער אײדעלער זאַך, װאָס נאָך איר בענקט אױך אַלעמאָל דאָס האַרץ פון אַ סאָלדאַט...

און קאַראַטײַ האָט טאַקע אױפֿגעשמיסן אין זײַן נײַנטער ראָטע, װו דער סטאַרשינאַ האָט אים צוגעזאָגט אַן עמעסדיק בערעזע־בעזעמל. איצט האָט דאַניִעל שױן ענדגילטיק געװוּסט, אַז פאַר אים איז דאָס בעדל אָפּגעשאַפן. װען װעט ער שױן הײַנט קאָנען טראַכטן װעגן דעם?

באַם גענעראַל האָט ער געמוזט זײַן אין פערציק מינוט אַרום. צופאָרן װעט געדױערן אַכט — צען מינוט. האָט ער געהאַט אַ פרײַע האַלבע שאָ, און מע האָט געדאַרפט אַ פּרוּװ טאָן זיך אָפּרוען. ער האָט זיך ניט צוגעלײגט. געזעסן באַם טיש, אונטערשפּאַרנדיק מיט בײדע הענט דעם קאָפּ. די אױגן, שלעפערדיק־פאַרנעפּלטע, האָבן געזען פאַר זיך: אַ װאַנט, באַקלעפּט מיט װאָלװעלע טאַפּעטן — ראָזע קװײטעלעך פלעכטן זיך אײַן אין בלױ־צעװירעטע פּאַסן; װאַזאָנעס אױפן פענצטער; טראָפּנס רעגן לײגן דורך אַלץ נײַע ריטשקעלעך אױף די שױבן... עמעצנס שטוב, עמעצנס טיש, עמעצנס בלומען־טעפּ. דעם באַלעבאָס — אַ שאַכטיאָר מיט אַ שטרענגן בליק און מיט גרױסע װאָנצעס — האָט מען דאַניִעלן באַװיזן אױף אַ פּאָטאָ: שױן אַ כױדעש, װי ער איז אין אַרמײ. די באַלעבאָסטע, אוליטע, האָט מיט עפּעס העפטיק געקלאַפּט אין קיך — מיסטאַמע געבראָקט קרױט פאַר אַ באָרשטש. איר ייִנגערע שװעסטער, טאָדאָסקע, איז אױך געװען אין קיך. די פרױען האָבן הױך געשמועסט צװישן זיך.

טאָדאָסקע, אַ טעכניקערן פון מאַקײעװקע, איז אַהער געקומען צו לױפן אין אײן ספּאָרטיװער מײַקע און אַ קלײדל. זי האָט געגראָבן ערגעץ אָקאָפּעס און שיר דאָרט ניט אַרײַנגעפאַלן צום סױנע אין די הענט. נעכטן אין אָונט האָט זי געװאָלט לײגן קאָרטן דאַניִעלן, און אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט זי מיט צאַרטקײַט אין דער שטים באַמערקט:

— אַ סומנע זײַט איר... איך האָב אײַך געװאָלט טרעפן אױף גוטס.

— אַ טרױעריקער? — האָט דאַניִעל פאַרכידעשט איבערגעפרעגט און זיך אױסגעקערעװעט צו װיכאָרעװון: — צי דען בין איך אַ טרױעריקער, איליאַ?

— עס איז אײַך, פאַרשטײט זיך, ניט גרינג, — האָט דאָס מײדל זיך געהאַלטן בײַ אירס, און די אױגן, רױכיק־בלױע, מילדע, האָבן אױסגעשטראַלט האַרציקע װאַרעמקײַט.

אים װאַרפן קאָרטן איז איר טאַקע ניט אױסגעקומען — ס'איז קײן צײַט ניט געװען. ער איז אװעקגעפאָרן צו די שוץ־טראַנשײען פון זײַן פּאָלק, װעלכע מע האָט געגראָבן דעריקערשט באַנאַכט אױף די בערגלעך צו מײַרעװו פונעם ייִשעװ. באַטאָג האָט מען געגראָבן אַ פאַלשע ליניע אַ מעטער אַכט הונדערט װײַטער אױף מײַרעװו, דירעקט באַם טײַכל, װו דער ברעג איז געװען פלאַכער. מע האָט געדאַרפט איבערכיטרעװען דעם סױנע. דער װינט — באַנאַכט איז נאָך קײן רעגן ניט געװען — האָט געשמיסן אין פּאָנעם, דורכגענומען אױף דורך־און־דורך, נאָר אין האַרצן האָט דאַניִעל געפילט אַ װאַרעמקײַט. געקומען איז דאָס אי פון טאָדאָסקעס װאָרטער, פון איר בליק, אי פון דעם, װאָס טשאַרנע איז אָט־אָ, אין ייִשעװ, און פון עפּעס פיל, פיל שטאַרקערס, װאָס דערװאַכט אָפּט אין זײַן האַרצן: פונעם געפיל, אַז די ערד — װו ער זאָל דאָ אױף איר ניט קײן טראָט טאָן — איז זײַן הײם, און די מענטשן, סײַ די, װאָס גראָבן זיך אײַן איצט אין איר און זײַנען דאָ גרײט אומצוקומען פאַר איר, סײַ די, װאָס װױנען דאָ, אין דעם סאַמע פאַרװאָרפנסטן הײַזל — ער האָט זײ אַזױפיל שױן באַגעגנט, אָט די הײַזלעך, אױף זײַן מילכאָמע־

וועג, — זײַנען מיינסטנס הארציקע, גוטע מענטשן, וואָס מיט יעדן פון זיי איז קיין כאַרפּע ניט אָנצוקערן זיך.

קימאַט די גאַנצע נאַכט איז ער געווען אַף די פיס. בלויז אין סאָקאָליעצס בלינדאַזש האָט ער געכאַפּט גאָר אַ קורצן דרעמל, טאַקע אַפן קאָמבאַטס האַרטן געלעגער — און ווידער איז ער אוף שוין ווײַפל שאָ. האָט ער איצט געקוקט אַף די טאַפּעטן, אַף די וואַזאָנעס, אַף דער צעראַטע, אַ פאַרפלעקטער מיט טינט, וואָס האָט באַדעקט דעם טיש, און געטראַכט: „אַ פרעמדע שטוב איז מײַן שטוב, און אָט די שטוב דאַרף מען פאַרטיידיקן". פון דער קיך האָט זיך געהערט דאָס שווערע טאַראַכקען פון אַ שטול, דריבנע טריטעלעך, אַן אַנציקט קינדערש קוויטשען. טימקאָ, אוליטעס ייִנגעלע, אַ שנעקל פון אַ קנאַפּ יאָר, האָט נעכטן אַנטדעקט אַזאַ זאַך: ער הייסט זיך אָוועקשטעלן אין אַ צעבראָכענעם ווינער שטול אָן אַ דעקל, מיט די הענטלעך און מיטן ברוסטעלע שפּאַרט ער זיך אָן אינעם אייבערשטן רייפל און טראָגט זיך אַזוי אום איבער דער קיך מיט ראַש און געפילדער. אַ קלייניקייַט — ער שפּאַנט דאָך! „עך, ווען אָט דעם טימקאָ וואָלטן געקאָנט זען אַלע סאָלדאַטן?" — האָט דאַניִעל אַ טראַכט געטאָן.

און נאָך האָט זיך דורכגעטראָגן אין מויעך, וואָס האָט אי גערוט, אי ניט גערוט: איצט איז ווײַט ניט דאָס, וואָס אין יול און אין אווגוסט, — מע לויפט שוין ניט. נײַן קילאָמעטער פון דער פאָדערשטער ליניע, און די באַפעלקערונג איז אין גרונט געבליבן אַפן אָרט, און די שאַכטעס אַרבעטן, כאָטש זיי זײַנען פאַרמינירט. מע גלייבט, אַז מער וועט די אַרמיי ניט אָפּטרעטן. טאַדאָסקע האָט געזאָגט: „אָט וואָלט גוט געווען, איר זאָלט גיין צוריק דורך מאַקייעווקע. איר וואָלט זיך אָפּגעשטעלט בא מיר. איר וועט דאָך אָבער פונדאַנען גיין גלײַך אַף מײַרעוו, און מאַקייעווקע איז צאָפּנדיקער". גיי דערצייל איר, טאַדאָסקען, אַזאַ פּאָשעטע און אין דער זעלבער צײַט אַזאַ גרויזאַמע זאַך, אַז קלייסט, וועלכער האָט זיך דורכגעריסן אין אָקטיאַבער צו מאַריופּאָל, האָט אַריבערגעוואָרפן אַ היפשן טייל פון זײַן טאַנקען־אַרמאַדע אַף צאָפן, שטרעבנדיק דורך שאַכטי־קאַמענסק (פון שאַכטי ווייסט, מיסטאַמע, טאַדאָסקע, דאָס איז ניט ווײַט פונדאַנען, נאָר פון דער דאָנער סטאַניצע קאַמענסק — געוויס ניט...) אַרויסגיין צאָפנדיקער פון ראָסטאָוו, פאַרנעמען די שטאָט (טאַקע נעכטן, טאַקע הײַנט האָט עס געזאָלט פּאַרקומען — צום יאָמטעוו), שאַפן פאַר אונדזער מיליטער בא דער נידערשטרעמונג פונעם דאָן די צווייטע „קאַנען" און צעפּראַלן די טויערן פון קאַווקאַז. דער פאַרביטערטער ווידערשטאַנד צו צאָפן פון ראָסטאָוו האָט דערווײַל אַראָפּגעריסן קלייסטס פּלענער. קלײַבט ער זיך איצט דערלאַנגען אַ קלאַפּ עטוואָס דאָרעמדיקער, טאַקע דאָ ערגעץ...

דער גענעראַל יאַסענעוו זאָגט וועגן קלייסטן: „מײַן אַלטער באַקאַנטער". די דיוויזיע האָט געצונדן קלייסטס טאַנקען בא כאַריקאָווע, הינטער ניקאָלײַעוו, געהאַט מיט זיי צו טאָן לעם מעליטאָפּאָל און דעם גאַנצן וועג אַהער, אַף דאָנבאַס. הײַנט, אין טראַנשיי, האָט אַ סאָלדאַט געפרעגט בא זײַן כאַווער: „ווו וועט זײַן דאָס איצטיקע באָראָדינאָ?" יענער, דער צווייטער, האָט צעשטעלט אַפן ברוסטווער הילצערנע פלעקעלעך, קעדיי באַנאַכט, ניט צילנדיק זיך, קאָנען שיסן פונעם קוילנוואַרפער. „פאַר אַ סאָלדאַט, — האָט ער געענטפערט, — דאַרף יעדער שלאַכט זײַן אַ באָראָדינאָ!" „אַזוי, אַזוי, — האָט דאַניִעל געטראַכט, — אי דאָ, אי הינטער מאָסקווע — אומעטום איז באָראָדינאָ. די מענטשן וואַרטן שוין אַף דעם, און, דאַכט זיך, ס'איז שוין נאָענט דערצו..."

נאָך דעם, ווי אין סענטיאַבער, בייס די שלאַכטן לעם יעלניע, אַף דער מאָסקווער ריכטונג, זײַנען צעקלאַפּט און אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַף דרײַסיק קילאָמעטער די בעסטע עסעס־דיוויזיעס, איז אויך דאָ, אַף דאָרעם, קלאָר געוואָרן: דעם סוינע קאָן מען שלאָגן. נאָר ס'איז געוואָרן קלאָר אויך אַ צווייטע זאַך: דער קאַמף וועט זײַן אַ ביטערער, אַ סאַך ביטערער, ווי מע האָט געקאָנט צוערשט מיינען. דער זיג וועט דעראָבערט ווערן מיט גרויסער סאָלדאַטישער מי. אַ סאַך מענטשן אין דער אַרמיי, סײַ סאָלדאַטן, סײַ קאָמאַנדירן, האָבן ביז דעמלט געטראַכט: זאָל נאָר דער סוינע, וואָס רײַסט זיך אַזוי ווילד פאָרויס, כאַפּן איין שטאַרקן קלאַפּ, און ער וועט אָנהייבן זיך קײַקלען אַף צוריק, לײַדן מאַפּאָלעס. דאָס האַרץ בא אַלעמען האָט געלעכצט נאָך אַן אָנגריף. וואָס שײַעך דאַניִעלן, האָט ער שוין איבערגעלעבט אַן אָנגריף אויך — טאַקע דעמלט, סאָף סענטיאַבער, הינטער מעליטאָפּאָל. שפּעטער האָט ער פאַרשטאַנען: דאָס איז געווען אַן אופגאַבע פּאָשעט צו קאָנטראַטאַקירן די דײַטשן, קעדיי אָפּוועגדן זייערע קויכעס פון קרים; פאַר אַן עכטן אָנגריף, ווי מע פאַרשטייט דאָס, איז נאָך די צײַט ניט געקומען. דאַניִעלס פּאָלק האָט דעמלט פאַרנומען עטלעכע דערפער. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די מיטינגען אין די ראָטעס. באַנאַכט, אַ שאָ פאַרן אָנגריף. ער וועט געדענקען דעם בלאַסלעכן קאַיאָר, ווען מענגעס אונדזערע אַעראָפּלאַנען (מע האָט גאָר ביז דעם ניט געזען אַזויפיל) האָבן זיך געלאָזט שטורעמען דעם סוינעס פּאָזיציעס, און אונדזערע טאַנקען, אויך אין גאָר היפּשע מאַסן, האָבן זיך אַ ריס געטאָן אַפן שלאַכטפעלד. די

סאָלדאטן זײַנען געגאנגען אין אָנגריף באַלד נאָך דעם ארטילעריע־וואַל. שוין בײַם דער שלאַכט, ווען מע האָט געדארפט פאָרסירן א קעגנטאנקען־ריוו, איז געבוירן געוואָרן דער אײַנפאַל (אין זעמליאניצינס ווזוואָד) אָנצופילן מיט ערד די רוקזעק, קעדיי דערנאָך, פויזענדיק, פארשטעלן זיך מיט זיי פונעם סוינעס קוילן. ס׳איז ניט צו פארגעסן אויך דאָס, וואָס מע האָט דערזען אין די באַפרײַטע דערפער: שפּורן פון ווילקיר און פארברעכנס אף יעדן טראָט. דאָס איז דאָ, ווו די ערד האָט נאָך געציטערט פון אונדזער קאַנאָנאדע. וואָס זשע טוט זיך דאָרט, ווײַטער אף מײַרעוו? די רוסן זאָגן: פאר איין געשלאָגענעם גיט מען צוויי ניט קיין געשלאָגענע. ס׳איז ניט אָפּצושאצן א סאָלדאט, וואָס איז געווען אין אָנגריף. אָט שטייט דאָ, באַם דאָרעם־מיזרעכדיקן ראנד פון דאָנבאס, אף דער צווייטער שוץ־ליניע, יאסענעווס דיוויזיע; ס׳איז פאראן אויך א דריטע ליניע — דאָרט שטייען דאָנער און קובאנער קאזאקן, — מע שטייט פעסט, און מע איז גרייט ניט בלויז צו פארטיידיקן זיך.

דאָס האנטזייגערל האָט געקלאפּט באַם סאמע אויער. עס האָט זיך געהערט דאָס טאראכקען פון טימקאָס שטול. פון יענער זײַט טיר האָבן גערעדט אוליטע און טאָדאָסקע. וויכאָרעוו איז שוין מיסטאמע דערפאָרן ביז צו די טראנשייעס. דורכן דרעמל, וואָס האָט אים ענדלעך א מאָרע געטאָן, האָט דאניִעל דערזען, ווי סאָלדאטן גראָבן טראנשייען — די ערד פליט פון די לאָפּעטעס אפן ברוסטווער, און די קעפּ פון די סאָלדאטן זעט מען אפילע ניט. „ציַיט! — האָט ער מיטאמאָל אופגעציטערט. — דער גענעראַל ווארט!“

2 ביזן אָנהייב פון דער בעראטונג איז נאָך געבליבן א מינוט צען, נאָר געקומען זײַנען שוין קימאט אַלע, וואָס האָבן דאָ געדארפט זײַן. מע האָט געווארט אפן פאר־בינדונג־אָפיצער פון דעם ארמיי־שטאב. פלײַסנדיק זיך צו ריידן ניט הויך, האָבן אלע זיך גע־האַלטן דערווײַל אינעם פאָדערשטן פון די צוויי צימערלעך, וואָס דער גענעראַל יאסענעוו האָט פארנומען. די טיר, וואָס האָט פארייניקט ביידע צימערלעך, איז געווען האַלב אָפן, און מע האָט געזען, ווי דער גענעראַל זיצט באַם טיש אין א ווינקל פונעם צווייטן צימער און לייענט פּאַפּירן, וואָס זײַן אדיוטאנט, סאָכא, דערלאנגט אים. ס׳איז געווען דערלויבט צו רייכערן — א בלויער רויך איז געשווומען אונטער דער נידעריקער סטעליע און געצויגן זיך אין גענעראַלס צימערל.

דאניִעל איז געקומען איינער פון די לעצטע. ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט דער גענעראַל, וואָס האָט פונקט אָפּגעוואָרפן דעם היפשן קערפּער אפן ווענטל פון שטול, זיך אומ־געקוקט אפן סקריפּ.

— קום אהער, קום אהער, קרעמעז! — האָט ער א רוף געטאָן.

דאניִעל האָט אראָפּגענומען די בורקע (דער רעגנמאנטל האָט זיך נאָך אַלץ געטריקנט; כוץ דעם, איז די בורקע, וועלכע ער האָט דאָ ניט לאנג געקראָגן באַ א פרײַנט, א קאזאקישן אָפיצער, געווען באַ אים א שטיקל יאָמטעוו), זי א וואָרף געטאָן אפן קאסטן, וואָס איז גע־שטאנען באַ דער טיר, און אוועק צום גענעראַל.

באַם קאָמדיוו אפן טיש האָט דאניִעל דערזען א פּעקל קאַלקירטע סכעמעס, און סאמע פון אויבן — די סכעמע פון זײַן שוץ־זאָנע, וועלכע ער האָט אונטערגעשריבן מיט א שאָ צוריק, בײַס ער איז געווען אין שטאב. אין אָט דער רעגע, ווען עפּעס אן אומרו האָט באַהערשט דאַ־ניִעלן, — אף דער סכעמע זײַנען מיט א קאָלירטן בלײַער געווען אונטערגעשטראָכן עטלעכע שוץ־אָביעקטן און ס׳האָבן זיך געזען געבויגענע פײַלן, וואָס אָנגעמאָלט האָט זיי, אָן ספק, דעם גענעראַלס פעסטע האנט, — האָט ער פלוצעם באַמערקט ליגן באַם ראנד פון טיש א קאָנצערטינע. דער גענעראַל האָט ליב געהאט אין שטילע מינוטן, און אויך, ווען עס איז אים פאָרגעשטאנען עפּעס שווערס, אָפּרוען, שפּילנדיק אף אָט דעם אינסטרומענט. דאניִעל האָט דאָס געוווּסט, און באַנאנד מיט דעם אומרויִקן צאַפּל האָט אויך א ווארעם געפיל זיך דער־וועקט אין זײַן הארץ.

— אנו, טו א קוק, מאיאָר! — האָט יאסענעוו אָנגעוויזן אף דער סכעמע.

דאניִעל האָט זיך אײַנגעקוקט. דער גענעראַל האָט פאָרויסגעזען דעם סוינעס א מאנעווער אף אָפּצושנײַדן אָריסיעס קורגאן, וועלכער איז מער ווי אַלע אנדערע הויכקײַטן אפן באַצירק פונעם פּאָלק געווען נעענטער צום טײַך. מע האָט געמוזט צוגעבן צו די קויכעס, וואָס שיצן דעם קורגאן, כאָטש נאָך א פּאָר קעגנטאנקען־הארמאטן און א ווזוואָד פּאנצער־ביקסן.

— אָט דאָ קאָן זײַן דער שליסל... — דער גענעראַל האָט צום טאקט פון זײַנע רייד צוגעקלאפּט מיטן בלײַער אין טיש און שטרענג זיך אײַנגעקוקט אין דאניִעלס אויגן. אָבער באַלד איז די שטרענגקײַט פארשוווּנדן פונעם קאָמדיווס לענגלעך, נאָר פול געזיכט. — זיץ, מאַ־

יאָר! ווי זאָגט עס דײַן קאַראַטײַ: „אויב ס׳איז לאַנג געווען שטיל און דערנאָך האָט א בלאָז געטאָן א ווינט, — וועט זײַן א רעגן“. איך פרעג אים נעכטן, דײַן מעטעאָראָלאָג, ווי האַלטן מיר מיטן וועטער, פאַרטראַכט ער זיך אפילו ניט אף קיין מינוט און שיסט אויס: „א רעגן!“ אונדזער אַלטער באַקאַנטער, דער גענעראַל קלייסט, וואָלט אים אָפּגעשניטן די צונג, דײַן קאַראַטײַען, כאָטש, עפּשער האַלט ער, קלייסט, ווי קלאַוזעוויץ, אַז א טאַלאַנט און א גוטע האַנדלען אויסער יעדער געזעץ. פאַראַן בא אים אַזא אויסדרוק... — יאַסענעוו האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אפן דיקן בוך, וואָס אף אים איז געלעגן די קאָנצערטינע. דאַניעל האָט דערקענט דעם באַנד פון קלאַוזעוויצעס „דער קריג“, וואָס קוקאַרין האָט אַנטליִען אף א טאָג בא וויכאָרעוון.

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס שטודירט מײַן רעדאַקטאָר, — האָט יאַסענעוו זיך צעשמייכלט, באַווײַזנדיק די פעדערשטע מעטאַלענע ציין זײַנע, — זאָגט ער, אַז ניין, דײַן קאָמיסאַר פאַרנעמט זיך מיט דעם.

— ער איז דאָך ביז דער מילכאָמע געווען א ציווילער, מײַן קאָמיסאַר, — האָט דאַניעל באַמערקט.

— א ציווילער, זאָגסטו? פאַר פיר מיט א האַלבן כאָדאָשים מילכאָמע זײַנען שוין ציווילע אויך געוואָרן קאַדראָווע. קאַדראָווע, ווי דען! קאַדראָווע דיוויזיעס שלאָגן איצט דעם דײַטש. מיר זײַנען מיט דיר, מאַיאָר, אויך אין א געוויסן זין אפסנײַ געוואָרן קאַדראָווע... ש־ש... — ער האָט אופגעלעבט א קאָסיע געטאָן מיט די אויגן אף דער אָפענער טיר. דאָרט, אין פאָדערשטן צימער, האָט גערעדט שטשוסיעוו — דער קאָמאַנדיר פונעם אַרטילעריע־פּאָלק. זײַן שטים האָט געקלונגען ניט הויך, נאָר ווי שטענדיק האָט ער גערעדט באַדאַכט, יעדער וואָרט — קלאָר, וואָגיק:

— ...און אויב זיך ווענדן צו געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס, זעען מיר אַזא בילד: נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעהויבן דעם אָנגריף אף רוסלאַנד, פאַרמאָגנדיק אף דער הויפּט־ריכטונג פיר הונדערט טויזנט סאָלדאַטן. צו באָראָדינאָ האָט ער שוין אָבער געבראַכט בלויז הונדערט דרײַסיק טויזנט. יאָ, יאָ, ס׳איז פּינקטלעך, ציפערן געדענק איך גוט. דורכגעגאַנגען אַכט הונדערט קילאָמעטער, האָט נאַפּאָלעאָן פאַרלוירן זיבעציק פּראָצענט פון זײַנע האַרמאַטן... אָט האָט איר אײַך! איך האָב ניט בעדייע מעכאַניש אַריבערטראָגן פאַקטן, אָבער — עס איז גאַנץ באַלערעוודיק.

אויבנאָן באַם לאַנגן טיש, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט רויטן צײַג, איז געזעסן דער נאַטששטאַדיוו[1] ווישעסלאַווסקי — זייער א הויכער, א פּלייציקער, מיט א קלוג, ענערגיש פּאָנעם, לעבן אים — דער פּאָדפּאָלקאָווניק סאַוווטשענקאָ מיט די געכאַליעטע וואָנצעס (ער כאַפּט ביכלאַל דעם אָנבליק פון טשאַפּײַעוון, נאָר לויטן וווּקס איז דאָס אַוואַדע אָנדערהאַלבן טשאַפּײַעווס) און דער דיוויזיע־אינטענדאַנט סאַפּאָזשניקאָוו — אַן עלטערער מענטש מיט א שפּיציק בערדל און א גלאַנציק־געגאָלטן קאָפּ. דער פולבלעכער, ריִרעוודיקער שטשוסיעוו איז געשטאַנען און, האַלטנדיק אויסגעשטרעקט דאָס שוואַרצע ביינערנע מונדשטוקל, אומגעדולדיק געוואַרט, ביז דער מאַיאָר לעמעכאָוו, א קאָמאַנדיר פון א שיסער־פּאָלק, — געזען האָט מען בלויז לעמעכאָווס אָנגעהאָרעוועטע פּלייצע, — וועט צורייכערן פון זײַן ציגאַר.

עפּעס האָט ווישעסלאַווסקי א זאָג געטאָן מיט זײַן הייזעריקן באַס, מע האָט ניט געהערט וואָס, און ווידער האָט שטשוסיעוו גערעדט:

— גרייטנדיק זיך צו א בליצקריג, האָבן די דײַטשן מער פון אַלץ אויסגערעכנט אף

[1] שעף פון דיוויזיע־שטאַב.

באוועגלעכע שלאָג־מיטלען: א טאנקען־לאווינע, געשטיצט מיט מענגעס עראָפּלאנען. פאר דער ארטילעריע, אויב איר ווילט וויסן, איז אויסגעטיילט געוואָרן א צווייטראנגיקע ראָל. איך טראכט וועגן דעם אָפּט — דאָס איז א שוואכער פונקט באם סוינע. מיר האָבן זיך אונדזערע שוואכע ערטער, און די דײַטשן — זייערע. אָבער מיר האלטן שוין באם אויסהיילן אונדזערע ווונדן, און זייערע צעיאטרען זיך ערשט... אָט איז איינע אזא מאקע זייערע: וואָס פאר א מאנעווער די דײַטשן זאָלן ניט פירנעמען, שטייט בא זיי אָפּ די ארטילעריע פון די טאנקען. איר וועט זען — אויך איצטיקס מאָל וועט זײַן אזוי. די אויסשפּירונג טיילט מיט...

יאסענעוו האָט אָנגענומען דאניִעלן פאר א האנט:

— ער האָט א קאָפּ אף די פּלייצעס, אָט דער שטשוסיעוו!

שטשוסיעוו האָט א סמאָקע געטאָן דאָס מונדשטוקל, נאָר דער ציגאר איז, ווײַזט אויס, פארלאָשן געוואָרן, בייס מע האָט אנטליִען דאָס פײַער. האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט און פאָרגעזעצט:

— דאָ איז אנומלטן אָנגעקומען א ביולעטען. טשיקאווע. אין אָנהייב פון דער מילכאָמע האָבן די דײַטשן אָנגעווענדט קעגן אונדז בא צוואנציק ארטילערישע סיסטעמען. איצט מוזן זיי שוין אָנווענדן פיל מער סיסטעמען — סײַ לויטן קאליבער, סײַ לויט דער קאָנסטרוקציע — אלץ, וואָס זיי האָבן פארכאפּט אין די אָקופּירטע לענדער. דאָס טוט מען ניט פון ווילטיק. די טעג האָב איך געזען אן אונטערגעקלאפּטן פראנצויזישן הארמאט, וואָס איך וואָלט פאר אים קיין גראָשן ניט געגעבן, און זיי האָבן אים געשלעפּט אהער איבער גאנץ אייראָפּע!

יאסענעוו האָט אָנגעוויזן זײַן אדיוטאנט אף דער קאָנצערטינע.

— באהאלט, סאָכא, — האָט ער געזאָגט מיט אזא אויסדרוק, ווי ער זאָל באטאָנען, אז דער אינסטרומענט ווערט פארבאהאלטן אף לאנג.

דער קאָמדיוו איז איבערגעגאנגען אין פאָדערשטן צימער. אלע זײַנען אופגעשטאנען. יאסענעוו האָט א מאך געטאָן מיט די הענט:

— זיצט, זיצט... זעצט פאָר, מיר האָבן נאָך צו ווארטן פיר מינוט...

שטשוסיעוו האָט שטארק געבלאָזן אינעם מונדשטוקל — עס האָט זיך פארשטאָפּט. זײַן פול געזיכט איז אינגאנצן קײַלעכדיק געוואָרן. מיט דער דאָזיקער פּאוזע האָט זיך באנוצט סאווו־טשענקאָ. ער האָט אלעמאָל געהאט עפּעס פריילעכס צו דערציילן. א בראָך געטאָן די בארא־קענע טשאפּײַעוו־פּאפּאכע אין האנט און צוגלעטנדיק זי אף דער קני, האָט ער אָנגעהויבן:

— עס פארלויפן געשיכטעס! די באלעבאָסטע פון דער שטוב, ווו איך שטיי אײַן, טראָגט זיך ארום מיט א האנט, א גאנצן האנטעך אָנגעוויקלט אף איר. „וואָס איז בא אײַך מיט דער האנט, באלעבאָסטע?“ — פרעג איך. „איצט איז שוין גאָרניט, — ענטפערט זי, — א פינגער מוטשעט מיך. ניט פארשטאָכן, ניט צעשניטן — אָט אזוי, פון דער הוילער הויט, האָט זיך עס אָנגעהויבן, עפּעס אזוי ווי א פּוד ווילדפלייש איז אף אים אָנגעוואקסן“. „וואָס זשע פּלוצעם?“ — פרעג איך ווײַטער. רופט זיך אָן איר מיידעלע: „דאָס האָבן זיך בא דער מאמען אָנגעהויבן די ווייטעקן, ווען דער פאשיסט האָט גענומען זיך דערנעענטערן. הערט זי, אז אונדזערע זײַנען אָפּגעטראָטן, — קריכט זי אף די ווענט פאר ווייטעק, דעריקערשט באנאכט. זאָגט מען אָבער, אז מע האָט דעם פאשיסט אָפּגעשטעלט צי אָפּגעטריבן, — שלאָפט זי די גאנצע נאכט“. — „נו, און איצט?“ — „איצט, — זאָגט די באלעבאָסטע און וויקלט אָפּ דעם האנטעך, — איצט איז גאָר גוט. איר זעט: שוין קימאט פארהיילט. איר שטייט דאָך אף אן אָרט. די מענטשן בא אונדז טראכטן, אז איר וועט דעם פאשיסט ניט ארײַנלאָזן אהער“... נו, וואָס וועט איר זאָגן דערויף — נערוון, אײַנריידעניש?

קיינער האָט ניט ארויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן דעם, וואָס סאווטשענקאָ האָט דערציילט. דער גענעראל האָט א רײַב געטאָן מיט דער דלאָניע דעם הויכן שטערן, פון דער זײַט א בליק געטאָן אפן ארטילעריסט:

— וועגן דעם, וואָס איר האָט דאָ גערעדט, שטשוסיעוו. דאָס זײַנען ריכטיקע געדאנקען. ריכטיקע. וועגן דער ארטילעריע אויך. אָבער דאָס זײַנען פּאָרט בלויז דעטאלן. עמעס, גאָר באדײַטנדיקע. עס מאָלט זיך מיר אויס, אז דער גאנצער פּלאן, ווי די דײַטשן האָבן פארטראכט די מילכאָמע, איז... אָפּגעריסן פונעם לעבן, וואָלט איך געזאָגט. זיי רעכענען אויס אף צײַטווײַליקע, ניט באשליסנדיקע פאקטאָרן און ווילן ניט צי קאָנען ניט באגרײַפן, אז אין עקאָנאָמישן און מאָראלישן זינען זײַנען מיר א קראפט — ניט זיי. איך מיין, אז אין מאָסקווע וועט הײַנט געזאָגט ווערן, אין וואָס עס גייט. איך וואָלט אײַך געוואָלט, כאוויירים, באווײַזן אן אָרט בא קלאָוזעוויצן, פּאָשעט ווײַל איך האָב איצט אזא מעגלעכקײַט. דאָס איז עפּשער בא די דײַטשן — דער וויכטיקסטער פּרינציפּ, לויט אים פירן זיי דעם אָנגריף, — און אין דעם איז זייער שוואכקײַט.

קוקט זיך גוט צו, וועט איר זען, אז אונדזער גוטער באַקאַנטער, קלייסט, ליידט אויך פֿון דער זעלבער שוואַכקייט.

סאַכאַ האָט דערלאַנגט דעם באַנד קלאַוזעוויץ. דער גענעראַל האָט אופֿגעמישט אַ פֿאַרבויגן בלעטל.

— „מיר קאָנען זיך ניט האַלטן בײַ דער מיינונג, — האָט ער, כמורעדיק די ברעמען, גענומען לייענען, — אַז די שטרעבונג פֿאָרויס מוז שטענדיק באַגלייט ווערן מיט דער זאָרג וועגן אָרגאַניזירן ווי געהעריק דעם קריגס־טעאַטער און דאָס זאָל ווי רעגולירן דעם גלײַכגעוויכט; פֿאַרקערט, מיר זעען אײַן אין די אומבאַקוועמלעכקײַטן, וואָס דרינגען אַרויס פֿון דער באַוועגונג פֿאָרויס, אַן אומפֿאַרמײַדלעך בייז, וואָס פֿאַרדינט אופֿמערקזאַמקײַט בלויז אין דעם פֿאַל, ווען פֿאָרויס איז שוין פֿאַר אונדז ניטאָ קיין שום האָפֿענונג אויף דערפֿאָלג...‟ אָט דאָס איז, כאַווייִרים, דער טאָך פֿונעם בליצקריג. נו, יאָ, אויף קיין אַנדער מילכאָמע האָבן די פּרוסאַקעס קיינמאָל ניט געקאָנט אויסרעכענען, אָבער אָפּהאַלטן אַ זיג אין אַזאַ מילכאָמע וועלן זיי אויף געוויס ניט קאָנען. „פֿאָרויס איז שוין קיין שום האָפֿענונג אויף קיין דערפֿאָלג ניטאָ‟ — אָט בײַ דעם וועלן די דײַטשן גיך האַלטן. מיר זײַנען מענטשן מיליטערישע און זײַנען מעווינים אויף אַ טשאַד... מעווינים!

אויף דער שוועל פֿון דער דרויסן־טיר איז אויסגעוואַקסן אַ יונגער אָפֿיצער. דער קאָלנער פֿון זײַן נאַסן שינעל איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ רויטן באַשליק. ניט וועלנדיק שטערן דעם גענעראַל, האָט ער געמאַכט אַ טראָט אין דער זײַט. יאַסענעוו האָט זיך האַסטיק אומגעקוקט:

— אַהאַ, דער פֿאַרבינדונג־אָפֿיצער! באַווײַז, באַווײַז, וואָס האָסטו געבראַכט!

ער האָט גענומען בײַם אָפֿיצער דעם פֿאַרשטעמפּלטן מיט טריוואַקס פּאַקעט, אופֿגעריסן אים און זיך פֿאַרטיפֿט אין דער סכעמע און אין דעם דערקלער־בריוו. דער נאַטששטאַדיוו איז אופֿגעשטאַנען, וואַרטנדיק, ביז וואַנען די סכעמע וועט אים איבערגעגעבן ווערן.

— יאָ, — האָט דער גענעראַל ענדלעך געזאָגט, — ער כיטרעוועט, קלייסט. ער האָט ווידער אַטאַקירט אויף צאָפֿן. ער וויל, ווי אַ פֿוקס, פֿאַרווישן מיטן עק די שפּורן, מע זאָל ניט זען, אַז ער גאַנוועט זיך אַהער. ס'איז אָבער אַ בלאָטקעלע. מע זעט גלײַך אַלץ. נו, גוט, כאַווייִרים. מיר וועלן אָנהייבן די באַראַטונג. און דער באַלעבאָסטע אײַערער, לוקאַ קוזמיטש, — ער האָט פֿריילעך אַ שמייכל געטאָן צו סאַוווטשענקאָ, — דער באַלעבאָסטע אײַערער מעגט איר זאָגן, אַז דער פֿינגער וועט זיך פֿאַרהיילן. עפּשער וועט זי נאָך זיך מוטשען אַ ביסל, נאָר פֿאַרהיילן וועט זיך.

3 זעמליאַניצין האָט פֿאַמעלעכן זיך אופֿגעהויבן אויף אָריסיעס קורגאַן. דער ווײַסלייִמיקער באָדן איז געווען צעווייקט פֿונעם רעגן און האָט זיך אָנגעקלעפּט אויף די שטיוול מיט קליינע קאַלך־שטיינדלעך און פֿאַרוועלקט גראָז. דעם עלטערן סערזשאַנט איז געוואָרן הייס, און ער האָט צעשפּיליעט דעם שינעל, כאָטש דער רעגן האָט אויך איצט גאַנץ זשוואַווע זיך געזיפּט. אַ קאַלט ווינטל האָט דאָ, אויף דעם בערגל, דורכגענומען דאָס לײַב, נאָר זעמליאַניצינען איז עס געווען אָנגענעם. ער האָט שוין, אייגנטלעך, געשפּאַנט לענגויס די טראַנשייען פֿון דער נײַנטער ראָטע — אָט דאָרט, אויפֿן לינקן פֿלאַנג, איז זײַן ווזוואָד. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן קומען צו־זיך פֿון דער פֿרייד, וואָס ער האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט.

אַקעגן אַ האַלבער שאָ האָט ער געוואַרט אינעם בלינדאַזש בײַשכיינעס מיטן קאָמאַנדע־פּונקט פֿונעם באַטאַליאָן. געווען זײַנען דאָרט סאָלדאַטן פֿון פֿאַרשיידענע שיסער־ראָטעס, געווען אַרטילעריסטן, סאַפּיאָרן. אייניקע האָט ער געקענט, אַנדערע — ניט, נאָר ער האָט מיט קיינעם ניט פֿאַרפֿירט קיין שמועס. געריי כערט אַ ציגאַר נאָך אַ ציגאַר און זיך אײַנגעקוקט אין די מענטשן מיט דעם זעלבן געפֿיל, אַן ערעך, ווי בײַס מע ליגט אין פֿעלד פֿאַר אַ שלאַכט און מע קוקט זיך אײַן אין די, וואָס ליגן פֿון רעכטס און פֿון לינקס, — מיט וועמען האָט מען דאָ צו גיין אין אַטאַקע. דערנאָך האָט מען אים אַרויסגערופֿן אויפֿן קאָמאַנדע־פּונקט, און דער עלטערער פּאָליטרוק וויכאָרעוו, וועלכער איז מיט צוויי טעג צוריק, טאַקע דאָ, אויף אָריסיעס קורגאַן, קאָנטוזיעט געוואָרן, אַן אויסגעבלייכטער, ווײַזט אויס נאָך ניט מיט אַלעמען, האָט אים געזאָגט אַזעלכע גוטע ווערטער און אים אויסגעשטרעקט... דאָס, וואָס ער האָט אים אויסגעשטרעקט, איז איצט געלעגן אין דער לינקער קעשענע פֿון דער גימנאַסטיאָרקע. די מעדאַל „פֿאַר העלדנמוט‟, מיט וועלכער מע האָט אים באַלוינט פֿאַר די שלאַכטן הינטער מעליטאָפּאָל, איז געהאַנגען אויף דער דאָזיקער קעשענע און זי פֿאַרשטעלט קימאַט ביזן סאַמע קנעפּל. זעמליאַניצין האָט ניט אויסגעהאַלטן, אָפּגעשפּיליעט דאָס קנעפּל און אַרויסגענומען דאָס נאָרוואָס באַקומענע קאַנדידאַטן־ביכל. דאָס רעגנדל האָט נאָך אַלץ געגאָסן, און ער האָט דאָס ביכעלע צעעפֿנט אונטער דער פּאָלע פֿונעם שינעל. פֿון דער קלייניקער פֿאָטאָגראַפֿיע אינעם אונטערשטן ווינקל האָט ער, אַ

נידעריק אונטערגעשוירענער, אראָפּגעקוקט ערנסט און שטרענג. די מעלדונג אין פּאַרטיי האָט ער דערלאַנגט מיט צוויי כאַדאָשים צוריק, באַם בוג. פאָטאָגראַפירט פאַרן קאַנדידאַטן־קאַרטל האָט מען אים הינטער מעליטאָפּאָל, אָבער דער פאָטאָגראַף מיט זײַן גאַנצער לאַבאָראַטאָריע איז אומגעקומען פון אַ באָמבע, און שוין אַ נײַער פאָטאָגראַף האָט אים פאָטאָגראַפירט אַ צווייט מאָל אין אַ דאָנער סטאַניצע, ווו דער פּאָלק איז געשטאַנען אָף אָפּרו. דער דאָזיקער פאָטאָגראַף האָט אים נאָרוואָס, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קאָמאַנדע־פּונקט, אָנגעיאָגט און געשענקט פּונקט אַזאַ פאָטאָגראַפיע, ווי אין קאַנדידאַטן־ביכל; זי איז בא אים געבליבן אַן איבעריקע. מע וועט די פאָטאָ דאַרפן שיקן גלאַשען, זי האָט אים נאָך ניט געזען אין דער מיליטערישער אוניפאָרם.

געמאַכט נאָך אַ פופציק שפּאַן באַרג־אַרוף, האָט זעמליאַניצין זיך אָפּגעשטעלט. „צײַטן בײַטן זיך!", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מע פלעגט זיך גרייטן צום אָקטיאַבער־יאָמטעוו אינעם שלאָסער־צעך, ווו ער איז געווען בריגאַדיר. ליפּאַקאָוו, דער פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע אינעם פּראָפעסיאָנעלן קאָמיטעט, פלעגט אין אַזאַ טאָג, ווי הײַנט, ערעוו יאָמטעוו, אַרויסהענגען אין צעך פלאַקאַטן און לאָזונגען. בא אים, בא זעמליאַניצינען, פלעגט מען פאָדערן יעדיִעס, וועד פון זײַן בריגאַדע פאַרדינט פּרעמירט צו ווערן, וועד האָט וויפל קינדער — מע גרייט פאַר זיי מאַטאָנעס. מאַטאָנעס די קינדער קער מען איצט אויך גרייטן. דער צעך, שרײַבט גלאַשע, אַרבעט ניט שלעכט, און ליפּאַקאָוו געפינט זיך אָף זײַן אָרט — ער האָט דאָך נאָר איין האַנט... ניין, ניט דאָס האָט געהאַט אין זינען זעמליאַניצין, ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „צײַטן בײַטן זיך". דורך דער גרויער מערעזשע פונעם רעגנדל האָבן זיך געלאָזט זען די פּאָזיציעס פונעם פּאָלק: דער ראַנד פון קורגאַן, דאָס טײַכל, ווײַטער, אין שוואַרצן פעלד — ניט קיין גרויסער שאַכטיאָרישער יישעוו. אַ קילאָמעטער זיבן פונדאַנען, אָף מײַרעוו, איז געגאַנגען אַ שלאַכט. אַ געוויינלעכער טאָג אָפן פראָנט. אפילע ניט גאָר קיין טומלדיקער. צוויי עראָפּלאַנען זײַנען געפלויגן לענגויס דעם האָריזאָנט — דײַטשישע. מע האָט געשאָסן אָף זיי פון זעניטקעס. און דאָ איז געשטאַנען גרייט צו דער שלאַכט קרעמעזעס פּאָלק. „גוט פאַרטראַכט!", — האָט זעמליאַניצין צו זיך אליין אַרויסגערעדט, אײַנקוקנדיק זיך אין די ניט טיפע, בעקיוון שוואַך פאַרמאַסקירטע אָקאָפּעס פון דער פאַלשער שוץ־ליניע באַם ברעג און אין די עמעסדיקע טראַנשייען, געדיכט־צעצווײַגטע, מיט פעסטע בלינדאַזשן פאַר יעדער אָפּטיילונג. „אַ ליאַלקעלע!" — האָט ער זיך צעשמייכלט. זעמליאַניצין האָט גוט געוווּסט, ווו עס שטייען (געזען פונדאַנען) פאַר די פאַלשע פּאָזיציעס די מאַקעטן פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפער און ווו עס געפינען זיך די עטלעכע עמעסדיקע פײַער־נעסטן און די פאַסטקעס פאַר דעם סוינעס טאַנקען. גייענדיק אָפן קאָמאַנדע־פּונקט פונעם באַטאַליאָן, האָט ער געזען פינף אונדזערע אײַנגעגראָבענע טאַנקען. די אַרטילעריע האָט זיך אַרויסגערוקט גאָר נאָענט צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס. אינעם באַטאַליאָן האָט אַ פאַרבינדלער דערציילט, אַז אין נאָענטן הינטערלאַנד געפינט זיך אונדזערער אַן עראָדראָם, אָף וועלכן עס זײַנען פאַרמאַסקירט פיל עראָפּלאַנען. ער האָט גאָר ניט געדענקט, זעמליאַניצין, מע זאָל פריִער ערגעץ־ווו האָבן געגרייט זיך אַזוי צו באַגעגענען דעם סוינע. „אײַ וועט דאָ זײַן ביטער, — האָט זעמליאַניצין געטראַכט. — אָבער ס'איז שוין פאָרט ניט דאָס, וואָס פריִער, — אַנדערע צײַטן!"

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אין דער טראַנשיי פון זײַן ווזוואָד לעבן בלינדאַזש, וועלכן עס האָט פאַרנומען דעם יעפרייטאָר סאָראָקינס אָפּטיילונג. איידער ער איז אוועקגעגאַנגען אָפן קאָמאַנדע־פּונקט, האָט ער דעם יעפרייטאָר מיט זײַנע פינף סאָלדאַטן אוועקגעשיקט גראָבן אָקאָפּעס פאַר די פּאַנצער־ביקסן, אָבער אינעם בלינדאַזש האָבן זיך געהערט שטימען. זעמליאַניצין האָט אַ קוק געטאָן אין דער שמאָלער עפענונג, וואָס האָט געדינט פאַר אַ פענצטער: צוויי סאָלדאַטן — איינער פון זיי, דאָלגאָוו, אַ פעסט, יאָדערדיק מענטשל, דער צווייטער, פּאָליושקין, דער סאַן־אינסטרוקטאָר, אַ שמאָלפּלייציקער, מיט סטאַרטשענדיקע אויערן, — זײַנען געזעסן אָף קלעצלעך, גערייכערט און געשמועסט.

פּאָליושקין:

— איז דערצייל, דערצייל! ווילדע עפּל וואַקסן בא אונדז אַ סאַך, באַם בײַקאַל. טשעפּע איך צו, הייסט עס, צו אַ ווילד ביימל צוויי צווײַגעלעך פון אַן אַפּאָרט?..

— טשעפּעסט צו, — האָט דאָלגאָוו געזאָגט געלאַסן און זיך פאַרצויגן לענגער מיטן ציגאַר, — טשעפּעסט צו, און זאָל עס זיך וואַקסן אַזוי ביז די ערשטע קעלטן. אָט דעמלט בייגסטו אָן דאָס ביימל, פעסטיקסט עס צו מיט פלעקעלעך צו דער ערד, און זאָל דער שניי עס פאַרשיטן.

— עס וועט אויסהאַלטן די פרעסט? בא אונדז טרעפן פרעסט ביז פופציק...

— עס וועט אויסהאַלטן... אָבער פֿרילינג רײַס ניט אַרויס די פֿלעקעלעך, זאָל דאָס ביימל זיך וואַקסן אָנגעבויגענערהייט. וועט עס צעשפּרייטן די צווײַגן, ווי אַ באַרג־צעדער, בײַ דער ערד. בײַ אונדז אין אַלטײַ איז אַזוי.

— און די עפּל?

— עמעסער אַפּאַרט. מיטשורין אַליין האָט געליבט אונדזער מעטאָד.

— אָט דאָס איז אַ געדאַנק! קום איך אַהיים, אין קאָלווירט, נעם איך זיך פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

— נו, נו, קער זיך נאָר אום אַ גאַנצער...

זעמליאַניצין איז שטילערהייט אוועקגעגאַנגען פֿונעם בלינדאַזש און זיך געלאָזט צו קאַלי־ניטשענקאָס אָפּטיילונג. קאַליניטשענקאָ האָט מיט זײַנע סאָלדאַטן אַ גאַנצע נאַכט געגראָבן אַ טראַנשיי צו די מינענוואַרפֿער. איצט שלאָפֿט מען מיסטאַמע. ערשט, ניין. מע זיצט, אַ מענטשן זיבן, אַרום דעם אײַזערנעם איוועלע, וואָס איז געמאַכט פֿון אַ גרויסן טשוהונענעם טאָפּ. די טיר אין בלינדאַזש איז אָפֿן — דער טשאַד זאָל אַרויס, מע הייצט דאָך מיט שטיינקוילן. דעם קאָמאַנ־דיר פֿונעם וזוואָד האָט מען ניט באַמערקט, ווען ער איז אַרײַן. עס האָט זיך דערהערט די שטים פֿון אַברוקינען. דאָס איז אַ רויטבאַקיקער, פּולבלעכער סאָלדאַט, געזונט, ווי אַ מויער, נאָר אַ שווײַגער — וואָס מע דאַרף, וועט ער בעסער באַווײַזן מיט די הענט.

— אײַ, דריי ניט קיין מויעך!

— וואָס זשע? — דאָס האָט זיך אָפּגערופֿן וואַטוליאַ, אַ ווײַסרוס; ער האָט זיך צוגעשלאָגן צום וזוואָד, אַ לײַכט־פֿאַרווונדעטער, ווען מע האָט פֿאַרלאָזט מעליטאָפּאָל, דעמלט שוין געהאַט פֿינף קאַרבן אויף דער קאָלבע פֿון זײַן אווטאָמאַט, — לויט דער צאָל פֿאַשיסטן, וואָס ער האָט געהאַרגעט, — און דאָ אין וזוואָד זײַנען צוגעקומען נאָך דרײַ קאַרבן. וואַטוליאַ איז אַ יונג מיט אַ ליכטיק פֿאַרשטאַנדיק פּאָנעם. — וואָס זשע, אַברוקין, עפּשער ניט אַזוי? דער צווייטער פֿראָנט, אַברוקין, דאָס זײַנען מיר מיט דיר און אַלע אונדזערע כאַוויירים. אַז מיר וועלן גוט שלאָגן דעם פֿאַשיסט, וועלן מיר האָבן דעם צווייטן פֿראָנט.

קאַליניטשענקאָ — ער האָט געדרייט זײַנע שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס — האָט געזאָגט מיט אַ געדיכטן באַס:

— אַמאָל פֿלעגן זײַן געדונגענע סאָלדאַטן, געקויפֿטע פֿאַר געלט. די דײַטשן זײַנען אויך ווי געקויפֿטע. זיי גייען זיך שלאָגן, ווײַל מע האָט זיי צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. איך טראַכט אַזוי: ווען מע גיט מיר אַ מיליאָן פֿאַר איין פֿינגער, וואָלט איך אים ניט אָפּגעגעבן. ניין, דער פֿינגער איז טײַערער! אָבער אַצינד, מילכאָמע־צײַט, זשאַלעוועסטו גאָרניט פֿאַר אַלעמען, פֿאַרן לאַנד. צי, לאָמיר זאָגן, אַפֿילע פֿרידן־צײַט. ס'איז מיר איינמאָל אויסגעקומען זען: צוויי וואַגאָנעס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון אַן עשעלאָן ניט ווײַט פֿון דער סטאַנציע, וווּ איך האָב געאַרבעט. מע דאַרף אונטערלייגן אַ טאָרמאָז־שוך אויף זיי צו פֿאַרהאַלטן. האָט איינער אונדזערער אַ יאָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די רעלסן. מע שרײַט צו אים: „די האַנט!" — וואָס מיר האַנט, אַז די וואַגאָנעס שפּאַרן גלײַך אויף אַ פּאַסאַזשיר־צוג, וועלכער שטייט באַם וואָקזאַל. אָט דאָס פֿאַרשטיי איך, כעוורע, אָט דאָס מאַכט אונדז שטאַרק. וועסט אונדזערע מענטשן מיט קיין שום קויעך ניט אַראָפּשלאָגן פֿונעם וועג.

קאַליניטשענקאָ האָט דערזען זעמליאַניצינען און זיך אַ הייב געטאָן פֿון אָרט. עס זײַנען אופֿגעשטאַנען אַלע סאָלדאַטן. אַברוקין האָט שיר ניט איבערגעקערט דאָס איוועלע — דעם טשוהון, נאָר באַלד אַ כאַפּ געטאָן עס מיט די הוילע הענט און אוועקגעשטעלט צוריק אויפֿן אָרט.

— באַקומען? — האָט קאַליניטשענקאָ געפֿרעגט דעם וזוואָד־קאָמאַנדיר.

זעמליאַניצין האָט שווײַגנדיק צוגעלייגט די האַנט צו דער לינקער זײַט פֿון דער ברוסט. קאַליניטשענקאָ האָט אָנגענומען זײַן האַנט און זי אַזאַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, אַז זעמליאַניצין האָט אַזש דערפֿילט אַ ווייטעק אונטער דער פּאַכווע. אַלע סאָלדאַטן פֿון דער אָפּטיילונג האָבן באַגריסט זייער קאָמאַנדיר.

אוועקגייענדיק, האָט זעמליאַניצין געטראַכט: „אָט זײַנען מיר שוין פֿיר קאָמוניסטן אינעם וזוואָד — קאַליניטשענקאָ, וואַטוליאַ, רוסלאָוו און איך, נאָר אינדערעמעסן זײַנען מיר דאָ פֿאַראַן אַ סאַך מער. וועסט אונדזערע מענטשן, — האָט ער זיך דערמאָנט קאַליניטשענקאָס ווערטער, — מיט קיין שום קויעך ניט אַראָפּשלאָגן פֿונעם וועג".

אינעם לעצטן בלינדאַזש, וווּ זעמליאַניצין און דער פּאָמקאָמוזוואָדאַ[1] רוסלאָוו האָבן גע־וווינט צוזאַמען מיט דער אָפּטיילונג פֿונעם געוועזענעם מיליציאָנער יעווגען נעזשורקאָ, איז געווען אַ גאַסט: אַ יונגע, שיינע פֿויערטע פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק. זי איז געזעסן אויפֿן

[1] געהילף פֿון וזוואָד־קאָמאַנדיר.

עק פון דער נאַרע, אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן. אַלע האָבן זיי געגעסן שטיקער קוכן, מיט וועלכע זי איז זיי מעכאַבעד געווען פון איר אויפגעבונדענעם קלומעק. אַ גרינע וואָלענע שאַל איז געווען אַרויפגעוואָרפן אויף דער פויערטעס רויטן פּעלצל, קעדיי פּאַרהיטן עס פון רעגן. אירע אויסגעפּוצטע שטיוול און אַפילע דער אַרומגעזוימטער מיט סטענגעס יאַמטעוודי־קער פּאַרטעך פונעם זעלבן בלאָוון שטאָף, וואָס דאָס געפּאַלדעוועטע קליידל, זײַנען געווען פּאַרשפּריצט מיט בלאָטע. לויט דעם, ווי די פויערטע האָט געהאַלטן די גרויסע פּאַרהאָרעוועטע הענט אויף די קני, און באַזונדערס לויט איר בלאַס געזיכט, האָט מען געזען, אַז זי איז מיד, און עפּשער ניט אַזוי מיד, ווי אויסגעשעפּט, פּאַרלוירן.

נעזשורקאָ, אויפגעלייגט מער ווי שטענדיק, האָט אָנגעהויבן דערקלערן זעמליאַניצינען, וואָס דאָ קומט פאָר, ריידנדיק וועגן דער פויערטע — צוליב העפלעכקייט — אין מערצאָל.

— זיי זוכן דאָ דעם מאַן... האָסט צופעליק ניט געהערט, קאָמוזוואָד, סאַוועלי סופרון? זיי גייען דאָ אום און פרעגן...

— א־א... — האָט געזאָגט זעמליאַניצין, און עפּעס איז אים מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער קליינער פּאָטאָגראַפיע, וואָס ער קלײַבט זיך אָפּשיקן גלאַשען, וועגן דעם פערטן קינד זײַנעם, קאָליען, וואָס גלאַשע שרײַבט, אַז ער פויזעט שוין אום. זעמליאַניצין האָט זיך ניט געײַלט זאָגן, אַז ער האָט וועגן דעם דאָזיקן סופרון גאָר־נישט ניט געהערט, בלויז איבערגעכאַזערט: — א־א... — און דערנאָך געפרעגט: — איז, הייסט עס, רוט איר זיך אַ ביסל אָפּ בא אונדז?

— יאָ, איך רו אָפּ, — האָט די פרוי שטיל געזאָגט; איר זינגעוודיקע צאַרטע שטים האָט באַזונדערס מילד אַ קלונג געטאָן דאָ, אינעם פײַכטן, האַלב־טונקעלן בלינדאַזש, — וווהין זאָל איך נאָך גיין? איך זיך אָט־אָ מיט די סאָלדאַטן...

— זיי האָבן מאַטאָנעס געבראַכט צום יאַמטעוו, — האָט ווידער דערקלערט נעזשורקאָ, קעמענדיק מיט די פינגער זײַן היפּשן בלאָנדן טשוב, וואָס קריכט אַרויס פון אונטערן ווינ־טערדיקן היטל, אַ פאַרשמירטן מיט סאַזשע. מיט די אויגן, בלויע, פולע מיט אַנציקונג, האָט ער מאַמעש געגעסן די יונגע פויערטע, — זיי זײַנען פון דער דעלעגאַציע קאַזאַקן, וואָס האָט געבראַכט מאַטאָנעס פאַר דער דיוויזיע. און אָט זיי האָט דער מאַן געשריבן, אַז ער איז אין דאָנבאַס, הונדערט פופציק קילאָמעטער פון דער היים, פון דער סטאַניצע ליכאַיאַ, — זוכן זיי אים.

— עכמאַ, ווען מײַן קלאַוושקע!.. נאָר ווי קאָן עס זײַן? — האָט זיך אָנגערופן אַ יונגער סאָלדאַט, סימאַקאָוו, אָפּטרייסלענדיק פונעם שינעל די ברעקלעך פון קוכן. — עך, ווען מײַן קלאַוושקע שטעלט זיך פּלוצעם אַרײַן אַהער אָט אַזוי! עס איז דאָך אינגאַנצן אַ פינף הונ־דערט ווערסט ביז צו אונדז.

— אויך מיר אַ זאָג — פינף הונדערט ווערסט! — האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג אַ באַיאָרטער סאָלדאַט — זשאַרקי.

— אַ ווײַב וואָלט געגאַנגען, אַ ווײַב וואָלט צופוס געגאַנגען, סאָלדאַטן, — האָט מיט געפיל געזאָגט די יונגע קאַזאַטשקע און מיטן פינגער אַ זוך געטאָן אַ טרער אויף דער באַק, — אָט בין איך געזעסן דאָ מיט אײַך אַ ביסעלע, און עס איז מיר גרינגער געוואָרן. — זי האָט אַ צערודערטע אַ פיר געטאָן מיט די קאַרע פײַכטע אויגן איבער די ווענט פונעם בלינדאַזש, וואָס זײַנען געווען געפּעסטיקט מיט בערווענעס, איבער די גרויע סאָלדאַטישע פענעמער, אָפּגע־שטעלט זיי אויף זעמליאַניצינען, און באַלד, שוין גאָר צערודערט, נאָר פול מיט צאַרטקייט אי־בערגעפירט די אויגן אויף נעזשורקאָן — אַ שלאַנקן אַזאַ, מיט שמאָלינקע בלאָנדע וואָנצעס. פּלוצעם האָט זי אָנגעכמורעט די דינע שוואַרצע ברעמען, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אײַליק גענומען אַרויסלייגן פונעם קלומעק דעם רעשט קוכן, בולקעלעך, אייער. — עסט, סאָלדאַטן, עסט געזונטערהייט, און איך וועל גיין.

אַ שווערע שטילקייט האָט זיך אײַנגעשטעלט אינעם בלינדאַזש. עפּעס האָט יעדערער דאָ אויף זײַן אויפן דערפילט אַ נאָגנדיקע בענקעניש. עמעצער פון די סאָלדאַטן האָט זיך אָנגערופן:

— און פאַר זיך? לאָזט איבער עפּעס פאַר זיך, אין וועג אַרײַן.

— אויף דער מאַשין וועט קלעקן פאַר מיר אויך! — האָט די קאַזאַטשקע געזאָגט און זיך געלאָזט אַרויסגיין פונעם בלינדאַזש. דאָ, בא דער טיר, האָט זי יעדן סאָלדאַט געדריקט די האַנט, יעדערן טיף אַ קוק געטאָן אין די אויגן. — אויב איר וועט באַגעגענען סאַוועלי סופרו־נען, אַפילע אַ פאַרוווּנדעטן, זאָגט אים...

נעזשורקאָ איז געגאַנגען זי באַגלייטן. די סאָלדאַטן האָבן פון דער טראַנשיי געקוקט, ווי זיי גייען באַרג־אַרויף. זעמליאַניצין איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט און אויך געקוקט אויף זיי. ענד־לעך, האָט נעזשורקאָ זיך אויסגעקערעוועט און זיך געלאָזט גיין צוריק צום בלינדאַזש.

4

סערגיי איוואָלגין האָט געהאַט צאָרעס מיט זײַן „לונאַטיק“. דער אויספירער האָט געבראַכט א פּאַקעט אין שטאַב פון דער דיוויזיע און געלאָזט אף א ווײַלע אין הויף דאָס פערד אונטער דער האַזשגאָכע פון אַן אומבאַקאַנטן סאָלדאַט. צעהיצט פון האַסטיקן לויפן, האָט „לונאַטיק“ זיך צוגעכאַפּט צו א קאָרעטע מיט אײַז־קאַלטער וואַסער און זיך צוגעקילט. צו יענער צײַט, ווען דער פּאָלק האָט נאָכן קורצן אָפּרו אין דער קאַזאַקישער סטאַניצע געזאָלט פאַרנעמען נײַע שוץ־פּאָזיציעס, איז איוואָלגינס פערד געשטאַנען אין וועטערינאַרן לאַזאַרעט פון דער דיוויזיע און מע האָט עס נאָך געדאַרפט עטלעכע טעג היילן. טאַקע דערפאַר און אויך ווײַל עמעצן פונעם פּאָלק האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן מיטן יינגערן לייטענאַנט גנעושעוון, וואָס האָט געוואַרט אף א מאַרש־ראָטע, איז איוואָלגין געבליבן אין סטאַניצע. דאָ האָט סערגיי באַקומען א יעדיִע, וואָס האָט אים שטאַרק אויפגערודערט. דערנאָך האָט ער געהאַט צוויי באַגעגענישן, וואָס האָבן אף אים, יעדערע אף איר אויפן, געמאַכט א שטאַרקן רושעם. דאָס האָט עפּשער ניט געלאָזט זיך גלײַך מערקן אף אָט דעם פריילעכן יונג מיטן העלן טשוביקל, וואָס האַלט זיך ניט אונטער דעם ווינטערדיקן היטל, מיט די דרייסטע, אפילע צו דרייסטע בלויע אויגן און מיט די כיינעוודיקע זון־שפּרענקלעך, וואָס האָבן זיך צעשיט אף דער נאָז און אף די באַקן, נאָר פאַר די עטלעכע טעג אין דער סטאַניצע און דערנאָך אפן וועג צום פראָנט האָט ער א סאַך איבערגעטראַכט, א סאַך פאַרשטאַנען.

די יעדיִע, וואָס האָט אים אויפגערודערט, האָט געבראַכט מיט זיך א בריוו פון דער היים. אין דער קאַזאַקישער סטאַניצע האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרמייִשע פעלד־פּאָטשט. איוואָלגין, ווי אומעטום, ווו ער פאַרברענגט כאָטש א פּאָר שאָ, האָט שוין אויך דאָ געהאַט גוטע באַקענטע. קורץ גערעדט, זײַן בריוו האָט פאַרשפּאָרט דורכמאַכן דעם געשלענגלטן וועג אין דער דיוויזיע, אין פּאָלק, אין ראָטע, פאַרשפּאָרט איבערזײַן אפן וועג אין א סאַך הענט — טײַע, א שוואַרצכיינעוודיק מיידל, וואָס האָט געדינט אין פּאָטשט, האָט אים דעם בריוו אָפּגעגעבן גלײַך אין די הענט. דער בריוו איז געווען פון זײַן יינגערער שוועסטער, פון ניקען. צום סאָף פונעם בריוו האָט סערגיי אָנגעטראָפן אף א גרוס, וואָס האָט שוין לאַנג זיך ניט באַגעגנט אין ניקעס בריוו: א גרוס פון לענען, דער קראַנאָוושטשיצע לענען, מיט וועלכער ער האָט געאַרבעט אין איין צעך, לענע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז ער, סערגיי, איז ניט גענוג ערנסט, זיך ניט דער־וואַרט אף אים און כאַסענע געהאַט מיטן פּאַרמאָוושטשיק מישע לעגוטאָוון. איז אָט — א גרוס פון לענען. זי באַגריסט אים, סערגייען, דערמיט, וואָס מע האָט אים באַלוינט מיט א מעדאַל און וואָס ער איז שוין א יינגערער סערזשאַנט. איר מישע איז אויך אפן פראָנט. נאָר זי האָט פון אים קיין בריוו ניט. געדענקט אים, הייסט עס, לענע, סערגייען, און זי ווייסט, הייסט עס, אַז ער איז ערנסטער, ווי זי האָט געמיינט...

די באַגעגענישן, וואָס האָבן א שטאַרקן רושעם געמאַכט אף סערגייען, זײַנען פאָרגעקומען אין דער סטאַניצע. די ערשטע איז געווען די באַגעגעניש מיט ליובע דובאָק.

ליובע איז הינטער מעליטאָפּאָל פאַרווונדעט געוואָרן אין אַקסל. איצט האָט זי זיך אומגע־קערט פון שפּיטאָל — א בלאַסע, נאָר אַן אויסגערוטע. אין איר מאַרשרוט איז געווען פאַר־צייכנט אָט די סטאַניצע, ווו דער פּאָלק איז געשטאַנען. ליובע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איוואָלגינען, זיך א וואָרף געטאָן אַנטקעגן אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אָבער אין דער זעלבער רעגע זיך באַהערשט און אים דערלאַנגט בלויז די האַנט. און אַזאַ — אַי א פרײַנטלעך־צוגעלאָזטע, מיט א ליבלעכן און מילדן שמייכל, מיט אַנציקונג פאַר זײַן בעריעשאַפט, וואָס ער האָט בא יעדער געלעגנהײַט זיך געפלײַסט אַרויסווײַזן פאַר איר, אַי א צוריקגעהאַל־טענע און באַדאַכטע, ווי זי זאָל גיין מיט אים איבער גאָר א שמאָלער קלאַדקע און אויסרעכע־נען יעדן שפּאַן, — איז זי שוין געווען אין מעשעך פון די דרײַ טעג, וואָס מע האָט צוזאַמען מיט דער אונטערגעקומענער מאַרש־ראָטע זיך געפונען אין וועג, דערקלײַבנדיק זיך צו די נײַע פּאָזיציעס פונעם פּאָלק. איוואָלגין האָט גוט געדענקט, אַז דאָס איז דעם לייטענאַנט ראַזשעפּקינס מיידל, כאָטש זי האָט באַזונדערס זיך ניט נאָכגעפרעגט אף דעם וווזוואָד־קאָמאַנ־דיר. בלויז איינמאָל האָט זי דערעך־אַגעוו, ריידנדיק וועגן אַנדערע, א פרעג געטאָן: „נו, און ראַזשעפּקין?“ איוואָלגין האָט אָבער געזען, ווי אירע אויגן האָבן דערבײַ א גלאַנץ געגעבן, די מאַטעווע באַקן האָבן זיך פאַרוויטלט, זי האָט עטוואָס צעעפנט די ליפּן, באַגערנדיק, ער זאָל וואָס מער דערציילן וועגן איגאָרן... נו, האָט ער דערציילט. זי האָט געהערט א פּאָר מינוט און פלוצעם אַליין אים איבערגעשלאָגן די רייד, גענומען שמועסן וועגן עפּעס אַנדערש, קלוי־מערשט עס איז איר ניט אינטערעסאַנט.

„צוליב וואָס באַהאַלט זי זיך אַזוי אויס פון מיר?“ — האָט איוואָלגין איר פירגעוואָרפן אין געדאַנק. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, וואָס זי פאַרטרויט אים ניט. ס'איז אים געווען ניט אָנגענעם, און דאָך האָט עס אים מיט עפּעס געפרייט אויך. ער האָט ניט איין מאָל איר

געגעבן זײַן פערד, און עס האָט אים פארשאפט פארגעניגן, וואָס זי וועט ניט גיין אזויפיל צופוס. בייס מע האָט זיך אָפגעשטעלט אף נאכט אין א דאָרף — דרײַ מעסלעס, דרײַ דער־פער, — האָט ער זי אלע מאָל באשטאט נעכטיקן אין דער בעסטער שטוב, געזען, די באלע־באָסטע זאָל צוגרייטן פאר איר א גוט געלעגער. און די האנאָע פונעם געזעגענען זיך מיט ליון־בען, ווען ער גייט אוועק פונעם הויז, און זי האָט שוין אראָפגענומען דעם סאָלדאטישן פאסיק פון דער גימנאסטיאָרקע, ארויסגעלאָזט די אשיק־בלאָנדע צעפלעך פון אונטערן ווינטערדיקן היטל... און דאָס קומען נאָך איר קאיאָר, ווען זי טוט א קוק מיט אויסגערוט־פינקלענדיקע גוטע אויגן, — ווער קאָן באנעמען די פרייד פון דעם? אָבער אײַנזאפנדיק אין זיך אָט דאָס גליק, פילנדיק, ווי אָט דאָס מיידל מיט דעם שיינעם אָפענעם פאָנעם, עטוואָס א שטרענגע, א דינינקע, א שלאנקע, גייט אזוי ווי אום פראנק־און־פרײַ אין זײַן הארץ, האָט ער אויך געוווּסט, אז טראכטן טראכט זי פון ראזטשעפקינען, און פון אלע מענטשן אין פאָלק וויל זי פריִער פון אלץ זען ראזטשעפקינען. און איוואָלגינען האָט בעפיירעש געפרייט, וואָס אָט וועט ער זי ברענ־גען אין פאָלק און וועט אָנזאָגן ראזטשעפקינען די בסורע, אז ליובע איז געקומען.

אזוי איז עס טאקע געווען: אינעם ענגן בלינדאזש פון די אויסשפירער האָט איוואָלגין געבראכט דעם לייטענאנט די יעדיִע, אז די מעדיצינישע שוועסטער דובאָק ווארט אף אים באם ארײַנגאנג. איוואָלגין האָט געזען, אז אויך ראזטשעפקינען האָט ליובע בלויז דערלאנגט די האנט. זיי זײַנען א פאָר מינוט געשטאנען אונטערן רעגנדל, וואָס האָט מאראקעט, דערנאָך זיך געלאָזט גיין איבער אן אויסגעטראָטן שטעגעלע אינעם פײַכטן פיריי. איוואָלגין האָט נאָר באוויזן דערהערן, ווי דער לייטענאנט זאָגט צום מיידל:

— גוט, וואָס דו ביסט ניט געקומען שפעטער מיט א שאָ, — מיר גייען אין אויסשפיר.

די צווייטע באגעגעניש האָט איוואָלגין געהאט מיט יעווסיי שעמעטן. דעם זעלבן שעמעט, וועלכן מע האָט געפונען אינעם קעגנטאנקען־ריוו הינטער כאָריקאָווא מיטן פארבאהאלטענעם פארטיי־בילעט אונטער דער פארבלוטיקטער מארליע. שעמעט איז געקומען מיט דער מארש־ראָטע אלס א פרײַוויליקער. אין שפיטאָל איז ער געלעגן צוזאמען מיטן פאָלק־קאָמיסאר זאגאָ־רויקאָ, בא אים האָט ער זיך טאקע דערוווּסט, ווער און וויִאזוי האָט אים געראטעוועט, און באשלאָסן, אז ער וועט זיך בעטן אין יאסענעווס דיוויזיע. געווען איז ער אפן ערשטן בליק א גאנץ געוויינלעך מענטשל. א געלבלעכער, פון מיטעלן וווּקס, מיט צוגעלאָשענער פײַן אין די טונקעלע אויגן. נאָר אָט דער סאָלדאט, מיט דער שטילער, טויבלעכער שטים, האָט אין זיך געהאט עפעס א שטארקן קויעך. ער האָט זיך ניט ארויסגעשטעלט מיט זײַן באגער וואָס גיכער זײַן אין שלאכט, אפילע ניט גערעדט וועגן דעם, נאָר איוואָלגין האָט עס געפילט לויט א סאך סימאָנים: לויט דעם, ווי אקוראט ער וויקלט איבער די אָנעטשעס פארן לאָזן זיך אין וועג — „מע דארף דערגיין מיט געזונטע פיס“, ווי ער רייניקט די ביקס יעדן אָוונט נאָכן מארש. איצט איז שעמעט געוויס אין זעמליאניצינס ווזוואָד, וווּהין ער האָט געבעטן, מע זאָל אים פארעכע־נען, בייס מע איז געווען אין שטאב. און א טראכט טוענדיק בא זיך: „איך וועל אויך גיין מיטן ווזוואָד אין אויסשפיר, איך בין ניט מיד“, — האָט איוואָלגין געהאט פאר די אויגן שעמעטן מיט זײַן אנטשלאָסנקײַט, מיט דער פארביטערונג און דעם האס, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך אהער, אפן פראָנט.

5 דער מאָסקווער דיקטאָר, וועלכער גיט איבער דורך ראדיִאָ מאטעריאלן פאר די צײַטונגען (ער רעדט אזוי פאמעלעך, צעצויגן, ברענגט ספעציפיש דײַטלעך ארויס יעדער קלאנג, מע זאָל קאָנען אלץ פארשרײַבן — טשארנע שטעלט זיך פאָר, אז ער איז א הויכער, א שטרענגער, מיט אינטעליגענטיש־דינע פינגער, געלע פון טוטין), דער דיקטאָר האָט געמאָלדן, אז ביז נײַן אין אָוונט וועט מען קיין נײַעס פאר די צײַטונגען ניט איבערגעבן און אז מע זאָל זײַן גרייט אופצונעמען מאטעריאלן א גאנצע נאכט. טשארנע האָט פארשטאנען, וואָס פאר א מאטעריאל דאָס וועט זײַן — דער פאָרטראָג אף דער פײַערלעכער זיצונג פונעם מאָס־קווער ראט, — און איר הארץ האָט פריידיק־אומרויִק אופגעפלאטערט.

זי האָט אויסגעשלאָסן דעם ראדיִאָ־אופנעמער. אז די באטארייעס זײַנען נאָך נײַ, פארגינט זי זיך אמאָל, נו, טאקע אף גאָר ניט לאנג, הערן א גוטן קאָנצערט, פיאנע שפילן, אָבער איצט האָבן די באטארייעס זיך היפש געזעצט און מע קאָן זיך אזא פארגעניגן ניט דערלויבן. טשארנע איז איינע אליין געבליבן אינעם צימער פון דער רעדאקציע. פאשטשענקאָ — דער ליטערארי־שער מיטארבעטער — איז אוועק אף די פאָזיציעס; נעפיאָדאָוו — דער סעקרעטאר — האָט ערגעץ געשריבן דאָס יאָמטעוודיקע לייטארטיקל, — ער זוכט אלעמאָל א שטיל ווינקל; קוקא־

רין איז, מיסטאָמע, אין פּאַליט־אָפּטייל. ווידער איבערקוקן די אָפּצוגן פֿון דער קאָרעקטור? ניט קעדײַ מיד מאַכן די אויגן, אין צימער איז האַרבסטיק־טונקל, כאָטש עס איז ערשט דרײַ באַטאָג. שפּעטער וועט זי אָנצינדן שײַן און שוין לייענען די פּאַרוויאָרסטעוועטע זײַט. אָט איצט, ווען ס׳האָט זיך געשאַפֿן א פּאַוזע אין דער אַרבעט און ס׳איז ניטאָ אין צימער קיינער, מיט וועמען זי וואָלט געקאָנט פּאָשעט כאַפּן א לײַכטן שמועס, דאָס האַרץ זאָל אַזוי ניט נאָגן, איצט האָט טשאַרנע געפּרוּווט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל געבן זיך אַליין אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וואָס האָט זי געפּײַניקט אַזוי אָפֿט (מיילע, אָפֿט צי ניט אָפֿט, נאָר אָט די לעצטע צוויי טעג — אָן אויפֿהער): ווי האַלט זי מיט דאַניִעלן, צי דערוואַרט זי עפּעס פֿון אים און צי האָט זי רעכט און א גרונט אויף עפּעס וואַרטן?

איינס איז קלאָר געווען: דאַניִעל איז איר טײַער, טײַער אַזוי, ווי קיינמאָל ניט ביז איצט. אין די ערשטע יאָרן פֿון זייער ליבע, ווען זי איז גרייט געווען אַפֿילע אוועקלאָזן זיך מיט אים אויפֿן פֿראָנט, יעדנפֿאַלס, דערפֿון האָט זי געטרוימט, איז ער איר אויך טײַער געווען, נאָר דעמאָלט האָט זי זיך אַליין קיין כעזשבן ניט אָפּגעגעבן אין איר יוגנטלעך געפֿיל. איצט איז איר ליבע צו דאַניִעלן געווען א נײַע, א באַזיניקטע און א פֿאַרשיקערנדיקע, איינצײַטיק א פֿאַרצווייפֿלטע און ניט קיין דרייסטע. ווען זי זאָל אַפֿילע קיינמאָל ניט געווען אים ליב האָבן, ניט קענען, וואָלט זי אים אַלציינס איצט ליב באַקומען. אַזוי האָט זיך איר געדאַכט. אָבער אַלעמאָל האָט זי זיך געפֿרעגט: „נו, און ער?" און געענטפֿערט: „אויף גאָרנישט קאָן איך ניט האָפֿן, כ׳קאָן ניט און טאָר ניט". און נאָך האָט זי אָפֿט געטראַכט: „אַזאַ שווערע צײַט, אַזויפֿיל אומגליק אַרום אונדז. צי דען קאָן איצט די נאָענטקײַט מיט דאַניִעלן, וואָס איך זוך, זײַן א טרייסט? צי קאָן זי האָבן אַן עמעסע ווערט פֿאַר אים, פֿאַר מיר?" זי איז אָבער געווען איינזאַם, טשאַרנע, און אָט די איינזאַמקײַט האָט איר געגעבן רעכט אויף די טרוימען וועגן דאַניִעלן.

זי האָט שוין געוווּסט: ער זוכט דאָס ווײַב, די טאָכטער און דעם זון. קאַראַטײַ האָט איר דערציילט וועגן דעם. קאַראַטײַ איז הײַנט דורכגעגאַנגען לעבן סאַמע פֿענצטער און איז ניט אַרײַן צו איר. ס׳איז געווען מיט א קנאַפּער שאָ צוריק. עמעס, זי איז פּונקט געזעסן בא דער ראַדיִאָ און וואָלט אַלציינס ניט געקאָנט ריידן מיט אים. ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם אַנטקעגנדיקן הויז, וווּ עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די פֿעלד־פּאָטשט. מיסטאָמע האָט ער באַקומען א בריוו. זי, טשאַרנע, האָט אויך דערהאַלטן א בריוו — שוין פֿיר טעג, אַז ער ליגט אין קעשענע. דער בריוו איז פֿון שאַוועלען, דעם געוועזענעם מאַן אירן — פֿון זעליקן. ער האָט זי אָפּגעזוכט און פֿרעגט זיך נאָך אויפֿן זון, אויף שוניען. ער פֿרעגט, ווו איז שוניע, דאַן ווען זי וואָלט עס בא אים געדאַרפֿט פֿרעגן. מע וועט אים פֿונדעסטוועגן מוזן ענטפֿערן: זאָל ער אויך זוכן שוניען.

אָט וועגן וואָס זי וואָלט וועלן אויסריידן זיך דאָס האַרץ פֿאַר דאַניִעלן. נאָר אַוואַדע דאַרף זי בעסער שווײַגן וועגן דעם אַלעמען — צי דען האָט זי קיין שטאָלץ ניט? דאַניִעל איז דאָ הײַנט צוויי מאָל דורכגעפֿאָרן. איין מאָל אין א רעגנמאַנטל, דאָס צווייטע מאָל, אויף צוריק, אין א בורקע. עס קאָן ניט זײַן, ער זאָל ניט וויסן, אַז זי איז דאָ, אינעם יישעוו, אין דער דרוקערײַ. ער האָט אַפֿילע געקוקט אַהער אויף די פֿענצטער. זי האָט אים קוים דערקענט אין דער בורקע. זי פּאַסט אים. ווי פּעסט און לײַכט ער זיצט אין זאָטל. דאַניִעל... נו, ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז אָט דער יונג מיטן לענגלעכן ברוינעם פּאָנעם, א פּראָסטלעכער א ביסל, וועט זיך אַזוי ענדערן... עפּשער האָט זי דעמאָלט, אויפֿן בריקל בא דער סאַזשלקע לעבן ליובאַטשער פּאַלאַץ, פּאָשעט אויס מיידלשער פֿאַרשײַטקייט געלאָזט, ער זאָל זי א קוש טאָן? און ווי גוט ס׳איז איר געווען, ווען אָט דער געזונטער יונג איז געשטאַנען א פֿאַרלוירענער לעבן איר און ניט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן זיך נאָכן קוש... ניין, וואָס איז דאָ שײַעך צו ריידן, זיי האָבן זיך טאַקע ליב געהאַט. זי, טשאַרנע, האָט אים ליב געהאַט. נאָר אָט זײַן פֿאַרלוירנקײַט, יענע ערשטע פֿאַרלוירנקײַט, איז ווי פֿאַרבליבן בא אים אויף שטענדיק. זי האָט טאָמיד געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער האָט זי שטאַרקער ליב, איידער זי אים. זאָל זײַן, אַז אין דעם איז באַשטאַנען איר טאָעס? ניין, זי ווייסט גוט, אין וואָס איר טאָעס איז באַשטאַנען. די סיבע איז א סאַך טיפֿער. אָבער דאָס, וואָס ס׳האָט צו דעם טאָעס געבראַכט, איז שוין לאַנג צעמאָלט געוואָרן ווי שטויב, און עס אַרט זי ניט. טאַקע דערפֿאַר איז אַזוי פֿריש איצט איר געפֿיל צו דאַניִעלן, זאָל זײַן אַפֿילע, אַז זי האָט ניט וואָס אויסצורעכענען אויף אַן ענטפֿער־געפֿיל פֿון זײַן זײַט.

דאָס, וואָס זי האָט ענדלעך קלאָר באַנומען דאָס געפֿיל, וואָס האָט לאַנג ניט געלאָזט זי צורו, האָט טשאַרנען ווי אַן אינערלעכן שטויס געגעבן. זי האָט מיטאַמאָל אַרופֿגעוואָרפֿן אויף זיך דאָס שאַלעכל פֿון ווײַנשל־קאָליר, אָנגעטאָן דעם שינעל, זי האָט אַפֿילע געכאַפּט א קוק אינעם שטיקל שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אויפֿנעמער: א ווײַס פּאָנעם (זי איז אַזוי בלאַס,

ווײַל דאָס ווירקט דער פּײַכטער האַרבסט אַף איר, צי ווײַל זי ערגערט זיך?), לענגלעכע שווארצע אויגן מיט א מידלעך־וואכן בליק, עטוואָס געבראָכענע טונקעלע ברעמען, צוויי קנייטשן אונטער די אויגן, אָבער נאָך גאַנץ לײַכטע, בא די מויל־ווינקלען — גריבעלעך, אַמאָל זײַנען זיי געווען טיפע, קײַלעכיקע, איצט — קוים מע זעט זיי. פיקסירט דאָס אַלץ א רעגע, צוויי און אַזוי טאַקע ניט אָפּגעגעבן זיך קיין כעזשבן, צי זי איז געבליבן צופרידן מיט זיך, צי זי איז א ביסל אַנטוישט, — האָט טשאַרנע פּאַרוקט עטוואָס ווײַטער די שוואַרצע לאָקן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטערן שאַלעכל. איצט איז געבליבן בלויז אַרײַנרופן דעם שאָפער אַלעקסייעוו, ער זאָל זיצן אין רעדאַקציע — טאָמער וועט קלינגען דער טעלעפאָן, — און זי קאָן שוין אַרויס אַף דער בלאָטיקער גאַס, ווו די ערד איז אויסגעמישט מיט שלאַק און אַנטראַציט. זי האָט געוווּסט, ווו דאַניעל שטייט אײַן, געוווּסט אויך, אַז זי וועט אים ניט טרעפן אין דער היים. נאָר אַזוי איז אפילע בעסער: זי האָט בלויז געוואָלט א קוק טאָן, ווו ער וווינט, און זאָל ער וויסן, אַז זי געדענקט וועגן אים.

געקומען איז טשאַרנע מיט א טערעץ:

— וויכאָרעוו איז גאָר ניטאָ, כאָווער קאַראַטײַ? ניטאָ דער קאָמיסאַר? ער איז דאָך געזעסן אין דער היים, ניט געטאָרט אַרויסגיין. איך האָב אים געוואָלט פרעגן, צי האָט ער באַקומען עפּעס פון מאַריאַ אַנטאָנאָוונען? זינט זי איז פון קוסטאַנײַ אַריבערגעפאָרן אין קאָלווירט, האָב איך פון איר ניט קיין אײַנגעטונקטע פען.

מ'האָט געזען, אַז קאַראַטײַ איז מאַמעש איבעראַשט פון דעם גאַסט. ער איז געשטאַנען עטלעכע רעגעס אינמיטן צימער, ניט רירנדיק זיך פון אָרט. באַם פענצטער איז געזעסן א פרוי צי א מיידל פון א יאָר עטלעכע און צוואַנציק, מיט א פּראָסט, נאָר שיין, געזונט־פאַרויטלט פּאָנעם. א רוסיאַוווער צאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען אַף איין אַקסל. אַף די קני בא איר איז געלעגן א מיליטערישער פרענטש, עפּעס האָט זי דאָרט פאַרנייט באַם אַרבל.

— דער קאָמיסאַר? — האָט קאַראַטײַ איבערגעפרעגט; ער האָט געהאַלטן איןביידע הענט א טעצעלע מיט זייף, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעשטעקט א בערשטעלע אַף גאָלן זיך. — דער קאָמיסאַר וועט דאָ אײַנזיצן? עהע, ער טראָגט זיך שוין אום ווייס איך ווו... אַז ער האָט זיך געזעצט גאָלן, האָב איך פאַרשטאַנען: מע וועט אים דאָ ניט אײַנהאַלטן! — געקומען א קאַפּעלע צו־זיך, האָט דער אָרדינאַרעץ א וואָרף געטאָן זיך נעמען א בענקל: — זיצט, טשאַרנאַ גריגאָריעוונאַ... אַזאַ גאַסט...

טשאַרנע האָט זיך אַוועקגעזעצט ניט ווײַט פון דער טיר, פונדאַנען נאָכאַמאָל א קוק געטאָן אַף דער פרוי באַם פענצטער און ערשט דאָ באַמערקט: אַפן קאָלנער פונעם פרענטש זײַנען פון ביידע זײַטן אָנגעטשעפּעט צו צוויי שפּאַלעס — ס'איז דאַניעלס פרענטש.

קאַראַטײַ האָט עפּעס גערעדט וועגן וועטער — אָט אַזוי־אָ קאָן עס דאָ גיסן און גיסן. כאָטש די היגע אײַנוווינער זאָגן, אַז אין די דאָזיקע ערטער איז א פריִער ווינטער אויך ניט קיין נאָווינע, — און טשאַרנע, הערנדיק מעכאַניש זײַנע רייד, האָט געטראַכט, אַז אָט נייט א פרעמדע פרוי אײַן דעם אַרבל פון דאַניעלס פרענטש און ווייסט ניט, מיט וואָס פאַר א פרייד זי, טשאַרנע, וואָלט עס געטאָן... טראַכטנדיק אַזוי, האָט זי געוואָלט פאַרטויבן אין זיך דאָס קוים דערוואַכטע אייפער־געפיל: אַזאַ, ווי די דאָזיקע, קאָן געפעלן ווערן.

די יונגע פרוי האָט א פּאָר מאָל געוואָרפן א בליק אַף טשאַרנען — רויִק, נאָר מיט פאַרבאָרגענעם אינטערעס. טשאַרנע האָט עס אויפגעכאַפּט און אין איר האָט שטאַרקער זיך צעברענט דאָס געפיל פון אייפערזוכט. זי האָט זיך באַמיט אָפּווענדן דערפון מיט קלייניקײַטן: אָט שטייען בא דעם בעט שטיוול — דאַניעלס צי וויכאָרעווס? א רעגנמאַנטל טריקנט זיך אַף דער פּליטע — דאָס איז זיכער דאַניעלס מאַנטל; קימאַט א ליידיק מאַכאָרקע־שאַכטעלע אַפן טיש — דאָס קאָן זײַן קאַראַטײַס, און מעגלעך, אַז ס'איז וויכאָרעווס, — דאַניעל רייכערט ניט... וואָס נאָך? אייגנטלעך, מער גאָרניט... אָט דער פרענטש. איין מאָל נאָר איז איר אויסגעקומען טאָן אַזאַ זאַך פאַר דאַניעלן — פאַרנייען אים א טשעפּ אַפן העמדל. ער האָט עפּעס געהאָלפן איבערוקן בא איר אין שטוב און צעריסן דאָס העמדל...

קאַראַטײַ האָט שוין גערעדט פון עפּעס אַנדערש:

— און הײַנט אינדערפרי... איר זעט, אָן־אָ, טאָדאָסקע נייט — איר ווייסט כאָטש, וואָס דאָס איז, טשאַרנאַ גריגאָריעוונאַ? מיר זײַנען געווען מיטן מאַיאָר אין א באַלקעלע אַף דער פאָדערשטער ליניע. א בלאָטיק באַלקעלע. איך שפּאַן מיר גלײַך אין מײַנע קירזאָווע שטיוול, און די מאַיאָרן — קרעמעז און לעמעכאָוו — זײַנען געגאַנגען אין א זײַט, געוואָלט אויסמײַדן א קאַליוזשקעלע, און דער גערמאַנעץ, א נעכפּע אַף אים, טוט פּונקט א שטעפּ. טראַך! — ער זיצט דאָרט נאָענט לעבן אונדז — צווײַגעלעך טוען זיך א שאָט פון א ווילדן עפּלבוים, און בא דאַניעל זאַכאַראָוויטשן, זע איך, גיט א שפּרונג אָפּ א שטיקל רעגנמאַנטל פּונקט אונטער דער

לינקער פאכווע — נאָך א גליק, וואָס ער האָט אקוראט אין דער מינוט אויסגעשטרעקט די האנט...

טשארנע איז צוגעגאנגען צו טאָדאָסקען און בא איר אין די הענט באקוקט דעם פּרענטש, די דינע שטעפּ, וואָס זי מאכט מיט גרינע פעדעם ארום דעם אויסגעבערענטן לעכל. זי האָט א קוק געטאָן אויך אין טאָדאָסקעס אויגן, גוטע, יונגע, מיט גרינע זערנעלעך אין דער טיף. גרויסע געטרײַשאפט האָט ארויסגעלויכטן פון די דאָזיקע אויגן, און טשארנען איז עפּעס אָן א ברעג גוט געוואָרן.

זי האָט זיך גענומען געזעגענען. דערלאנגט טאָדאָסקען מיט א שמייכל די האנט און גע־זאָגט קלוימערשט אופגעלייגט, נאָר א טראָפּנדל בײַסיק:

— לאָמיר זײַן באקאנט, אויב קאראטײַ שטויסט זיך אַלץ ניט אָן אונדז צו באקענען: סעגאל...

— טשארנא גריגאָריעוונא! — האָט קאראטײַ אין פארלעגנהײַט צעפירט מיט די הענט. טאָדאָסקע האָט זיך שטארק פארויטלט, נאָר א צופרידענע געזאָגט:

— זייער אָנגענעם. אוגלינא.

קאראטײַ האָט באגלייט טשארנען ביזן גאנעקל, און דאָ האָט ער זי אָנגענומען פאר א האנט:

— טשארנא גריגאָריעוונא, גיט אן אייצע.

— וואָס איז געשען?

— איך האָב הײַנט אָפּגענומען אין פּאָטשט א קארטל פון בוגורוסלאן פארן מאיאָר. ניטאָ זײַן מישפּאָכע, ניט פארעגיסטרירט אין ערגעץ. עפּשער ניט ווײַזן אים אצינד דאָס קארטל — מע גייט אין שלאכט...

טשארנע האָט געשוויגן א מינוט, געקוקט, ווי עס צוקט זיך עטוואָס קאראטײַס שיטערע וואָנצע אף דער באק, און געטראכט, אז ס'איז גוט צו האָבן אָט אזא פרײַנט. זי האָט געזאָגט:

— עס איז א נײַס, וואָס איר וועט זי נאָך באווײַזן אים אָנזאָגן. — און מיט פארביטערונג, וואָס האָט קוים א קלונג געטאָן אין איר שטים: — ווער עס זוכט און געפינט ניט, און ווער עס זוכט ניט, און מע געפינט אים...

קאראטײַ האָט ניט באוויזן צו פרעגן, וואָס זי מיינט דערמיט. זי האָט אפגיך זיך אראָפּגע־לאָזט פון די דרײַ טרעפּלעך און איז אוועק איבער דער גאס.

6

דאָס דונערן, וואָס האָט טויב, נאָר קימאט אָן אופהער פון אינדערפרי אָן זיך גע־לאָזט הערן צו צאָפן פון דאניִעלס פּאָלק (א קילאָמעטער פופצן — אכצן פונדאנען האָט מען אָפּגעשלאָגן דעם סוינעס גאנץ שטארקע טאנקען־אטאקעס), האָט מיטאמאָל, אזייגער פיר באטאָג, זיך אריבערגעוואָרפן גלײַך אף מײַרעוו, צו גיבײַדולינס פּאָלק און צו די פּאָלקן פון דער שכײנישער דיוויזיע, וועלכע האָבן פארנומען די פּאָדער־פּאָזיציעס פון רעכטס און פון לינקס. ניט נאָר די ערשטע שוץ־ליניע, אויך די צווייטע איז גלײַך ארומגעכאפּט געוואָרן מיט פײַער. יאסענעוו האָט פון זײַן באאָבאכטונג־פונקט אָנגעקלונגען דאניִעלן:

— דאָס איז שוין קיין ניט דעמאָנסטראציע! ער איז דאָ ארײַן, קלייסט, מיט אלע קאָפּיטעס!

אף פארשיידענע באצירקן פון די צען — צוועלף קילאָמעטער, אף וועלכע דאָס פײַער האָט באזונדערס שטארק געבושעוועט, האָבן די באאָבאכטער אינגיכן אָנגעציילט בא הונדערט דײַ־טשישע טאנקען. דאָס האָט געשטימט מיט די יעדיִעס פון דער אויסשפּירונג. זעט אויס, אז דער סוינע האָט איבערגעלאָזט בא זיך גאָר א קליינעם רעזערוו. ארטילעריע פאר אזא אטאקע איז אָבער בא די דײַטשן געווען ווייניקלעך. בלויז א גערניטער אויער האָט דאָס געקאָנט דערשפּירן אינעם געהילך און געדונער פון דער אָנוואקסנדיקער שלאכט. שטשוסיעוו האָט אין טעלעפאָן געשריגן צו דאניִעלן:

— מיט אוגערקעס ווארפט ער זיך גאנץ שפּאָרעוודיק, הא, קרעמעז!

„אוגערקעס" הייסט אף שטשוסיעווס לאָשן סנאריאדן, שווערע סנאריאדן. לײַכטע הייסן „אוגערקעלעך".

צוגעביסן, ווי זײַן שטייגער איז, א ביסל די אונטערשטע ליפּ, האָט דאניִעל געקוקט אין דער סטערעאָ־טרויב, דערנאָך האָט ער שוין געזען פּאָשעט פון דער טראנשיי: דער סוינע בא־שיסט אינטענסיוו די פאלשע שוץ־ליניע באם טײַכל, אף די עמעסדיקע פּאָזיציעס ווערט גע־ריכטעט גאָר א קליין פײַער. קיין שמייכל האָט זיך ניט געקאָנט באווײַזן אפן געזיכט פונעם פּאָלק־קאָמאנדיר אין אָט די מינוטן, ווען די שלאכט איז מיט אזא קראפט אָנגעוואקסן און דעם סוינעס טאנקען, ווי שווארצע אונטערשפּרינגענדיקע קעסטעלעך, האָבן דאָ און דאָרט זיך

באוויזן צווישן די פֿײַער־אופבליצן און וואָלקנס רויך, אָבער ערגעץ טיף אין אים האָט דער דאָזיקער שמייכל שוין געלעבט. ס'האָט דערין זיך אנטפּלעקט די זיכערקײַט פון א מענטשן, וועלכער האלט בייס א שטורעם פעסט דעם רודער אין האנט. עס האָט דאניִעלן זיך דערמאָנט די שלאכט באם דאָרף טשערעפּקאָווא, — אגעוו, איז דאָרט דער רעליעף פונעם באָדן געווען קימאט אזא, ווי דאָ. דעמלט, פארנאכט, ווען דער גענעראל האָט אים שוין געזאָגט, אז מע דארף אָפּטרעטן, און ער, דאניִעל, איז, א טיף דערצאָרנטער, געשטאנען אפן בארג, האָט ער געוווּסט, אז ערגעץ וועט זי זײַן, די ליניע, וואָס דער סוינע וועט, ווי אין א דאמבע, זיך אָנשטויסן אין איר און נעמען פלייצן אָף צוריק. אָט דאָ וועט עס זײַן... דאניִעל האָט בלויז אייך ווײַלע געטראכט וועגן דעם, נאָר דאָס געפיל, אז עפּעס האָט זיך געענדערט אין דער מילכאָמע, איז בא אים שוין פארבליבן אין מעשעך פון דער גאנצער שלאכט, וואָס האָט דערנאָך, א שווערע, א בלוטיקע, געדויערט העכער א מעסלעס.

דערווײַל האָט איבערן שלאכטפעלד זיך באוויזן דעם סוינעס אוויִאציע: שטורמאָוויקעס און באָמבארדידער — גאָר נידעריק, מעסערשמידטן — העכער, אונטער די גרויע וואָלקנס, אין וועלכע זיי זײַנען אָפּט, ווי שאָטנס, פארשוווּנדן. ווידער איז אטאקירט געוואָרן די פאלשע שוץ־ליניע, ווו עטלעכע סאָלדאטן האָבן געוואָרפן ראקעטעס, געצונדן רויך־שאשקעס. אונדזערע עראָפּלאנען האָבן זיך באלד א לאָז געטאָן אנטקעגן די דײַטשישע, און ס'האָט איבער די פּאָזיציעס פונעם פאָלק זיך אָנגעהויבן א לופט־שלאכט.

דײַטשישע טאנקען זײַנען אינעם בראָד אריבער דאָס שמאָלע טײַכל, אײַנגעשניטן זיך אין דער ערשטער ליניע אָקאָפּעס און טראנשייען. עטלעכע טאנקען האָבן אָנגעטראָפן אָף מינעס, ארײַנגעפאלן אין פארמאסקירטע גריבער, נאָר א טייל האָט גענומען ארומבייגן אָריסיעס קורגאן, פארקערעוועט צו די פעלד־וועגן, וואָס האָבן געפירט אין ראיאָן־שטעטל. שטשוסיעוו האָט ארויסגעלאָזט אָף די דאָזיקע טאנקען שווערע ארטילעריע־זאלפן, עס האָבן געשאָסן אונדזערע טאנקען, וואָס זײַנען געווען פארגראָבן אָף די בארג־ראנדן, דאָ און דאָרט האָבן סאָלדאטן גע־וואָרפן גראנאטעס. און ווי פון אָט דעם מעכטיקן פײַער, וואָס איז פון אומעטום געפלויגן מיט א געוואָי און א געפײַף, האָבן די וואָלקנס אָף מײַרעוו זיך צעשפּאָלטן און פון הינטער זיי האָט געגעבן א קוק ארויס א האלבע רייף פון דער זון. עטלעכע ברייטע פאסן שײַן האָבן איבערן טונקעלן הימל א פלייץ געטאָן צו דער ערד, ווי א גרוס, אז די וועלט איז א וועלט און זי גייט ניט אונטער.

די מארש־ראָטע, וואָס גנעושעוו און איוואָלגין האָבן געבראכט, איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין דאניִעלס פאָלק — די אנדערע פאָלקן זײַנען קאָמפּלעקטירט געוואָרן נאָך בייס מע איז גע־שטאנען אָף אָפּרו. יעדערער פון דאניִעלס שיסער־באטאליאָנען האָט באקומען א וווזוואָד. דאָ, אין די באטאליאָנען, זײַנען די נײַגעקומענע — צו צוויי, צו דרײַ — געשיקט געוואָרן אין די אָפּטיילונגען. די נײַינקע האָבן געדארפט געבראכט ווערן צו דער מיליטערישער שוועע. די שלאכט האָט זיך שוין אָנגעהויבן, האָט מען געמוזט זיך צעווײַלן דערמיט. אין די ראָטעס פון סאָקאָליִעצס באטאליאָן זײַנען אוועק דער קאָמיסאר מאלאכאָוו, דער קאָמסאָרג לוקוטין און דער פּארטאָרג נוזשדאָוו. אָבער דעם פּארטאָרג האָט מען באלד געבראכט צוריק א שווער־פארווּנ־דעטן אין דער ברוסט, און ווײַל וויכאָרעוו איז דאָ געווען אפן קאָמאנדע־פונקט פון באטאליאָן, איז ער אוועק אין סאבלינס ראָטע, וווהין נוזשדאָוו איז ניט דערגאנגען.

ביזוואנען ס'האָט געדויערט די ארטילעריע־צוגרייטונג, זײַנען די שלאכטלײַט געזעסן אין די בלינדאזשן. אין די קרומע, טיפע טראנשייען האָט מען געקאָנט טרעפן בלויז באָאָבאכטער — די פענעמער אָנגעשטרענגט, פארשפּריצט מיט בלאָטע, פארשווארצט פונעם אש, וואָס האָט זיך געטראָגן אינדערלופטן. אינעם אומגעהייערן ראש איז אומעגלעך געווען הערן א וואָרט אפילע, האָט וויכאָרעוו בלויז פארהאלטן זיך לעבן יעדן באָאָבאכטער א מינוט, א האלבע מינוט, שווײַגנ־דיק געקוקט אהין, וווהין יענער האָט געקוקט, איינעם א דריק געטאָן די האנט, דעם צווייטן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ווײַטער געגאנגען.

אין די האלב־פינצטערע בלינדאזשן, געפּעסטיקטע מיט קורצע קלעצער, וואָס ווערן גענוצט אין די שאכטעס, האָט וויכאָרעוו יעדן פון די נײַע שלאכטלײַט געגעבן א בלעטל מיטן אָפּגע־דרוקטן טעקסט פון דער שוועע און געהייסן לייענען אין דער הייך. מע האָט געלייענט וואָרט בא וואָרט. אויך יענע סאָלדאטן, וועלכע זײַנען שוין געווען אין שלאכט, האָבן זיך צוגעהערט, ניט בלויז ערנסט, שטרענג, ווי דער מאָמענט האָט געפאָדערט, נאָר מיט טיפן פײַערלעכן אינטערעס.

צולעצט האָבן די שוועע געגעבן די נײַע סאָלדאטן פון נעזשורקאָס אָפּטיילונג.

— אלץ פארשטאנען? שרײַבט אונטער, — האָט וויכאָרעוו זיך געווענדט צו זיי.

מע האָט זיך אונטערגעשריבן שווײַגנדיק. בא איינעם האָט עטוואָס געציטערט די האנט,

וואָס האָט געהאַלטן די פען, — עס טרעפט אַזוי אויך. אַ צווייטער האָט נאָכן כאַסמענען אַ שמייכל געטאָן, ווי אַן עמעסער כוואַט, אַ דריטער האָט פאַריכט עפּעס אַ קלייניקייט פון זײַן אַמוניציע, און דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון זײַן אינערלעכער קאָנצענטרירטקייט.

— שעמעט! — האָט וויכאָרעוו אויסגערופן.

פאַר אים איז שטיין געבליבן אַ מענטש פון אַ יאָר פינף און דרײַסיק, מיט טונקל־לויכטנדיקע אויגן אויפן אויסגעבלייכטן פּאָנעם.

— פונוואַנען?

— איצט פונוואַנען? פונעם שפּיטאָל.

— זײַט איר, הייסט עס, געווען אין שלאַכט? שוין געגעבן די שוועו?

— ניין, איך גיי דאָס ערשטע מאָל.

נעזשורקאָ האָט אין עטלעכע ווערטער דערציילט, ווער שעמעט איז. דער סאָלדאַט האָט מיט אויפגעוועקטן ווייטעק, אָבער געדולדיק געקאָסיעט די אויגן צו דער טיר — עטלעכע נאָענטע אויפרײַסן האָבן געוויגט דעם בלינדאַזש.

— איך געדענק... — מער האָט וויכאָרעוו גאָרנישט באַוויזן צו זאָגן. אין בלינדאַזש איז האַסטיק אַרײַנגעלאָפן זעמליאַניצין.

— כאַוועו קאָמיסאַר! — האָט ער אַ פאַרסאָפּעטער אויסגעאָטעמט. — כאַוועו קאָמיסאַר! — און מיט ביידע הענט אַ מאַך געטאָן צו די סאָלדאַטן: — די דײַטשן האָבן זיך דורכגעריסן! טאַנקען! פאַרכאַפּט די פלעשער, גראַנאַטעס!

שוין אין דער טראַנשיי, אויף דער קאָלבע פון זײַן ביקס, וואָס איז גלײַך פּײַכט געוואָרן פונעם קאָסע רעגנדל, האָט שײַע שעמעט זיך געכאַסמעט אונטער דער שוועו. אין רויך און אין פײַער האָבן אויפן מיזרעכדיקן ברעג פונעם טײַכל זיך באַוויזן דעם סוינעס טאַנקען. צווישן זיי זײַנען הײַפלעכווײַז געלאָפן די דײַטשישע אויטאָמאַטלער. וויכאָרעוו האָט באַהאַלטן דאָס בלעטל מיט דעם טעקסט פון דער שוועו אין בוזעם־קעשענע פון שינעל און פון דער נישע אין טראַנשיי גענומען אַ צינד־פלאַש. שעמעט האָט אויך גענומען אַ פלאַש, אָפּגעווישט מיט דער דלאָניע די ערד פונעם דנאָ און אוועקגעלייגט די פלאַש לעבן זיך. דערנאָך איז ער צוגעפאַלן צו דער ביקס און גענומען שיסן. זײַן אײַנגעבויגענע פּלייצע האָט אויפגעציטערט בײַ יעדן שאָס.

7

אָריסיעס קורגאַן איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון מיזרעך. אינעם טאָל פאַר דעם קורגאַן און אויף דעם ליימיק־ווײַסן שיפּוי, ווו עס האָבן זיך געשלענגלט צוויי טראַנשייען, זײַנען געבליבן נײַן אונטערגעקלאַפּטע און פאַרברענטע דײַטשישע טאַנקען. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, נאָר מע האָט געזען, ווי עס טליִעט אויף זיי די פאַרב מיט פײַער־שלענגעלעך, ווי עס שפּאַרט אַ רויך פון די אָפענע ליוקן. דעם סוינע האָט אָבער זיך אײַנגעגעבן אַרײַנעמען דעם קורגאַן אין קלעמען. רויפּע־קייטן האָבן געגרילצט אויף די מיזרעכדיקע שיפּוים, מאָטאָרן האָבן געהודזשעט, אויטאָמאַטלער האָבן זיך צעזייט איבער די צעשוועקטע קאַנאַוועס, פאַרטײַעט זיך הינטער די שטיינער. אויפן קורגאַן איז געבליבן סאַבלינס ראָטע און צוויי ראָטעס פון גיבײַדולינס פּאָלק, וואָס האָבן אַהין זיך צוריקגעצויגן. געווען זײַנען דאָרט נאָך דרײַ פּאָלקהאַרמאַטן, אַ קעגנטאַנקען־האַרמאַט און עטלעכע מינענוואַרפער. וועגן דעם אַלעמען האָט געבראַכט אַ יעדיִע אין פּאָלק דער לעצטער פאַרבינדלער פונעם קורגאַן.

נאָך דעם, ווי די דײַטשן איז געלונגען אַרומבייגן אָריסיעס קורגאַן, האָט דאַניִעל ניט אַריבערגעטראָגן זײַן קאָמאַנדע־פּונקט אויף מיזרעך. ער איז געבליבן אויף די פּאָזיציעס פון סאָקאָליעצס באַטאַליאָן. גיבײַדולין, דער קאָמאַנדיר פונעם שכײַנעסדיקן פּאָלק, וואָס האָט אויפגענומען דעם ערשטן קלאַפּ און איז געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן, האָט זיך אײַנגעאָרדנט אויף דעם קאָמאַנדע־פּונקט, וואָס דאַניִעל האָט געהאַלטן אין רעזערוו.

אָן איבעריקער נערוועזקייט, זייער זאַכלעך איז געטאָן געוואָרן דאָס, וואָס האָט געדאַרפט געטאָן ווערן, קעדיי די דײַטשן זאָלן נישט נאָר ניט קאָנען ווײַטער אַנטוויקלען זייער דערפאָלג, נאָר עס זאָלן פאַרניכטעט ווערן די טאַנקען און די אויטאָמאַטלער, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן אויפן קורגאַן. עס זײַנען בלאָקירט געוואָרן די דורכבראָכן אויף די פלאַנגען פון ביידע זײַטן קורגאַן — שטשוסיעוו האָט ווי אַראָפּגעלאָזט איבער זיי פײַערדיקע פאָרהאַנגען. עס איז דאָ צוניִץ געקומען די דערפאַרונג פונעם צוריקמאַרש, דאָס קענען אָפּרײַסן זיך פונעם סוינע באַנאַכט, אָפּערירנדיק אויף דער פּאָדערשטער ליניע מיט קליינע שלאַכט־גרופּעס. אַזעלכע באַוועגלעכע גרופּעס האָבן איצט אַרויסגערופן אויף זיך דאָס פײַער פונעם סוינע, וואָס האָט פאַרנומען די מיזרעכדיקע זײַט פונעם קורגאַן, און אַליין אָדער מיט דער הילף פון אַרטילעריע האָבן זיי פאַרניכטעט די דײַטשן. קיין נײַע טיילן האָט דער סוינע אין קאַמף ניט געוואָרפן,

און מיסטאמע ניט ווײַל ער האָט געזשאַלעוועט זײַן רעזערוו. יעדנפֿאַלס, קיין העפֿטיקן ווידער־שטאַנד האָט אונדזער אַרטילעריע ניט באַקומען.

פֿריִער וואָלטן אַזעלכע צווײ דורכבראָכן אין צענטער פֿון דער פֿאָדערשטער ליניע און עטלעכע ענלעכע אין די זײַטן געצוווּנגען דעם פּאָלק, די דיוויזיע אָפּצוטרעטן. איצט איז מען געשטאַנען פֿעסט. אויף שלאַכטפֿעלד האָט זיך געפֿילט אַ מין גלײַכגעוויכט. אָבער פֿאַר יענעם, וואָס איז ביז איצט געווען שוואַכער, האָט שוין אַליין דאָס גלײַכגעוויכט באַטײַט דערוואָבערטע קראַפֿט.

דאַניִעלן איז אַפֿילע אײַנגעפֿאַלן אַ שפּאַס צו טאָן. ריידנדיק מיט סאַוווּטשענקאָן דורכן טעלעפֿאָן, האָט ער אים געפֿרעגט:

— ווי האַלט עס דאָרט מיט דײַן באַלעבאָסטעס פֿינגער, לוקאַ קוזמיטש?..

אינמיטן נאַכט האָט צו דאַניִעלן אויפֿן קאָמאַנדע־פּונקט זיך דערלאַנגט דער דירעקטאָר פֿון דער שאַכטע, וועלכע האָט זיך געפֿונען אויפֿן מײַרעוודיקן ראַנד פֿונעם יִישעוו, סטאַראָסטין — אין אַ פּאַלטאָ, אין אַ קעפּקע. ער איז געווען פּיטש־נאַס פֿונעם רעגן, אויסגעוואַדזגעט אין בלאָטע. דער קאַבעל, וואָס האָט געפֿירט צו דער שאַכטע, איז איבערגעהאַקט, די צוויי פֿאַר־בינדלער, וועלכע סטאַראָסטין האָט געשיקט אַהער, זײַנען פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אָדער אומגעקומען, האָט ער אַליין דערקליבן זיך צום קאָמאַנדע־פּונקט. ס'איז מיט אים מיטגעגאַנגען אַ שאַכטיאָר, נאָר דאָ ניט ווײַט איז ער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין ביידע פֿיס. סטאַראָסטין האָט אים געבראַכט אויף די פּלייצעס, געלאָזט אין טראַנשיי באַם אַרײַנגאַנג.

— נו, אופֿרײַסן? — האָט סטאַראָסטין געפֿרעגט, טוענדיק אַ קוק דאַניִעלן גלײַך אין די אויגן, נאָך דעם ווי ער האָט אַ פֿאַרסאָפּעטער דערציילט, וויִאַזוי ער האָט זיך דערקליבן אַהער. — די שאַכטע — אופֿרײַסן?

זײַן יונג, פֿאַרוואַקסן געזיכט האָט זיך פֿײַנלעך פֿאַרקרימט. באַלויכטן פֿונעם קאַנעצל, האָט עס בוילעט אָפּגעשפּיגלט די געפֿילן, וואָס האָבן געבושעוועט אין סטאַראָסטינען.

— ניין, — האָט דאַניִעל ווי מעגלעך רויִק געענטפֿערט.

— אָבער — די טאַנקען... זיי זײַנען דאָך אַרויס רעכטס — צו דער נירקאָווער באַלקע. ניין הונדערט מעטער פֿון מײַן קאָנטראָל־בודקע.

— נו, איז וואָס, סטאַראָסטין? און וויפֿל טאַנקען דעכען שוין ניט באַ קלייסטן? אונדזערע טאַנקען שטייען נאָך פֿאַרגראָבן... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף שטשוסיעוון, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט אַן אַקסל אינעם סלופּ, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן די סטעליע פֿונעם בלינדאַזש. דער אַרטילעריסט איז געווען פֿאַרוועבט אין אַ קנײַלעכל רויך. — און וואָס אָט דעם מאַיאָרס האַרמאַטן טוען, ווייסטו? כוץ דעם, געפֿינט זיך נאָך מײַן קאָמיסאַר אויף יענעם בערגל, — ער האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אויף אַ ווינקל פֿונעם בלינדאַזש, — עס הייסט דאָ באַ אײַך אָריסיעס קורגאַן. ניין, מעגסט נאָך צוואַרטן, סטאַראָסטין.

— אָבער איך האָב אַ באַפֿעל, מאַיאָר...

— אופֿצורײַסן? איך ווייס, — דאַניִעל האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אי מידלעך, אי פֿאַראַקשנט; ער האָט שטיל, נאָר דײַטלעך אַרויסגערעדט: — איך האָב אויך, סטאַראָסטין, אַ באַפֿעל — ניט אָפּטרעטן. און מיר וועלן ניט אָפּטרעטן, מעגסט זײַן זיכער.

אין מעשעך פֿון דער נאַכט האָבן די דײַטשן צוויי מאָל געוואָרפֿן אין אַטאַקע אויף אָריסיעס קורגאַן קליינע טאַנקען־גרופּעס, באַגלייט מיט אינפֿאַנטעריע. די פֿאַרטיידיקער פֿונעם קורגאַן האָבן געליטן פֿאַרלוסטן, נאָר אויסגעהאַלטן ביידע אַטאַקעס. דערווײַל איז דאַניִעלס פּאָלק אַלץ נעענטער צוגעקומען צום קורגאַן פֿון מיזרעך. די ענדגילטיקע אַטאַקע פֿונעם פּאָלק איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אינדערפֿרי.

דער פֿאַרטאָג איז געקומען אַ גרויער, אַ כמורנער. וויכאָרעוו, וועלכער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער אַלע דרײַ ראָטעס, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן אויפֿן קורגאַן, האָט צו קאַיאָר זיך געפֿונען באַ זעמליאַניצינען אין ראָטע — סאַבלין איז שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, און זעמליאַניצין האָט אים פֿאַרביטן.

דער קאָמיסאַר פֿונעם פּאָלק און דער נײַער ראָטע־קאָמאַנדיר זײַנען געלעגן אין ניט קיין טיפֿער גרוב אונטער אַ צעשעדיקטן דײַטשישן טאַנק, געררייכערט אין די אַרבל און געקוקט אויפֿן בלאָטיקן פֿעלד, וואָס האָט זיך געשפּרייט צופֿוסנס פֿונעם קורגאַן, אויפֿן מילך־ווײַסן טײַכל, וואָס האָט אַלץ מער זיך אויסגעשיילט פֿון דער פֿאַרטאָגיקער גרויקײַט, אויף די טונקעלע קאָנטורן פֿונעם האַלב־כאָרעוון שאַכטיאָרישן יִישעוו פֿון יענער זײַט טײַכל. פּלוצעם האָט וויכאָרעוו באַמערקט אין בינאָקל עפּעס אַ באַוועגונג אויפֿן מיזרעכדיקן ברעג. ער האָט שוין געהאַט גענומען אין דער האַנט דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל, קעדיי צו באַפֿוילן די אַרטילעריסטן

א שליידער טאן אהין עטלעכע סנאריאדן, נאר איבערגעטראכט. דארט, פונדערווייטנס, האט אין דער גרויקייט פון קאיאר זיך געמינעט עפעס ווייס און עס איז ניט געווען ענלעך אף דער באקאנטער באוועגונג פון די גרוילעך־בלויע פיגורלעך פון דייטשישע סאלדאטן.

— עלטערער סערזשאנט, — האט וויכארעוו געזאגט צו זעמליאניצינען און אים איבער־געגעבן דעם בינאקל, — טוט נאר א קוק אהין...

זעמליאניצין האט געקוקט, און מיט יעדער רעגע איז זיין ברייט סקולעדיק געזיכט אלץ כוישעכדיקער געווארן.

— אזוי ווי ציווילע וואלטן געגאנגען, — האט ער שטיל געזאגט.

וויכארעוו האט ווידער צוגעטראגן דעם בינאקל צו די אויגן. דורכן לייכטן נעפל, וואס האט שוין אנגעהויבן צו פארשווינדן, האט מען איצט בוילעט געזען, אז דאס גייען ציווילע, זיי שפאנען אהער, צום קורגאן, אין ניט קיין גלייכער, ברייטער קייט. נאך עטלעכע מינוט, און מע האט שוין קיין בינאקל ניט געדארפט אף צו זען, אז דאס זיינען פרויען מיט קינדער אף די הענט, זקיינים. מע האט דאס שוין באמערקט אויך אין די טראנשייען אפן בארג־שיפוי. עטלעכע סאלדאטן, וואס האבן געהאט זיך אופגעהויבן, האלטנדיק גרייט דאס געווער, האבן באלד צוריק זיך אראפגעלאזט אין די אקאפעס. איבער די ברוסטווערס האבן בלויז געהאלטן זיך אין איין ארויסרוקן קעפ. די ארטילעריסטן, וואס האבן דא, א ביסל אין דער זייט, פאר־נומען א פאזיציע, האבן זיך אנגעהויבן פארען בא זייער הארמאט, נאר באלד זיינען זיי אויך געבליבן שטיין פארגליווערטע.

די מענטשן האבן זיך אלץ מער דערנעענטערט צום קורגאן. זאל זיין, אז דאס אנטלויפן אהער די איינוווינער פונעם פארברענטן יישעוו און באלד וועלן די דייטשן אנהייבן שיסן אף זיי? עפשער וואלט מען באדארפט ארויס אנטקעגן, קעדיי באשיצן די מענטשן? פרויען האבן, גייענדיק, זיך פארטשעפעט אין די נאסע הרודעס ערד אפן פעלד, קינדער האבן זיך געהאלטן פאר די מוטערס קליידלעך, אלטע שאכטיארן האבן געשפאנט איינגעהויקערטע, מיט אראפ־געלאזטע קעפ. און הינטער זיי האט זיך באוועגט א גרויע קייט דייטשן.

וויכארעוו האט באשלאסןווארטן, ביז די מענטשן וועלן צוקומען נעענטער צום קורגאן, ווו עס זיינען דא פארלאזטע אקאפעס, גריבער פון סנאריאדן, און בלויז דעמלט פירנעמען א באגנעטן־אטאקע. ער האט אויסגערעכנט, אז די ציווילע וועלן די ערשטע זיך א ווארף טאן צו די באהעלטענישן און פארנעמען זיי. אזוי וועט די מערהייט זיך ראטעווען.

די פארבינדלער האבן נאך מיסטאם ניט באוויזן צופויזען צו די ווייטערע אקאפעס און איבערגעבן דעם דאזיקן באפעל, ווען פון דארט, ווו גיביידולינס א ראטע האט געהאלטן די שוץ, האט זיך א ריס געטאן פון ארט און זיך געלאזט לויפן צום טאל א רויטארמייער מיט א לייכטן קוילנווארפער אין די הענט. אפגעלאפן א דרייסיק שפאן בארג־אראפ, האט ער זיך א ווארף געטאן אף דער ערד לעבן א צעקלאפטן מינענווארפער, איילעק אפגעפויזעט אין א זייט, ווידער זיך אופגעהויבן און אן איינגעבויגענער געלאפן ווייטער פארויס. ער איז געלאפן, געפאלן, געפויזעט, פארנעמענדיק אלץ מער רעכטס, אין א זייט פון די מענטשן, וואס די דייטשן האבן געטריבן פאר זיך.

ניט אלע אפן קורגאן האבן באמערקט, ווען דער רויטארמייער איז ארויסגעשפרונגען פון זיין אקאפ, נאר ווען ער איז ארויס אין פעלד, צווישן די קוריי־קוסטעס, האבן אים שוין אלע געזען און נאכגעשפירט נאך אים מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג. וואס האט ער פארטראכט? עפשער איז עס א פאכדן און ער לויפט אריבער צו די דייטשן? נאך וואס זשע דארף ער דאס געווער?

זעמליאניצין האט זיך שטיל אויסגעזידלט, צוגערוקט נעענטער צו דער גרוב א שטיין און אנגעשפארט אין אים די רער פונעם אווטאמאט. וויכארעוו האט אוועקגעלייגט די האנט אף זיין אקסל:

— ווארט צו.

די דייטשן האבן געעפנט א שטארקן הארמאטן־פייער איבערן מיירעוודיקן שיפוי פונעם קורגאן. די ציווילע אין פעלד זיינען געבליבן שטיין צעמישט. אבער די דייטשן האבן זיי גענומען אונטערשטופן מיטן געווער, און די מענטשן זיינען אונטערן פייער אוועק ווייטער.

וויכארעוו האט מיט ביידע הענט זיך אנגעשפארט אינעם ראנד פון גרוב. א שפליטער פון א סנאריאד האט געטראפן אין די רויפעס פונעם צעשעדיקטן טאנק און קלינגענדיק א ריקאשעטעווע געטאן צווישן דעם קאמיסאר און זעמליאניצינען — ביידע האבן ניט רעאגירט.

דערווייל האט דער רויטארמייער מיטן קוילנווארפער זיך דערקליבן צו א זייטיק בערגל, א פופציק שפאן פונעם קורגאן, און איז דארטן געבליבן ליגן. און די מענטשן זיינען אלץ געגאנגען. וואס נעענטער צום קורגאן, האט מען זיך אלץ מער צונויפגעדריקט, צונויפגעשלאגן

זיך אין איין כאָפּטע. אָט האָט מען זיך שוין קימאַט אויסגעגלײַכט מיטן בערגל, ווו עס האָט זיך פאַרטײַעט דער רויטאַרמייער. אינעם גרויען אינדערפרי האָט א שטראָם פון טראַסירנדיק פײַער א שפּריץ געטאָן אף דער קייט דײַטשן, וואָס האָבן געשפּאַנט הינטער די ציווילֿע. א שוידערלֿעך געשריי האָט זיך אויסגעמישט מיטן אומדערוואַרטן טראַסק פונעם קוילֿנוואַרפער. די ציווילֿע האָבן א רעגע ניט געוווּסט, וווּהין צו לֿויפן, שטיין געבלֿיבן און באַלד א ריס געטאָן זיך פאָרויס, צו די פּוסטע אָקאָפּעס און גריבער צופוסנס פונעם קורגאַן. די דײַטשן האָבן זיך אויך אהין א וואָרף געגעבן. נאָר דער קוילֿנוואַרפער האָט זיי אָפּגעשניטן דעם וועג. מיט קורצע, טרעפֿלֿעכע קוילֿן-רייען האָט דער רויטאַרמייער אָנגעיאָגט די דײַטשן, וואָס האָבן אין פּאַניק זיך צעשאָטן איבערן פעלֿד.

עטלֿעכע דײַטשישע מינעס האָבן זיך אופגעריסן ארום דעם קליינעם בערגל, א שוואַרצער רויך האָט עס אינגאַנצן פאַרצויגן, נאָר וויכאָרעוו האָט שוין קיין צײַט ניט געהאַט צו קוקן אהין. א גרינע ראַקעטע — און די רויטאַרמייער האָבן, ווי ברייט דער קורגאַן איז, מיט „הורא“-אויסגעשרייען, א וואָרף געטאָן זיך אין אטאַקע.

אין א שאָ צוויי ארום, ווען מע האָט דעם סוינע שוין געהאַט אָפּגעוואָרפן אף יענער זײַט טײַכל, און ווײַטער — ביז צום מיזרעכדיקן ראַנד פונעם האַלב-פאַרברענטן שאַכטיאָרישן יישעוו, האָט דאַניעלֿ אריבערגעפירט אף אָריסיעס קורגאַן זײַן באָאַבאַכטונג-פּונקט, טאַקע אונטער דעם זעלֿבן צעשעדיקטן טאַנק, פונוואַנען וויכאָרעוו און זעמלֿיאַניצין האָבן אָרגאַניזירט די באַגינען-אטאַקע. וויכאָרעוו האָט באַוויזן דאַניעלֿן דאָס בערגל צופוסנס פונעם קורגאַן, וווּהין דער אומבאַוווּסטער רויטאַרמייער האָט זיך דערקלֿיבן מיט זײַן קוילֿנוואַרפער.

— מע וואָלֿט אים געדאַרפט באַלוינען, — האָט דאַניעלֿ באַמערקט, — מע קאָן זיך ניט דערוויסן, ווער דאָס איז געווען?

— איך וועלֿ זיך פּרוּוון, ער איז פון גיבײַדולינס פּאָלק.

דער קאָמבאַט סאָקאָליעץ איז געשטאַנען דאָ באַנאַנד. ווען זעמלֿיאַניצין מיט זײַנע סאָלֿדאַטן זײַנען אוועק פאָרויס, איז אונטערן טאַנק געווען דער קאָמאַנדע-פּונקט פונעם באַטאַליאָן. איצט האָט מען אויך סאָקאָליעצס קאָמאַנדע-פּונקט אריבערגעטראָגן פאָרויס — צוויי אײַנגעבויגענע טעלֿעפאָניסטן האָבן, סקריפּענדיק מיט די אײַזערנע קלֿעצלֿעך, פאַנאַנדערגעוויקלֿט זייער אומענדלֿעכן קאַבעלֿ אין ניט קיין טיפער צעשווענקטער טראַנשיי, וואָס האָט צווישן שטיינער און גריבער זיך געשלֿענגלֿט באַרג-אראָפּ.

סאָקאָליעץ האָט זיך אָנגעבויגן צו דער גרוב אונטערן טאַנק, פונוואַנען ס׳זײַנען ערשט ארויס די טעלֿעפאָניסטן, ארויסבאַקומען פון דאָרט א צעבויגן סאָלֿדאַטיש קעסעלֿע, דורכויס צעלֿעכערט פון שפּליטערס. דער קאָמבאַט האָט געהאַט אן אײדלֿ געזיכט, מיט אזא ווײַסער הויט, וואָס קיין זון און קיין ווינט נעמט זי ניט, נאָר גראָד דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן זײַן קאָנצענטרירטקײַט און ווילנסקראַפט. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און דערלֿאַנגט דאַניעלֿן דאָס קעסעלֿע.

— לֿייענט איבער, כאַווער מאַיאָר, — זעמלֿיאַניצין האָט עס נאָרוואָס צוגעשיקט.

אפן פאַרייכערטן אַלֿיומיניי איז מיט עפּעס א שאַרפער זאַך געווען אויסגעקריצט: „ס. סופרון“.

— עפּעס געדענק איך ניט אזא פאַמיליע. וועמעס קעסעלֿע איז עס? — האָט דאַניעלֿ געפרעגט.

— דאָס איז אַלֿץ, וואָס עס איז געבלֿיבן פון יענעם רויטאַרמייער, וועלֿכער איז אוועק מיטן קוילֿנוואַרפער צום בערגל. נעזשורקאָ, פון זעמלֿיאַניצינס ווזוואָד, האָט דעם דאָזיקן סופרונס היימישן אדרעס.

וויכאָרעוו האָט פאָרזיכטיק גענומען דאָס צעלֿעכערטע קעסעלֿע אין ביידע הענט.

8

און נאָך איין עפּיזאָד איז פאַרבונדן געווען מיט דער פאַרטאָגיקער אטאַקע אף אָריסיעס קורגאַן.

אזייגער צוועלֿף באַטאָג, ווען ס׳איז עטוואָס שטילֿער געוואָרן אף דער פאָדערשטער לֿיניע, איז דאַניעלֿ אוועק אין פּאָלק פון דער שכיינישער דיוויזיע, מיט וועלֿכן ס׳האָט זיך צונויפגעשלֿאָסן באַם טײַכל (יענער פּאָלֿק האָט עס נאָך ניט פאָרסירט) דער לֿינקער פלֿאַנג פון זײַן פּאָלֿק, קעדיי דערעדן זיך, וויאַזוי באַוואָרענען וואָס בעסער אָט דאָס אָרט, דעם „סטיק“. דאָרט האָט ער געטראָפן שטשוסיעוון — דער ארטילֿעריסט איז געקומען צוליב דעם זעלֿבן איניען. אומגעקערט האָט מען זיך צוזאַמען. דעם בײַבערעגיקן טאָלֿ, א בלֿאָטיקן, א באַדעקטן מיט הוילֿע קוסטעס, האָבן די דײַטשן באַשאָסן פון קוילֿנוואַרפער. דעריבער האָבן דאַניעלֿ

און שטשוסיעוו, קעדיי ניט בילדן קיין צו גרויסע גרופּע, אָפּגעשיקט זייערע אדיוטאנטן, יעדן מיט די נייטיקע יעדיעס, צו זיך אין שטאב און אליין אוועק אַף די קאָמאנדעפּונקטן. מע איז קוים צוגעקומען ביז צום קורגאן, ארויס צום שיפּוי, וואָס איז באשיצט געווען פון פראָנט, און זיך געשטעלט ארומשאָבן די שטיוול. פּלוצעם האָט שטשוסיעוו געזאָגט מיט אזא טאָן, וואָס מע האָט ניט געקאָנט פארשטיין — ער איז צופרידן צי אופגעבראכט:

— זע, מע האָט זיך שוין צונויפגעקליבן ארום אים!.. איינער גאָלט אים אפילע!

— וועמען? — האָט דאניעל געפרעגט.

צוערשט האָט ער דאָרט, וווהין שטשוסיעוו האָט אָנגעוויזן, דערזען עטלעכע שלאכטלײַט, א מענטשן פינף־זעקס — אלע מיט ווײַסע באנדאזשן. ווער ס׳איז געשטאנען, ווער געזעסן אינעם טאלעכל צווישן שיטערע, קליינע דעמבן־ביימלעך. מיסטאמע האָבן די פארווונדעטע געווארט אַף טראנספּאָרט אָדער אָפּגעשטעלט זיך דאָ אפּן וועג צום יישעוו. נאָר באלד האָט ער אויך דערזען, ארום וועמען מע האָט זיך אָפּגעשטעלט: אַף א קעסטל פון סנאריאדן איז צו אים מיט דער פּלייצע געזעסן עמעצער אין ציווילע קליידער, און א רויטארמייער אין א גרינער פּופּײַקע, וועלכע עס טראָגן געווינלעך שאָפערן און טראקטאָריסטן, האָט שטייענדיק אַף איין קני, אים געגאָלט. א הונדערט פּופציק מעטער העכער, אפּן קורגאן, האָט פון באפעסטיקטע פּאָזיציעס געשאָסן א באטאריי האוביצעס. די ארטילעריסטן האָבן געהאוועט בא די הארמאטן.

— וועמען גאָלט מען עס? — האָט דאניעל איבערגעפרעגט.

— אן ארטילעריסט. ער איז געקומען צוזאמען מיט די, וועמען די דײַטשן האָבן געטריבן פאר זיך. ער האָט זיך געקליבן אריבערגיין דעם פראָנט, האָט אים, אזוי צו זאָגן, אָפּגעגליקט — די פריצן האָבן אים אליין אָפּגעקאָנוואָירט צו אונדז. דאָס הייסט, אָפּגעגליקט האָט אים ניט זייער — א קויל האָט פארטשעפּעט די זײַט, אָבער ניט טיף. ער האלט זיך. ווען מע האָט דאָ די מענטשן אוועקגעפירט אין יישעוו, האָט ער זיך צוגעשלאָגן צו א באטאריי, און פארטיק — אַף מיזרעך גייט ער ניט. נאָר מע זאָל אים שטעלן צו א הארמאט. איך האָב גערעדט מיט אים. וואָס ער דערציילט זיך עס אָן!.. ווער אָבער קאָן עס איצט אויסהערן אלץ? א מענטש גייט פון סאמע קאָראָסטען. ער גלייבט, אז מיט אונדז וועט ער שוין גיין אַף צוריק, אז מיר וועלן, הייסט עס, מער ניט לויפן פונעם דײַטש. עפּשער... דאָס ווארט ער אַף מיר.

דאניעל האָט געמיינט זיך געזעגענען מיט שטשוסיעוון, נאָר איצט איז ער אוועק מיט אים נאָך א ביסל. א לײַכט ווינטל האָט זיי אנטקעגן געקײַקלט א קנויל גרוילעך־שווארצע האָר, צוגעשלאָגן אים צו א שטיין.

— יאָ, ער האָט געהאט שוין איינמאָל א באָרד, — האָט שטשוסיעוו באמערקט, — און פּאטלעס, נו, נו!..

די פארווונדעטע האָבן זיך אײַנגעהערט אינעם שמועס, וואָס דער געקומענער האָט געפירט מיט דעם רויטארמייער, וועלכער האָט אים געגאָלט, און זיי האָבן ניט באמערקט די צוויי קאָמאנדירן.

— ניין, — האָט אן אופגעבראכטער הויך געזאָגט דער, וואָס אין ציווילן, — ס׳איז דאָ ביסטו אזא קלוגער! אז מע טרײַבט — גייט מען, אפילע צו דער גרוב... איך האָב געזען... דרײַ טעג איז מען געגאנגען איבער די קיעווער גאסן. מע זאָגט, אז ניט ווייניקער, ווי זיבעציק טויזנט. די מענטשן האָבן דאָך ניט געוווסט, וואָס עס ווארט אַף זיי דאָרטן. אויב מע וועט בלײַבן, האָט מען געוווסט אַף זיכער — וועט מען צעשיסן, און אויב גיין...

דאניעל האָט אָנגענומען שטשוסיעוון פאר א האנט, און זיי זײַנען שטיין געבליבן הינטער א צעקלאָפּטן הארמאט, וואָס האָט זיך געוואלגערט צווישן די דעמבן־ביימלעך. פארוואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דאניעל אליין ניט געוווסט: צי ווײַל ער האָט א טראכט געטאָן, אז דער שמועס קאָן זיך איבערײַסן, ווען מע וועט זיי דערזען, צי ווײַל ער האָט דערפילט — דער מענטש רעדט וועגן דעם, וועגן וואָס ס׳איז אים שטענדיק שווער געווען צו פרעגן בא די געקומענע פונעם סוינעס הינטערלאנד. שטשוסיעוו האָט בלויז א בליק געטאָן אַף דאניעלן, דערלאנגט פון קעשענע דאָס מונדשטוקל און אָן א ציגאר עס פארדריקט צווישן די ציין.

— זיבעציק טויזנט! — האָט עמעצער פון די פארווונדעטע זיך אָנגערופן. — ס׳איז דאָך אונדזער גאנץ אסטראכאן! אין איין יאָר!..

— איז אָט זאָג איך — זיבעציק טויזנט. פרויען, און קינדער, און אלטע לײַט. איך האָב אליין געזען. און כאָטש זיי — עטלעכע טויזנט מיליטערישע. דאָס ווייסט מען אויך. פארמאַטערטע, הונגעריקע, פארווונדעטע, איינציקע מיט די מיליצעס. הא, זײַנען זיי אלע פּאכדאָנים?.. — אינעם קאָל פון דעם מענטשן האָט אלץ טיפער געקלונגען פארביטערטקײַט, ער האָט

אָנגענומען דעם רויטאַרמייער, וואָס האָט אים געגאָלט, פאַרן לאַץ פון דער פופײַקע. — וואַרט אויס, גאָל ניט, זאָג, זיי אַלע זײַנען פּאַכדאָנים?

— איך זאָג עס ניט, נאָר...

— וואָס נאָר? — דער ציווילער האָט אָנגעכאַפּט דעם רויטאַרמייערס האַנט, אין וועלכער יענער האָט געהאַלטן דאָס גאָלמעסער, אַן ארומגעקלעפּטס מיט צעפּירטער זייף. דער סאָלדאַט האָט איבערגעביטן די קני, אַף וועלכער ער איז געשטאַנען, — געווען איז ער אַ יאָדערדיקער, אַ קורצגופּיקער, זײַן פּאָנעם האָט מען ניט געזען, נאָר לויט די אויערן, וואָס האָבן געפלאַמט, און לויט דעם, ווי ער האָט, וואַרטנדיק, מיסטאַמע, מע זאָל אים שטיצן, פלינק געדרייט דעם קאָפּ פון איין פאַרוווּנדעטן צום צווייטן (דערבײַ האָט אַ פּאָר מאָל אַ שווינדל געטאָן דער טעמפּער שפּיץ פון זײַן קירפּאַטע נעזל), האָט מען געקאָנט אורטיילן, אַז ער האָט זיך אי פאַרלוירן, אי ער בייזערט זיך און וויל אַף עפּעס באַשטיין. דער ציווילער איז מיסטאַמע געווען אַ סאַך העכער פון דעם, וואָס האָט אים געגאָלט. שטאַרק אויסגעדאַרט, האָט ער דאָך געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ גוואַר. ער האָט איין מאָל זיך אויסגעקערעוועט אַף האַלב, און דאַניעל האָט דערזען זײַן געזיכט אין פּראָפיל: אָנגעשטרענגט, פאַרשפּיצט, האָט עס געאָטעמט מיט לייד און מוט. אַזאַ מענטש האָט זיכער אַ סאַך געזען, נאָר אַלע מאָל קלאָר געוווּסט, וואָס ער זעט; מיט אַ סאַך אומגליק שווײַגנדיק זיך באַגעגנט, נאָר אַף שטענדיק פאַרגעדענקט, וואָס ער לאָזט הינטער זיך. — וואָס נאָר? — האָט איבערגעפרעגט דער, וואָס אין ציווילן, — דו ענטפער מיר, — פּאַכדאָנים? און אויב אַן אַרמיי ווערט אַרומגערינגלט, איז עס אַן אַרמיי פון פּאַכדאָנים? און אויב מיר זײַנען דרײַסיק טויזנט געזעסן אין דער כאַראָלער גרוב — דאָרט איז פריִער געווען אַ ליים־קאַריער, — זײַנען מיר פּאַכדאָנים? און זיי — ניט נאָר די, וואָס זײַנען געבליבן אין קיִעוו, איך האָב אי פאַר קיִעוו, אי נאָך קיִעוו געזען דאָס זעלבע — זיי איז אַ סאַך ערגער געווען, איידער יענע, וואָס זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש, ווײַל... גיב אַ טראַכט וועגן דײַן ווײַב מיט די קינדער, — האָסט עפּשער עמעצן? — וואָס וואָלטן זיי געטאָן, האַ?.. כוץ דעם — וואַרט, לאָז ריידן! — כוץ דעם, פונוואַנען ווייסטו, אַז זיי האָבן טאַקע גאָרנישט ניט געטאָן? אַז מע האָט זיי געהאַרגעט — ווייסן מיר, נאָר וויִאַזוי זיי האָבן דעם טויט באַגעגנט, דאָס דערציילן די טויטע ניט... דער באַבי יאַר שווײַגט!

— אָבער פאָרט — אַזאַ זאַך... דו לאָז אָפּ די האַנט, נו!.. פאָרט — לעמײַ האָט מען זיך געלאָזט?

— זיי האָבן זיך געלאָזט? דאָס האָסטו זיי געלאָזט! טרעטסט אָפּ, זאָגסטו, פונעם סאַמע פּרוט — וויפל ערד האָסטו פאַרלאָזט? צי עפּשער גאָר אַזוי — יעדערער, וועמען מע האָט געהאַרגעט, איז שולדיק, וואָס מע האָט אים געהאַרגעט? האַ, זאָג?!..

— דו היץ זיך ניט, — דער, וואָס האָט געהאַלטן דאָס גאָלמעסער, האָט ווידער אַ ריס געטאָן די האַנט, — לאָז, איך וועל דערגאָלן... ביסט געקומען ווייס איך פונוואַנען און מיינסט, אַז וועסט נאָר מיר דערציילן, ווו דו ביסט געווען און ווו דו האָסט געבלאָנקעט? מע וועט דיך נאָך פרעגן, מע וועט נאָך אָנשרײַבן אַ גרויסן פּראָטאָקאָל!

דער ציווילער האָט אָפּגעלאָזט די האַנט מיטן גאָלמעסער, אָפּגעקערעוועט זיך.

— גיי! איך דאַרף ניט, הנידע, זאָלסט מיך גאָלן! עס וועט אַזוי אויך זײַן גוט! — ער האָט מיט דער פּאָלע פון זײַן צעריסענעם פּידזשאַק אויסגעווישט די באַקן, שטאַרק ווײַסע דאָרט, ווו ס'איז געווען די באָרד, און אַ בייזן בליק געטאָן אַפן קורצגופּיקן אין דער פופײַקע, וועלכער האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט. — גיי, מאָזאָליע מיר ניט די אויגן! אַ פּראָטאָקאָל! אָט איז ער, מײַן פּראָטאָקאָל! — ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער בוזעם־קעשענע אַ צונויפגעלייגטן פּאַפּיר און אַ פּאַך געטאָן מיט אים אינדערלופטן.

שטשוסיעוו האָט אָנגענומען דאַניעלן פאַרן עלנבויגן:

— קום...

צוויי פאַרוווּנדעטע, וואָס זײַנען געשטאַנען, און יענער אין דער פופײַקע — ער האָט זיך ניט געקליבן אַוועקגיין — האָבן דערזען גיין אַהער די קאָמאַנדירן און זיך געטאָן אַ גלײַך אויס.

איינער מיט אַ באַנדאַזש אַפן קאָפּ — ער איז געזעסן אַף אַ שטיין און ניט געזען, ווער עס גייט, — האָט געזאָגט:

— איך ווייס ניט, וואָס האָט ער צו זיי, דער פריץ. שטענדיק: ייִדן, ייִדן... ייִדן און קאָמוניסטן.

— און וואָס ער האָט צו די קאָמוניסטן, ווייסטו שוין? — האָט שטשוסיעוו געפרעגט, צוקומענדיק.

דער פאַרוווּנדעטער האָט זיך געפּרוּווט אופהייבן.

— זיץ, אוסטינאָוו, זיץ! — שטשוסיעוו האָט אוועקגעלייגט די האַנט אַף זײַן אַקסל. — און וואָס האָט ער צו דיר? דו ביסט דאָך ניט דאָס און ניט יענץ — ניט קיין ייִד און ניט קיין קאָמוניסט. פאַרוואָס איז דער פאַשיסט געקומען אַף דײַן ערד און וויל דיך פאַנגען, ווי א ווילדע כײַע, האַרגענען דיך — דאָס ווייסטו שוין? היטלער האָט געזאָגט: ווען עס זאָלן ניט זײַן קיין ייִדן, וואָלט מען זיי געדאַרפט אויסטראַכטן... באַווײַזט, וואָס האָט איר דאָרט אָנגעצייכנט, סערפּאָקריל, — האָט ער זיך א קער געטאָן צום געקומענעם פון דער אַרום־רינגלונג. — אַלץ איז בא אײַך פאַרטיק?

— פאַרטיק, כאַווער מאַיאָר!

סערפּאָקריל האָט אויסגעשטרעקט שטשוסיעוון דאָס בלעטל, מיט וועלכן ער האָט נאָרוואָס געפּאַכט. דאַניִעל האָט דערקענט די קאַלקירטע סכעמע פונעם ראַיאָן צו מײַרעוו־צו פון אָריסיעס קורגאַן. אַף דער סכעמע, צווישן די ליניעס און לײַכט פאַרשטריכירטע קעסטעלעך, וואָס האָבן באַצייכנט וועגן, בערגלעך און צוויי שאַכטיאָרישע ייִשוווים, — זײַנען מיט א שוואַרצן בלײַער געמאַכט געוואָרן אופשריפטן, פון וועלכע עס האָבן זיך געצויגן פעט אָנגעמאָלטע פײַלן.

בײַסנדיק דאָס מונדשטוקל, וואָס האָט געשטעקט אין א זײַט פון מויל, האָט שטשוסיעוו פון מאָל צו מאָל געוואָרפן א בליק אַף סערפּאָקרילן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים אויסגעצויגן אַן אָנגעשטרענגט־וואַרטנדיקער. איין מאָל בלויז האָט סערפּאָקריל זיך ניט אײַנגעהאַלטן און א טיצע געטאָן מיטן פינגער אין דער סכעמע. שטשוסיעוו האָט שטיל עפּעס א ברום געטאָן צווישן די ציין. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:

— קומט, סערפּאָקריל! א דאַנק וועל איך אײַך זאָגן, ווען דאָס אַלצדינג וועט אוועקפליִען צו אַלדי רוכעס!

אינדרײַען האָט מען זיך געלאָזט באַרג־אַרויף, צו די האַרמאַטן — שטשוסיעוו, דאַניִעל, סערפּאָקריל. ווען מע איז אָפּגעגאַנגען א שטיקל וועג, האָט סערפּאָקריל זיך אומגעקוקט אַף די פאַרוווּנדעטע, אַף דעם קורצגופיקן אין דער פופײַקע — פונדערווײַטנס זײַנען זיי אויסגעקומען א סאַך קלענער, ווי אינדערעמעסן. ער האָט געזאָגט מיט א ציטער אין קאָל, ניט זײַענדיק אימשטאַנד זיך צו באַהערשן:

— ווי נאָר איך בין צוגעקומען צו דער פראָנט־זאָנע, נאָך לעבן פּאַוולאָגראַד, האָב איך זיך געסטאַרעט פאַרגעדענקען, ווו די דײַטשן צעשטורכען זייער טעכניק, די סקלאַדן. עס וועט צוניץ קומען, האָב איך זיך געטראַכט. איר טרעט אָפּ, און איך גיי אײַך נאָך און זוך אויס פאַר אײַך אַלץ נײַע צילן... אָבער אַצינד וועל איך אַלץ, וואָס איך האָב געזען, צעשמעטערן מיט די אייגענע הענט!

מע איז צוגעקומען צו די האַוביצעס. „פײַער! פײַער!" — האָבן אויסגערופן די קאָמאַנדירן פון האַרמאַטן, שטייענדיק עטוואָס אָן א זײַט. עס האָבן געײַלט צו די האַרמאַטן די צושטעלער פון סנאַריאַדן, עס האָבן זיך פלינק באַוועגט, אָנגעבויגן זיך, אָפּגעטראָטן און נאָכן שאָס ווידער געלאָפן צו די האַרמאַטן די אָנלאָדער, די אָנצילער... א הילך נאָך א הילך האָט אופגעטרייסלט די לופט, שווער געוויגט די ערד, וואָס האָט אָן אופהער געציטערט.

שטשוסיעוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינעם אָקאָפּ פון די פאַרבינדלער, וואָס איז געווען באַשיצט מיט א דעכל פון בערווענעס. ער האָט גערעדט מיטן קאָמאַנדיר פון דער באַטאַריי, וועלכער האָט זיך געפונען אַף דער פאָדערשטער ליניע, וועגן סערפּאָקרילן. אַף סערפּאָקרילס אָנגעשטרענגט פּאָנעם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אָט האָפענונג און אָט א מוירע, אַז אַלץ קאָן נאָך צעדרייט ווערן. זײַנע אויגן האָבן פיבערדיק געגלאַנצט, ווי בא א דאָרשטיקן, וועלכער זעט וואַסער. דאַניִעל האָט אַלץ אָפּגעלייגט פון מינוט אַף מינוט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פרעגן בא דעם דאָזיקן מענטשן. אייגנטלעך, וואָס האָט ער נאָך געזאָלט פרעגן? עפּשער איז פּאָשעטער און גלײַכער געווען אוועקצוגיין? ער האָט זיך אַליין אײַנגערעדט, אַז ער וויל בלויז צוּוואַרטן א ביסעלע, קעדיי געזעגענען זיך מיט שטשוסיעוון און טאַקע קעדיי זען, ווי סערפּאָקריל שטעלט זיך צום האַרמאַט.

אַרויס פון אָקאָפּ, האָט שטשוסיעוו פריילעך א ווונק געטאָן צו סערפּאָקרילן און דאַניִעלן און זיך געלאָזט גיין צום קאָמאַנדיר פון דעם מיטלסטן האַרמאַט — א יונגינקן סערזשאַנט, אַן אוזבעק צי א טאַדזשיק, וועלכער איז געשטאַנען באַם ברעג פון א קורצער שוץ־טראַנשיי. אָט דעמלט האָט דאַניִעל אָנגענומען סערפּאָקרילן פאַרן צעטריפּעטן אַרבל:

— איר גייט פון קאָראָסטען און זײַט געווען אין קיִעוו — עפּשער זײַט איר פאַרבײַגעגאַנגען ליובאַטש, א שטעטל ניט שטאַרק ווײַט פון קיעוו?..

— ליובאַטש? — סערפּאָקריל האָט געפינטלט מיט די אויגן, ווי מע זאָל אים אופוועקן פון שלאָף. א האַרמאַט האָט אויסגעשאָסן, א רויך האָט אײַנגעהילט די פאַרהאַוועטע אַרטילע-

ריסטן, שטשוסיעוון, דעם יונגינקן סערזשאַנט, סערפּאָקרילן און דאַניִעלן. ווען דער הילך מיטן פֿײַף האָט זיך אײַנגעלעגערט און דער רויך האָט, שפּרייטנדיק זיך באַ די פֿיס, גענומען צעגיין, האָט דאַניִעל דערהערט דעם ענטפֿער:

— ליובאַטש? איך געדענק ניט, עס קאָן זיך מאַכן. מיר דאַכט, אַז מע האָט מיך דאָרט איבערגעבונדן באַ אַן אַגראָנאָם אין שטוב. דאָרט זײַנען פֿאַראַן סקאַלעס אין עק פֿון שטעטל, אַ טײַך?.. כאָטש, אַ טײַך איז דאָ אומעטום...

— נו?

סערפּאָקריל האָט געקוקט אָף דאַניִעלן מיט שטומען ווייטעק, ווי ער זאָל זאָגן: „צוליב וואָס? צוליב וואָס דאַרפֿסטו נאָך פֿרעגן?" און איינצײַטיק האָבן זײַנע אויגן, דורכזיכטיקע, פֿון נוס־קאָליר, געקאָסיעט זיך אַ ביסל אָן אַ זײַט, אַהין, וווּ שטשוסיעוו האָט באַדאַרפֿט זײַן.

פֿונדעסטוועגן האָט ער געענטפֿערט:

— וואָס איז געווען אין ליובאַטש, ווייס איך ניט, כאָוועט מאַיאָר, אומעטום איז דאָס זעלבע; וויפֿל איך בין ניט געגאַנגען — דאָס זעלבע...

פֿונעם לײַכטן רויך זײַנען אַרויסגעקומען שטשוסיעוו און דער יונגינקער סערזשאַנט. שטשוסיעוו האָט געזאָגט:

— יאָ, לאָזט אים צו צום האַרמאַט... אַלס אַן אָנצילער!

9

באַטאָג דעם זיבעטן נאָיאַבער האָבן די זעצער — די סאָלדאַטן און ציווילע — געהאַלטן אין פֿאַריכטן די קאָרעקטור פֿון די צוויי אינווייניקסטע צײַטונג־זײַטן מיט סטאַלינס פּאָרטראָג אָף דער פֿײַערלעכער זיצונג פֿונעם מאָסקווער ראַט. די ערשטע און די פֿערטע זײַט האָבן זיך שוין געדרוקט. די אַרבעט האָט זיך פֿאַרצויגן, ווײַל באַנאַכט, ווען דעם סוינעס טאַנקען זײַנען צוגעגאַנגען האַרט צום שאַכטיאָרישן שטעטל און אָף די גאַסן האָבן אָנגעהויבן זיך אויפֿרײַסן סנאַריאַדן און מינעס, האָבן ביידע רעדאַקטאָרן, קוקאַרין — פֿון דער דיוויזיע־צײַטונג, און לעבעדיעוו — פֿון דער ראַיאָנישער, באַפֿוילן, מע זאָל פֿאַרבינדן דעם גרייטן זאַץ, פֿאַרשליסן אין ראַמען די אויסגעוויאָרסטעוועטע זײַטן און דאָס אַלץ אָנלאָדן אָף אַ לאַסטמאַשין. די זעצער זײַנען אַוועק אין די שוץ־טראַנשייען, וואָס מע האָט באַצײַטנס געהאַט אויסגעגראָבן אינעם הויף פֿון דער דרוקערײַ. בלויז טשאַרנע און אַ מיידל פֿון דער ראַיאָנישער צײַטונג זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פֿונעם ראַדיאָ־אויפֿנעמער: זיי האָבן באַ אַ גאַז־לעמפּל וואָרט נאָך וואָרט פֿאַרשריבן דעם טעקסט פֿונעם פּאָרטראָג. געווען איז דאָ אויך קוקאַרין. ער האָט אומגעשפּאַנט איבערן צימער, באַמיִענדיק זיך שטעלן די טריט ווי מעגלעך שטילער, דער דיל זאָל ניט סקריפּען.

די דײַטשן האָבן אינגיכן אויפֿגעהערט באַשיסן דאָס שטעטל. ס'הייסט, אויך שפּעטער זײַנען אַהער פֿאַרפֿלויגן סנאַריאַדן, אָבער זעלטענער. פֿונעם דיוויזיע־שטאַב האָט מען געגעבן צו וויסן, אַז דעם סוינעס טאַנקען זײַנען אָפּגעשלײַדערט געוואָרן. די זעצער האָבן זיך אומגעקערט צו די ראַמען.

אַזויאַרום האָט מען אַזייגער צוויי באַטאָג שוין געהאַט פֿאַרענדיקט דרוקן די ערשטע און די פֿערטע זײַטן; די אינווייניקסטע צוויי זײַטן האָט מען אויך געדאַרפֿט באַלד נעמען אָף דער מאַשין. און דאָך האָט טשאַרנע, כאָטש דער נומער איז געווען געשלאָסן און זי אַליין האָט זיך קוים געהאַלטן אָף די פֿיס פֿאַר מידקײַט, אין דער אײַנגעשטעלטער צײַט אײַנגעשלאָסן דעם אויפֿנעמער. זי איז שיער ניט אונטערגעשפּרונגען פֿאַר פֿרייד. ניין, אַזוינס האָט מען וועגן דעם דאָרעם־פֿראָנט נאָך קיינמאָל ניט איבערגעגעבן! טיילן פֿון אַן אַרמיי, וואָס אָפּערירט אָף דאָרעם, האָבן אונטערגעצונדן און צעשעדיקט זעכציק פֿײַנטלעכע טאַנקען! דאָס מיינט מען דאָך די שלאַכטן אָפֿן היגן פֿראָנט־באַצירק!.. טשאַרנע האָט פֿאַרשריבן, וואָס מע האָט דיקטירט, און געפֿילט, ווי הינטער אירע פּלייצעס פֿרייען זיך קוקאַרין און לעבעדיעוו, מע טרייסלט איינס דאָס אַנדערע פֿאַר די אַקסל און מע „שאַקעט", מע שטיקט זיך אָף צו שווײַגן. ניט אומקוקנדיק זיך, האָט זי געבעטן מיט אַן אויפֿגעהויבענער האַנט, ס'זאָל זײַן שטיל, און פֿאַרשריבן די ווײַטערדיקע נײַעס, שוין וועגן אַנדערע פֿראָנט־באַצירקן, ניט גאָר קיין וועזנטלעכס.

מ'האָט באַשלאָסן, ביזוואַנען עס וועט זיך דרוקן דער פּאָרטראָג, שנעל אויסזעצן און אָפּקלאַפּן אָף דער „אַמעריקאַנקע" אַ ספּעציעל פֿלוגבלעטל וועגן דעם זיג אָפֿן היגן פֿראָנט. די זעצער, וואָס האָבן זיך שוין צוגעלייגט אָפּרוען, האָט מען ווידער אויפֿגעהויבן. אין צוויי שאָ אַרום זײַנען אַלע מיטאַרבעטער פֿון דער דיוויזיאָנקע, יעדערער מיט אַ פּאָר צענדליק עקזעמפּליאַרן פֿונעם יאָמטעוו־נומער און פֿונעם פֿלוגבלעטל, אַוועק אין די פּאָלקן. טשאַרנע

האָט אײַנגעבעטן קוקאַרינען, ער זאָל איר דערלויבן גיין אין קרעמעזעס פּאָלק — זי האָט הײַנט געמוזט זען דאַניעלן.

שוין אפֿן וועג צום קאָמאַנדע־פּונקט פֿונעם פּאָלק (אַ שטיק וועג איז זי געגאַנגען מיט פּאַשטשענקאָן, וועלכער האָט פֿאַרקערעוועט צו לעמעכאָון; ער האָט איר אָנגעוויזן אַ פּאָר אַריענטירן, לויט וועלכע זי וועט אפֿן צאַפּנדיקן שיפּוי פֿון אָריסיעס קורגאַן געפֿינען דאָס נייטיקע ערד־שטיבל) האָט טשאַרנע איבערגעלעבט עכטע פֿרייד. בײַ די אָבאָז־פֿורלעך, וואָס האָבן זיך איר געטראָפֿן אין וועג, אָנגעלאָדענע מיט קעסטלעך סנאַריאַדן, בײַ די אײַנגעגראָ־בענע אין דער ערד האַרמאַטן, בײַ די פֿאַרמאַסקירטע טאַנקען האָט זי געטיילט די צײַטונג און דאָס בלעטל און יעדער מאָל זיך פֿאַרהאַלטן אַ ביסל, קעדיי הערן, ווי מע נעמט לייענען אַף אַ קאָל דאָס, וואָס זי האָט הײַנט פֿאַרשריבן און ניט איין מאָל דורכגעלייענט. איר איז אַלעמאָל געווען אָנגענעם צו זען, ווי די רויטאַרמייער נעמען אויף די צײַטונג, וועלכע זי העלפֿט מאַכן.

דער סאָלדאַט, וועלכער האָט אין דער טראַנשיי, פֿאַרן אַרײַנגאַנג אינעם ערד־שטיבל פֿונעם קאָמאַנדע־פּונקט, דורכגעקאָנטראָלירט טשאַרנעס דאָקומענט, האָט איר געזאָגט, אַז דער קאָמאַנדיר פֿונעם פּאָלק און דער קאָמיסאַר געפֿינען זיך דאָ ניט ווײַט, אינעם באַאָבאַכטונג־אָקאָפּ — אַהין האָט געפֿירט אַן אָפּצווײַג פֿון דער טראַנשיי. מיט דער רער פֿונעם קאַראַבין האָט ער פֿאַרשטעלט פֿאַר איר דעם דאָזיקן אָפּצווײַג, און טשאַרנע האָט אַ ביסל מיט פֿאַר־דראָס אַ טראַכט געטאָן: „ער האָט דערקענט, אַז איך בין פֿון די קליינע פֿאַרשטייערנס, און קאָן נאָך אוועק אַהין, ווו מע דאַרף ניט...“ אָבער אָט דער לײַכטער פֿאַרדראָס האָט אַפֿילע געררייצט: „נו, איז וואָס — סײַווי בין איך דאָ!“ דאָס האָט זי אַזוי אין געדאַנק געענטפֿערט מיט אַ שמייכל דאַניעלן, אויב ער וועט זיך פֿאַרכידעשן, ווי קומט זי אַף דער פֿאָדערשטער ליניע.

אפֿן קאָמאַנדע־פּונקט איז געגאַנגען אַ העפּטיק לעבן, וואָס איבעראַשט באַזונדערס אין די ערשטע מינוטן, ווי מע קומט אַהין. עמעצן האָט אָן אופֿהער גערופֿן דער טעלעפֿאָניסט: „טאָבאָל, טאָבאָל!“ אַ ראַדיסט האָט זיך געזידלט בײַ זײַן אַפּאַראַט, שאָבנדיק אײַליק, מיט אַ טעמפּ מעסערל אַ קופּערן דרעטל. אין אַ ווינקל פֿון בלינדאַזש, פֿאַרכאַלעשט צי אין דרעמל, איז געזעסן אַ פֿאַרוווּנדעטער אָפֿיצער — די מאַרליע אַף זײַן האַלדז איז געווען אָנגעוויקלט אַף אַ גרויסן פּאַק וואַטע. אַ צווייטער אָפֿיצער, אַ טאַנקיסט, האָט בײַם קאַנעצל עפּעס איבער־געצייכנט פֿון אַ טאָפּאָגראַפֿישער מאַפּע אַף זײַן גרויסער מאַפּע, וואָס איז געלעגן, פֿיל מאָל אַ צונויפֿגעבויגענע, אין זײַן פּלאַנשעט.

אַף טשאַרנען האָט קיינער קיין באַזונדער אַכט ניט געווענדט. אַ קוק געטאָן אַף איר — און גאָר. דערפֿרייט האָט זיך מיט טשאַרנען בוזולוק, דער שעף פֿונעם שטאַב, וועלכער איז אַרײַנגעקומען אינעם בלינדאַזש אין אַ מינוט צוויי אַרום נאָך טשאַרנען. ער האָט געוווּסט, אַז זי איז פֿון איין שטעטל מיטן קאָמאַנדיר פֿונעם פּאָלק און איז דעם קאָמיסאַרס אַ באַקאַנטע. באַקומען בײַ איר צו עטלעכע עקזעמפּליאַרן פֿון דער צײַטונג און פֿונעם פֿלוגבלעטל, האָט ער, אײַלנדיק זיך, איר אַ זאָג געטאָן: „באַלד, באַלד“ — און אַרויסגעלאָפֿן פֿונעם בלינדאַזש.

צו טשאַרנען האָבן זיך אַ צי געטאָן עטלעכע הענט. זי האָט קימאַט מאַשינעל געטיילט די צײַטונג, דאָס פֿלוגבלעטל, די אויגן זײַנען געווען געווענדט צו דער טיר — זי האָט געוואַרט: אָט־אָט וועט דאַניעל אַרײַן אַ דערפֿרייטער. נאָר די מינוטן זײַנען געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער — דרײַ, פֿינף, שוין אַוואַדע זיבן... „צי דען האָט אים בוזולוק ניט געזאָגט, ווער עס האָט געבראַכט די צײַטונגען?“ — האָט טשאַרנע זיך געערגערט. און מיטאַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן: „נו, איז וואָס?“ דאָס האָט זי מיט אַ ווייטעק און אַפּצו־לאָכעס זיך אַליין געפּרוּווט זיך פֿאָרשטעלן, ווי דאַניעל וועט גלײַכגילטיק אַ טראַכט טאָן, דערוויסנדיק זיך, אַז זי איז געקומען: „נו, איז וואָס?“

דער טעלעפֿאָניסט האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיך בײַם ערדענעם ווענטל דאָס פֿלוגבלעטל. אין טרײַבל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום אויער, האָט ער נאָך אַלץ גערופֿן: „טאָבאָל, טאָבאָל!“, און די אויגן זײַנען געלאָפֿן איבער די שורעס. דער טאַנקיסט האָט זיך שוין גענומען צום פֿאָרטראָג.

— הערסט, — האָט ער פֿאָרזיכטיק אַ טאָרע געטאָן דעם פֿאַרוווּנדעטן, — אַ סאָף צום בליצקריג... איצט דאַרף מען רעכענען, אַז דער דאָזיקער מעשוגענער פּלאַן איז פֿולשטענדיק דורכגעפֿאַלן... אַפּלאָדיסמענטן... נו?

— דורכגעפֿאַלן! אָט דאָס פֿאַרשטיי איך! — האָט זיך אָנגערופֿן דער ראַדיסט.

„מע דאַרף גיין, — האָט טשאַרנע געטראַכט, — מע דאַרף אַוועקגיין... טאַקע אינדערע־מעסן, — איז וואָס, אַז איך בין געקומען? דאַניעל, וויכאָרעוו, בוזולוק לייענען דאָרט די

צײַטונג, זיי פֿרייען זיך, פּונקט ווי מע פֿרייט זיך דאָ, און דאָס איז די לוין פֿאַר מײַן שפּאַנען אהער... א לוין! דאָס, וואָס זיי לייענען, איז זייער לוין. פֿאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן, און טוען, און וועלן נאָך טאָן...״

זי האָט שוין געהאַט א שפּאַן געטאָן אין דער טראַנשיי, ווען בוזולוק איז א פֿאַרסאָפּעטער איר אָנגעלאָפֿן אנטקעגן.

— וואַרט צו, — האָט ער זי א כאַפּ געטאָן פֿאַר א האַנט, — וווּהין זשע גייט איר? אַזעלכע נײַס געבראַכט — און איר גייט שוין אַוועק? עפּשער וועט איר פֿאַרשרײַבן עפּעס, וואָס דאָ בא אונדז טוט זיך?

— איך קאָן פֿאַרשרײַבן, — האָט טשאַרנע ניט זיכער געזאָגט און זיך אומגעקערט אין ערדשטיבל.

בוזולוק, אַן אײַנגעבויגענער, איז אַרײַן נאָך איר. ער האָט איר אָנגעוויזן אַף א צעלעכערט סאָלדאַטיש קעסעלע, וואָס איז געשטאַנען אַפֿן טישל לעבן קאַנען:

— אָט וועגן דעם וועט אײַך דערציילן וויכאָרעוו. באַלד גייט ער אַרײַן. דער קאָמיסאַר האָט אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן. און נאָך וואָלט איך אײַך געייצעט: דאָ ניט ווײַט, א ביסל לינקער פֿון אונדז, שטייט א באַטאַריי. עס וואָלט זייער גוט געווען, ווען איר שרײַבט אָן וועגן איינעם אַן אַרטילעריסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער אַרומרינגלונג. אָך, האָט ער אָנגעטאָן צאָרעס די דײַטשן!..

א צוגלופֿט האָט א צי געטאָן פֿון דער טיר. טשאַרנע האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דאַניִעלן.

— דעם אַרטילעריסט דאַרף מען ניט זוכן, — האָט ער געזאָגט, — ווערדיק איך האָב פֿאַרשטאַנען, קלײַבט זיך שטשוסיעוו אַליין אָנשרײַבן וועגן אים.

טשאַרנען האָט זיך געדאַכט, אַז דאַניִעל איז צערייצט, און ווײַל זי האָט ניט געוווּסט די סיבע דערפֿון, האָט זי עס אויפֿגענומען אַף איר כעזשבן. דערפֿאַר האָט נאָך קעלטער, איידער ס׳איז געווען אַפּגאַנעמעסן, אויסגעוויזן זיך איר זײַן האַנטדרוק.

10

טשאַרנע איז געווען אַפֿן קאָמאַנדע־פּונקט אַזויפֿיל, וויפֿל ס׳האָט געדויערט איר שמועס מיט וויכאָרעוון. דאַניִעל האָט בלויז פֿון דער זײַט אַרײַנגעשטעלט עטלעכע רעפּליקעס. בוזולוקן האָט ער ערגעץ אָפּגעשיקט, און אַליין איז ער קימאַט די גאַנצע צײַט געזעסן באַם טעלעפֿאָן, אָפּגעגעבן באַפֿעלן, גערופֿן עמעצן צו אָרדענונג. קוקנדיק אַף אים, האָט טשאַרנע פֿאַרשטאַנען: דאָ איז ער מיט זײַן גאַנצער נעשאָמע, יעדנפֿאַלס, איצט גייט אים מער גאָרנישט ניט אָן. זי האָט זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען.

דעם רויטאַרמייער, וואָס וויכאָרעוו האָט אויסגעטיילט אַף צו באַגלייטן זי, האָט טשאַרנע אינגיכן אָפּגעשיקט צוריק. עס האָט זיך איר געוואָלט בלײַבן אַליין מיט אירע געדאַנקען, מיט איר פֿאַרדראָס און מיט איר פֿרייד. דער פֿאַרדראָס איז געווען א טיפֿער. דאַניִעל וואָלט דאָך געקאָנט כאָטשבי מיט א קלייניקײַט, מיט עפּעס א מינע, מיט דער אינטאָנאַציע, זאָל זײַן ניט גאָר קיין דײַטלעכער, אָבער זי, טשאַרנע, זאָל עס אויפֿכאַפּן, באַווײַזן איר, אַז ס׳איז אים אָנגענעם, וואָס זי איז געקומען. פֿאַרדראָסן האָט אויך, וואָס ער האָט אַזוי האַרב אָפּגעשטעלט בוזולוקן, ווען יענער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם אַרטילעריסט. מיסטאָמע עפּעס אינטערעסאַנטס. און אַז שטשוסיעוו קלײַבט זיך אַפֿילע אָנשרײַבן וועגן אים אין צײַטונג (נו, יאָ, וואָס פֿאַר א קאָרעספּאָנדענט איז זי בא דאַניִעלן אין די אויגן, ער ווייסט דאָך ניט, אַז זי באַאַרבעט שוין נאָטיצן און שרײַבט אַליין צוביסלעך), נאָר זאָל אַפֿילע זײַן, אַז שטשוסיעוו וויל אָנשרײַבן. איז וואָס זשע וואָלט אַזוי שרעקלעך געווען, ווען זי דערציילט אין רעדאַקציע, וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט אַף דער פֿאָדערשטער ליניע? און וויכאָרעוו — אויך א מאָדנער, — ער וואָלט דאָך געקאָנט, כאָטשבי צוליב טאַקט, זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם, וואָס ס׳איז געשען מיט יענעם אַרטילעריסט?.. זי האָט געוווּסט — גראָד אין דעם פֿאַל איז איר פֿאַרדראָס א ביסעלע קינדעריש, נאָר זי האָט זיך אָנגעכאַפּט דערין, קעדיי ניט צוהערן זיך צו אַלדאָס אַנדערע, וואָס האָט דעם פֿאַרדראָס אַרויסגערופֿן. וויכאָרעוו איז אויך געווען צוריקגעהאַלטן. איליא דעמידאָוויטש, וואָס געווײנלעך, ווען ער פֿלעגט קומען צו מאַריא אַנטאָנאָוונע, האָט זי אים שוין פּאָשעט גערופֿן — איליא... נו, און די פֿרייד, וואָס זי האָט געפֿילט, גייענדיק אהער, איז עפּשער אויך געווען א קינדערשע? און עפּשער ניט קיין קינדערשע — א נײַע, און גענעסטיקט האָט זי זיך באַנאַנד מיט איר פֿאַרדראָס און מיט איר טרויער; זי איז אָט ערשט געווען אַפֿן סאַמע פֿראָנט, געזען, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר, און ווי עס איז נייטיק דאָס, וואָס זי טוט.

גאָר נאָענט האָבן זיך שוין באוויזן די טעריקאָנען פונעם שאַכטיאָרישן שטעטל. טשארנע האָט פונעם פעלד פארקערעוועט צום וועג, אן אײַנגעטראמבעוועטן מיט שלאַק און א צעלע־כערטן פון סנאריאדן, וואָס זײַנען באנאכט צי ערשט ניט לאנג געפאלן אהער, און פלוצעם דערהערט א טופען פון טלאָען — אומגעקוקט זיך און דערזען דאניִעלן אף זײַן קארע פערד.

דאניִעל איז א פופציק שפאַן געפאָרן באנאנד מיט טשארנען, ווי ער זאָל ניט קלערן פאר־האלטן זיך. עס קומען אונטער פרישע רעזערוון צום פראָנט, — האָט ער דערציילט, — יאסע־נעוו רופט אים באקענען זיך מיט די טאנקיסטן. טשארנע האָט פארשטאנען, אז דאָס קאָן בא־טראכט ווערן, ווי א פארענטפערונג, וואָס ער אײַלט זיך, אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט זי געוווּסט, אז דאניִעל איז ניט פון די, וואָס טראכטן אויס סטאם טערוצים. ער איז שטענדיק געווען א גראָדער און אן אופריכטיקער, און, ווי זי האָט שוין עטלעכע מאָל זיך איבערצײַגט, פארבליבן אזא.

— עפשער פארהאלטסטו זיך איבער מיר? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, ניט זייער. מע ווארט אף מיר עטוואָס שפעטער. איך קאָן דיך באגלייטן.

ער איז אראָפ אף דער ערד. די בורקע געלאָזט אפן זאָטל.

מע איז געגאנגען שווײַגנדיק, איינע אליין אינעם בערגלדיקן סטעפ, ווו עס האָט שוין געטונקלט אף נאכט. אף מײַרעוו האָבן געדונערט הארמאטן. און עפעס איז אזוי ניט ווארהאפ־טיק געווען דאָס אלץ, וואָס עס איז מיט זיי ביידן פאָרגעקומען, און ווהין זיי זײַנען פארוואָרפן געוואָרן, אז עס האָט זיך ארויסגעריסן בא טשארנען:

— אײַ, דאניל, דאניל!..

ער האָט א ציטער געטאָן, פון דער זײַט געוואָרפן אף איר אן אומרויִקן בליק: „זי ווייסט? נאָר — פונוואנען? זי האָט דאָך ניט געקאָנט באגעגענען שטשוסיעוון — ער האָט ערשט געקלונ־גען פון זײַן שטאב. ס'איז ווײַט". און נאָך איבער א זאך האָט אים א קלעם געטאָן באם הארצן: „אײַ, דאניל, דאניל", — אזוי האָט מען עס געקאָנט ארויסברענגען נאָר אין דער היים, דאָרט, ווו קיינער איז שוין ניטאָ...

טשארנע האָט באמערקט, אז עפעס האָבן אף אים געווירקט אירע ווערטער, נאָר פאר־שטאנען עס אנדערש — דאָס וויל ער ניט, זי זאָל אים מוסערן. דערפאר האָט זי באשטימט זאָגן ניט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט און זיך נאָך ניט אנטשלאָסן צו זאָגן, — נאָר גאָר עפעס אנדערש: אופדעקן פאר אים דאָס סאמע אָנגעווייטעקטסטע, און זאָל ער וויסן.

— מײַן מאן האָט זיך אָפגעזוכט. ניט איך האָב אים, פארשטייט זיך, געזוכט... ער איז אין טשעליאבינסק און ארבעט אין א פוישטן־פאבריק — א „סנאבזשענעץ"[1], מיסטאמע. יעדנ־פאלס, א ווארעם ערטעלע, ווי שטענדיק.

דאניִעלן איז ניט אָנגענעם געווען דאָס, וואָס טשארנע רעדט מיט אים ביכלאל וועגן מאן, און נאָך מער איז אים געווען דערווידער צו הערן וועגן אזא, וואָס זוכט א ווארעם ערטעלע אפילע איצט, ווען עס ווערט געלייזט דער גורל פונעם לאנד און פונעם פאָלק. „אָבער וויִאזוי האָסטו זיך געקאָנט צונויפגיין מיט אים?" — האָט ער געטראכט. און אליין זיך געענטפערט: „אין דער יוגנט האָט ער געקאָנט זײַן אן אנדערער, און ניט זי האָט געקערט זײַן דער מיוון אף אים און די אויסקלײַבערן, פונקט ווי פריִער מיטן אווסטריִאק".

— דו האָסט זיך דאָך, ווי איך פארשטיי, געגעט מיטן מאן? — האָט דאניִעל געפרעגט.

— אי יאָ, אי ניט. אָפיציעל — ניט. כוץ דעם — שוניע... ער פרעגט זיך נאָך אפן זון.

אין איר קאָל האָט זיך געהערט גיכער אופגעבראכטקײַט, איידער וויי; דאָס איז זי געווינט געוואָרן מיט דער צאָרע, וואָס האָט שוין אויסגעזען, ווי א האלבע צאָרע — די האָפענונג איז געבליבן.

דאניִעלן איז שרעקלעך געוואָרן: „זי ווייסט ניט. פונקט, ווי איך האָב ניט געוווּסט. עפעס געהערט, געפויעלט בא זיך, אז דאָרט איז שטארק שלעכט, ביטער, און דאָך געהאָפט... ביז הײַנט..."

ער האָט געבעטן:

— לאָמיר שווײַגן, טשארוסיע. אָט אזוי־אָ — גיין א ביסעלע און שווײַגן.

זי האָט זיך דערפילט געטראָפן, נאָר עס ניט ארויסגעוויזן, געשוויגן. וואָס גייט זי אים אָן מיט אירע ליידן, מיט איר פארדראָס, מיט איר איינזאמקײַט? און מיטאמאָל איז איר קלאָר גע־וואָרן, אז דער באשלוס, וועגן וועלכן זי האָט געטראכט, איידער דאניִעל האָט זי דעריאָגט, איז ענדגילטיק רײַף געוואָרן. זי איז שווערלעך געגאנגען איבערן פײַכטן, צעדרויבלטן שלאַק, וואָס

---

[1] אן אָנגעשטעלטער פון באזאָרגונגס־אפאראט.

האָט געשורשעט אונטער אירע קלײנע יוכטאָווע שטיוול. איר שינעל איז געווען צעשפּיליעט. פונעם ווײַנשלקאָלירענעם שאַלעכל, וואָס איז פאַרוקט געווען אונטערן קאָלנער, איז געפאַלן א שוואַכע ראָזקײַט אף איר פּאָנעם. זי האָט דאָס פּאָנעם אויסגעקערעוועט צו דאַניעלן און א קוק געטאָן אף אים אזוי, ווי זי זאָל זיך מיט אים געזעגענען ניט נאָר אף הײַנט, נאָר אף שטענדיק. און כאָטש ער האָט עס ניט געזען און איז אויך ווײַטער געגאַנגען באַנאַנד מיט איר, האָט זי זיך געפילט אַלץ מער דערווײַטערט פון אים. עס איז פוסט, כווישעכדיק געווען אפן האַרצן, און דאָך האָט טשאַרנע געפילט א פאַרלײַכטערונג. „אַלץ. אָט אזוי קומט דער סאָף", — האָט זי געטראַכט און ניט געגלייבט, אז ס'איז דער סאָף פון זייער ליבע, ניט געגלייבט און געוווסט, אז ס'איז דער סאָף. זיי זײַנען בײדע אריבערגעוואַקסן אָט די ליבע, און דאָס לעבן באַפוילט אזוי.

טשאַרנע האָט ניט געוווסט, אז כאָטש ביכלאַל איז זי געווען גערעכט, איז זי אין די מינוטן פאָרט ניט גערעכט געווען. ווײַל גראָד איצט, ווען דאַניעל איז געגאַנגען לעבן איר און געשוויגן, איז זי אים אי טײַער, אי נאָענט געווען, קימאַט אזוי, ווי אמאָל. און אויב עפּשער אַנדערש, איז ווײַל זי איז געוואָרן אַן אַנדערע. אָבער זי האָט עס ניט פאַרשטאַנען, ניט דערפילט, כאָטש ער האָט זי אָנגערופן און זײַן קאָל האָט א ווארעמען ציטער געטאָן, אזוי ווי זי האָט עס געוואָלט דערהערן אינעם ערדשטיבל, זאָל זײַן אפילע, אז געקומען איז עס ניט דורך פרייד, נאָר דורך פּײַן. און עפּשער טאַקע איז ער געווען ניט דער, וועלכן זי האָט געקאָנט פאַרשטיין ביזן סאָף?

— קערסט שוין דאַרפן זיך צעשײדן, פאָר, — האָט זי געזאָגט, ווען מע איז צוגעקומען צו די ערשטע הײַזער פונעם שטעטל. זי האָט פּאָשעט אים אָפּגעשיקט פון זיך.

ער האָט אָנגעטאָן די בורקע, לײַכט זיך געזעצט אין זאָטל און אַוועקגעריטן.

טשאַרנע האָט געזען, ווי ער האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד לעבן זײַן דירע באַם בערג פונעם יאַר. עפּעס האָט קאַראַטײַ גערעדט צו אים, שטייענדיק אפן גאַנעקל, אָנגעוויזן אף א זײַטיק פענצטער, און דאַניעל האָט, פאַרבײַפאָרנדיק לעבן יענעם פענצטער, צוגעבויגן זיך צום האַלדז פון זײַן פערד, א קוק געטאָן אין דער אייבערשטער שויב. דערנאָך האָט ער געלאָזט דעם קאָרן אין א לײַכטן גאַלאָפּ. טשאַרנע האָט פאַרשנעלערט די טריט — קאַראַטײַ האָט זי באַמערקט און געוואַרט אף איר.

— אָ! — האָט ער געזאָגט, ווען זי איז צוגעקומען. — איר האָט געזען דעם מאַיאָר?

— געזען, פאַרשטייט זיך. עפּעס האָט איר אים דאָ אזוינס באַוויזן, אז ער איז שיר מיטן פערד ניט ארײַנגעפאָרן אין פענצטער.

— כאַ! — קאַראַטײַ האָט מיט האַנאָע געצופּט א וואָנצע. — אונדזער טימקאָ, דער באַלעבאָסטעס שנעקל, פּראָגרעסירט. נעכטן איז ער ארײַנגעקראָכן צווישן די פּיסלעך פון א בענקל און אומגעשפּאַנט אזוי, אז מע האָט אים גאָר ניט געקאָנט צונעמען פון דאָרט, און הײַנט שפּאַנט ער שוין ארום דעם דאָזיקן בענקל, אז די שטוב גייט כאַדאָראָם.

מיטאמאָל האָט קאַראַטײַ זיך אָנגעכמורעט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט שטילער, — טאָדאָסקע, אָט דאָס מיידל, וואָס האָט נעכטן פאַרגייט דעם פרענטש, — איר געדענקט? — טאָדאָסקע איז פאַרוווּנדעט אין האַלדז, שטאַרק פאַרוווּנדעט. זי איז פאַרנאַכט ארויסגעלאָפן נאָך וואַסער, און א סנאַריאַד — באַץ... א ניכפּע אפן פּאַשיסט! איך האָב דעם מאַיאָר ניט געזאָגט, זאָל ער פאָרן, ער האָט גענוג דײַגעס אָן דעם.

(סאָף קומט)

פארפלייצט פון ליכט

• • •

זינגט א יינגעלע צום גראם:
טרים־טאראם און טרים־טאראם!
שטייט א מיידעלע דערבײַ,
נעמט זיך זינגען טרא־לא־לײַ...

קומט א קינד א דריטס צו גיין,
ווערט אים אומעטיק אליין:
צווייען זינגען שיין, און ער
שטייט נאָר אָן א זײַט און הערט.

רופט ער אָן זיך: קומט באדריט
זינגען, כעוורעלײַט, די ליד.
טרים־טאראם און טרים־טאראם!
איך וועל געבן אויך א גראם.

טרא־לא־לײַ און טרא־לא־לײַ...
וועלן זינגען אלע דרײַ.
זײַנען אײַנשטימיק די צווײ,
אלע, אלע זינגען זיי...

• • •

דאנקבאר דארפט איר זײַן ניט מיר,
דאנקען דארפט איר דעם פאפיר,
וואָס האָט מײַן געדאנק אָף זיך
אָנגעצונדן, ווי א ליכט.

ניין, ניט מיר איר גיט דעם דאנק,
דאנקען דארפט איר דעם געדאנק,
וואָס האָט מיך אין קרוינען־קרײַז,
ווי א בארנבוים געשפײַזט.

דאנקבאר דארפט איר זײַן געוויס
אי דער פענע, אי דעם טיש,
אי דעם זויבער, אי דעם פלעק,
וואָס מײַן זינען האָט אנטפלעקט,

דאנקבאר דארפט איר זײַן דער ליד,
מיר בלויז דאנקען דארפט איר ניט...

• • •

ריטשקעס צוואנציק, ריטשקעס דרײַסיק,
ריטשקעס יאָגן, פליסן פלײַסיק,
וויפל ריטשקעס פריילעך ס'לויפן, —
האָבן איידעמס זאָלסט אזויפיל.

בלעטלעך, בלעטעלעך אָן צאָל
לייגן זיך אין וואלד און טאָל,
וויפל בלעטער בא דײַן טיר, —
האָבן זאָלסט אזויפיל שניר!

און דעם זיידן און דער באָבען
אייניקלעך זאָלן זיי האָבן
ניט קיין סאך און ניט קיין ביסל —
אלע שכיינים צו באגריסן.

אויגן גרין, און שווארץ, און בלאָוו,
שענער פון דעם עווענטאָוו,
זאָלן לײַכטן ווי די שײַן,
זאָל מען אונדז מעקאנע זײַן.

• • •

קו־קו? — פרעגט זיך די קוקאווע. —
ס'גרינט שוין? ס'בליט שוין?
און דער שפערל ענטפערט זשוואווע:
צוויטשי, צוויטשי...

טרילי־טרילי, — פון באגינען
טרעלט דער זשאווראָנאָק,

און אים ענטפערן די בינען:
ס'שמעקט שוין האָניק...

ס'טרײַבט די טשערעדע דער פאסטעך, —
טרו־טרו, — מעלדט ער, —
ס'לאָדט דער פרילינג אײַן צוגאסט אײַך
אין די וועלדער...

• • •

ניט אין סייכל וועגדט זיך אלץ, אפילע ניט אין לויטער־שארפן,
ס׳דארפן נאָך מיט שטאָל געשמידט זײַן דײַנע קלאַנגען,
טויזנט מאָל אין יאַם דו קאָנסט די ווענטקע ווארפן,
ביז איין מאָל דאָס גאָלדן פישעלע זאָלסט פאַנגען.

• • •

יאָרן גייען, און איך הער,
ווי די טריט זייערע קלינגען,
וואָלט זיך כאָטש געפונען ווער
מאכן אף א טאָג מיך ייִנגער.

יאָרן קלינגען, ווי אין גלאָק,
אײַל איך זיך מײַן וואָרט צו זאָגן,
ווײַל אין איינעם א פארטאָג
קאָן איך אופשטיין גאָר א זאָקן...

יאָרן גייען, און עס פאלט
זייער שאָטן אף די שליאכן.
ווילן זיי מיך מאכן אלט —
מאלע וואָס זיי ווילן מאכן...

• • •

ווי קאָן מען דורכגיין אונטער זון,
קיין רעגע זיך ניט אָפצושטעלן?
ניט זאָגן כאָטש קיין „זײַ געזונט"
דער שיינער וועלט, וואָס איז געפעלן?

דעם בלאָט פון הארבסט, דאָס וועסנע־גראָז
ניט אײַנהויכן מיט פולער ברוסט,
דעם שטארקן לייב, דעם שוואכן האָז
ניט אופנעמען מיט פרייד און גרוס?

די ריטשקעלעך פון אָנהייב שטראָם,
דעם גוס פון שטורעמדיקע וועלן,
דעם הויכן בארג, דעם טיפן טהאָם
ניט אופנעמען — דאָס הארץ זאָל
קוועלן?

ווי קאָן מען דורכטראָגן אין זיך
דאָס אלץ אָן אָנהייב און אָן ענדע
און ניט פארפלייצט ווערן פון ליכט,
ווי אין א זוניקער לעגענדע?

•

ה י ר ש ר ע ל ע ס

קוקט ניט גלײַכגילטיק

וועגן דער גאָלדענער פאווע

גרויסע סנאָפּעס ליכטיקע שטראלן
שפריצן אָן אופהער מיט שײַן:
פון פאָלקסליד די גאָלדענע פאווע
אין מײַנעם א פערז איז ארײַן.

זשמורען פון שײַן זיך די אויגן,
נאָר וואָס איז די פולע פון דעם?
אז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
זיצט זי בא מיר, ווי אין קלעם.

זי זאָל מיט שליכעס זיך טראָגן,
און ניט אין דער וועלט ארײַן סטאַם,
דארף מען א געליבטע פארמאָגן,
און ווו? ערגעץ הינטערן יאַם.

און אויב ס׳איז א פרײַנט ווו פאראנען
און שנעל כ׳דארף אים מיטיילן וואָס, —
קאָן איך שיקן א בליץ־טעלעגראמע
צי א בריוול דורך אוויא־פּאָסט.

איז וואָס דארף א הײַנטצײַטיקער דיכטער
די גאָלדענע פאווע אין ליד?
נאָר דער טרוים פון מײַן קינדהײַט מאכט
ליכטיק
מײַן הארץ און מײַן שטילן געמיט.

צום דעמב

וואָס קומט ארויס פון דײַן גרויסער גוורע,
אז די קראפט אין דיר פארגליווערט איז און אלט?
ווי א שווערער דענקמאָל אויסגעפורעמט —
נאָך זיך אליין א דענקמאָל שטייסט אין וואלד.

און דער גרעסטער שטורעם קוים באוועגט דיך,
ווערסט נאָך מער פארגליווערט פונעם זאפט.
קאלטער מאלעך, ענטפער מיר, איך פרעג דיך,
וואָס זשע טוסטו מיט אזויפיל קראפט?

א פייזאזש

פון דער הייך קוקן טויזנטער בליקן איצט,
און ס׳גייט זיי אפילע ניט אָן,
וואָס פון ווײַסן כמעל א פארשיקערטער
הענגט איבער פארקן דער קליאָן.

א פארשלאָפענער, א ניט באמזיניקער,
דוכט, אָט וועט ער פאלן צו דר׳ערד.
ניט אומזיסט האָבן צוויי דרוזשיניקעס
פלוצלינג זיך דאָ אָפגעשטעלט.

מיניאטורן

ווי א שוואלב

איך בין, ווי א שוואלב, וועלכע טראָגט זיך באם טײַך,
און יאָגט איבער וואסער און מיינט, ס׳איז דער הימל,
ביז זי טוט זיך א טונק אָפּ און קילט זיך אָפּ גלײַך
און היט זיך שוין נאָכדעם פון עמעסן הימל.

אויגן

אויגן בלויע, שיינע, טיפע,
בעסער קוקט אָף מיר מיט כניפע,
צי מיט שפאָט, מיט האס, מיט קאס,
קעציש, לעמעריש און כאיש,
קרום, מיט גאדלעס, ווי איר ווילט אײַך, —
נאָר ניט קוקט אָף מיר גלײַכגילטיק.

וועגן א דיכטער

אמאָל זײַן געדאנק איז געווען, ווי א בליץ
אין א פינצטערער נאכט,
און איצט, ווי ער וואָלט גאָר ריידן פון היץ —
ניט פאר קיינעם געדאכט.

כאַיִם מאַלטינסקי

ווידער אין נאַמאַנגאַן

אין פרילינגדיקן וואַלד

הײַנט איז דער 13 אַפּרעל פון 1968 יאָר (וועגן דעם, וואָס עס באַטײַט פאַר מיר דער דאָזיקער טאָג, — א ביסל שפּעטער). שוין עטלעכע כאַדאָשים, ווי מײַן האַנט ווייסט ניט פון קיין אײַנגעטונקטער פּען. דאָס וואָלט מיר פאַרשאַפן אַגמעסנעפעש, נאָר איך טרייסט מיך דערמיט, וואָס א הונדערט טעג בין איך געווען אין וועג, געהאַט עטלעכע נעסיִעס. איינע גאָר א ווײַטע, קיין דאָרעם־אוזבעקיסטאַן — אין דער שטאָט נאַמאַנגאַן. איך כאַפּ אַרײַן... אַלס אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע קאָסטן מיך אינעם ווינטער־פּעריִאָד אײַזנבאַן־בילעטן א העלפט געלט. ווי זאָגט מען זיך אָפּ פון אזא בעקאָוועדיקער להאָטע און מע פאָרט ניט? מײַן מאַמע, געדענק איך, פלעגט מיך טאָמיד מוסערן: וויפל איז דער שיר צו שמירן די רעדער? דאָס האָט באַטײַט: פאַטערן די פאָר גראָשנס אָפּ אַרומפאָרינקען. ווען זי לעבט איצט, די מאַמע, וואָלט זי עס מיר זיכער ניט פאָרגוואָרפן.

ביים מײַנע רײַזעס האָב איך זיך געטראָפן מיט א סאך גוטע, קלוגע מענטשן. איך האַלט בא זיך קיינמאָל ניט קיין נאָטיץ־ביכל און האָב ניט קיין כאַראָטע — ווײַל, ווי קאָן מען עס שמועסן אין וועג מיט א מענטשן און פאַרשרײַבן דאָס, וואָס ער דערציילט דיר? דאָס וואָלט אויסזען מעשונע־ווילד. א מענטש איז ווי א פויגל אין וואַלד, ווילסטו אָף אים קוקן פון דער נאָענט און האַנאָע האָבן פון זײַן אויסטערלישער בערייִשיסדיקער שיינקײַט, פאַרטײַע דעם אָטעם, טו זיך ניט קיין ריר פון אָרט. איין ניט פאַרזיכטיקער שאר מיטן פוס, און דער פויגל הייבט זיך אוף פון דער צווײַג און — שיט אים זאַלץ אָפן עק.

דאָך דוכט זיך מיר, אז איך וואָלט וועגן יעדן איינציקן, וועמען איך האָב באַגעגנט, געקאָנט דערציילן און דערציילן. עס רוישן אין קאָפּ א יאַם געשיכטעס, לעבנס־פּאַסירונגען, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעהערט. עס ווילט זיך מיר דערציילן א מענגע זאַכן מיטאַמאָל, אויסמאָלן אַלץ, וואָס עס האָבן אזוי דאָרשטיק אײַנגעזאַפּט מײַנע בליקן. נאָר מערקווירדיק: וואָס מער איך בין איבערפולט, אָנגעפּיקעוועט מיט פרישע און רײַכע אײַנדרוקן, אַלץ שווערער קומט מיר איצט אָן עפּעס אַרויסצוקריגן בא מײַן האַרץ און זינען. פונקט ווי זיי וואָלטן אין איין קאָל צו מיר געטײַנעט: ליבינקער, טשעפּע ניט, ס׳איז אונדזער האָב און גוטס, פאַרשטאַנען?..

עס צעלויפן זיך מאַמעש די אויגן. אָט שײַנט פאַר מיר מיט אַלע זיבן זון־קאָלירן א בליאַסקעדיק שפּילעוודיק שטיינדעלע, א כייך־פּינטעלע, ליגט עס אָבער באַגראָבן אונטער א הליבע צונויפגעפּרעסטע שפּיציקע שטיינער און צעקרישלטע ציגל. און זײַ א בעריע, דעקאַזשע פון דאָרט אַרויס דעם זיך צאַפּלדיקן עווענטאָוו. און די צײַט דערווײַל — לויפט, יאָגט פאַרבײַ קרײַז נאָך קרײַז. זי ווערט פאַר מיר קנאַפּ ניספּאָעל, די צײַט. נאָר ס׳טרעפט, פון ראַכמאָנעס וועגן טוט זי ווען־ניט־ווען, פאַרבײַטראָגנדיק זיך, א זײַ צווישן די ציין אין מײַן זײַט: ווילסטו זיך דערשלאָגן עפּעס רעכטס, טאָ האָרעווע, שאַנעווע זיך ניט, ברודערקע. אָט גיי

איך שוין א פּאָר שאָ ארום איבערן שטילן אפרעליקן ווײַסרוסישן וואלד — ס׳איז דער ערשטער טאָג, ווען דער וואלד איז א שטילער, א צוגעלאָזטער, ווײַל דער כוידעש אפרעל איז דאָך בא אונדז אין ווײַסרוסלאנד טאָמיד א צעבאלעוועטער, מיט א מאנקאָליע. אין מעשעך פון טאָג בײַט ער, ווי א מאָדניצע, א צען מאָל דעם הוילעך — רעגן, ווינט, שניי, האָגל, און פּלוצעם טוט א שײַן איבער די יעלן די ליכטיקע מעכײַעדיקע פרילינג־זון, וואָס מאכט פונעם ווינטער א טיל־טעל. איך דארף זיך מוידע זײַן, אז דאָס ארומבלאָנקען אין וואלד קומט מיר אָן ניט לײַכט, איך שלעפּ זיך, טופּע שווער מיט מײַנע אכט און פופציק יאָר איבער די נאָך בלאָטיקע, ערטערווײַז פארשנייטע סטעזשקעס, ווײַל עס גייט מיר אין לעבן אָנצושטויסן זיך, אין וואָס עס דערמאָנט דער קלאנג, וועלכן עס ברענגט ארויס מיט רעגלמעסיקע אינטערוואלן דער שווארצער פּיקהאָלץ, א פויגל עטוואָס גרעסער פונעם שטאר. און טאקע, מיט וואָס קאָן מען פארגלײַכן זײַן טיף־אייגנארטיקן פרילינג־געזאנג? זאָל איך אים פארגלײַכן צו א קרעכץ? צו א סקריפּ פון א טיר, בייס מע עפנט זי שטיל, ניט מיטאמאָל? יאָ, עטוואָס דערמאָנט עס א סקריפּ פון א טיר. און עפּשער — צום גערויש פונעם וועלגער־האָלץ, ווען די מאמע פלעגט גלעטן דאָס פריש־אויסגעטריקנטע וועש? און דאָך האָב איך געפּאקט: כ׳האָב זיך דערמאָנט, אז קליינערהייט פלעג איך ליב האָבן צו גיין איבער די געסלעך פון מײַן היימשטאָט וויטעבסק און מיט א קורץ שטעקל פירן איבער די שטאכעטן פון א לאנגן פּארקן (גרויסע רײַכע סעדער מיט באלעבאטישע הײַזער, ארומגעצאמטע מיט לאנגע פּארקנס, זײַנען אין וויטעבסק געווען א סאך). אָט פּונקט אזא קלאנג ברענגט ארויס מיט זײַן שנאָבל דער שווארצער פּיקהאָלץ אין אפּרעליקן באָר, א קלאנג, וואָס פארבאָרגט אין זיך שקאָצערײַ, מאנצבלשן אזעס. דאָס גיט ער, דער שווארצער יונגערמאנטשיק, צו וויסן: פייגעלעך־שוועסטערלעך, דער פרילינג קיצלט מיך אונטער די פּאכוועס, היט זיך, איך וואָרן אײַך, נאָר אלציינס וועט איר זיך ארײַנפּאקן.

און אז עס קומט אָן אזוי שווער ריכטיק צו פארפיקסירן אין זינען אן איינצלנעם פויגלקלאנג, ביז עס בליצט, ענדלעך, אוף די פּינקטלעכע טרעפלעכע אסאָציאַציע (און צי איז זי א טרעפלעכע? — א סאָפעק נאָך), איז מיקאָלשקיין האָבן צו טאָן מיט מענטשלעכע מאכשאָוועס, ראַיוינעס, מיט לעבנס־געשיכטעס, לעבנס־גויראָלעס.

נאַמאַנגאַן איז מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן

איצט וועל איך זיך אומקערן צו מײַן האסכאָלע — צום 13 אפּרעל פון 1968 יאָר און זאָגן, וואָס עס באטײַט די דאָזיקע דאטע פאר מיר. איבעריקנס, איז זי ניט פארבונדן מיט קיין גרויסער געשעעניש. ס׳איז אָנבאלאנגט בלויז מיר אליין. זאָל עס מיר פארגעבן ווערן. אקוראט מיט צוויי כאדאָשים צוריק, דורכפאָרנדיק פארבײַ סאראטאָוו, דורכשנײַדנדיק די קאזאכסטאנער ראָפּע־סטעפּעס, פארבײַ, קזיל־אָרדא, קאזאלינסק, ביז טאשקענט און ווײַטער, בין איך מיט מאזל דעם 13 פעווראל אינדערפרי אָנגעקומען מיט דער באן מאָסקווע — אנדיזשאן קיין קאָקאנד און פון דאָרטן מיט דער אָרטיקער באן אינעם זעלבן טאָג דערקליבן זיך צו מײַן הארציקנאָענטער שטאָט נאמאנגאן, ווו איך האָב געלעבט פון 1956 ביזן 1960 יאָר. צוויי וואָכן האָב איך דאָס מאָל פארבראכט אין נאמאנגאן. געוויס איז צוויי וואָכן ווייניק, נאָר, ווי יעדער מענטש, בין איך ניט בא זיך אין די הענט.

אינעם טאָג פון מײַן אָפּפאָרן זײַנען שוין אף די יונגיטשקע, ניט הויכע (ווי כיינעוודיקע באלעבאָסטעטשקעס) מאנדל־ און אבריקאָסן־ביימער געווען אָנגעבראקניעט די קנאָספּן. זיי האָבן געגלאנצט אף דער זון מיט א קלעפּיקער פעטקײַט און, ווען איך וואָלט פארבליבן אין שטאָט כאָטשבי נאָך אייניקע טעג, ביז אן ערעך דעם צווייטן אָדער דעם דריטן מארט, וואָלטן זיך שוין מײַנע אויגן געבאָדן אינעם שניי־ווײַסן מאנדל־צוויט און אין די אבריקאָסן־בליטן. און כאָטש איך בין שוין ווידער צוזאמען מיט מײַן הויזגעזינד אין מײַן ווײַסרוסישער היים און שפּאציר איבערן אפּרעליקן באָר, דערמאָן איך זיך מיט אלע איינצלהײַטן, וויאזוי איך האָב פּונקט מיט צוויי כאדאָשים צוריק ארומגעשפּאנט א פיר טויזנט קילאָמעטער פונעם דאָזיקן וואלד, איבער די שוין דאן באזונטע פרילינגדיקע נאמאנגאנער גאסן, און האָב מיט גאפונג און קינדערשער סימכע פארנומען דעם רוף פון די ווילדע קליינע דארע טײַבעלעך, פון די „גאָרלינקעס“ (אזוי הייסן זיי דאָרטן): גו־גו, גו־גו, גו־גו... גו־גו, גו־גו, גו־גו...

און אזוי פון באגינען ביז שפּעט אין אָוונט, טאָג אין טאָג טראָגן זיך פון אומעטום — פון הינטער די דוואלן, איבער די קיביטקעס און אריקן, פון די פּארקן און סעדער, פון אלע גאסן און שמאָלינקע געסלעך — די לײַדנשאפטלעכע נאָגנדיקע ברומענדיקע רופן פון די גאָרלינקעס: גו־גו, גו־גו, גו־גו... אזויפיל ליבע, זאָרג און געטרײַשאפט צום לעבן איז פארטײַעט אין די דאָזיקע רעגנדיקע, אומרויִקע קלאנגען!

נאמאנגאן איז בא מיר אײַנגעבאקן אין הארצן. דאָס זײַנען ניט סטאם שיין־אויסגעהעפּטע ווערטער־בלימעלעך, פֿליטערלעך. די דאָזיקע קאָלירפֿולע כמימעסדיקע שטאָט מיט אירע געזונטע און שטילע, העפֿלעכע מענטשן, וואָס טראָגן אלציינע, מיט ווײַסע לעוואָנע־סערפּן אויסגענייטע, טיובעטייקעס, פֿארנעמט א גרויס אָרט אין מײַן לעבן. און ניט בלויז אין מײַן לעבן. אין די שווערע, זייער ביטערע מילכאָמע־יאָרן האָבן צענדליקער טויזנטער עוואקויִרטע סאָוועטישע בירגער און צווישן זיי טויזנטער מוטערס, שוועסטער און אייפּעלעך פֿון מײַן פֿאָלק געפֿונען א ראטונעק, א היים אין נאמאנגאן און אין די קישלאקן ארום דער שטאָט, און ניט בלויז אין נאמאנגאן — אויך אין קאָקאנד, אנדיזשאן, סאמארקאנד, טאשקענט, בוכארא און אין נאָך א סאך גאסטפֿרײַנטלעכע שטעט און קישלאקן פֿון אוזבעקיסטאן. דאָס דארף קיינמאָל ניט פֿארגעסן ווערן.

אין דעם ווייטעקדיקן 1941 יאָר, ווען איך האָב נאָך פֿון נאמאנגאן קיין אנונג ניט געהאט, האָט זיך אהין עוואקויִרט און געראטעוועט א מענטש, וואָס איז נאָכן קריג געוואָרן מײַן פֿרוי. און אין אייניקע יאָרן ארום, אין אן אייס־צאָרע, האָט די זעלבע שטאָט מיט אירע גוטע מענטשן פֿריטוליעט מײַן פֿאמיליע, געקאָרמעט מײַן פֿרוי און קינדער, דאן, ווען דער הארבער גוירל האָט מיך אף לאנג מיט זיי צעשיידט. מײַן הארץ פֿלעגט צעשפּרונגען ווערן פֿון אומרו און אומגעהייערער פֿרייד, ווען מײַן בריגאדיר פֿלעגט מיר דערלאנגען א בריוו פֿון נאמאנגאן. פֿון יענע בריוו האָט געשמעקט מיט קישמיש און מאנדלען, מיט זיסע אוזבעקישע ציבעלעס, מיט דער האָפֿענונג דערלעבן צו זען זיך מיט דער פֿרוי און קינדער. פֿארייִנס איז גופֿע די שטאָט נאמאנגאן געוואָרן מיר אייגן־ליב און נאָענט. ווען איך בין אהין געקומען אין 1956, האָב איך מיט זיך מיטגעבראכט אלע נאמאנגאנער בריוו. דאָס איז געווען מײַן האָב־און־גוטס, וואָס איך האָב פֿארהיט.

נאמאנגאן איז, אויסער אלעמען, מיר טײַער מיט דעם, וואָס אף דער עלטער (מײַן פֿרוי איז דעמלט אלט געווען פֿינף און פֿערציק יאָר), איז בא אונדז דאָרט געבוירן געוואָרן דער מיזיניק און יוירעש. איך אליין, דער אלטער סאָלדאט, ווען מײַן פֿרוי פֿלעגט אוועק אף דער ארבעט, האָב אים געניאנטשעט. אין די גליִיִק־הייסע אוזבעקישע זומער־טעג פֿלעג איך זיך באגיסן מיט טײַכן שוויס, ווען איך פֿלעג דאָס אייפּעלע דארפֿן איבערוויקלען און אײַנשטילן, עס זאָל אזוי ניט פֿארגיין זיך אין שרײַען. א מעסוקענער שרײַער געווען. איך פֿלעג פֿארהענגען דאָס פֿאָרהענגל פֿונעם פֿענצטער אין קיביטקע, מענטשן זאָלן ניט צוזען מײַן קאָמישע פּײַן... אויך דעם ניסאָיען בין איך בײַגעקומען.

און ווען אין אייניקע כאדאָשים ארום איז פֿונעם שרײַער אויסגעוואקסן א מענטשעלע, וואָס פֿלעגט שוין שמייכלען צו מיר — דעם ניט יונגן טאטן זײַנעם, פֿלעג איך אים פֿויען צוערשט פֿון א טיי־לעפֿעלע און דערנאָך שוין פֿון א גלאָז מיט זיסן רויטן זאפֿט, וואָס איך פֿלעג אויספּרעסן פֿון די ערשטסאָרטיקע נאמאנגאנער מילגרוימען — די בעסטע מילגרוימען אין דער וועלט! איצט זעט איר, אז איך קאָן מיט רעכט זאָגן: נאמאנגאן איז מיר אײַנגעבאקן אין הארצן.

פֿארבליבן נאמאנגאנער טוישווים

פֿון באגינען ציט מיך שוין, ווי א מאגנעט, ארויסצוגיין אף די נאמאנגאנער גאסן. אײַ פֿעלן מיר איצט א פּאָר געזונטע ראגלאַיִם, אָט יענע פּאָר פֿיס מײַנע, מיט וועלכע איך האָב דורכגעשפּאנט צופֿוס פֿון סטאלינגראד ביז בערלין! נאָר מע דארף זיך שטארקן. א געזונט אין מײַן קוליע־שטעקן! איך קוועטש אף אים שטארקער אָן, און איך גיי פֿון גאס צו גאס. עס ווילט זיך ניט ארײַנקריכן אין אווטאָבוס, אין דער ענגשאפּט און דריקעניש. איך גאר וואָס מער צו זען די שטאָט. ווען איך האָב דאָ געוווינט מיט מײַן מישפּאָכע, איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו בײַטן די קיביטקעס. קיין סאך מאטערניש און קלעמעניש, געדענק איך, פֿלעגן מיר באם אריבערציִען זיך פֿון איין קיביטקע אין אן אנדערער ניט האָבן. א פֿורמאן — ארבאקעש פֿון קאפּאן־באזאר — פֿלעגט פֿאר א דרײַערל אף זײַן צווייִרעדלדיק וועגעלע ארופֿוואלגערן אונדזער סקארב — א פּאָר אײַזערנע בעטלעך, א ראסקלאדושקע, טאבורעטקעס און א שאפֿקעלע, אין וועלכן עס איז געלעגן אונדזער מאיאָנטעק: דאָס געשיר, די קינדערס לערנביכלעך, מײַן זעקל לידער און אין א רויטינק פֿודעלע מײַנע אָרדענס און מעדאלן. דאָס כיִעסדיקע אייזעלע פֿלעגט דאָס אלץ, ווי א לײַכטן פּאסאזשיר, אוועקשלעפּן פֿון איין געסל אין א צווייטן. אין אָנהייב פֿון 1959 יאָר האָבן מיר באקומען א קאָמונאלע דירע אין א נײַ פֿירשטאָקיק הויז. שפּאן איך דאָס איצט צו מײַן לעצטן וווין־אָרט אין נאמאנגאן — אף דער נאוואָיִ־גאס. איך קוק זיך אײַן אין די מענטשן, וואָס קומען מיר אָן אנטקעגן, — פּאָשעטע, רויִקע, מיט לויכטנדיקע פּענעמער, מיט גלאנציק־שווארצע זשוואווע אויגן. א באשיידן גליקלעך פֿאָלק, וואָס לעבט אן ערלעך־צופֿרידן לעבן, דער גרונט פֿון וועלכן עס איז געשמאקע האָרעוואניע אף די בוימוואָלפֿעלדער, אף די רײַז־פּלאנטאציעס, בא די פּילצאָליקע אריקן, אף די ווײַנטרויבן־גערטענער,

אין די רײַכע פּרוכטסעדער, באַם האָדעווען די גיריק־פּרעסנדיקע זײַד־רויפּעס. איך זוך מיט נײַגער צווישן די דורכגייער באַקאַנטע. אין מעשעך פון דער וואָך, וואָס איך בין דאָ, האָב איך זיך שוין געטראָפן מיט מײַנע גוטע־פרײַנט — אוזבעקישע און רוסישע זשורנאַליסטן. געזען זיך מיט מאַריאַ איסאַקאָוונאַ יודאַסינאַ — דעם רעדאַקטאָר פון די רוסישע טראַנסלירונגען פון דער געגנטלעכער ראַדיאָ. מיר זײַנען ביידע וויטעבסקער. אין 1925 זײַנען מיר געווען אין איין פּיאָנערישן אָטריאַד. איך בין שוין אויך געווען צוגאַסט בײַ מײַן יעדיד דעם נאַמאַנגאַנער אַדוואָקאַט איוואַן מיכײַלאָוויטש באַנדאַרעוו. מיר האָבן צוזאַמען דערמאָנט אונדזערע רײַזעס איבער דער געגנט. איוואַן מיכײַלאָוויטש האָט מיך אין מעשעך פון עטלעכע יאָר אַרומגעפירט אַף זײַן „אײַזערנעם פערדל" — א מאָטאָציקל מיט א שיפּעלע. איך פלעג מיר, ווי א פּאָרעץ, זיצן אין שיפּעלע, און איוואַן באַנדאַרעוו פלעגט איבער די גלאַנציק־גלאַטע אַספאַלטירטע וועגן אַזוי האַסטיק פּאַנאַנדעריאָגן „דאָס פערדל", אַז אָפט פלעגט מיר נעמען דוכטן — אָט־אָט רײַסט זיך דער מאָטאָציקל אָפּ פון אַספאַלט, פליט אויף אינדערלופטן און מיר שוועבן איבער בערג, איבער בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס פּונקט אַזוי, ווי אין די אוזבעקישע פאָלקס־מײַסעלעך, — אַף א צויבער־טעפּיך. מיט איוואַן מיכײַלאָוויטשן זײַנען מיר צוזאַמען אויסגעווען אין די שענסטע ווינקלען פון דער פערגאַנער טאָל־געגנט, באַזוכט מיט אים פיל קאָלווירטן און סאָווירטן, אָנגעשריבן בעשוטפעס צענדליקער פאַרצייכענונגען פאַר די אָרטיקע צײַטונגען וועגן די מעסירעסנעפעשדיקע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס פון טשוסט, טיורי־קורגאַן, יאַנגי־קורגאַן, אוטש־קורגאַן, קאַסאַנסײַ.

א פּאָר טעג האָב איך פאַרבראַכט בײַ אונדזערע מישפּאָכע־פרײַנט — בײַ מוישלען און כײַעלע כײַקין. זיי לעבן שוין אין נאַמאַנגאַן א היפּש ביסל יאָרן. מאָיִסיי מייעראָוויטש איז דער הויפּט־מעכאַניקער פונעם נאַמאַנגאַנער זאַוואָד פאַר בוי־מאַטעריאַלן, און כײַעלע איז אַן אינסטרוקטאָר פון דער נאַמאַנגאַנער סאַניטאַר־סטאַנציע. אין זייער מישפּאָכע איז צוגעקומען נאָך א טאָכטערקע — לענאָטשקע, שוין דאָס זיבעטע יאָר, און א מיזיניקל — א יאָריקער יוראָטשקע. פון טאַמסק איז גראָד אַף ווינטער־קאַניקולן געקומען צו פאָרן זייער בכאָר מישע — סטודענט פונעם טאָמסקער ראַדיאָ־אינסטיטוט.

איך האָב זיך שוין באַגעגנט מיט מײַן שטענדיקן נאַמאַנגאַנער מיטשמועסער און כאַווער — מיטן פראַנטאָוויק סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש מאַגרילאָוו און מיט זײַן פרוי גיטע און מיט איר נאָך מונטערער 85־יאָריקער מאַמען בלומע־ראָכע. מײַנע קינדער געדענקען זי, דערמאָנען איר גוטסקײַט. זי פלעגט קומען צו אונדז אין קיביטקע און שוין אָפּן אוזבעקישן שטייגער ברענגען די קינדער פלעצלעך, לעקעכלעך, א הינערש פּופּיקל, א לעבערל.

עס איז געקומען אין מײַן האָטעל־צימער דאָס יונגע פּאָרפאָלק פּאָלישטשוק זינאָווי מאַטווייעוויטש און זײַן פרוי עספיר יאַקאָוולעוונאַ — לערער, אונדזערע געוועזענע שכיינים. זינאָווי מאַטווייעוויטש האָט מיך אַף זײַן מאַשין אוועקגעפירט צו זיך אַהיים, און איך האָב געהאַט א מעגלעכקײַט צו זען זיך אויך מיט זײַן מוטער — אונדזער גוטער באַקענטער ראַכיל לוואָוונען — א קינדער־דאָקטער.

א היפּשע צאָל יידישע מישפּאָכעס, וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט אַהער אין אָנהייב קריג, זײַנען שוין אַף שטענדיק פאַרבליבן אין נאַמאַנגאַן. זיי רעכענען זיך שוין פאַר אַלטע טוישווים, זיי האָבן זיך אײַנגעגלידערט און געוואָרן געקניפּט און געבונדן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

שעפע

מײַנע באַגעגענישן האָבן זיך דערמיט ניט פאַרענדיקט — מיט איין וואָרט, מײַן נומער אינעם נאַמאַנגאַנער האָטעל האָט קימאַט געפּוסטעוועט — איך האָב אין אים ניט געטאָגט און ניט גענעכטיקט. איך פלעג בלויז אַרײַן אין אים איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, איבערגאַרטלען מײַן כאָמעט־פּראָטעז און ווידער אוועק אין שפּאַן איבער די נאַמאַנגאַנער גאַסן און סקווערן.

איך האָב צוויי מאָל אַרומגעקרײַזט דעם נאַמאַנגאַנער קאָלווירטישן מאַרק. אַזויפיל רײַכקײַט און שעפע! קיין בייז־אויג זאָל דעם ניט שאַטן. די לופט איז אײַנגעסטאַלירט מיט מעכײַעדיקע בסאָמים־רייכעס. בערג מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען. וויפל קאַסטנס און זעק מיט אוריוק, שאַפּטאַלן, גראַנאַטן, זשודאַ, עפּל און באַרן. הײַנט גאָרטנוואַרג: מערן, ווי בערן; קופּעס קאַרטאָפל, זעק מיט גאָלדיקע לענגלעכע נאַמאַנגאַנער ציבעלעס; קאָלאָסאַלע נאַמאַנגאַנער רעטעכער. און ווײַטער א ביסל — זעק מיט רײַז, בעבלעך, פאַסאָליעס, באָב און פּאָשעטע פערלגרויפּן, מאָן און פעפער, טאָמאַטן און געווירצן... א מאַרק אַף טיש און אַף בענק. א מאַרק פון קאָלטווו. און ווען איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן — אינמיטן פעווראַל, ניט אין אַפּרעל, ניט אין מײַ, ווען די נאַמאַנגאַנער מאַרק־טישן ברעכן זיך מאַמעש אונטער דער לאַסט פון יונגן גרינוואַרג, ווען עס שײַנען שוין פון די קוישן פלאַמפײַערדיקע פּאָמידאָרן און עס ציִען זיך די ליפּן צו די רויטע דופּטיק־שמעקעדיקע פּאָזעמקעס און טריסקאַווקעס, צו די זאַפטיקע אַבריקאָסן און פערשקעס. מע באַווײַזט זיך ניט אַרומ־

קוקן, ווי עס גיסן זיך אָן מיט זוניקער רײַפקײַט די ווײַנטרויבן, און אָט פירט מען שוין אפן מארק וועגענער מיט דיניעס און קאווענעס.

אין א הייסן גלײַיקן טאָג, אז איך פלעג זיך אינעם שאָטן פון א מעכטיק־צעצווײַגטן הויכן קאראגאטש צוכאפן צו א האָניק־זיסער דיניע, פלעג איך, זופנדיק דעם צויבער־געטראנק, ווי פון א קליינינקער קאָרעטע, פילן דעם טאם פון גאניידן.

מיט א גוט געפיל פארלאָז איך דעם נאמאנגאנער מארק — א מידער קום איך ארײַן אין א דערבײַיקער טשײַכאנא, מאָסטע זיך באקוועם אײַן בא א באזונדער טישל, באשטעל א לאנגמאן — א געפעפערטן אוזבעקישן זופ (עס שטשיפעט אזש די שפיץ צונג פון אים), א טשײַניק גרינע טיי מיט פרישע באקימלטע לעפיאָשקעס. אָפגעגעסן, זופ איך פון מײַן פיאלע פאוואָליע שלונג נאָך שלונג די ביטערלעכע גרין־ראָזלעכע טיי. מיר איז גוט, וואָס איך זיץ צוזאמען מיט יאָדערדיקע מענטשן אין בלאנקווײַסע לײַוונטענע העמדער, אין קאָלירטע כאלאטן און טשאפאנעס, ארומגעגארטלטע מיט פארשיידנפארביקע פאטשיילעכלעך און טיכלעך. עס איז מיר דאָ ליב דאָס געפיל פון אָפשײַ, העפלעכקײַט פאר אלטע לײַט. קיבעד־אָוו און קיבעד־איים איז דאָ טיף ארײַנגעדרונגען אין בלוט און פלייש פון האמוין, בא קינד־און־קייט, בא קליין און גרויס. א שיין הערלעך פאָלק מיט פאָשעטער נאטירלעכער ווירדע און שטאָלץ.

אין די הארבסט־כאדאָשים, באם אראָפנעמען די בוימוואָל־גערעטעניש, פלעג איך זיך וואָכנווײַז געפינען אין די בריגאדעס אף די כירמאנען, אף די בוימוואָל־פעלדער און געזען, מיט וויפל פלײַס און אקשאָנעס די מיידלעך און באָכערים זאמלען די שניי־ווײַסע בוימוואָל־שאכטעלעך, מיט וואָס פאר א סימכע זיי טראָגן די פולע פארטעכער „ווײַס גאָלד" צום כירמאן אף דער וואָג. און ניט בלויז די יוגנט — זיידעס און באָבעס, ארומגעבונדענע מיט פארטעכער, פלעגן זיך באגינען לאָזן צו די פעלדער און זיך מיִען ביז דער זון־שקיִע.

געדא־כאָן

דער כאווער מײַנער איוואן דמיטריִעוויטש האָט מיר אָנגעוויזן אף א הויכער מיטליאָריקער פרוי, וואָס איז געשטאנען לעבן דער פאָטשט. איר שארפער פראָפיל, די גלאנציק־שווארצע האָר האָבן מיר אין עמעצן דערמאָנט.

— ס'איז געדא מאָיִסייעוונא, זאליפסקיס טאָכטער. בא איר וועט איר זיך דערוויסן וועגן איר פאָטער.

יאָ, די פרוי איז ענלעך אפן פאָטער, נאָר איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען.

מאָיִסיי איסאקאָוויטש זאליפסקי פלעגט די לעצטע פאָר יאָר פון מײַן זײַן אין נאמאנגאן פון צײַט צו צײַט ארײַנקומען צו מיר אף דער נאוואָיִ־גאס. מיט אים איז מיר געווען אָנגענעם צו שמועסן. עס פלעגט זיך אזוי באקומען, אז ניט איך פלעג אים הערן, נאָר פארקערט. בא מיר איז טאָמיד געווען א נויטווענדיקײַט צו טיילן זיך מיט אים, אויסלייגן פאר אים אלץ, וואָס בא מיר אפן הארצן טוט זיך. און ער פלעגט מיך אופמערקזאם אויסהערן.

איך פלעג אים שעמעוודיק־פארטרוילעך פאָרלייענען מײַנע נײַע שאפונגען. מיט א מאָדנעם צוטשמאָקען פון די ליפן האָט ער אמיינסטן זיי באגיטיקט, דערבײַ וווילֿ, מיט איין ליפ־ווינקל א שמייכל געטאָן, וואָס האָט באטײַט: „איך נעם צו קענטעניש". איך גערענק, אז פון זײַנע קעשענעס פלעגן שטענדיק ארויסטארטשען צײַטונגען און זשורנאלן. איך האָב געוווּסט, אז ער איז אן אלטער קאָמוניסט, א האָמלער, געווען אף פאראנטוואָרטלעכער ארבעט אין דער טאָטערישער רעפובליק. באזונדערס האָט מיר אימפאָנירט זײַן רויִקײַט, זײַן עמעסדיקע באשיידנקײַט: ווען ער איז נאָך לאנגע יאָרן צעשיידונג מיט די אייגענע און נאָענטע געקומען קיין נאמאנגאן צו זײַן פאמיליע, וואָס האָט זיך אין אָנהייב קריג אהין עוואקויִרט, איז ער ניט אוועק זוכן קיין „לײַכטע שטעלע". ער האָט אין א געוויינלעכן מיטוואָך זיך געיאוועט אפן אָרטיקן קאָנסערוון־זאוואָד און, שוין אלט זײַענדיק זיבן און זעכציק יאָר, געשטעלט זיך ארבעטן אינעם פלייש־צעך אלס „אָבוואלשטשיק" (אָפטיילן דאָס פלייש פון די ביינער) און פלעגט פאר א מישמוירע אויסשנײַדן אן אָנדערהאלבן טאָן פלייש. אין די זומער־כאדאָשים, בייס קיין פלייש־קאָנסערוון פלעגט מען ניט אויסארבעטן, האָט ער געארבעט אינעם טארע־צעך — צונויפגעשלאָגן קעסטלעך און פעסלעך אף אײַנצופאקן די פארטיקע זומערדיקע פראָדוקציע. כ'האָב אויך געוווּסט וועגן דעם, אז זאליפסקי נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין דער ארבעט פון דער זאוואָדישער פארטיי־אָרגאניזאציע, אז מע קומט צו אים זיך אייצען און מע האָט פאר אים אָפשײַ. איך האָב אָבער ניט געוווּסט וועגן דעם, אז אויסער זײַן פרוי פארמאָגט ער אין נאמאנגאן אן עלטערע טאָכטער — א מאמע פון דרײַ קינדער. מאָיִסיי איסאקאָוויטש האָט וועגן זיך ניט ליב געהאט צו דערציילן און איז, ווי איך האָב שוין באמערקט, גענייגט געווען מער צו הערן. ס'קאָן זײַן, אז ער האָט יאָ דערמאָנט וועגן זײַן טאָכטער און זײַנע אייניקלעך, גערענק איך עס ניט. בא מיר אין זיקאָרן האָט זיך פארהיט דער הויכער שטאלטנער און ענערגישער זאליפסקי מיטן

פּייַערל אין די אויגן און מיטן אייַנגעהאַלטענעם קלוגן שמייכל. מיר האָט זיך געוואָלט וויסן, וואָס ער מאַכט, ווי ער פילט זיך איצט, אין אַכט יאָר אַרום.

איוואַן דמיטריעוויטש האָט מיך פֿאָרגעשטעלט זאַליפּסקיס טאָכטער.

— ס'איז אויסגעשלאָסן, אַז איך זאָל זייַן אין נאַמאַנגאַן און ניט טרעפן זיך מיט אייַער פֿאָטער, — האָב איך איר דערקלערט. — איך האָב געקלונגען אין ראַט פון די פּענסיאָנערן, האָט מען מיר געענטפערט, אַז ער איז שוין דאָרט עטלעכע טעג ניט געווען. מע זאָגט, אַז ער וווינט ווייַט פונדאַנען. איך וואָלט זייער וועלן, ער זאָל אַרייַנקומען צו מיר אין האָטעל.

— די מוטער פילט זיך ניט איבעריקס גוט, קאָן ער פון שטוב ניט אַוועק, — האָט זי מיט איר פֿאָטערס רויִק קול געענטפערט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און צוגעגעבן: — בײַ מיר איז איצט מיטיק־צייַט, אָבער נאָך דער אַרבעט וועל איך זייַן בײַ די עלטערן.

— איך פֿאַרהאַלט אייַך, — האָב איך זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— ניט געפֿערלעך, איך האָב נאָך אין מייַן רעשוס בײַ צוואַנציק מינוט. דעם פֿאָטער וועל איך איבערגעבן אייַער באַקאָשע.

איך בין שוין גרייט געווען אויסשטרעקן איר די האַנט, נאָר דאָ האָב איך באַמערקט אַ הויכן מאַנצבל אין אַ הוט, וואָס קוקט דורכדרינגלעך אויף זאַליפּסקיס טאָכטער מיט אַ קוק פון אַ מענטשן, וואָס קווענקלט זיך: „זי, צי ניט זי". נאָר אָט מאַכט דער הויכער מאַנצבל אַ טראָט צו גאַדאַ מאָיִסייעווגען:

— גאַדאַ־כאַן!

גאַדאַ מאָיִסייעווגעס טונקל־ברוין פּאָנעם האָט אַ ציטער געטאָן, ווי אַ ווינטעלע וואָלט איבער דעם דורכגעלאָפן.

— איר דערקענט מיך ניט? — האָט דער מענטש פֿאַרכידעשט געקוקט אויף איר.

— ניין, — האָט זי אין פֿאַרלעגנהייַט געענטפערט, עטוואָס רויט ווערנדיק.

— דערמאָנט זיך! איך בין מאַמאַדאַלי דאַדאַבייַעוו, דער בריוועטרעגער פון קאָלווירט „קאַרל מאַרקס" פון יאַנגי־קורגאַנער ראַיאָן.

— מאַמאַדאַלי! — האָט גאַדאַ מאָיִסייעוונאַ אויסגעשטרעקט ביידע הענט צום מאַנצבל. זי האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פּיס און שמייכלענדיק פֿאַרגעזעצט: — און ווען איר זייַט אַוועקגעפֿאָרן לערנען, האָב איך אייַך פֿאַרביטן, כ'בין העכער אַ יאָר געווען בריוועטרעגער.

— דאָס איז געווען, — האָט מאַמאַדאַלי דאַדאַבייַעוו געכעזשבנט, — מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק.

— און איר האָט מיך דערקענט?

— לויטן קול און לויט אייַער שמייכל, גאַדאַ־כאַן.

איצט האָב איך דערפילט, אַז איך בין דאָ אַן איבעריקער.

איך האָב זיך מיט אָפּשייַ פֿאַרנייגט פֿאַר גאַדאַ־כאַן און פֿאַר מאַמאַדאַלי און בין אַוועק, ניט אומקוקנדיק זיך, כאָטש מיר האָט זיך זייער געוואָלט אַ בליק געבן אויף זיי פונדערווייַטנס.

אַ נאָמען פון צוויי נעמען

און אָט זיצן מיר מיט מאָיִסיי איסאַקאָוויטשן אין האָטעל־צימער און שמועסן. מיר נעמט זיך דוכטן, אַז ניט אַכט יאָר, נאָר קיין וואָך איז ניט אַדורך, ווי ער איז בײַ מיר געווען. פֿאַר וואָס אָבער נאָגט אַזוי דאָס האַרץ? פונוואַנען האָט זיך געיאַוועט דער מאָדנער טרויער?

מאָיִסיי איסאַקאָוויטש זאַליפּסקי האָט, ווי זייַן שטייגער איז, געשוויגן, וועגן גאָרנישט ניט געפֿרעגט. אָבער זייַן ווילער שמייכל האָט באַטייַט: „אויב דייַן האַרץ גלוסט, טאָ דערציייל".

איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז מאָיִסיי איסאַקאָוויטש זאָל זיך האָבן שטאַרק געענדערט. עמעס, לויט דער רויטקייַט אַרום די אויגן איז צו זען, אַז מיט דער ריִע איז בײַ אים ניט אין אָרדענונג. אויך די באַקן זייַנען בײַ אים פולער געוואָרן, גלאַנצן מיט אַן אָנגעפּוישטקייַט. נאָך מייַן רעכענונג איז אים שוין בײַ די אַכציק, נאָר זייַן שטאַלט, זייַן ענערגישקייַט און רירעוודיקייַט האָט ער ניט אָנגעווירן. איך האָב אויך דאָס מאָל ניט צעשטערט דעם אייַנגעשטעלטן קלאַל — אָפּגעגעבן אים אַ שטיקל דין־וועכעזשבן פֿאַר די פֿאַרשוווּמענע זיבן־אַכט יאָר. איך האָב זיך געהיט מיט יעדן וואָרט — זאַליפּסקי פֿאַרטראָגט ניט קיין גרויסהאַלטערייַ. איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז איך וואָלט וועלן אין מייַן פֿאַרצייכענונג וועגן נאַמאַנגאַן אויך אים דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט, און אויב ער וועט מיר דערלויבן, וועל איך דאָ אויפֿן אָרט פֿאַרשרייַבן אייניקע, אַזוי צו זאָגן, יעדיִעס און פֿאַקטן.

— נו, מיילע, — האָט ער געענטפערט, און איך האָב אין זייַנע געציילטע צוויי ווערטער דערפילט דעם טאָך פון זייַנער אַ מאַכשאָווע: „איך האָב זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט צו העלפֿן מענטשן. איך טו עס מיט ליבע און בין אויך אַצינד צוליב דעם געקומען צו אייַך..."

— נאָך אַ גליק, וואָס איך האָב באַגעגנט אייַער טאָכטער, גאַדאַ מאָיִסייעוונאַ. אַגעוו, וואָס באַטייַט דער נאָמען גאַדאַ?

דער שמייכל זייַנער, וואָס האָט שטיל אַרויסגעשייַנט פון די מויל־ווינקלען, איז זיך ברייט צעגאַנגען איבערן גאַנצן פּאָנעם:

— מײַן טאָכטער אַליין וואָלט שוין איצט אף דעם גענוי ניט געקאָנט ענטפערן. בלויז איך און מײַן פרוי געדענקען נאָך פּינקטלעך, פון וואָס דער נאָמען איז „צוזאַמענגעשטעלט". גערדא, ריכטיקער הערדא. בײַס דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע, פון 1905, איז אף די האָמלער גאַסן פאָרגעקומען א דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָט אָנטיילגענומען א יונגע שנײַדערקע, וועלכע האָט געהייסן העסיע. די פּאָליציי האָט זי אף דער דעמאָנסטראַציע דערשאָסן. ווען אין 1921 איז געבוירן געוואָרן אונדזער טאָכטער, האָב איך איר געוואָלט א נאָמען געבן נאָך דער שנײַדערקע, זי איז געווען אונדזערער א גוטער־פרײַנט. מײַן פרוי איז מיט מיר מאסקים געווען, נאָר זי האָט פאָרגעלייגט ארײַנטראָגן אין נאָמען א קליינע ענדערונג: מײַן שוויגער האָט געהייסן הינדע, „איז זאָל שוין, — האָט מײַן פרוי געזאָגט, — אונדזער טאָכטער הייסן — הערדע. דאָס וועט אונדז דערמאָנען סײַ העסיען און סײַ מײַן מאמע". און אזוי איז געבליבן.

— ביז הונדערט צוואנציק יאָר, — האָב איך שמייכלענדיק צוגעגעבן און פאָרגעזעצט צו פרעגן מײַנע קאשעס. — זאָגט מיר, ליבער זאַליפּסקי, איר האָט נאָך לאנג געארבעט אפן קאָנסערוון־זאוואָד אלס „אָבוואַלשטשיק" נאָך מײַן אוועקפאָרן פון נאמאנגאן? און ווי קומט צו אײַך ביכלאַל די מעלאָכע פון אַן „אָבוואַלשטשיק"?

— ביזן 1963 יאָר, ביז איך בין אוועק אף פּענסיע, האָב איך אָרודעוועט מיטן קאצאָווישן מעסער.

— אהא, אצינד פארשטיי איך שוין, איר קומט ארויס פון קאצאָווים!

— אבי איר פארשטייט, — שמייכלט מאָיִסיי איסאַקאָוויטש. — איך בין געווען א פּראָסטער ארבעטער אף דער האָמלער בוינע. מײַן טאַטע און מײַן זיידע זײַנען געווען קאצאָווים. די מישפּאָכע איז געווען א גרויסע — אכט קינדער. קליינערהייט איז מיר שטארק געפעלן געווען העלפן דעם טאַטן בא דער יאַטקע־קלאָץ. ווען איך האָב זיך אומגעקערט צו מײַן געזינד קיין נאמאנגאן, האָב איך זיך אף דער עלטער מיט האנאָע געשטעלט ארבעטן אפן קאָנסערוון־זאוואָד אין פליישׁ־צעך. דאָס זײַנען געווען, אויב איר ווילט וויסן, — האָט זאַליפּסקי, אופהייבנדיק זיך פון שטול, ווויליונגעריש צעשפּרייט די הענט, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן פארקײַלעכיקן דעם שמועס, — מײַנע זיבן רויִקע יאָר, כאָטש קיין שטילע, רויִקע ווינקעלעך האָב איך קיינמאָל ניט געזוכט.

— לאָזט זיך דינען, — האָב איך אים געבעטן ווידער זעצן זיך.

ווײַטער האָט מיר מאָיִסיי איסאַקאָוויטש דערציילט, אז אין פּארטיי איז ער פונעם 1920 יאָר. פון 1918 — א מיטגליד פונעם האָמלער שטאָט־אויספּירקאָם. שפּעטער האָט מען אים געשיקט אף פאראנטוואָרטלעכער ארבעט אין דער טאָטערישער אווטאָנאָמער רעפּובליק. און אזוי ווײַטער און אזוי ווײַטער...

איך האָב זיך אײַנגעקלעפּט אין זאַליפּסקין, ווי א קלעק. דער זשורנאַליסט האָט זיך אין מיר דערוועקט מיט אלע פּישטשעווקעס:

— זאָגט, מאָיִסיי איסאַקאָוויטש, מיט וואָס פארנעמט איר זיך אינעם נאמאנגאנער ראַט פון די פּענסיאָנערן?

— איך בין דאָ שוין א סאך יאָרן דער פארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון פּענסיאָנערן־ראַט. די שטאָט איז גרויס, און ארבעט פאר מיר געפינט זיך. — מאָיִסיי איסאַקאָוויטש שלעפּט ארויס פון קעשענע א בראָשור און דערלאנגט זי מיר. — אין אָט דעם ביכעלע ווערט גערעדט וועגן דער ארבעט פון די געזעלשאַפטלעכע אקטיוויסטן פון נאמאנגאן. מיך דערמאָנט מען דאָ אויך.

ווען איך בין געבליבן אַליין אין צימער, האָב איך גענומען בלעטערן דאָס ביכעלע, וואָס רופט זיך „לויטן ווילן פון הארצן". אף דעם 18־טן זײַטל לייען איך: „באַם שטאָטישן סאָוועט פון די דעפּוטאטן פון די ארבעטנדיקע איז געשאפן געוואָרן אַן אָפּטייל פון וווינונגס־קאָאָפּעראַטיווער בויונג. פארן פארוואַלטער פונעם אָפּטייל איז באשטעטיקט דער פּערסאָנעלער פּענסיאָנער מ. אי. זאַליפּסקי"... און ווײַטער מיט עטלעכע זײַטלעך:

„...טאָג נאָך טאָג, אין פארלויף פון יאָרצענדליקער, זײַן גאנץ גרויס לעבן גיט אָפּ דער קאָמוניסט מאָיִסיי איסאַקאָוויטש פארן פאָלק, פאר מענטשן, לויטן ווילן פון הארצן..."

אינדערפרי, ווען איך האָב אָנגעקלונגען אין פּלאַניר־אָפּטייל פון שטאָט־אויספּירקאָם, האָט דאָס טרײַבל גענומען גערדא מאָיִסייעוונא. כ'האָב באַלד דערקענט איר שטים. איך האָב איר געגעבן צו וויסן, אז מיט איר פאָטער האָבן מיר זיך געטראָפן, און זי באדאנקט פאר איר טירכע. אָבער ניט נאָר איר אָפּדאנקען האָב איך געוואָלט. מיר האָט זיך זייער געגלוסט גענוי דערוויסן זיך וועגן גערדעס באַגעגעניש מיטן „פּאָטשטאַליאָן". איך האָב אָבער ניט געוווּסט, וויִאזוי מע גיט איר אָנצוהערן, אז איך וואָלט וועלן זײַן בא איר אין שטוב. איין גאָט ווייסט, וויִאזוי גערדא מאָיִסייעוונא האָט, ענדלעך, פארשטאנען, וואָס איך וויל פון איר. איך האָב דורכן טעלעפאָן־טרײַבל געפילט איר אָנגעשטרענגט־אָפּענעם בליק אף זיך. נאָך א רעגעלע שווײַגן האָט זי מיר א זאָג געטאָן מיט א רויִקער און ווייכער שטים: „ביטע, איך האָב

גאָרנישט ניט קעגן, גראָד מאָרגן, שאבעס, האָט מאמאדאלי יאקובאיעוויטש צוגעזאָגט אַרײַנקומען, אזייגער צוויי וועט ער זײַן בא אונדז. מײַן אדרעס איז גאגארינא, 5.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָב איך אויסגעפּאַליעט, — איך וועל אומבאַדינגט קומען, — און אַן אויסגעשעפּטער אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל.

אַן ערעך אזייגער צוועלף בין איך שוין געווען פאַרטיק — אָפּגעגאָלט און אָנגעטאָן, און מער קיין רעגע ניט געקאָנט אײַנזיצן אין מײַנע האָטעלישע דאַלעדאַמעס. ווײַל זינט איך בין אַן אינוואַליד, האָב איך שטענדיק מוירע צו פאַרשפּעטיקן. עס עגבערט ראַק אין קאָפּ: „ביז איך וועל דערגיין, ביז איך וועל געפינען דעם אדרעס". דאָס האָב איך דורכן טעלעפאָן געקאָנט באַרימען זיך — „איך ווייס, איך ווייס"... אין דער ווירקלעכקײַט, איז עס פּידרעך. איך בין אַבסאָלוט ניט „ציאמקע" אַף אַ וועג, כאָטש כ׳בין יאָרן געווען אַ סאָלדאַט. איך פּלאָנטער — סאַקאָנעס. אַ ביזאָיען זיך צו מוידע זײַן. און דאָך קום איך אומעטום אמווייניקסטן מיט אַ שאָ פריִער. אַף אַלע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען און מעלאַווע־מאַלקעס קום איך דער ערשטער, די באָד איז נאָך ניט געהייצט. אויך דאָס מאָל איז געווען אזוי.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט

אַן אַלטע הילצערנע שטוב. פון אויסנווייניק האָט זי געהאַט אַ פאַרלאַטעט, פאַרשטשאָבעט אויסזען, ענלעך אַף אַ שוין לאַנג ניט רעמאָנטירטער קיביטקע. ניט ווײַט פון דער שטוב איז געשטאַנען אַ ריזיקער הייבקראַן אַראָפּגעלאָזט דעם כאָבאָט. ס׳איז שאבעס אַף דער וועלט — איינער פון די צוויי אָפּרו־טעג. אַרום קראַן האָבן זיך געהויקערט הרודעס צעבראָקלטע ציגל, צעוואַלגערטער סאַמאַן און סטאַם קופּעס מיסט. ווײַזט אויס, אַז אַ היפּשער טייל גאַס גייט אַף „סנאָס", וועט אַראָפּגעטראָגן ווערן, קעדיי אַפן כאָרעוון אָרט זאָלן דאָ אויסוואַקסן נײַע הײַזער מיט גרויסע ליכטיקע פענצטער.

די טיר האָט מיר געעפנט געדאַ מאָיִסיעוונאַ. די אַרבל אַף אירע הענט זײַנען ביז די עלנבויגנס געווען פאַרקאַשערט. אַ שלאַנק־דינער באָכער פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק האָט אינעם קליינעם פּאָדערצימערל געפּרעסט מיט אַן עלעקטריש פּרעסל אַן אייבערהעמדל.

— דאָס איז מײַן עלטערער, איסאַקדזשאָן, — האָט געזאָגט געדאַ מאָיִסייעוונאַ.

איך האָב אַ דריק געטאָן זײַן האַנט. איסאַקדזשאָן האָט פאָרגעזעצט פּרעסן דאָס העמדל, און מיך האָט די באַלעבאָסטע אַרײַנגעפירט אין עסצימער, אוועקגעזעצט באַם טיש:

— נאָך עטלעכע מינוט, און איך פאַרקײַלעכיק מײַנע קיך־איניאָנים. נאָר וואָס זשע טוט מען, עס זאָל אײַך ניט זײַן אומעטיק? — נאַט, כאַפּט אַ קוק אַף אונדזערע היימישע פאָטאָס, אָדער לייענט אַ פרישע צײַטונג, — זי האָט פון אַ האַלב־אַלמער — האַלב־שאַפּקעלע אַרויסגענומען אַ פּאַק פאָטאָגראַפיעס און זיי אוועקגעלייגט אַפן טיש.

ס׳איז אַרײַנגעקומען דער זון. אָנגעטאָן אַף זיך דאָס אויסגעפּרעסטע העמדל, האָט ער, גייענדיק, פאַרשלייפט אַרום האַלדז דעם שניפּס. אַ יאַט מיט געטאָקטע אייוורים, אַ ברוינהויטיקער, אַ פײַנער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ געדיכט־געקרויזטע האָר, ער האָט ניט אויסבאַהאַלטן זײַן פאַרלאַנג געפעלן צו ווערן. ער האָט אַפּגיך אַרופגעצויגן אַף זיך דאָס פּידזשאַקל און אויסגעשטרעקט דער מוטער, מיט אַן אונטערגעשטראָכן קאָמישן זשעסט, די האַנט. געדאַ מאָיִסייעוונאַ האָט אין זײַן אָפענער דלאָניע אַרײַנגעלייגט אַ מאַטבייע. זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

איך האָב זיך פאַרטיפט אין די פאָטאָ־בילדער. געדאַ מאָיִסייעוונאַ איז צוגעגאַנגען צום טיש:

— מײַן פאָטער האָט מיר וועגן אײַך דערציילט. איר האָט עפּשער געקענט מײַן מאַן אלימדזשאַן באַלטײַעוון. ער האָט געאַרבעט אין אַפּאַראַט פון שטאָט־אויספּירקאָם, געווען אַן אינספּעקטאָר פון דער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג, — און זי האָט מיר אָנגעוויזן אַף אַ פאָטאָ־קאַרטל.

איך האָב זיך אופמערקזאַם אײַנגעקוקט.

— אַ קענטלעך פּאָנעם, — האָט איך זיך אָנגערופן, — אַ געוויסע צײַט פלעג איך אָפט אַרײַנקומען אין שטאָט־סאָוועט. איך געדענק גוט די פאָרזיצערן פון שטאָט־אויספּירקאָם איבראַהימאָווא — אַ קלוגע פרוי, אַ האָרעפּאַשניצע. איך געדענק אַביאַזאָוון, סאַיענקאָן...

— אַביאַזאָוו איז געווען מײַן מאַנס אַ נאָענטער פרײַנט.

— אַ קענטלעך פּאָנעם, — האָב איך איבערגעכאַזערט. — איך האָב אים באַשטימט געזען.

געדאַ מאָיִסייעוונאַ האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. איך האָב דערפילט, אַז זי וויל זיך באַפרײַען פון מאַכשאָוועס, וואָס לאָזן זי ניט צורו. איך האָב איר אין דעם ניט געשטערט, איך האָב געשוויגן און אָנגעשטרענגט אײַנגעהערט זיך אין אירע רייד.

געדאַ מאָיִסייעוונאַ דערציילט

— דעם 15 מאַרט, אין אַ דרײַ וואָכן אַרום, ווערט 5 יאָר, ווי מײַן מאַן איז פון אַ שווערער לעבער־קרענק געשטאָרבן. מיר האָבן אַלץ גע־

טאָן. ניט איין מאָל געפאָרן מיט אים קיין טאשקענט און קיין מאָסקווע צו ספעציאליסטן, אויסגעשריבן די טייַערסטע פרעפאראטן און רעפועס. געוואָיעוועט מיטן מאלעכהאמאָוועס. די שטוב, וואָס ער האָט אויסגעבויט, קאָן מען זאָגן, מיט זייַנע אייגענע הענט, האָבן מיר פארקויפט, געוואָלט אים ראטעווען, די קינדער זאָלן קליינערהייט ניט בלייַבן אָן א טאטן. ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. די לעצטע כאדאָשים פארן טויט איז ער ארייַנגעפאלן אין א שווערן ייִעש, גאנצע נעכט פלעגט ער אָפווייַנען, ווי א קליין קינד. דעם מיזיניק אונדזערן ערקינען איז דאן געווען זיבן יאָר. מייַן מאן האָט אים שטארק ליב געהאט. ער איז געווען א גוטער, מיטן גאנצן הארצן איבערגעגעבן מיר און די קינדער. ניט קיין שיינער, דאָ, אף דער פאָטאָ, זעט מען עס ניט, מיט שטופעלעך אפן פאָנעם, ניט קיין הויכער, נאָר אין מייַנע אויגן איז ער געווען שיין און ליב. אָט אין די דאָזיקע צימערלעך, וווּ איך לעב איצט מיט מייַנע קינדער, איז אין 1945 געווען די געגנטלעכע סטאטיסטישע פארוואלטונג. דער שעף פון דער פארוואלטונג אבדולא יאכאיעוויטש ראכמאנקולאָוו האָט זיך זייער גוט באצויגן צו אונדזער מישפאָכע, געזאָרגט זיך פאר אונדז, ווי אן אייגענער. ער האָט פאר אונדז אויסגעטיילט איינס פון די דאָזיקע צימערלעך, וואָס האָט געהערט צום אנשטאלט. אָנגעהויבן פון 1945 האָט מען מייַן מוטער און מיך אריבערגעפירט ארבעטן פון קאסאנסײַ קיין נאמאנגאן, אין דער געגנטלעכער סטאטיסטישער פארוואלטונג. איך האָב פארוואלטעט מיטן סעקטאָר פון מי און ארבעטסלוין, און מייַן מאמע — מיטן לאנדווירטשאפטלעכן סעקטאָר. ראכמאנקולאָוו האָט זייער געשעצט מייַן מאמע. זי האָט קימאט אלע מילכאָמע־יאָרן געפירט דעם פאָלקסווירטשאפטלעכן דיסקאָנט פון קאסאנסײַער ראיאָן. אין די קישלאקן פלעגט קליין און גרויס זי רופן מיט א קאָמישן נאָמען — „קאמפער איגערמא טורטינטשי“. דאָס באטייַט — „די באָבעשי פון דער 24־טער פאָרמע“. קעדיי צו דער צייַט, אין סאָף פון יעדן כוידעש, צונויפזאמלען די נייטיקע סטאטיסטישע יעדיִעס, פלעגט די מאמע אוועקלאָזן זיך אין די ברענענדיקע היצן צופוס פון קאסאנסײַ, אשטייגער צום קישלאק טשינדאול, א מעהאלעך פון 25 קילאָמעטער, און צוריק, אָדער צום קישלאק טערגאָוטשי — 20 קילאָמעטער. איינמאָל בין איך מיט איר צוזאמען געגאנגען, בין איך קוים א לעבעדיקע געקומען צוריק. מייַן מאמע איז שוין דאן אלט געווען בא פופציק יאָר. אדאנק איר פינקטלעכער און געוויסנהאפטער ארבעט פלעגט דער קאסאנסײַער אָפטייל פון פאָלקסווירטשאפטלעכן דיסקאָנט יעדן קווארטאל פארנעמען דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע אָרט אין דער געגנט. אָט אין די דאָזיקע צימערלעך, אזוי איז עס מיר באשערט געווען, האָב איך זיך באקאנט מיט אלימדזשאן באלטייַעוון. דאָס איז געווען באלד נאָך דער מילכאָמע. אפן פראָנט איז ער געווען אן ארטילעריסט. אומגעקערט האָט ער זיך א שווער־פארוווּנדעטער און זיך אייַנגעאָרדנט אין נאמאנגאן. ער איז אן אנדיזשאנער. זייַן פאָטער האָבן די באסמאטשעס אינעם 1919 יאָר פארפייַניקט. אלימדזשאן האָט זיך דערצויגן אין א פערגאנער קינדערהיים. נאָכן פארענדיקן דעם בוכארער פעדאגאָגישן אינסטיטוט איז ער געווען א לערער פון אוזבעקישער ליטעראטור און שפראך. ער איז מיט אכט יאָר עלטער געווען פון מיר. קיין איבעריקס שיינע בין איך ניט געווען. אלימדזשאן פלעגט יעדן אָוונט נאָך דער ארבעט מיך באגעגענען מיט די שענסטע בלומען „גולבארי“ — פריילינג־בלומען פון די בערג. ער פלעגט דאָס טאָן אָפן, פון קיינעם זיך ניט אויסבאהאלטן. איך פלעג ווארפן שטומע פרעגנדיקע בליקן אף מייַן מאמען. מייַן מאמע האָט געשוויגן... האָב איך פארשטאנען, אז איר שווייַגן באטייַט — האסקאָמע.

אין זייַנעם א בריוו צו מיר האָט דער פאָטער געשריבן: „עמעסע פרייַנטשאפט און ליבע צווישן מענטשן, ביפראט נאָך פון פארשיידענע פעלקער, באגריס איך, טאָכטער, פונעם גאנצן הארצן“. מיר האָבן כאסענע געהאט. ווען איך האָב געבוירן דאָס ערשטע קינד — א זון, האָט זיך אונדזער גאנצע מישפאָכע — אלימדזשאן, מייַן מוטער, מייַן עלפיאָריקע שוועסטערקע סטעלע — צונויפגעקליבן באם אייפעלעס וויגעלע און זיך מעיאשעוו געווען, וואָס פאר א נאָמען צו געבן אים. און בא אונדז איז געבליבן — קיין איין צאד ניט צו באאוולען, מיר האָבן אים א נאָמען געגעבן איסאקדזשאָן. איסאק — איז נאָך מייַן זיידן, און „דזשאָן“ האָט אן אלגעמיינע שייַכעס צום גאנצן אוזבעקישן פאָלק, דאָס באטייַט — דער טייַערער און ליבער. און אָט איז די פאָטאָ פון אירען — מייַן טאָכטער, מייַן שאץ. זי איז בא מיר די סאמע געראָטענע, איינע פון די בעסטע נאמאנגאנער באסקעטבאָליסטקעס, לערנט זיך אינעם פעדאגאָגישן אינסטיטוט. איר איז ניט לאנג צוריק געוואָרן צוואנציק יאָר. אף אָט דער פאָטאָ איז איר זיבעצן. עמעס, זי האָט כיין?

ווי א ווינט האָט זיך פון גאס ארייַנגעריסן ערקין, די באקן פארמורזעט, פארליאפעט און דורכגענעצט פון קאָפ ביז די פיאטעס. בלויז די שווארצע גלאנציקע אייגלעך בלישטשען. אונטער איין פאכווע איז דאָס העמדל צעריסן און עס זעט זיך ארויס א פאסיקל פון זייַן טונקל־מעשקאָליריקן לייַב. דער מיזיניק האָט שוין געהאט אויסגעצויגן צום טיש די האנט אף

צו נעמען פונעם טעלער אן אײַוואַ, נאָר דערזען מיך — א פרעמדן מענטשן, איז ער שטיין געבליבן א ביסל פאַרלאָרן און אַלס באַרעכטיקונג ארויסגעבראַכט נאָר איין־איינציק וואָרט — „פוטבאָל!" די מוטער האָט אים אָבער ארויסגעמעשאַלייעכט אין קיך אַרײַן. „די רעגע זאָלסטו מיר זיך ארומוואשן און זיך איבערטאָן!" און צו מיר:

— דער פוטבאָל און דער אָפּרו־טאָג — דאָס זײַנען צוויי אָנשיקעניש. איך באַוויַיז ניט צו וואשן און צו לאַטען זײַן אָנטאָן, — האָט זי זיך, קלוימערשט, פאַר מיר געקלאָגט, — נאָר איר זײַט געוויס צו צוועלף יאָר געווען ניט בעסער, — האָט זי מיט א שטילן שמייכל גענומען קוקן אַף מיר.

דאָס ביטערלעכע גאָלדיקע געטראַנק

דער הייסער, באַהויכטער מיט פּאַרע, מײַכלדיקער פּלאָוו מיט כאַלאָקימלעך צוגעברוינט פעט שעפּסן־פלייש, מיט זיסע מאַרך־ביינער, מיט א סאַך צעטײַעטע מערן, ציבעלעס, אײַוואַ און בסאָמים־געווירצן וועקט דעם אַפּעטיט, מאַכט א גוטע שטימונג. און אַז מע נעמט נאָך דערצו א פּאָר קעלישקעלעך „סטאָליטשנע", קאָן אַפילע דער סאַמע מעגושעמדיקער שווײַגער און מאָרעשכוירעניק באַקומען פון דער העלער הויט דעם קויעך־האַדיבער. ביפּראַט נאָך, אַז מאַמאַדאַלי יאַקובאַיעוויטש, וואָס לעבט און אַרבעט אין טאַשקענט (ער איז אַראָפּגעקומען אין קאָמאַנדירונג, קאָן מען זאָגן, אין זײַן היימשטאָט, ווײַל ווי ווײַט איז עס נאַמאַנגאָן פון יאַנגי־קורגאַן — מיטן שפּיץ עלנבויגן צו דערלאַנגען), האָט זיך אַרויסבאַוויזן פאַר א טשיקאַווען מיטשמועסער.

— איר זײַט, — רופט ער זיך אָן צו מיר, — א קאָרעספּאָנדענט?

איך האָב א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איר זײַט מיר, צום אַלעמערשטן, ליב און נאָענט דערפאַר, וואָס איר דערמאָנט מיר מײַן איינציקן ברודער. ער האָט זיך אויך צוריקגעקערט פון דער מילכאָמע אָן א פוס און דעם מוט ניט פאַרלאָרן, אַרבעט און האָדעוועט קינדער. ער איז איצט דער שעף פונעם אָפּטייל פון מעלוכע־באַנק אין אוטש־קורגאַן.

ווי נאָר מאַמאַדאַלי האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל, איז גערדאַ מאָיִסייעוונאַ געוואָרן פריילעכער. זי האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און גענומען דערציילן:

— מאַמאַדאַלי איז דאַן אַלט געווען א יאָר פערצן־פופצן, ער איז געווען לאַנג און שרעקלעך דאַר. מיט איין וואָרט — א יאָסעם. זײַן עלטערער ברודער איז געווען אַפן פראָנט, און דאָך, געדענק איך, ווי צופרידן ער פלעגט זײַן, ווען עס איז אים געראָטן מיר עפּעס ברענגען, — איך בין שוין דאַן אַלט געווען צוואַנציק יאָר. — ער פלעגט ברענגען עטלעכע אַבריקאָסן, א זשמעניע זשודאַ, א פּאָר עפּל.

— עס האָט מיך געצויגן צו זייער מישפּאָכע, — האָט מאַמאַדאַלי מיר א זאָג געטאָן, — גערדאַ־כאָן איז געווען די איינציקע פון די עוואַקויִרטע, וואָס האָט פאַרשטאַנען אונדזבעקיש. זי איז געווען א דרייסטע און האָט גוט געאַרבעט.

— שעמט זיך ניט, מאַמאַדאַלי, שעמט זיך ניט. איצט מעגט איר זיך מוידע זײַן, איר האָט „אוכאַזשעוועט" נאָך מיר, — האָט גערדאַ מאָיִסייעוונאַ האַרציק געלאַכט. — מײַן קינדהײַט און מײַן יוגנט איז דורך אין קאַזאַן. דאָרט האָב איך זיך אויסגעלערנט טאָטעריש. די טאָטערישע און די אוזבעקישע שפּראַכן האָבן אין זיך פיל געמיינזאַמס. די ערשטע צײַט בין איך געווען די פאַרמיטלערן צווישן די קאָלווירטניקעס און די עוואַקויִרטע.

גערדאַ מאָיִסייעוונאַ פרעגט זיך פאַנאַנדער, צי עס לעבט נאָך דער קאָלווירט־פּאָרזיצער כאַסאַמבײַ יוסופאַליעוו.

— א ווילער אַלטער געווען, א פילבאַרער, קיינמאָל אַף קיינעם ניט געשריִען.

— ער לעבט און פילט זיך זייער גוט, — זאָגט דער גאַסט. — א פּערסאָנעלער פּענסיאָנער. א קאָרעוו פון אונדזער מישפּאָכע.

— ער מוז שוין זײַן זייער אַלט.

— ניין, ער זעט גוט אויס און איז רירעוודיק און גוטהאַרציק, ווי אַמאָל.

— איך וואָלט אים זייער וועלן זען.

— איר האָט, גערדאַ־כאָן, ניט פאַרגעסן, ווי מיר האָבן מיט אײַך און מיט אײַער שוועסטערקע געמעלייצעט מיט שטעקענער אײַער ווייץ?

— יאָ, — האָט א דערפרייטע אונטערגעכאַפּט גערדאַ מאָיִסיעוונאַ, — ווי זשע? און דערנאָך זײַנען מיר באַדריט אַרופגעקראָכן אַפן פלאַטשיקן דאַך פון דער קיביטקע און ,זשמעניעסווײַז געשאָטן פון אויבן דעם ווייץ, דער ווינט זאָל אוועקטראָגן די פּאָלאָווע און עס זאָלן בלײַבן די ריינע קערנער. דאָס האָט מיר דאַן דער פּאָרזיצער כאַסאַמבײַ יוסופאַליעוו געגעבן עטלעכע קילאָגראַם ווייץ און געראַטן פאַרזייען די קערנער אין די בערג אַף דער ווילדער ניט־באַוואַסערטער ערד. די קאָלווירטניקעס האָבן אונדז געהאָלפן אופּאַקערן דאָס שטיקל ערד. עמעצער האָט פאַר דער שוועסטערקע דעקאַזשעט א קליינינקן קעטמען. מע האָט אונדז באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף דעם ווייץ פאַרזייען. מײַן מאַמע האָט מען שוין

דאן געהאט אריבערגעפירט אלס עקאָנאָמיסט אין קאסאנסיי. און איך מיט דער שוועסטער זײַנען געבליבן אין קאָלווירט ווארטן, ביז עס וועט רײַף ווערן דער ווייץ. עס האָט אונדז צוגעשפּילט דאָס מאזל — א גליקלעכע גערעטעניש געווען: פיר פוד ווייץ האָבן מיר אײַנגעקליבן.

צום טיש האָט זיך צוגעזעצט ערקין, אויסגעוואשן דאָס פּאָנעם, א שײַנענדיקער, אין א ריין טרוקן העמדל. עס איז געקומען פון קינאָ איסאקדזשאָן, און אונדזער סימכע איז גרעסער געוואָרן. געדא מאָיִסייעוונא האָט מיר און מאמאדאלי באקובאיעוויטשן דערלאנגט פּיאלעס מיט אוזבעקישער טיי. איך האָב מיט גרויס האנאָע געבריט מײַן צונג מיט דער דופטיקער טיי. מיר האָבן אויסגעליידיקט די פּיאלעס, און די באלעבאָסטע האָט אין זיי ווידער אָנגעגאָסן דעם ביטערלעכן, גאָלדיקן, הייסן געטראנק.

מאָרגן באגינען פאָר איך אָפּ פון נאמאנגאן. די צוויי וואָכן זײַנען דורכגעפלויגן, ווי א שוואלב, פארבײַ מײַנע אויגן. עס איז מיר גוט אפן הארצן. איך האָב א סאך באוויזן צו זען, און דאָס, וואָס איך האָב געזען, וועל איך, מיר דאכט, אף לאנג פארגעדענקען. איך בין מיט מײַן ווײַטער נעסיִע צופרידן. באזונדערס האָט מיך דערפרייט אונדזער נעכטיקער געמיינזאמער באזוך צו דעם געוועזענעם קאָלווירט־פאָרזיצער כאסאמבײַ יוסופאליעוו.

בא כאסאמבײַ יוסופאליעוון זײַנען מיר געווען אָנגעלייגטע ליבע געסט; ניט נאָר בא אים, אויך בא זײַן, קיין אײַנהאָרע, גרויסער, פּילצאָליקער מישפּאָכע פון זין און איידעמס, טעכטער און שניר, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. געדא מאָיִסייעוונא האָט דערקענט איר אלטן פאָרזיצער; זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט, ווי צו אן אייגענעם און נאָענטן. אין שטוב האָבן זיך צונויפגעקליבן די אלטע בריגאדירן, קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס, וואָס האָבן געדענקט זייער פּאָטשטאליאָן געדא־כאָן. מע האָט אונדז אופגענומען אפן ברייטהארציקן אוזבעקישן אויפן, בעיאד־האמעלעך, מעכאבעד געווען פונעם בעסטן און פונעם שענסטן. און וואָס עס האָט זיך מיר מער פון אלץ פארקריצט אין זיקאָרן — דאָס איז כאסאמבײַס גוטע, אופמערקזאמע, לעבעדיקע אויגן, וואָס קוקן דיר גוטהארציק אין דער נעשאָמע ארײַן:

— צי ביסטו מיט אלץ צופרידן, צי איז דיר באקוועם צו זיצן? אונטערלייגן דיר אונטערן עלנבויגן נאָך א קישעלע?..

באגינען האָבן מיך צום באן באגלייט מײַנע כאוויירים איוואן סיזאָוו און מייער כײַקין. עס האָבן זיך שוין געטראָגן פון אומעטום די אייביק אומרויִקע, פול מיט בענקשאפט, רופן פון די נאמאנגאנער גאָרלינקעס:

גור־גו, גור־גו, גור־גו...

איך האָב הארציק באדאנקט מײַנע פרײַנט, געדריקט זיי די הענט. מיט מײַן שטארקן האנטדרוק האָט זיך מיר געוואָלט זיי זאָגן:

— מיר וועלן זיך נאָך זען, מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אין נאמאנגאן!

קינסטלער אלעקסאַנדער גלוסקין

פּאָרטרעט פון א ייִנגל (1926)

א מערקווירדיקער טאלאנט

אלעקסאנדער גלוסקין איז א זעלטענער מײַסטער פון פּאָרטרעט און פייזאזש. אין זײַנע פּאָר־טרעטן דערגרייכט ער אבסאָליוטע קלאָרקײַט פונעם פּסיכאָלאָגישן כאראקטער, אלזײַטיקן מאָלעריש־פּלאסטישן אויסדרוק פון דער אינדיווידואליטעט. אין זײַנע פייזאזשן דערשײַנט פאר אונדז אן אויצער פון פארבן, וועלכע איבעראשן מיט זייער שטענדיקן שעמערירן, מיטן נאָכאנאנדיקן איבער־גיסן זיך.

א. גלוסקין איז ארײַן אין דער קונסט אין סאמע קאיאָר פון דער סאָוועטישער עפּאָכע. אין 1917 — 1920, ווען ער האָט געלערנט אין דער אָדעסער קונסט־שול, איז ער געוואָרן אקטיוו אינעם קליינעם קרײַז באגאבטע קינסטלער און שרײַבער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען באבעל און באגריצקי, יורי אָלעשא און איליא אילף. דער ענגער באריר מיט אזעלכע טאלאנטן האָט געלאָזט א טיפן שפור אף זײַן שאפונג.

פון 1920 וווינט א. גלוסקין אין מאָסקווע. אין די 30 — 40־ער יאָרן פאָרט ער ארום איבער די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאנד און שאפט אפן סמאך פון זײַנע באאָבאכטונגען עטלעכע צענדליק פּאָרטרעטן פון האָרעפּאשניקעס און בילדער פונעם ייִדישן לעבנסשטייגער. א גרויסן עסטעטישן פארגעניגן פארשאפן זײַנע לײַוונטן וועגן דער פײַערונג פון רעוואָליוציאָנערע יאָמטויווים אין שטעטל. ווען די מאסן גייען ארויס פון די ענגע שטיבלעך און מארשירן אף די דעמאָנסטראציעס, דוכט זיך, אז זיי רוקן פאנאנדער די שמאָלע שטעטלשע געסלעך. צווישן גלוסקינס ווערק פון יענער צײַט פאר־געדענקען זיך באזונדערס דער פּאָרטרעט „רעב עליע", דאָס בילד „פון מארק אהיים" אא.

נאָך דער מילכאָמע שענקט אלעקסאנדער גלוסקין פיל אופמערקזאמקײַט דער פּעדאגאָגישער טעטיקײַט. ניט ווייניק פון זײַנע שילער זײַנען איצט אָנגעזעענע מײַסטערס פון מאָלערײַ און גראפיק.

ניט לאנג צוריק איז אין מאָסקווע ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן דער 70־טער געבורטסטאָג פון אלעקסאנדער גלוסקין. אף זײַן פּערזענלעכער אויסשטעלונג, געווידמעט דעם יובילײַ, האָבן טויזנטער ליבהאָבער פון פּלאסטישער קונסט זיך באקאנט מיט די קאָלאָריטפולע אקווארעלן און גראפישע ווערק, וועלכע דער קינסטלער האָט געשאפן פאר 50 יאָר.

מיר ברענגען דאָ אייניקע רעפּראָדוקציעס פון א. גלוסקינס קונסט־ווערק.

א געסעלע אין שטעטל (1926)

גורזוף (1964)

רעב עליע (1927)

פון מארק אהיים (1929)



פּאָרטרעט פון א פריַינט (1964)

קאָלעקטיווער רעפּאָרטאַזש
פון צען טשערנאָוויצער שרײַבער

*

■

מיקאַלאַ בורבאַק — אוקראַיִנישער שרײַבער, סעקרעטאַר פון טשערנאָוויצער אָפּטיילונג פון שרײַבער־פאַרבאַנד

הונדערט לעקציעס וועגן פעלקער־פרײַנטשאַפט

שוין דאָס דריטע מאָל, אַז בא אונדז אין טשערנאָוויץ באַגעגענען זיך מיט זייערע לייענער די רעדאַקציע, די רעדקאָלעגיע און די אויטאָרן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס דריטע מאָל איז מיר אויסגעפאַלן דער קאָוועד, עפענענדיק דעם אָוונט, צו באַגריסן אונדזערע געסט. און יעדעס מאָל גיי איך אַף דער באַגעגעניש מיט א האַרץ־פלאַטערניש.

טשערנאָוויץ איז א שטאָט מיט גרויסע ליטעראַרישע טראַדיציעס, טראָגט אין זיך א שטיק ליטעראַטור־געשיכטע. מיט טשערנאָוויץ איז געווען פאַרבונדן איוואַן פראַנקאָ, דאָ האָט געלעבט און געשאַפן אָלגאַ קאָביליאַנסקאַיאַ; בוקאָווינע האָט געגעבן דעם באַרימטן זינגער יורי פעדקאָוויטש, אַהער האָט זיך שטענדיק געצויגן לעסיאַ אוקראַיִנקאַ; איבער די טשערנאָוויצער גאַסן האָט אַרומגעשפּאַנט שאָלעם־אַליכעם. און ווער פון די טשערנאָוויצער טוישווים, ייִדן און ניט־ייִדן, האָט ניט געקענט דעם באַרימטן ייִדישן מעשאָלים־שרײַבער עליִעזער שטיינבאַרג?

און אַלעמאָל, ווען איך קום אַף אַזאַ אָוונט און באַקוק דעם געדיכט־אָנגעפּילטן זאַל, דוכט זיך מיר אויס, אַז אַף אונדז אַלעמען קוקן זייערע אויגן, זייערע קלוגע, ליבנדיקע און ווײַטזיכטיקע אויגן.

יעדער אָוונט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז בא אונדז אין שטאָט א יאָמטעוו פון דעם ייִדישן לייענער, וואָס האָט זייער ליב דעם זשורנאַל, באַציט זיך מיט גרויס אכטונג צו זײַנע שעפער.

בא אונדז צוגאַסט — „סאָוועטיש היימלאַנד"

דאָס איז אָבער א יאָמטעוו ניט בלויז פון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך פון דער אוקראַיִנישער, רוסישער, מאָלדאַווישער. די שרײַבער פון אַלע פעלקער פון בוקאָווינע נעמען שטענדיק אָן אָנטייל אין די אָוונטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", און דאָס איז אויך איינע פון אונדזערע שענסטע טראַדיציעס.

דער סעקרעטאַר פון טשערנאָוויצער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי ניקאָלײַ סעמיאַנאָוויטש קאָפּטיעוו, וואָס איז בײַגעווען אַפן אָוונט, האָט זיך געטיילט מיט זײַנע אײַנדרוקן:

— הונדערט לעקציעס וועגן פעלקער־פרײַנטשאַפט, — האָט ער מיט פאַרכאַפּונג געזאָגט, אָפּשאַצנדיק די באַדײַטונג פון דער באַגעגעניש. איך מיין, אַז דאָס איז ניט איבערגעטריבן.

■

כאַיִם מעלאַמוד — ייִדישער שרײַבער

ס'האָט געלוינט

בעשאַס עס גייט די צוגרייטונג צום אָוונט, זײַנען גרויס די דײַגעס וועגן א זאַל און וועגן א פּראָגראַם, וועגן בילעטן און וועגן מעלדונגען אין דער פּרעסע. און ס'איז דאָך עפּעס שוין ניט דאָס אַמאָליקע געזונט, מע איז שוין אַרויס, ווי מע זאָגט, פון קאָמיוגישן עלטער...

אַלעמאָל גיב איך זיך דאָס וואָרט: אויס, דאָס לעצטע מאָל, מערער מיט אַזעלכע זאַכן פאַרנעם איך זיך ניט. נאָר דערנאָך מוז איך זאָגן א ביסל מוסער זיך אַליין. ווײַל אַז מע טוט א קוק, ווי, לעמאָשל, עס גיט זיך א נעם פאַר דעם איניען דער הויפּט־פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין אונדזער שטאָט מעשולעם סורקיס... און ער איז דאָך עלטער פון מיר מיט א מיטוואָך. ווען עס קומט צו אונדזער אָוונט, פאַרגעסט ער אין געזונט, פאַרבײַגט א סאַך אַנדערע זאַכן, לייגט זיי אָפּ אַף שפּעטער, און האַווערט אַרום פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין אָוונט.

ער באַוואָרנט, אַז אַלע בילעטן זאָלן דערגיין צו די לייענער, מע זאָל, כּאַליע, עמעצן ניט פאַרטיילן, און אַז אויף אָוונט זאָלן זײַן אויך אַזעלכע, וואָס אויב ניט הײַנט, וועלן זיי מאָרגן ווערן לייענער און אַבאָנענטן פונעם זשורנאַל.

און אײַנאָרדענען אַ קאָנצערט איז דאָך אויך ניט פון די גרינגע זאַכן. עס ווילט זיך, ער זאָל זײַן ניט קיין געוויינלעכער, אַז דעם אָוונט זאָל באַשײַנען די פאַרדינסטפולע שוישפּילערין פון דער רעפּובליק סידי טאַל, און דער זינגער יאַקאָוו גאָלדמאַן זאָל אויך אַרויסטרעטן. און וואָס טוט מען, אַז סידי טאַל האָט פלוצלינג פאַרקילט דעם האַלדז, און אַז יאַקאָוו גאָלדמאַנען פעלט אויס, ווער עס זאָל אים אַקאָמפּאַנירן? דאַרף מען בעטן גאָט פאַר סידי טאַלס האַלדז, און מע דאַרף בעטן דעם דירעקטאָר פון קולטור-פּאַלאַץ, ער זאָל באַזאָרגן גאָלדמאַנען מיט אַ פּיאַניסט...

ווען דו קומסט נאָך דעם אַלעמען אין קולטור-פּאַלאַץ אויף דער באַגעגעניש אַ מידער, אַ פאַרהאָרעוועטער און זעסט, ווי דער אוילעם האַלט אין איין גיין און גיין, עס גייט יונג און אַלט, דער זאַל ווערט פאַרפולט מיט יאָמטעוו, — ווערט אויך דיר גרינג, פריידיק און טאַקע יאָמטעוודיק.

דערצו זעצטזו זיך צו, בעשאַס דער אָוונט גייט שוין, אויף אַזאַ אָרט, אין אַזאַ ווינקעלע, פונוואַנען דו קענסט זען פאַר זיך דעם גאַנצן אוילעם, אופכאַפּן אַלעמאָל אַן אַנדער פּאָנעם, אַנדערע אויגן, צוקוקן, ווי דער אוילעם זיצט פאַרגאַפט, מיט אָפענע מײַלער, און שלינגט יעדעס וואָרט. דו זעסט, ווי פּנעמער שמייכלען, דו הערסט, ווי עס שיסט אויס אַ געלעכטער, און דערפילסט, ווי מיטאַמאָל איז אין זאַל געוואָרן שטיל, שטיל... און טרערן... יאָ, געווען טרערן אויך. ווײַל עס זײַנען געלייענט געוואָרן פאַרשיידענע לידער, פאַרשיידענע דערציילונגען, פרייליכע און טרויעריקע.

מעשולעם סורקיס, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט מיר איבערגעגעבן אַ צעטעלע אָן איין וואָרט, בלויז מיט אַ ציפער — 600. האָב איך שוין געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ער האָט אָנגעציילט אין זאַל 600 מענטשן. און אויסטײַטשן האָב איך עס אויך געדאַרפט אַליין. עס הייסט, אַז אַלע 600 בילעטן זײַנען דערגאַנגען צו די לייענער, און אַז אַלע לייענער האָבן ווי געהעריק געענטפערט אויף דער אײַנלאַדונג. אָבער ערשט נאָך דעם, ווי כ'האָב דאָס צעטעלע באַקומען, האָט אין זאַל זיך אַרײַנגעשאָטן אַ גרויסער אוילעם יוגנטלעכע און אויסגעשטעלט זיך אַרום די ווענט. שוין אָן בילעטן.

איבערדערציילן און איבערמישן אַלץ, וואָס איז געלייענט געוואָרן אויפן אָוונט דורך די פערצן יידישע שרײַבער, ווי אויך דורך די אוקראַאינישע, רוסישע און מאָלדאַווישע, איז דאָך ניט שײַך. דאָס איז געווען אַ גרויסער מינדלעכער זשורנאַל, און עפּשער נאָך מערער.

נאָכן אָוונט בין איך געגאַנגען אַהיים אַ גליקלעכער און האָב בייסמײַסע געטראַכט: ס'האָט געלוינט! ס'האָט געלוינט די גאַנצע האָרעוואַניע. און לאָמיר דערלעבן איבעראַיאָר. איך פאַרגעס אַלעמאָל, אַז איך האָב זיך שוין טויזנט מאָל פאַרזאָגט מער מיט קיין אָוונטן ניט האָבן צו טאָן. אַבי געזונט...

■

יאָן קילאַרו — מאָלדאַווישער דיכטער

אַן אָוונט פון ברידערלעכקײַט

ס'האָט זיך באַקומען אַן אײַנדרוק, אַז די שפּראַך-באַריערן זײַנען מיטאַמאָל צעשטערט געוואָרן און אַלע האָבן אָנגעהויבן ריידן אויף איין לשון, אויפן לשון פון פרײַנטשאַפט.

ווײַל נאָך אַלעמען גייט דאָך ניט אַזוי אין דער שפּראַך, ווי אין דעם נעשאָמע-געפיל. און דאָס געפיל, די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויפן אָוונט, קאָן מען אָפּשאַצן נאָר מיט איין וואָרט — פרײַנטשאַפט.

אייגנטלעך, רופט עס בײַ קיינעם ניט אַרויס קיין וווּנדער. אַזאַ איז שוין אונדזער לעבנסשטייגער, אַזאַ איז די ליטעראַרישע אַטמאָספער בײַ אונדז אין טשערנאָוויץ.

עפּשער קאָן מען דאָס אַמבוילעטסטן פילן אין דעם, ווי שרײַבער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן זעצן בײַ אונדז איבער איינער דעם צווייטן. ס'איז געווען אויף דעם אָוונט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" גאַנץ נאַטירלעך, וואָס עס האָבן אַזוי אָפט די יידישע פּאָעטן געלייענט זייערע איבערזעצונגען פון אוקראַאיניש, רוסיש און מאָלדאַוויש, און די רוסישע, אוקראַאינישע און מאָלדאַווישע פּאָעטן — זייערע איבערזעצונגען פון יידיש.

איך אַרבעט אַלס פאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר פון דער מאָלדאַווישער געגנטלעכער צײַטונג „זאָרילע בוקאָווינעי". דאָס איז אַ יונגע צײַטונג, וואָס עקזיסטירט ערשט דאָס צווייטע יאָר. אונדז שטייט נאָך פאַר אַ גרויסע אַרבעט אויף דעראָבערן די ליבע און דעם צוטרוי פון די לייענער, דערצו ווייסן מיר, אַז אונדזערע לייענער זײַנען ניט נאָר מאָלדאַוואַנער און רומענער, וואָס וווינען אין אונדזער געגנט, נאָר אויך די אוקראַאינער, רוסן און יידן, פאַר וועמען מאָלדאַוויש איז זייער צווייטע שפּראַך. טאַקע דערפאַר פירן מיר אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט אויף

באַקאַנען אונדזערע לייענער מיט די ווערק פֿון די רוסישע, ייִדישע און אוקראַיִנישע שרײַבער. אונדזערע אַקטיווסטע איבערזעצער פֿון ייִדיש זײַנען די מאָלדאַווישע פּאָעטן וואַסיל לעוויצקי און יאָן געאָרגיצו.

נאָך דעם אָוונט האָב איך געטראַכט, אַז ס'איז טאַקע זייער גוט, וואָס סײַ דער ייִדישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", סײַ די מאָלדאַווישע צײַטונג „זאָרילע בוקאָווינעי", ווי די גאַנצע סאָוועטישע פּרעסע און ליטעראַטור, טוען איין געמיינזאַמע זאַך: זיי דערציִען דעם לייענער אין גײַסט פֿון ברידערלעכקײַט און אינטערנאַציאָנאַליזם.

■

יאָסל לערנער — ייִדישער דיכטער

אַלע הערצער זײַנען אָפֿן

„פֿאַרזייסטו אַ טאַט — שנײַדסטו אַ געווינהײַט", — האָט אַמאָל געזאָגט וויליאַם טעקערײ...

ס'באַגעגנט מיך אַ באַקאַנטער אױף דער גאַס.

— נו, ווען קומען זיי?

— ווער? — פֿרעג איך.

— וואָס הייסט ווער? די מאָסקווער שרײַבער! די רעדאַקציע!

אַ וואַרעם געפֿיל האָט מיך אַרומגענומען. הייסט עס, מע קוקט אַרויס אױף זיי. דער טאַם פֿון די פֿריִערדיקע באַגעגענישן איז נאָך ניט אויסגעוועפּט געוואָרן.

דער זאַל איז פֿול. דער זאַל איז יאָמטעוודיק געשטימט. מע איז צופֿרידן, וואָס צווישן די געסט זעט מען אַזויפֿיל נײַע פּנעמער. מיט אַרן ווערגעליסן און מישע לעוון איז דער טשערנאָוויצער עולם שוין גוט באַקאַנט פֿון די פֿריִערדיקע באַגעגענישן. איצט זײַנען אויך געקומען אַווראָם גאָנטאַר, שמועל גאָרדאָן, נאָטע לוריע, יוסעף ראַבין, שלוימע ראַבינאָוויטש.

טשערנאָוויץ, פֿון איר זײַט, האָט צוגעשטעלט צו דעם אָוונט איר גאַנץ דאָברע־מאַזל: אַלע אירע ייִדישע, רוסישע, אוקראַיִנישע און מאָלדאַווישע דיכטער און פּראָזאַיִקער.

קיין אײַנהאָרע, אַ שיינע מישפּאָכע!

דער עולם ווערט ניט מיד צו הערן. די פּנעמער שײַנען. פֿיל דרייען זיך אויס מיט אַן אויער צו דער בינע. מע זאָל בעסער הערן, מע זאָל ניט פֿאַרלירן קיין וואָרט.

אַלע הערצער זײַנען אָפֿן. זיי ווילן אײַנזאַפּן אין זיך וואָס מער, עס זאָל סטײַען ביז דער קומענדיקער באַגעגעניש.

■

נאום גורוויץ — רוסישער דיכטער

פֿונוואַנען אַזאַ קרויוועשאַפֿט

יעדע באַגעגעניש פֿון די לייענער מיטן שרײַבערישן אַקטיוו און מיט דער רעדקאָלעגיע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט בײַ אונדז אין בוקאָווינע אַזוי אָדער אַנדערש פֿאַרוואַנדלט אין אַ ליטעראַרישער געשעעניש. און דאָס איז פֿאַרשטענדלעך. ס'איז שווער צו געפֿינען נאָך אַזאַ ווינקל, וווּ די אוקראַיִנישע, רוסישע, ייִדישע און מאָלדאַווישע שפּראַכן זאָלן זײַן אַזוי איבערגעפֿלאָכטן און באַפֿרײַנדעט, אַזוי קרויוויש נאָענט איינע מיט די אַנדערע. דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דער נאָענטקײַט אין שטייגער, אין דער קולטור, אין דער אַרבעט. מיט איין וואָרט — אין בוקאָווינע לעבט איין אַרבעטזאַמע מישפּאָכע. ס'וועט ניט זײַן איבערגעטריבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז אין דער מערהײַט פֿאַלן דאַרף מען בײַ אונדז ניט האָבן קיין איבערזעצער, אַלע פֿאַרשטייען גאַנץ גוט איינער דעם אַנדערן. איך אַליין קען אַ רײַ אוקראַיִנער און מאָלדאַוואַנער, וועלכע שרײַבן אויס און לייענען רעגולער דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

די לעצטע באַגעגעניש — די דריטע אין אונדזער שטאָט — מיט די רעדאַקטאָרן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווען פֿאַר מיר אַ באַזונדערס פֿריידיקע, ווײַל איך בין אױף איר דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטראָטן ווי אַ דיכטער. דעם עמעס געזאָגט, איז עס דאָס ערשטע מאָל, ווי איך שטיי פֿאַר אַזאַ גרויסן און ביז גאָר פֿאַראינטערעסירטן לייענער, וועלכער האָט אַזאַ שאַרפֿן אויער, אַזאַ שאַרפֿן כוש צו פּאָעזיע. עס האָט מיר האַנאָע געטאָן, וואָס כ'האָב געהאַט די מעגלעכקײַט צו לייענען סײַ מײַנע אייגענע לידער, סײַ מײַנע איבערזעצונגען פֿון ייִדיש.

■

יוסעף בורג — ייִדישער שרײַבער

געסט פֿון סטאָראָזשינעץ

טראַכט איך וועגן דער לעצטער באַגעגעניש פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט אונדזערע לייענער, קומט מיר אָפּן זינען סטאָראָזשינעץ — אַ קליין ציכטיק שטעטעלע, ניט ווײַט פֿון טשערנאָוויץ, באַם סאַמע אַרײַנפֿאָר אין די קאַרפּאַטן. סטאָראָזשינעץ האָט פֿאַרמאָגט אַמאָל אַ געדיכטע ייִדישע באַפֿעלקערונג.

מיט א פּאָר כאַדאָשים צוריק, פּונקט ערעוו מײַ, האָב איך שפּאַצירט מיט מײַנעם א באַקאַנטן דאָקטער איבער די פּריש־געוואַשענע גאַסן פונעם שטעטל. דער ווינט האָט געשטיפּט מיטן פלאַטער פון רויטע פאָנען. מיידלעך און יינגלעך זײַנען אונדז אנטקעגנגעקומען פריילעכע, יאָמטעוודיקע. זייערע שטימען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין מונטערן קלאַנג, אין דעם קלאַנג פון א נײַ שטעטל, פון א נײַער צײַט...

דאָקטער פעלדהאַמער, א מענטש אין די יאָרן, געדענקט נאָך סטאַראָזשינעץ פון יענע צײַטן, ווען דער שימער פון די צוויי שטרענגע גאָטישע קלויסטער־טורעמס האָבן אָנגעוואָרפן א פּאַכעד אף די שכײנישע שטיבער, ווען פּאַר ריידן יידיש האָט מען געקראָגן שטראָף, ווען אין הינטערגעסלעך האָבן איידעלע טרוימער, באַהאַלטן פון סיגוראַנצע־שפּיקעס, פאַרשפּרייט דעם סוידעספולן רוף צו א בעסערער וועלט.

איצט באַטראַכט איך די שטילשווײַגנדיקע אָפּגעקרישלטע קלויסטער־ווענט און איך קלער בא זיך, וויפל מיר האָבן באַוויזן צו פאַרגעסן...

מיר זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען א נײַע געבײַדע פון עטלעכע שטאָק. כ'האָב געכאַפּט א קוק אין די פענצטער, זיי זײַנען געווען מיט בלומען־טעפּ פאַרשטעלט, און די שויבן האָבן געגלאַנצט מיט רו און זיכערקײַט. פון אן אָפן פענצטער איז דערגאַנגען צו מיר א געשפּרעך אף יידיש, און כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט בא מײַן פרײַנט:

— וויפל וווינען איצט יידן אין סטאַראָזשינעץ?

— לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“? — האָט ער א שמייכל געטאָן.

— אפילע!

— עס לעבן אין שטעטל בא הונדערט צוועלף יידישע מישפּאָכעס, נאָר לייענער — א סאַך ווינציקער.

און ווען כ'האָב אין דעם זעלבן טאָג, זײַענדיק בא אן אנדער יידן אין שטוב, באַם צושנײַדער יוינע כאַסיד, געטראָפן זײַן זון, א יונגן אינזשעניער, באַם נישטערן אין די יאָרגענג פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָב איך זיך ניט אײַנגעהאַלטן און ווידער געפרעגט:

— א סאַך לייענער בא אײַך אין שטעטל?

— אבאָנענטן — מיסטאָמע עטלעכע צענדליק, — האָט כאַווער כאַסיד מיך אינפאָרמירט און דערבײַ צוגעגעבן:

— דאָס זײַנען אלץ „דאָבראָוואָלצעס“, קיינער האָט זיך בא אונדז אין שטעטל ניט דערטראַכט צו אגיטירן פאַרן זשורנאַל. פּאָשעט, יידן האָבן פון קאַדמוינים ליב א יידיש וואָרט.

ער האָט גענומען בא מיר אויספרעגן וועגן דעם זשורנאַל און אַרויסגעזאָגט א ווונטש, אז ס'וואָלט קעדײַ געווען צו מאַכן אן אָוונט אין דעם נײַעם קולטור־פּאַלאַץ.

איך, פון מײַן זײַט, האָב דערציילט, אז אזא אָוונט גרייט זיך אין טשערנאָוויץ, און האָב צוגעזאָגט צושיקן אײַנלאַדונגען פאַר די סטאַראָזשינעצער לייענער.

...ווען אפן אָוונט איז דערגאַנגען מײַן ריי צו לייענען פאַר די פאַרזאַמלטע, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז פונעם זאַל קוקן אף מיר ניט געציילטע סטאַראָזשינעצער, נאָר אלע הונדערט צוועלף יידישע מישפּאָכעס פונעם שטעטל, די קינפטיקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

■

פעטראָ פּאַלי — אוקראַיִנישער דיכטער

פון האַרץ צו האַרץ

דאָס, וואָס איך האָב געפילט, פאַרלאָזנדיק דעם פרעכטיקן אָוונט פונעם יידישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וואָלט מיר עפּשער גרינגער געווען אויסדריקן אין א ליד. ווײַל וויאַזוי דערציילט מען וועגן יענער דערהויבנקײַט, וועגן יענער וואַרעמקײַט, וועגן דער אטמאָספער פון עכטער אופריכטיקײַט און קעגנזײַטיקן פאַרשטאַנד, וואָס האָט געהערשט אפן אָוונט צווישן דעם יידישן צושויער און דער פילשפּראַכיקער ליטעראַטור?

איך האָב געלייענט אף אוקראַיִניש. דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט יידישע לייענער, עלטערע און יינגערע. און בייס איך האָב געלייענט אָדער עס האָבן געלייענט מײַנע כאַווײרים, האָב איך געפילט, ווי עס פליסט אונדזער וואָרט פון האַרץ צו האַרץ.

מיר וואָלטן געדאַרפט דורכפירן וואָס אָפטער אזעלכע באַגעגענישן, אזעלכע גרויסע ליטעראַרישע אָוונטן, אף וועלכע עס זאָל קלינגען אונדזער וואָרט אף פאַרשיידענע שפּראַכן. זייער דערציִערישע קראַפט איז ניט איבערצושאַצן.

■

מעשולעם סורקיס — יידישער קולטור־טוער, געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

די רעזערוון קומען אונטער...

אַ האַלבע שאָ פאַרן אָנהייב פונעם אָוונט. אפן צווייטן שטאָק פונעם קולטור־פּאַלאַץ העלף איך די כאַווערטעס פונעם ביכער־מאַגאַזין אײַנצואָרדענען דעם סטענד פון יידישע ביכער. איינ־

וועגס קוק איך זיך צו צו דעם אָנקומענדיקן עולם, און, איך בין זיך מודה, סע איז מיר א ביסעלע מלאָסנע אפן הארצן. עפּעס זע איך „צופיל" באָבעס מיט זיידעס... איך פיל זיך עפּעס ניט באקוועם. איך פרעג זיך: ניט שוין זשע זײַנען דאָס אונדזערע רעזערוון?

אין אייניקע מינוטן ארום האָט זיך אָבער דאָס בילד געביטן, עפּעס נײַס, עפּעס לעבעדיקערס האָט זיך באוויזן פאר מײַנע אויגן, און די רעטעניש איז מיר געוואָרן קלאָר: מיט א האלב שאָ פריִער איז טאקע געגאנגען די עלטערע גענעראציע, זיי האָבן זיך געפעדערט צו פארנעמען פלעצער וואָס נעענטער, קעדיי בעסער צו זען און צו הערן, און קנאַפּ פאר זיבן אזייגער האָט זיך א לאָז געטאָן אפן אָוונט דער מיטליאָריקער עולם, און נאָך זיי — דאָס יונגוואַרג, ייִנגלעך און מיידלעך. פונקט ווי אָפּגערעדט צווישן זיך, האָבן די ייִנגערע געלאָזט די ערטער פאר די עלטערע, און אליין זײַנען זיי געשטאנען.

אין מײַנע אויגן האָט עס אויסגעזען אזוי: עס זיצן בעקאָוועדיק די לייענער וועטעראנען פון „סאָוועטיש היימלאנד", און עס רינגלען זיי ארום די יעניקע, וואָס וועלן מאָרגן קומען אין א גרויסער צאָל — די רעזערוון.

בעשאסן אָוונט האָבן די יונגע מאמעש געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אף דער בינע, אייניקע האָבן צוגעטראָגן צו דעם פרעזידיום־טיש זייערע אדרעסן מיט אבאָנענטאָפּצאָל.

בייס איך בין געגאנגען אהיים, האָבן זיך צו מיר צוגעשטעלט יונגע כעוורע מיט פּרעטענזיעס: אייגנטלעך איז עס ניט לײַטיש, קארגע צוויי צענדליק שרײַבער זאָלן ארײַן אין דער פּראָגראם פון בלויז איין אָוונט! מיט די פּאָעטן איז עס נאָך צו פארלײַדן, די ליד אָדער די באלאדע איז קורץ. אָבער די פּראָזאיִקער האָבן זייער ווייניק באוויזן אונדז פאָרצולייענען. איז דעריבער — דאיאָש נאָך אַן אָוונט!

דאָ האָט אין געשפּרעך זיך ארײַנגעמישט אַן עלטערער לייענער:

— אויב איר ווילט האנאָע האָבן אויך פון די פּראָזאיִקער, איז נעמט, זײַט מויכל, ארויס דאָס דרײַערל, אבאָנירט אײַך אפן זשורנאל, וועט איר האָבן סײַ פּאָעזיע, סײַ פּראָזע...

■

מייער כאראַץ — ייִדישער דיכטער

קורצקײַט איז ניט קיין כיסאָרן

ס'האָט לעכאטכילע א ביסעלע געשראָקן די גרויסע צאָל פּראָזאיִקער אין דער פּראָגראם: צי וועט דער עולם אויסהאלטן אזויפיל פּראָזע? און שטעלט אײַך פאָר, די ארויסטרעטונגען פון די בעלעטריסטן זײַנען געווען קירצער, איידער פון די פּאָעטן, מיט וועלכע עס טרעפט אָפט, אז, האלטנדיק דעם שויפער, בלאָזט מען נאָך א ביסל... אויך דאָס ארײַנפיר־וואָרט פונעם הויפּט־רעדאקטאָר איז געווען געמאָסטענער, געוויגענער, אפילע די פּראָצעדור פון געבן דאָס וואָרט, דאָס אופרופן די שרײַבער איז געווען באגלייט מיט ווייניקער רעקאָמענדאציעס: פאר די זיבן יאָר „סאָוועטיש היימלאנד" זײַנען שוין די לייענער און די שרײַבער געוואָרן אלטבאקאנטע.

— שוין א ביסל צו קורץ, — האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך מיר געקלאָגט, — עס באקומט זיך, אז קימאט בלויז אף צו זאָגן „א גוטן־אָוונט" איז נאָטע לוריע, לעמאָשל, געקומען אזש פון אָדעס!

— זאָגן „א גוטן־אָוונט" איז גאָרניט אזא קלייניקײַט, — האָב איך אים דערווידערט. — צוליב אַן אופריכטיקן גוטן־אָוונט לוינט זיך צו פארבעטן געסט אפילע פון עק וועלט...

■

עפראַים רויטמאַן — ייִדישער דיכטער

א נאטירלעכע זאַך

„א שיין ווינקל טשערנאָוויץ", — זאָגן אלע אונדזערע געסט, און עס קלינגט אזוי, אז די בוקאָווינער קרוינשטאָט קאָן מען שיר ניט אוועקשטעלן אין איין ריי מיט מאָסקווע און מיט אָדעס. מיר גרויסן זיך אוואדע, אָבער ניט בלויז מיטן „ווינקל", נאָר אויך מיט דעם, וואָס טשערנאָוויץ איז א שטאָט פון ייִדישער קולטור, א היסטאָרישע שטאָט, וואָס האָט געזען פּערעצן און שאָלעם־אלייכעמען. טשערנאָוויץ איז אויך א שטאָט פונעם ארבעטנדיקן מענטשן.

ס'איז א נאטירלעכע זאַך פאר טשערנאָוויץ, וואָס דער אָוונט פון אונדזער ייִדישן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" איז דורכגעגאנגען ווי אַן אָוונט פון אינטערנאציאָנאלער פארברידערונג.

און ניט נאָר פאר טשערנאָוויץ איז עס נאטירלעך. אונדזער גאנצע סאָוועטישע ליטעראטור, דאָס סאָוועטישע לעבן אונדזערס איז דורכגעזאַפּט און באקרוינט מיט דעם נאָבעלן געפיל פון פעלקער־פרײַנטשאפט.

פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד

ניט לאַנג צוריק האָט דער ייִדישער דיכטער פון פראַנקרייַך יעכיִעל מאָר אונדז צוגעשיקט זייַן לידער־זאַמלונג „פון סאַן ביז סען“ (דערשינען אין 1968 אין פאַרלאַג „אויפסנייַ“).

א לאַנגן און שווערן וועג האָט דורכגעמאַכט דער דיכטער — א וועג פונעם טייַך סאַן, וואָס פאַלט אַרייַן אין פוילנס ווייַסל, ביז צו די ברעגן פון סען אין פּאַריזש.

פערציק יאָר שעפערישע מי (1927—1967) זייַנען אָפּגעשפּיגלט אין דער זאַמלונג.

נאָך לאַנגע וואָגלענישן קומט דער דיכטער קיין פראַנקרייַך, ווו ער באַזעצט זיך אין ליל, **אין דער געגנט פון די קוילנגרעבער, און ווערט אַן אַקטי־ווער טוער פון די ייִדישע פּראָגרעסיווע אָרגאַ־ניזאַציעס.**

די וואָגלענישן פונעם דיכטער, דער אומקום און גוורע פון די ייִדן אין דער צייַט פון צווייטן וועלט־קריג, דאָס לעבן פון די קוילנגרעבער — זייַנען די הויפּט־טעמעס פון דער טאַלאַנטפולער לידער־זאַמלונג „פון סאַן ביז סען“.



יעכיִעל מאָר

פון סאַן ביז סען

וועלט אזא ווי דו ביסט

וועלט, אזוי ווי דו ביסט,
מיט אַלע דייַנע וויטעקן,
מיט אַלע דייַנע פעלערן —
איך האָב דיך ליב,
איך האָב דיך ליב.
געקנאָטן ביסטו
פון מייַן בלוט און שווייס,
געגרונטפעסטיקט
מיט מייַנע קנאָכן,
וועלט!
אין יעדן פעלדז דייַנעם
דעם קויעך פון שאַפנדיקע הענט
דערפילן,
אין יעדער פאַלנדיקער בלאַט
דעם סאָד פון גרויסן שטאַרבן...
וועלט, אזוי ווי דו ביסט,
אין אַלע דייַנע מעשוגאַסן,
אין אַלע דייַנע פאַרבן —
איך האָב דיך ליב,
ליב...

1928

שאַפן און גלויבן

שאַפן און גלויבן, גלויבן און שאַפן —
זאָלן דאָ קיינעמס הענט ניט פאַרשלאָפן.
ווידער און ווידער דעם לעבן פאַרטרויען:
מיר בויען און גראָבן, מיר גראָבן און בויען!
פאַרקאַשערט די אַרבל און פלייַסיק און מונטער —
שטייט ווער ניט פעסט, וועט ער פאַלן אַרונטער.

ענגער און ענגער, אָרעם אין אָרעם —
פּאָרויס איבער כורוועס, פּאָרויס איבער קוואָרים;
מעג קראַכן, מעג רײַסן, מיר בויען אין שטורעם;
שוין זיכערע פירן די טרעפּ צו דעם טורעם.
מאַכט ריסן דער סוינע אין אונדזערע רייען —
געשלאָסן די בלויזן! מיר גייען, מיר גייען —
מיט העק און מיט לאָמען, מיט שטאָלענעם ווילן,
האַרט איז דער וועג דאָ צו אונדזערע צילן.
פאַרקראַמפּט און פאַרוואַקסן איינינעם, צוזאַמען,
ווי וואָרצלען פאַרפלאָכטן פון ריזיקע שטאַמען.
אַזוי־אָ, אין גאַנג פון מאַשינען און פליגל,
מיר לייגן אַף וועלט אונדזער אייגענעם זיגל.
און אַלץ, וואָס איז פינצטער, מוז ברעכן, מוז פאַלן.
מיר בויען, מיר גראָבן דאָ לויטערע קוואַלן.

1945

אין ראָמאַנישער קאַפע

מוישע קולבאַקן צום אָנדענק

מיר זײַנען געזעסן אין ראָמאַנישער קאַפע,
אין אַ שיף אַ פאַרקישעפטער, אַף אַ שיקערן יאַם.
און מיר האָבן געפלאַקערט, ווי אין מידבער דער סנע —
פון דײַנע אויגן די פײַערן, פון דײַנע לידער דער פלאַם.

דײַן וואָרט האָט געהאַמערט מיט רו און גווורע,
עס האָבן פונקען געשפּריצט פון ידישן אָס.
אַ קוואַל האָט געפלאָסן — דײַן לויטערע שורע,
מיט בליצן אַ שלאַל דײַן געשליפענער קאָס.

— דו שרײַבּ מיטן פּאַשעטן לאָשן פון זיידעס,
מיט ליבשאַפט צום פאָלק גיי אַרויס אין געוועט!
די וועלדער נעם, די פויגלען פאַר איידעס,
און איבער אַלץ, וואָס לעבט, מאַך אַ בראָכע, פּאָעט!

מיר זײַנען געזעסן באַ די ברעגן פון שפּרע
אַף ליימיקן ברויט און אַף ברוינעם ערזאַץ.
און בערלין האָט געגרייט זײַן אויטאָ־דאַפע
פון קורפירסטנדאַם ביז אַלעקסאַנדער־פּלאַץ.

1966

אַכטונג!

גייענדיק אַנטקעגן דעם פאַרלאַנג פון די לייענער, פירט די רעדאַקציע אײַן, אָנהייבנדיק פון עם יאַנוואַר־נומער פאַרן 1969, אַן אָפּטייל, אין וועלכן ס'וועלן פון נומער צו נומער געדרוקט ווערן פּאָפּולערע הילפס־מאַטעריאַלן צום דערלערנען די ייִדישע שפּראַך.

דעם אָפּטייל וועט פירן דער שפּראַך־קענער, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן מוישע שאַפּיראָ.

אַבאָנירן זיך אַף אונדזער זשורנאַל אַפן 1969 יאָר קאָן מען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „סאָיוזפּעטשאַט“, אין די פּאָטשט־אָפּטיילונגען און באַ די געזעלשאַפטלעכע פּרעסע־פאַרשפּרייטער אַף די אונטערנעמונגען און אין די אַנשטאַלטן.

„סאָוועטיש היימלאַנד“
דערשײַנט
12 נומערן אַ יאָר.

אַבאָנעמענט־פּרײַז:
אַף אַ יאָר — 6 רובל.
אַף 6 כאָדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פאַרשפּרייט
„סאָוועטיש היימלאַנד“!

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פֿראַגן פֿון קונסט

הערש רעמעניק

שעפֿערישע פּראָבלעמען פֿון דער פּראָזע

1. וועגן היינטצייטיקייט

פֿאַר די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ אָפּגעדרוקט געוואָרן א היפּשע צאָל ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן — 54 פּראָזע־ווערק. דאָס איז א גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל אַפֿילע פֿאַר א ליטעראַטור, וועלכע פֿאַרמאָגט מער שרייבער, איידער די ייִדישע אין איצטיקן מאָמענט.

וואָס איז שייך דער קוואַליטעט פֿון אָט די ווערק, זיינען זיי, נאַטירלעך, פֿון פֿאַרשיידענעם קינסטלערישן ניוואָ, אָבער אַפֿילע די ווייניקער געלונגענע דערציילונגען און נאָוועלן האָבן פֿאַרדינט פֿאַרעפֿנטלעכט צו ווערן אין א ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל.

שוואַכער איז פֿאָרגעשטעלט אין זשורנאַל דער פֿאַרצייכענונג־זשאַנער, וואָס האָט ביז איצט פֿאַרנומען א גאָר גרויס אָרט. און דאָס איז אוואדע צום באַדויערן. דער אָטעם און דער גלי פֿון היינטצייטיקייט, וואָס האָט שטענדיק זיך געפֿילט אין דער „טריבונע פֿון לעבן“, אין דער קינסטלערישער פֿאַרצייכענונג, ווערט, דאַכט זיך, צוביסלעך אויסגעלאָשן. דאָס טאָר אָף ווייטער ניט דערלאָזט ווערן. דער זשורנאַל דאַרף פֿאָרזעצן די גוטע טראַדיציע, וועלכע האָט געבראַכט צו דער אויסגעצייכנטער זאַמלונג „אַזוי לעבן מיר“.

מיר האָבן אַלע האַנאָע געהאַט פֿון די פֿאַרצייכענונגען פֿון שירע גאָרשמאַן, אַלעקסאַנדער גוביניצקי, פֿון שמואל גאָרדאָנס „שטעטלעך“. דאָס זיינען דאָך ווערק, וואָס באַרירן וויכטיקע און אינטערעסאַנטע פּראָבלעמען פֿון אונדזערווירקלעכקייט. שמואל גאָרדאָנס „שטעטלעך“, לעמאָשל, — דאָס זיינען עכטע ליטעראַריש־קינסטלערישע בילדער פֿון היינטצייטיקן ייִדישן לעבן.

ניט אַלץ, וואָס עס אַנטהאַלט דער אויסגעצייכנטער ציקל „שטעטלעך“, מוז אומבאַדינגט בא אַלעמען אַרויסרופֿן די פֿולע מיטשטימונג. ס'איז, אַשטייגער, לויט מיר נאָך, א סאָפֿעק, צי וועט דאָס שטעטל אויפֿגערופֿן ווערן צו דער אַליִע, ווי עס דריקט זיך אויס איינער א פּערסאָנאַזש, מיט וועלכן עס איז מאַסקים דער אַווטאָר. ביכלאַל איז מער ווי צווייפֿלהאַפֿט דער פּרווו פֿונעם אַווטאָר אַוועקצושטעלן דאָס שטעטל קימאַט אין צענטער פֿונעם היינטצייטיקן ייִדישן לעבן. אָבער ניט אין דעם גייט עס. פֿאַר אונדז איז וויכטיק דאָס, וואָס דער שרייבער האָט צוגעצויגן אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם שטעטל, אין וועלכן די היינטצייטיקע ליטעראַטור האָט קימאַט אינגאַנצן שוין פֿאַרגעסן. מע קאָן, דוכט מיר, ניט מאַסקים זיין מיט דער מיינונג, וועלכע ס'האָט אין זיינעם אַן אַרטיקל אַרויסגעזאָגט דער רוסישער שרייבער באָריס פּאָלעוואָי, — מיט דער מיינונג, אַז א מייסטעריש אָנגעשריבענע פֿאַרצייכענונג איז א נאָוועלע. די פֿאַרצייכענונג איז געבויט אָף א פֿאַקט, בייס די נאָוועלע — אָף א פֿאַרטראַכט, אויב אַפֿילע זי איז אינספּירירט פֿון א פֿאַקט. נאָר איך מיין, אַז גאָרדאָנס „שטעטלעך“ זיינען אי פֿאַרצייכענונג, אי נאָוועלע, דערפֿאַר ווייל דאָ זיינען צונויפֿגעפֿאָרט צוויי זשאַנערן מיט זייערע גרונט־עלעמענטן — דעם פֿאַקט און דעם פֿאַרטראַכט. ווער האָט דען געזאָגט, אַז זשאַנערן זיינען אָפּגעטיילט איינער פֿונעם אַנדערן מיט א כינעזישער וואַנט? מיר באַטראַכטן ליטעראַטור ניט לויט די קלאָלים פֿון שול־פּאָעטיק, נאָר לויט לעבעדיקע מוסטערן.

איך קלייב זיך דאָ ניט געבן קיין גענויע אָפּשאַצונג און אַנאַליז פֿון אַלע ווערק, וועלכע זיינען פֿאַר דער צייט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. אָבער אַפֿילע א ניט גענויער איבערבליק פֿונעם פּראָצעס אינגאַנצן געגומען איבערצייגט, אַז די פּראָזע האָט געשטעלט און טיילמאָל אויך געלייזט וויכטיקע פֿראַגן פֿון אונדזער לעבן און שאַפֿן.

די פּראָבלעם פֿון היינטצייטיקייט האָט געפֿונען אַן אויסדרוק אין טעוויע געגנס ראָמאַן „אונדזערע צייטן“, אין מאָזי קאָבריאַנסקיס דערציילונגען „א גוטע נאַכט, גוטערברודער“ און „א גוטער מענטש“, אין אַלעקסאַנדער גוביניצקיס דערציילונג „די ייִדישע שטוב“, אין די נאָוועלן פֿון שירע גאָרשמאַן, יעכיִעל שרייבמאַן אאַ.

די היינטצייטיקע טעמע איז די סאַמע קאָמפּליצירטע פֿאַר דער פּראָזע. די געשיכטע פֿון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור באַווייזט, אַז היינטצייטיקייט הייסט ניט באַשרייבן די נאַקעטע געשעעניש, דעם הוילן פֿאַקט, וועלכער קומט פֿאָר יעדן טאָג און יעדע שאָ. היינטצייטיקייט באַטייט קינסטלעריש פֿאַרקערפּערן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, וועלכע

שטייען פאר דער געזעלשאפט אין געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד, די סאָציאַלע פאקטאָרן, וועלכע טראָגן מיט זיך קאָנפליקטן און צוזאמענשטויסן אינעם לעבן פונעם פאָלק, פונעם מענטשן, אין זײַן באוווסטזײַן און אין זײַן פּסיכאָלאָגיע. די ווערק פונעם שרײַבער, וועלכער כאפּט אונטער בלויז דעם פאקט פון דער אלטעגלעכקײַט, אָן א פארטיפערטער קינסטלערישער סינטעזירונג, זײַנען ניט הײַנטצײַטיק, נאָר קאָניונקטוריש.

דער קאָניונקטורשטשיק וויל שטענדיק לויפן פאָרויס, יויצע זײַן, טרעפן, וואָס מיינט דער פאקט, בייגן זיך און קניִען פאר דער מאָדע. נאָר אין טאָך גענומען, איז ער הינטערשטעליק, ווײַל ווי פלינק ער זאָל ניט זײַן, פארלירט דער פאקט נאָך שנעלער זײַן באדײַטונג און פאר דער געזעלשאפט שטייען נײַע אופגאבעס און פּראָבלעמען. דעריבער איז דער קאָניונקטורשטשיק שטענדיק אנאכראָניסטיש.

עס וועט זײַן אינטערעסאנט צו ברענגען וו. אי. לענינס ווערטער וועגן אָפּקלײַבן פאקטן אין דער ליטעראטור. לענין שרײַבט: „מע דארף נעמען ניט קיין באזונדערע פאקטן, נאָר דעם גאנצן צוזאמענהאנג פון די פאקטן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט דער פראגע, וואָס ווערט באטראכט, אָן קיין שום אויסנאם, ווײַל אנדערש וועט אומבאדינגט אופקומען א כשאד, און א גאנץ געזעצלעכער כשאד, אז די פאקטן זײַנען אויסגעקליבן אָדער אונטערגעקליבן ווילקירלעך, אז אָנשטאָט אָביעקטיווער פארבינדונג און קעגנזײַטיקער אָפּהענגיקײַט פון היסטאָרישע דערשײַנונגען, אינגאנצן גענומען, ווערן אונטערגעטראָגן „סוביעקטיווע" סוואָרעס אף צו בארעכטיקן, קאָן זײַן, אומריינע געשעפטן"[1].

אין דער רוסישער קריטיק גייט איצט א דיסקוסיע וועגן דעם „עמעס פונעם פאקט" און וועגן דעם „עמעס פון דער עפּאָכע". זעלבסטפארשטענדלעך, דער באשריבענער פאקט דארף אויך זײַן עמעסדיק, אָבער דער עמעס פון דער קונסט איז ניט דאָס באזונדערע פאקטעלע, נאָר דער גאנצער צוזאמענהאנג פון די פאקטן. דער ערנסטער שרײַבער אײַלט זיך ניט, ביז ער דערגייט ניט צו טיפער פאראלגעמיינערונג, צו פילאָסאָפישער סינטעזירונג פונעם פּראָצעס, פונעם לעבן אין דער גאנצער טיפקײַט, אין דער פּערספּעקטיוו, אין דער היסטאָרישער אנטוויקלונג. אזא שרײַבער קאָן אָפּשפּיגלען דעם הײַנט און אויך פאָרויסזען דעם מאָרגן און מיטהעלפן דער געזעלשאפט באוועגן זיך פאָרויס. די ווערק פון אזא ערנסטן שרײַבער האָבן א גרויסע באדײַטונג פאר דעם הײַנטצײַטיקן לעבן און זײַנען ווירקנדיק אויך פאר די קומענדיקע דורעס.

מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן א הײַנטצײַטיקן צוגאנג, א הײַנטצײַטיקע באלויכטונג פונעם מאטעריאל אין א ווערק וועגן דער פארגאנגענהײַט, וואָס איז אָפּגעטיילט פון אונדז מיט צענדליקער און אפילע מיט הונדערטער יאָרן. אזא ווערק קאָן אויך אָפּקלינגען אקטועל, אויב דער שרײַבער קוקט אף דער היסטאָרישער פארגאנגענהײַט מיט הײַנטיקע אויגן. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור האָבן מיר, לעמאָשל, בערגעלסאָנס „באם דניעפּער", דעם ניסטערס „מישפּאָכע מאשבער" און עלי שעכטמאנס „ערעוו", וועלכע זײַנען ווערק וועגן דער פארגאנגענהײַט. זיי רעפּראָדוצירן אָבער

[1] וו. אי. לענין. ווערק, פינפטע אופלאגע, ב. 30, ז. 349.

קינסטלעריש, אין שײַן פון דער רעוואָליוציאָנערער דערפארונג די איצטיקע היסטאָרישע דערפארונג.

אָבער דאָ וועט גיין א רייד טאקע וועגן הײַנטצײַטיקייט אין מער קאָנקרעטן זין פונעם וואָרט, וועגן דער הײַנטצײַטיקער טעמע, וועגן דער שילדערונג פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן. אמאָל הערן מיר שטימען, אז די קונסט מוז האָבן א געוויסע דיסטאנץ, זי מוז א ביסל פארשפּעטיקן, קעדיי צו שאפן דאָס ריכטיקע בילד פון דער ווירקלעכקײַט, קעדיי צו שאפן ניט קיין צײַטווײַליקע, נאָר דויערנדיקע ווערטן. באזונדערס, זאָגט מען, האָט דאָס א שײַכעס צו דער פּראָזע, וועלכע דארף געבן אָפּגעזעצטע בילדער פון דעם אײַנגעפונדעוועטן לעבן.

די געשיכטע פון דער ליטעראטור לייקנט אָפּ אזעלכע רייד. „מענאכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", „דאָס שטרײַמל", „באָנצי שווײַג", „א קאס פון א ייִדענע", „האַישאָ מאָראס כאנע", „דער טויבער", „ארום וואָקזאל", „נאָך אלעמען", „אין א פארגרעבטער שטאָט" זײַנען געווען דורכויס הײַנטצײַטיק און אקטועל, ווען זיי זײַנען געשריבן געוואָרן, און זײַנען פארבליבן ביז הײַנט באצויבערנדיק לויט זייער אידייִשן אינהאלט, לויט דער קינסטלערישער עמאָציאָנעלער אופווירקונגס־קראפט. דאָ זײַנען אָנגערופן בײַשפּילן פון דער ייִדישער ליטעראטור. נאָך מערער וואָלט מען געקאָנט ברענגען בײַשפּילן פון דער רוסישער און אלוועלטלעכער ליטעראטור.

טעוויע גענס ראָמאן „אונדזערע צײַטן" האָט ארויסגערופן קריטישע אָפּקלאנגען סײַ פון לייענער, סײַ פון שרײַבער. אין די דאָזיקע אָפּקלאנגען איז פאראנען א באשטימטער עמעס. עס זעען אויס נאַיִוו די באשרײַבונגען און די קוויקענישן מיט דער וואַרעמער וואסער אין שטוב, מיט דער וואנע, מיטן מעבל — אפילע אין דער נײַער דירע. באזונדערס איז דאָס פארדראָסיק דערפאר, ווײַל אָט די ניט וויכטיקע דעטאלן שפּארן זיך ארײַן אין אָנהייב פונעם ראָמאן, בילדנדיק שיר ניט די עקספּאָזיציע, וועלכע דארף געבן די עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג פאר דער ווײַטערדיקער שילדערונג.

די קריטיקער פון „אונדזערע צײַטן" פארגעסן אָבער, אז אָט די דעטאלן זײַנען ווײַט ניט דער איקער, ניט דער צענטער פון דער שילדערונג אינעם ראָמאן. טעוויע גען הייבט אָן זײַן ווערק מיט א גלענצנדיקער פּאנאָראמע פון בויונג. דער „פּייזאזש" פונעם נײַעם מיקראָ־ראיאָן באקומט א סימבאָלישן באדײַט, ווי די פּאנאָראמע פון דעם גאנצן סאָוועטישן הײַנטצײַטיקן לעבן, וואָס האלט זיך אין איין בויען און איבערבויען. „דאָס נײַע הויז" איז ניט קיין איינצלנע דערשײַנונג, נאָר א טייל פון דער גראנדיִעזער בויונגס־פּאנאָראמע, וועלכע ציט זיך אוועק אין א ווײַטער פּערספּעקטיוו פון „דער היפּשער צאָל מויערן", פון „דער לאנגער ריי הײַזער". אין אָט דער באשרײַבונג איז וויכטיק ניט בלויז די באזונדערע דעטאל, נאָר דער עמאָציאָנעלער אָטעם, דער גאנצער שפּראך־ארסענאל, וועלכער איז אָנגעזעטיקט אף דורך און דורך מיט דער אטמאָספער פון בויונגס־אופברויז אין אונדזערע צײַטן. ביכלאל דארף געזאָגט ווערן, אז טעוויע גען געהערט צו די ווייניקע בא אונדז פּראָזאיִקער, וועלכע קאָנען מיט א וואָרט, מיט א טערמין איבערגעבן סימאָנים פון דער צײַט.

נאָך וויכטיקער איז אין גענס ראָמאן דאָס, וואָס ער ווײַזט ניט בלויז די בויונג, נאָר אויך דעם מענטשן,

דעם בויער פונעם נײַעם לעבן. עמעס, אויך דאָ ווײַזן אָן אייניקע קריטיקער גאנץ ריכטיק, אז צום אָנהייב ווערן ארויסגעפירט אפן פאָדערגרונט די אמאָליקע דעקלאסירטע שטעטלשע עלעמענטן, וועלכע זײַנען שוין איצט בא אונדז פאקטיש ניטאָ. עס קלינגט איצט שוין ווי אן אנאכראָניזם די געשיכטע מיט די ייִדן, וועלכע האָבן אמאָל געהאנדלט מיט פאפיראָסן. אָבער אָט די פארשוינען זײַנען אין ראָמאן ניט די צענטראלע. טעוויעגען איז א שרײַבער מיט אן אָרגאנישן כוש צו דעם נײַסטן אין אונדזער הײַנטצײַטיקן סאָוועטישן לעבן; און דאָס וויכטיקסטע און כאראקטעריסטישסטע פאר אים איז דער נײַער העלד. טעוויעגען האָט עפשער דער ערשטער אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור זיך פארמאָסטן צו מאָלן א געשטאלט פון א געלערנטן. און ניט נאָר דעם פיזיקער לעוו באָריסאָוויטש האָט ער געמאכט א פרווו צו באווײַזן, נאָר די גאנצע סוויווע ארום דעם געלערנטן, דעם נײַעם וויסנשאפטלעכן צענטער, וואָס פארקערפערט די הײַנטצײַטיקע אידייען פון דער וויסנשאפט. דורך טעוויעגנס ראָמאן איז די ייִדישע ליטעראטור צוגעגאנגען צו אזא קרײַז פּראָבלעמען, מיט וועלכע זי האָט ביז איצט זיך נאָך ניט פארנומען. און אויב דאָס געשטאלט פונעם ייִדישן סאָוועטישן געלערנטן לעוו באָריסאָוויטש איז דערווײַל געגעבן ניט גענוג פארטיפט, זאָל זײַן אפילו אין באשטימטע מאָמענטן אויבערפלעכלעך, איז דאָס דאָך דערווײַל בלויז אן אָנהייב. און אזא אָנהייב פארדינט גרויס אופמערקזאמקײַט. ניט טאדלען דארף מען דעם אווטאָר פונעם ראָמאן „אונדזערע צײַטן“, נאָר באגריסן אים מיט א וויכטיקן אָנהייב.

גייענדיק אף דעם וועג, קאָן טעוויעגען זיך דערשלאָגן צו וויכטיקע שעפערישע רעזולטאטן, אויב ער וועט ווײַזן דעם געלערנטן אין זײַן גאנצער גרייס, ניט אידיליש, נאָר דראמאטיש, ניט ווי קיין באלעבעסלדיקן לעקיש, נאָר ווי א גײַסטרײַכן שעפער, ווי אן אלזײַטיקע פערזענלעכקײַט, א מענטשן מיט לײַדנשאפטן, באגערן און הויכע צילן. ווײַל די ראָליע פון דער אינטעליגענץ אין אונדזער צײַט איז ווי קיינמאָל ניט אויסגעוואקסן אין אלע געביטן פון דעם לעבן.

די הײַנטצײַטיקע טעמע איז די צענטראלע אויך אין מאָזי קאָבריאנסקיס דערציילונגען. מאָזי קאָבריאנסקי איז אין טאָך א נײַער שרײַבער, א פּאָנעם כאדאָשעס אין אונדזער הײַנטצײַטיקער פּראָזע. האגאם ער האָט אָנגעהויבן זײַן שאפונג נאָך ביז דער מילכאָמע, האָט ער זיך אָבער אנטפלעקט דעריקער אף די שפּאלטן פון „סאָוועטיש היימלאנד“.

מיט זײַן דערציילונג „אינמיטן וועג“ האָט מאָזי קאָבריאנסקי זיך אוועקגעשטעלט טאקע אין סאמע מיטן פון דער פּראָזע. ער איז אן עמעסער דערציילער, וואָס קאָן מאָלן געשעענישן און מענטשן אזוי, אז זיי שטייען אוף פאר אונדז ווי לעבעדיקע, פרישצאפּלדיקע, מיט זייערע נאטירלעכע שטריכן און אייגנשאפטן. עמעס, קאָבריאנסקי איז נאָך אליין, קאָן מען זאָגן, אינמיטן וועג. זײַן דערציילערישע דערפארונג איז נאָך ניט קיין גענוגנדיקע. דאָס פילט זיך דעריקער אין דער שפּראַך. אָבער, ניט געקוקט אף די שעפערישע שוועריקײַטן, איז קלאָר, דאכט מיר, פאר יעדערן, אז מיר האָבן פאר זיך אן אייגנארטיקן טאלאנט.

מאָזי קאָבריאנסקי האָט נאָך ניט דערגרייכט צו קיין רײַפער מײַסטערשאפט. אָבער ער וועט זי אומבאדינגט דערגרייכן. עס זײַנען פאראן שרײַבער, בא וועלכע דער טאלאנט איז קלענער פון דער מײַסטערשאפט. אזעלכע שרײַבער קאָנען שאפן גלאטע ווערק, זיי ווייסן די געזעצן פון קאָמפּאָזיציע, פון שאפן דעטאלן, אפילו געשטאלטן, זיי זײַנען גענוג קולטורעל אין שפּראַך און אין בילד, קורץ — זיי האָבן מײַסטערשאפט, אָדער — גיכער — טעכניק. זיי קאָנען אפילו אמאָל שאפן אן אינטערעסאנט ווערק, וואָס אנטשפּרעכט די פאָדערונגען פונעם מאָמענט. דאָס ווערק וועט האָבן דערפאָלג, אָבער ניט אף לאנג. אזעלכע ווערק האלטן ניט אויס דעם פּרווו פון צײַט. מאָזי קאָבריאנסקי, פארקערט, האָט נאָך ניט די קולטור פון קינסטלערישער שאפונג, אָבער ער וועט זי דערגרייכן, ווײַל ער פארמאָגט עמעסן טאלאנט.

פאָרלויפיק קאָן מען שוין איצט אָנמערקן צוויי הויפּט־געשטאלטן אין קאָבריאנסקיס דערציילונגען: דעם ארבעטס־מענטש און דאָס קינד. אין דער שילדערונג פון די דאָזיקע געשטאלטן אנטפלעקט זיך קאָבריאנסקיס אידייִשע פּאָזיציע — זײַן הומאניזם. אין קאָבריאנסקיס ווערק, אָנהייבנדיק פון דער דערציילונג „אינמיטן וועג“ און ענדיקנדיק מיט דער דערציילונג „א גוטער מענטש“, איז פאראן אזויפיל ליבע און צארטקײַט צום קינד, אז עס קומט אמאָל אפן זין דאָס קינדער־געשטאלט בא שאָלעם־אלייכעמען. און ווײַל קאָבריאנסקי מאָלט געוויינלעך דאָס קינד, וואָס האָט געהאט אויסצוטראָגן די טראגישע יאָרן פון מילכאָמע, פון שוידער און אומקום, הערט מען מאמעש, ווי עס ציטערט דאָס קאָל באם אווטאָר, ווען ער נעמט זיך דערציילן וועגן זײַן קליינעם העלד. און קאָבריאנסקי מאָלט דאפקע אלס קלאל ניט קיין העלדן, ניט קיין ווונדערקינדער, נאָר געוויינלעכע קינדערלעך, וועלכע ווערן געשלײַדערט, ווי שפּענדלעך, איבער די כוואליעס פון לעבן.

א צווייטער צענטראלער העלד פון קאָבריאנסקיס דערציילונגען איז דער ארבעטס־מענטש. מיר האָבן שוין לאנג ניט געלייענט אין אונדזער ליטעראטור קיין ווערק, אין וועלכע עס זאָל זײַן אויסגעדריקט אזויפיל ליבע צום ארבעטער, ווי אין קאָבריאנסקיס דערציילונגען. קאָבריאנסקי מאָלט זײַן באליבטן העלד אומיטלבאר און עפשער אפילו א ביסל נאיִוו. בא אים איז דער ארבעטס־מענטש אומעטום און שטענדיק בלויז א גוטער מענטש. דאָס האָט אפילו פארפירט אייניקע קריטיקער, וועלכע טײַנען, אז קאָבריאנסקיס העלד איז ניט אזוי א גוטער, ווי א גוטינקער. און דאָס איז שוין, לויט דער מיינונג פון אָט די קריטיקער, געפערלעך. קאָבריאנסקי מאָלט א פאָרגעשריטענעם האָרעפּאשניק, וועלכער איז א מוסטער פאר אלעמען אף דער ארבעט, אן עמעסן העלד פון מי, א מענטשן, וועלכער איז פול מיט ליבע צו כאוויירים, צו פרײַנט, וועלכער איז זיך מאקריוו פאר זײַנע ייִנגערע ברודער און שוועסטער, א מענטשן, וועלכן די ארבעטער האָבן ליב, אכטן אים. דער שרײַבער אנטפלעקט די איידעלע געפילן פונעם סאָוועטישן ארבעטער, וועלכער איז פײַיִק אף איבערגעגעבענער ליבע צו א פרוי, וואָס האָט אים ניט ליב, און צו איר קינד. און אָט די איידעלע געפילן פונעם סאָוועטישן ארבעטער פּרווט מען אוועקמאכן מיט דער האנט און אפילו פאָרווארפן דעם שרײַבער, אז ער שילדערט ניט קיין וואָרהאפטיקן כאראקטער...

דער ארבעטער אין קאָבריאנסקיס דערציילונגען איז געוויזן אין זײַן נאטירלעכער סוויווע, ער וואקסט ארויס

אָרגאניש פון די נאציאָנאלע אומשטענדן, אין וועלכע ער ווערט דערצויגן, און דערהייבט זיך בא די סאָוועטישע באדינגונגען צו די הייכן פון עכטער טעכנישער קוואליפיקאציע; פון דער סוויווע פון יידישע בינדיוזשניקעס איז ארויס קאָבריאנסקיס העלד — דער הײַנטצײַטיקער הויכקוואליפיצירטער מעכאניקער.

מאָזי קאָבריאנסקי קאָן קלעפּן בוילעטע געשטאלטן. די דאָזיקע געשטאלטן, האגאם זיי האָבן א טראדיציע אין דער יידישער ליטעראטור, זײַנען געשילדערט אף א נײַעם אופן.

אלעקסאנדער גוביניצקיס „יידישע שטוב" איז אוודע אויך א ווערק וועגן הײַנטצײַטיקײַט. וועגן גוביניצקין איז שוין א סאך מאָל געזאָגט געוואָרן — ער האָט באגאבונג. און דאָס איז ריכטיק. זײַן טאלאנט איז אָריגינעל. זײַן האנטשריפט דערקענט מען באלד, ווי נאָר מע נעמט זיך לייענען זײַנס א ווערק. זײַן קויעך איז ניט אין מאָלן געשטאלטן, ניט אין שילדערן געשעענישן, נאָר אין דעם לאָשן פונעם אווטאָר און פון די העלדן, אין זײַן, וואָלט איך זאָגן, כיטעך־האדיבער, אין זײַן רייד־סטיל. גוביניצקי שרײַבט אזוי, ווי ער רעדט. אין דעם איז זײַן קויעך. אָבער אויך זײַן שוואכקײַט.

דאָס גערעדטע וואָרט איז דיאלאָגיש, עס האָט אין זינען א צווייטן, א מיטשמועסער אָדער צוהערער. מע רעדט דאָך ניט צו זיך אליין. דאָס דיאלאָגישע וואָרט איז אויסגערעכנט ניט בלויז אף דעם אינהאלט, וואָס איז אינעם וואָרט אײַנגעשלאָסן, נאָר אויך אף אנדערע באהילפיקע מאָמענטן, וועלכע העלפן אופנעמען דאָס וואָרט, אף מימיק, אף פארשיידענע האווײַעס, זשעסטן, אף אינטאָנאציע. דאָס גערעדטע וואָרט איז דעריבער ניט אזוי געשליפן, ניט אזוי אָרגאניזירט און דיסציפּלינירט, ווי דאָס געשריבענע. דער געשריבענער טעקסט איז מאָנאלאָגיש, האגאם אויך אויסגערעכנט אף א לייענער, אָבער ניט אף קיין הערער. דאָס געשריבענע וואָרט דארף איבערגעבן דעם געדאנק אָדער געפיל בלויז מיט אייגענעם אינהאלט, אָן זײַטיקער הילף. דעריבער מוז דאָס געשריבענע וואָרט זײַן מאקסימאל אויסדריקלעך, קלאָר, פּינקטלעך, דיסציפּלינירט און שטרענג פונקציאָנעל. דאָס געשריבענע קינסטלערישע וואָרט מוז זײַן בילדעריש, סינטעזירנדיק, דאָס הייסט — טיפּיש.

אלעקסאנדער גוביניצקיס דערציילונגען זײַנען דיאלאָגיש און ווירקן מיטן אויפן פון ארויסברענגען דאָס וואָרט. ניט אומזיסט זײַנען דאָך זײַנע דערציילונגען געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן; דער דערציילער איז ניט קיין אויסגעטראכט געשטאלט, ניט קיין אויסגעדיכטעטער כאראקטער, נאָר דער אווטאָר גופע. דאָס וואָרט, די רייד וואקסן ארום מיטן אווטאָרס שמייכל, מיט פארשיידנערליי שפּראַך־שטיקלעך און שפּראַך־שפּיצלעך, מיט נאיווע, אָבער כיינעוודיקע וואָרט־באהעפטן, מיט פּלוצלינגדיק־אומגערנדיקע פּראזעאָלאָגישע אויסדרוקן, מיט פּאָלקסטימלעכע ריידארטן, וועלכע איבעראשן ניט, נאָר ציען צו די אופמערקזאמקײַט.

„די יידישע שטוב" האָט גוביניצקי געשריבן אין דער דריטער פּערזאָן, ס'הייסט, אז ער וויל שוין ניט ריידן, נאָר דערציילן. עס פילט זיך אָבער, אז דאָס קומט אים אָן שווער. די סטרוקטור און דער סוזשעט פון דער דערציילונג זײַנען דעפאָרמירט, צעוואָרפן. די געשעענישן זײַנען געמאָלט פּונקטיראַרטיק, ווי באזונדערע בילדער, עפּיזאָדן. די געשטאלטן זעען אויס, ווי סילועטן, פונדעסטוועגן, אין סאכאקל, ווען מע לייענט איבער „די יידישע שטוב", וואקסט אויס פון די דעטאלן, בילדער, צייכענונגען א הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע שטוב, א שטיק הײַנטצײַטיק לעבן. דאָס איז, ווײַזט אויס, דערפאר, וואָס אָט די בילדער, עפּיזאָדן זײַנען כאראקטעריסטישע פאר דעם הײַנטיקן לעבן.

די ווערק פון טעוויע גען, מאָזי קאָבריאנסקי און אלעקסאנדער גוביניצקי זײַנען אין טאָך הײַנטצײַטיק; מיט געוויסע בלויזן איז אין אָט די ווערק אויסגעדריקט ניט דער עמעס פונעם אָפּגעזונדערטן איינצלנעם פאקט, נאָר דער עמעס פון דער צײַט.

מישע לעוו געהערט צו דעם דאָר שרײַבער, וואָס איז געקומען אין דער ליטעראטור צוזאמען מיט דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. די מילכאָמע האָט זיך אײַנגעקריצט אף שטענדיק אין זיקאָרן פון אָט די שרײַבער און איז געוואָרן זייער שעפערישער אימפּולס.

אין זײַן ערשט ווערק — „פּארטיזאנישע וועגן" האָט מ. לעוו אויסגעזונגען די ליד וועגן די שווערע מילכאָמע־יאָרן. די דערציילונג איז געווען אזוי אומיטלבאר, אז עס האָט בא קיינעם ניט ארויסגערופן קיין ספייקעס דאָס דערציילטע, און דער לייענער איז געגאנגען נאָך דעם אווטאָר אינעם איימעק־האבאָכע פון שוידער און אומקום. ווײַטער איז געקומען מישע לעווס צווייטע דערציילונג — „ווען ניט די פרײַנט מײַנע...", וואָס האָט אויך געהאט אין זיך עפּעס פון א שיינער עלעגישער באלאדע וועגן מענטשלעכע ליידן.

אין אָט די ערשטע דערציילונגען האָט מישע לעוו נאָך ניט געדארפט אָנקומען צום קויעך־האדימיען. אין אים האָט נאָך געברומט דאָס טרויער־געזאנג. עס זײַנען פאר אים נאָך געשטאנען די בילדער, וועלכע ער האָט געמאָלט מיט גענוג טאקט און מאָס.

צי האָט מישע לעוו שוין אויסגעשעפּט זײַן מילכאָמע־דערפארונג, צי עפשער האלט ער, אז דער מילכאָמע־מאטעריאל איז שוין פארעלטערט? ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר ער הייבט אָן זיך ווענדן צו נײַע טעמעס און מאָטיוון. די דאָזיקע ווענדונג איז פארבונדן מיט נײַע פּראָבלעמען, וועלכע וואקסן אויס פארן אווטאָר. אין די ערשטע צוויי דערציילונגען האָט לעוו גערדיכטעט מיט דער קראפט פון זיקאָרן; זײַנע זיכרוינעס האָבן באקומען אָן אָפּקלאנג באם לייענער. אין דער דערציילונג „דאָס לעבן און די געשיכטע פון זשאק אלבראָ", וועלכע איז מיסטאם אויך געבויט אף א פאקטיש פּאָרגעקומענער געשיכטע, האָט לעוו געמאכט א פּרווו אויסצודיכטן געשטאלטן, סוזשעטן און קאָנפליקטן. די דאָזיקע דערציילונג האָט שוין אָבער ניט געקאָנט באצויבערן, ווײַל דאָ האָט געפעלט די אומיטלבארע לירישע הארציקײַט.

די אזויגערופענע דאָקומענטאלע דערציילונג איז ניט אויסגעשלאָסן פון די אלגעמיינע געזעצמעסיקײַטן פון ליטעראריש־קינסטלערישן שאפן. דאָס איבערדערציילן דעם פאקט אָן און פאר זיך איז נאָך ניט קיין קינסטלעריש ווערק. אין טאָך גענומען, זײַנען אלע ראָמאנען געבויט אף פאקטיש־פּאָרגעקומענע געשעענישן און עפּיזאָדן, און אלע געשטאלטן און טיפּן האָבן הינטער זיך געוויינלעך פּראָטאָטיפּן. נאָר פּונקט אזוי, ווי דער טיפּ איז ניט דער פּראָטאָטיפּ, אזוי איז דער סוזשעט ניט אידענטיש צו דעם פאקט.

סטענדאל האָט אָנגעשריבן זײַן ראָמאן „דאָס רויטע און דאָס שווארצע" אפן סמאך פון א געריכט־פּראָצעס,

וואָס איז פאָרגעקומען אין 1827 איבער א געוויסן אנטואן בערטע, וועלכער האָט געמאכט אן אטענטאט אף זײַן געליבטער.

סטענדאל האָט אין סוזשעט פונעם ראָמאן זיך געהאלטן בא די גרונט־פאקטן פונעם געריכט־פּראָצעס. ער האָט אָבער דער דאָזיקער געשעעניש געגעבן אזא פּסיכאלאָגישע, סאָציאלע און עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג און אזא קינסטלערישע אינטערפּרעטאציע, אז דאָס ווערק איז געוואָרן אן אָפּשפּיגלונג פון דער בורזשואזער ווירקלעכקײַט, פון אירע געזעלשאפטלעכע קרענק.

פלאָבערס באווּסט ווערק „מאדאם באָווארי" איז אויך גענומען פון דער פאקטישער פראנצויזישער ווירקלעכקײַט. דער פּראָטאָטיפּ פון דער הויפּט־העלדן אין פלאָבערס ראָמאן איז געווען א וווּלגארע מויד וועראָניקא־אדעלפינא קוטיוריע. פון א נישטיקן אפן ערשטן קוק לעבנס־מאטעריאל האָט דער שרײַבער געשאפן א קלאסיש געשטאלט פון א פרוי, וואָס קומט אום אין די אומדערטרעגלעכע בורזשואז־פיליסטערישע לעבנס־אומשטענדן, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקײַט צו דערגרייכן אירע טרוימען וועגן א גליקלעך לעבן.

אלע וויכטיקסטע ווערק פון די אָנגעזעענסטע רוסישע און אייראָפּעיִשע קינסטלער זײַנען געבויט אף פאקטישע לעבנס־געשעענישן. נ. ג. טשערנישעווסקי האָט אפילע געהאלטן, אז ס'איז גענוג ריכטיק איבערגעבן די לעבנס־געשעענישן, וואָס זײַנען פאקטיש פאָרגעקומען, קעדיי אויסבויען דערפון א ליטעראריש־קינסטלעריש ווערק. טשערנישעווסקי פרעגט: „צו וואָס דארף מען אָט די איבעריקע דראמאטיזירונג פון ווירקלעכע געשעענישן, וואָס טרעפן אזוי אָפט אין די ראָמאנען און דערציילונגען?" „קלײַבט אויס א צוזאמענגעבונדענע און וואַרשײַנלעכע געשעעניש און דערציילט דאָס איבער אזוי, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקײַט; אויב אײַער אויסוואל וועט זײַן ניט קיין שלעכטער (און דאָס איז אזוי גרינג!), וועט אײַער ניט איבערגעמאכטע פון דער ווירקלעכקײַט דערציילונג זײַן בעסער פון יעדער איבערגעמאכטער „לויט די פאָדערונגען פון דער קונסט", דאָס הייסט געוויינלעך לויט די פאָדערונגען פון ליטעראַרישער עפעקטקײַט"[1].

שאָלעם־אלייכעם האָט אויך אזוי קאטעגאָריש דערקלערט: „צו וואָס ראָמאנען, ווען דאָס לעבן איז א ראָמאן?"

עס קאָן זיך אויסווײַזן, אז טשערנישעווסקי און שאָלעם־אלייכעם האָבן ניט צוגעגעבן קיין באדײַטונג דער שעפערישער פאנטאזיע. אין דער ווירקלעכקײַט גייט אָבער א רייד וועגן דער פּרינציפּיעלער עסטעטישער פּאָזיציע פון רעאליזם בא די דאָזיקע שרײַבער און וועגן זייער קאמף קעגן „ליטעראַרישער עפעקטקײַט".

קיין איין באשרײַבונג פון א פאקט, אזוי, ווי ער איז גענוי פאָרגעקומען אין לעבן, קאָן ניט באטראכט ווערן אלס א קינסטלעריש ווערק. נאָך מער, אויב דער שרײַבער איז אומבאהאָלפן אינעם קינסטלערישן סינטעז און אין דער קינסטלערישער פאראלגעמיינערונג, קאָן דער לעבנס־פאקט ווערן פאר אים א שטערונג און פענטען זײַנע שעפערישע מעגלעכקײַטן.

אין דער לעצטער דערציילונג „פּעראָ רוס" האָט מישע לעוו געוואָלט שאפן א העלדישן טיפּ פון א קעמפער קעגן היטלעריזם. דאָס האָט זיך אים אײַנגעגעבן נאָר טיילווײַז. און, מיר דאכט, טאקע דערפאר, ווײַל ער האָט זיך ניט געקענט באפרײַען פון דער פאקטאָלאָגיע, וועלכע איז געלייגט געוואָרן אין גרונט פונעם ווערק. א לעבעדיק געשטאלט קאָן ניט זײַן אידעאליזירט, אפילע ווען דאָס איז דורכויס אן אידעאל געשטאלט. אויב דער קינסטלער נעמט זיך דערציילן וועגן א פולקום אידעאלן העלד, וואָס איז בלויז פּאָזיטיוו און בלויז העלדיש, וועט ער האָבן דערבײַ גרויסע שוועריקײַטן, ווײַל אזא העלד טרעפט מען זעלטן אין לעבן. שוין ניט ריידנדיק דערפון, וואָס די איינזײַטיקע שילדערונג פון דעם, וואָס איז באווּסט אויך דעם לייענער, קאָן שוין ניט ארויסרופן קיין באזונדערע נײַגעריקײַט.

2. וועגן דער סטרוקטור פון ראָמאן

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָזע גיט א מעגלעכקײַט צו פארטראכטן זיך איבער פּראָבלעמען, וועלכע האָבן א שײַכעס צו דער סטרוקטור, צום אלגעמיינעם געבוי פון דעם פילפלאניקן ראָמאן. אין דעם זין זײַנען כאראקטעריסטיש די ראָמאנען פון פאליקמאנען און שעכטמאנען אלס אנטיפּאָדן לויט זייערע סטרוקטורישע פּרינציפּן. אויב פאליקמאנס עפּאָפּיי „דער שווארצער ווינט" איז א ראָמאן פון געשעענישן, איז שעכטמאנס „ערעוו" אין פולן זין פון וואָרט א ראָמאן פון כאראקטערן. פונדאנען דרינגען ארויס די שטארקע און די שוואכע זײַטן פון אָט די ווערק.

ריידנדיק וועגן דער סטרוקטור פונעם ראָמאן, האָב איך אין זינען ניט די טעכניק פון קאָמפּאָזיציע, נאָר די גרינטלעכע עלעמענטן און קאָמפּאָנענטן פון דער גרעסערער פאָרמע פון א קינסטלעריש פּראָזע־ווערק: דעם סוזשעטישן אינהאלט, די געשטאלטן, די שפּראך.

דער קלאסישער ראָמאן איז לויט זײַן סטרוקטור געווען הויפּטזאכלעך א ראָמאן פון געשטאלטן און כאראקטערן. דאָס גאנצע געבײַ פונעם ווערק האָט זיך געהאלטן אפן הויפּט־העלד, אף דער באשרײַבונג פון זײַן לעבן, פון זײַנע איבערלעבונגען. ארום אָט דער באשרײַבונג האָט דער אווטאָר קאָנצענטרירט דעם סאָציאל־היסטאָרישן פאָן, די שטייגערישע דעטאלן, דעם פּייזאזש, די לירישע אָפּווענדונגען, די רעפּליקעס, מאָנאלאָגן און דיאלאָגן. דער ראָמאן האָט געקענט זײַן לויטן זשאנער א היסטאָרישער, א סאָציאל־שטייגערישער, א ביאָגראפישער, אן אוטאָפּישער, א דעטעקטיווער — אלציינס איז ער געווען לויט זײַן סטרוקטור א ראָמאן פון געשטאלטן און כאראקטערן. דאָס איז צו זען אפילע בלויז לויט די נעמען פון די ראָמאנען („די ליידן פונעם יונגן ווערטער", „יעווגעניע גראנדע", „דער פאָטער גאָריאָ", „אָבלאָמאָוו", „אנא קארענינא" אא.; אין דער ייִדישער פּראָזע: „טעוויע דער מילכיקער", „מענאכעם־מענדל", „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי"), אָבער אפילע די ראָמאנען, וועלכע טראָגן ניט די נעמען פון די העלדן, זײַנען אין זייער גרעסטער מערהײַט געבויט אף דער שילדערונג פונעם לעבן פונעם הויפּט־העלד.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז אין גרונט פון דער דאָזיקער דערשײַנונג ליגן סאָציאלע סיבעס. אין דער בורזשואזער געזעלשאפט פארנעמט דעם אויבנאָן די אידעאָ־

[1] נ. ג. טשערנישעווסקי. „וועגן פּאָעזיע". ווערק פון אריסטאָטעל. פולע געזאמלטע ווערק, ב. 11. מ., 1949.

לאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פונעם יאָכיד, פון דעם אינדיווידום, וועלכער שטייט איינער אַליין קעגן אַלעמען אין אומבערעכמאָנעסדיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, פאַר מאַכט און קאַריערע. דער ראָמאַן האָט אָפּגעשפּיגלט אָט די בורזשואזע ווירקלעכקייט און אירע סאָציאַלע ווידערשפּרוכן. מע טאָר אָבער דערבײַ אויך ניט פאַרגעסן דעם גרונט־געזעץ, וואָס די מאַרקסיסטישע עסטעטיק האָט אַנטפּלעקט אין דער נאַטור פונעם רעאַליסטישן ראָמאַן, וועלכן ענגעלס האָט פאָרמולירט אַלס ראָמאַן פון „טיפּישע געשטאַלטן אין טיפּישע אומשטענדן“. דער רעאַליסטישער ראָמאַן ווײַזט אין דער געשיכטע פון איינעם די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד.

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געגעבן בײַשפּילן פון אַ נײַער סטרוקטור פון דעם ראָמאַן, וועלכער איז געבויט אויף דער שילדערונג פונעם לעבן פון די פאָלקסמאַסן, פון די גרויסע געשעענישן פון דער רעוואָליוציע, פונעם בירגערקריג, פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין סאָוועטישן ראָמאַן איז אויף אַ סינטעטישן אויפן צונויפגעפּאַרט די שילדערונג פונעם לעבן פון יאָכיד, אין ענגער פאַרבינדונג מיטן לעבן פונעם פאָלק, און פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע אַנטשיידן דעם גורל פונעם יאָכיד און פונעם גאַנצן פאָלק. די פּראָבלעם פון סטרוקטור איז ניט קיין טעכנאָלאָגישע, דאָס איז אַן אידייִשע פּראָבלעם, וואָס באַשטימט דעם טאָך פונעם ווערק.

אויף וויפל, ריידנדיק וועגן שעכטמאַנס און פאַליקמאַנס ראָמאַנען, האָבן מיר דערווײַל צו טאָן מיט ווערק, וועלכע דאַרפן נאָך באַקומען אַ ווײַטערדיקע פאַרזעצונג, מוזן אַלע אַנאַליזן און באַהויפּטונגען פון דער קריטיק טראָגן אַ שטרענג באַדינגלעכן כאַראַקטער, אַלע אויספירן מוזן דערווײַל זײַן ניט קיין ענדגילטיקע. אין טאָך גענומען, האָבן מיר פאַר זיך אין שעכטמאַנס „ערעוו“, און באַזונדערס אין פאַליקמאַנס „דער שוואַרצער ווינט“, בלויז אַ מין פאַרברייטערטע עקספּאָזיציע, אַ מין דיסלאָקאַציע פון די קויכעס. די דאָזיקע עקספּאָזיציע, וועלכע איז זיכער שוין צו שטאַרק פאַרברייטערט, איז אונדז אָבער פאָרגעשטעלט ווי אַ פאַרגאַנצט ווערק. מיר האָבן דעריבער די רעכט צו ריידן וועגן דעם, וואָס איז שוין פאַרעפנטלעכט, ניט וואַרטנדיק אויף דעם, וואָס וועט קומען ווײַטער.

יעכיִעל פאַליקמאַנס גרויסע עפּאָפּיי, פון וועלכער מיר האָבן שוין באַקומען דעם ערשטן בוך אין דער רוסישער איבערזעצונג, פאַרנעמט אַן סאָפעק אַ באַדײַטנדיק אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אַלס ראָמאַניסט איז פאַליקמאַן באַוווּסט נאָך פון זײַן בוך „די שײַן קומט פון מיזרעך“. פאַר פאַליקמאַנען אַלס פּראָזאַיִקער איז ביכלאַל כאַראַקטעריסטיש דראַמאַטישער סוזשעט, ברייטע עפּישע שילדערונג באַנאַנד מיט אַן אויסגעשפּראָכענער נייגונג צו לירישער ראָמאַנטיק.

נאָך פּערעץ מאַרקישעס „טראָט פון דורות“ האָט פאַליקמאַנס ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט“ לויטן פאַרנעם קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. און דאָס וויכטיקסטע אין דעם ווערק איז טאַקע ניט דער גורל פון די פּערשוינען, נאָר די היסטאָרישע געשעענישן. און ניט דערפאַר, ווײַל עס ווערן ניט געמאָלט קיין מענטשן. פאַרקערט, דער ראָמאַן איז באַזעצט מיט אַ גרויסער צאָל — העכער צוויי הונדערט פּערסאָנאַזשן. און מע דאַרף אָפּגעבן רעכט דעם ראָמאַניסט. ער פאַרגעסט אין קיינעם ניט, ער שפּירט נאָך געגנוג סקרופּולעז נאָך יעדן פּערסאָנאַזש, ער פאַרבינדט איינעם מיטן צווייטן, באַווײַזט זיי אינערלעך און אויסערלעך, אָבער די שטאַרקערע זײַטן פונעם ווערק געהערן ניט צו דער באַשרײַבונג פון מענטשן, נאָר צו דער שילדערונג פון די געשעענישן. אַלע אַקצענטן פונעם ראָמאַן זײַנען קאָנצענטרירט אויפן גורל פונעם פאָלק, פונעם לאַנד, דער גאַנצער פּאַטאָס, אַלע ליידנשאַפטן פונעם אווטאָר זײַנען אויסגעדריקט אין די בילדער פון דער מילכאָמע, פון די גרויזאַמע געשעענישן אין די ערשטע כאָדאָשים פון דער מילכאָמע קעגן די היטלעריסטישע קאַניבאַלן, קעגן דער ווילדער פאַשיסטישער כײַע. יעכיִעל פאַליקמאַן ווײַזט דערבײַ אַרויס געגנוג פאַרשטאַנד פאַר די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס זײַנען געווען גורלדיק פאַר אַלע פעלקער פונעם ראַטנפאַרבאַנד, פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט. דער טייל פונעם ראָמאַן, וואָס איז געווידמעט באַבי יאַר, דערשיטערט דעם לייענער, וועלכער האָט שוין אַפילע געלייענט און געהערט אַ סאַך וועגן אָט דער שוידערלעכער טראַגעדיע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

אינעם שילדערן די געשעענישן טרעט פאַליקמאַן אַרויס פאַר אונדז ווי אַ היסטאָריקער; ער ווײַזט פּריִער פאַר אַלץ דעם היסטאָרישן פּראָצעס. דאָס האָט, ווײַזט אויס, געבראַכט דערצו, אַז די שעפערישע ענערגיע האָט ער אָפּגעגעבן דער שילדערונג פון די געשעענישן. ס'האָט אים שוין, ווײַזט אויס, ניט געקלעקט קיין קויעך אויף געגנויער שילדערונג פון מענטשן. אַלע פּערסאָנאַזשן אין ראָמאַן טוען דאָס, וואָס זייער באַשעפער דיקטירט זיי. דאַניִעל קרעמעז טוט דאָס, וואָס עס דאַרף טאָן אַ סאָוועטישער מאַיאָר בײַס אַ מילכאָמע. דאָס זעלבע טוען אַלע גענעראַלן, לייטענאַנטן, סערזשאַנטן, פּאָליטקאָמיסאַרן, סאָלדאַטן, מעדשוועסטער. די דײַטשן, פון זייער זײַט, טוען דאָס, וואָס עס דאַרפן טאָן פאַשיסטן, דאָס הייסט זיי האַלטן מילכאָמע קעגן דעם סאָוועטישן פאָלק, פאַרניכטן אומשולדיקע מענטשן, האַרגענען, ראַבעווען אאַוו. ס'איז אַ סאָפעק, צי האָט געדאַרפט אין ראָמאַן פאַרנעמען אַזאַ גרויס אָרט די שילדערונג פון אַזעלכע ראָצכים, ווי הימלער, אייכמאַן, מאַלטקע, פאָן גלײַעוויץ און אַנדערע. דאָס באַלעסטיקט אוודאי דעם ראָמאַן, ניט געקוקט דערויף, וואָס מע קאָן באַמערקן געלונגענע סאַטירישע שטריכן אין דער שילדערונג פון דעם כאַראַקטער פון אָט די פאַשיסטישע מענוואָלים.

פּושקין האָט אַמאָל געזאָגט זײַנעם אַ פרײַנט: „שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אַ שפּיצל טאַטיאַנע האָט מיר אָפּגעטאָן! זי האָט כאַסענע געהאַט. דאָס האָב איך פון איר בעשום־אויפן ניט דערוואַרט“.

די געשטאַלטן, וואָס דער קינסטלער שאַפט מיט זײַן פאַנטאַזיע, הייבן אָן זיך צו פירן אומאָפּהענגיק פון זייער באַשעפער, זיי באַוועגן זיך ניט לויטן ווילן און לויט דער לאָגיק פונעם אווטאָר, נאָר לויט זייער אייגענער לאָגיק, לויט דער לאָגיק פון די אומשטענדן, אין וועלכע זיי געפינען זיך.

אין פאַליקמאַנס ראָמאַן איז אַזוינס אומעגלעך. אַלע פּערסאָנאַזשן ריידן, האַנדלען, באַוועגן זיך און טראַכטן אַזוי, ווי עס וויל דער מעכאַבער. קיין שום אָפּווײַכונגען, קיין שום אומדערוואַרטע שפּיצלעך וועלן מיר

פון זיי ניט זען. אין ראָמאַן הערשט אין דעם זין א פולשטענדיקע אָרדענונג.

א כאַראַקטעריסטישער שטריך. פאַליקמאַן דערציילט וועגן דער באַגעגעניש פונעם מאַיאָר דאַניִעל קרעמעז מיט זײַן יוגנט־ליבע — מיט טשאַרנע סעגאַל. אַפּגיין, אין סיידער פון אינפאָרמאַציע, גיט דער אוטאָר צו וויסן וועגן די געפילן פון קעגנזײַטיקער ליבע בא די יונגע מענטשן נאָך אַף דער שול־באַנק. זייער ליבע איז ניט רעאַליזירט געוואָרן. טשאַרנע האָט כאַסענע געהאַט פאַר א מענטשן, מיט וועלכן זי האָט ניט געקאָנט זײַן גליקלעך, און האָט זיך מיט אים צעשיידט. דאַניִעלס ערשטע פרוי כאַנקע איז געשטאָרבן, און ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר א צווייטער — פאַר אָלגען. און אָט טרעפן זיך טשאַרנע מיט דאַניִעלן אין די ערשטע וואָכן פון דער מילכאָמע. עס וואַכן אוף אין זייערע הערצער די אַמאָליקע ליבע־געפילן:

„—...ווי קומסטו אַהער, טשאַרוסיע? — ער האָט אַרויסגעבראַכט איר נאָמען ניט אַזוי, ווי ער וואָלט דאַרפן, ווי ער וואָלט אפילע וועלן, ער האָט אָבער אַנדערש ניט געקענט, און טאַקע מאַכמעס דעם איז די באַגעגעניש אים ווידער אַף א באַזונדער מין אויפן טײַער געוואָרן“.

זייער א וויכטיקער מאָמענט, וואָס וואָלט געקענט ווערן א רונג אין דער גאַנצער קינסטלערישער סטרוקטור פונעם ווערק, אין דער גאַנצער עמאָציִאָנעל־פּסיכאָלאָגישער אַטמאָספער פונעם ראָמאַן.

נאָר פאַליקמאַן דער היסטאָריקער קאָן אַזעלכס ניט דערלאָזן. דער היסטאָריקער אינטערעסירט זיך ניט מיט דער פּסיכאָלאָגיע פונעם יאָכיד, אים אינטערעסירט מער דער קלאַל, און ער שטעלט זיך קעגן דעם קינסטלער און לאָזט אים ניט גיין „אַף געפערלעכע וועגן“.

די געשטאַלטן זײַנען אַזויאַרום אונטערגעוואָרפן די היסטאָרישע געשעענישן און זײַנען, נאַטירלעך, געפּענטעט אין זייער האַנדלונג. זיי האָבן דעריבער אויך ניט קיין דיפערענצירטע שפּראַך. פאַר זיי אַלעמען רעדט בלויז דער דערציילער, האַגאַס דער ראָמאַן איז פול מיט מאָנאָלאָגן, דיִאַלאָגן, רעפּליקעס.

לאָמיר האָפן, אַז אין די ווײַטערדיקע ביכער פון דער עפּאָפּיי וועט פאַליקמאַן אויסגלײַכן די דיספּראָפּאָרץ צווישן דער באַשרײַבונג פון היסטאָרישע געשעענישן און דער שילדערונג פון די כאַראַקטערן פון די העלדן. די סטרוקטור אפילע פון א היסטאָרישן ראָמאַן דאַרף זיך האַלטן ניט בלויז אַף רעדעס פון פּאָליטיקער, אַף דאָקומענטן, באַראַטונגען, באַטאַלישע באַשרײַבונגען, נאָר דעריקער אַף דער שילדערונג פון מענטשן, וואָס זײַנען די וויכטיקסטע שעפער פון דער געשיכטע.

צום אונטערשייד פון פאַליקמאַנען בויט שעכטמאַן זײַן ראָמאַן „ערעוו“ אַפן פּרינציפּ פון מאָלן ניט די היסטאָרישע געשעענישן, נאָר די געשיכטע פונעם מענטשן. עלי שעכטמאַנס „ערעוו“ איז לויט דער סטרוקטור ניט קיין סאָציִאַל־היסטאָרישער, נאָר א סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישער, א סאָציִאַל־שטייגערישער און א סאָציִאַל־פילאָסאָפישער ראָמאַן וועגן דער פאַרגאַנגענהײַט. די עפּאָכע ווערט געגעבן ניט ווי קיין קייט פון היסטאָריש־פּאָליטישע געשעענישן; זיי ווערן אין שעכטמאַנס ראָמאַן ניט געמאָלט, נאָר בלויז דערמאָנט ווי סימאָנים פון דער צײַט און זיי האָבן א שײַכעס בלויז צו דער פּסיכאָלאָגיע און צו דער לעבנס־געשיכטע פונעם מענטשן.

„ערעוו“ האָט שוין באַקומען א הויכע אָפּשאַצונג, און מיר קלײַבן זיך ניט רעווידירן די דאָזיקע פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג. פאַרקערט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס עס הערן זיך שטימען, אַז שעכטמאַנס ראָמאַן איז איבערגעשאַצט געוואָרן, דאַרף מען נאָכאַמאָל אונטערשטרײַכן, אַז „ערעוו“ איז א גרויסע דערגרייכונג פון דעם שרײַבער און פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

שוין אין די ערשטע צוויי ביכער פון זײַן ראָמאַן האָט שעכטמאַן אַרויסגעוויזן מער אינטערעס צו אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע און אינדיווידועלע גורלאָלעס, ווי צו היסטאָרישע פּראָצעסן און געשעענישן. אָבער אויך די אַטמאָספער פון דער עפּאָכע האָט זיך געפילט גאַנץ דײַטלעך און האָט פולשטענדיק אַנטשפּרעכט דעם שטייגער און דער פּסיכאָלאָגיע פונעם „שייוועט באָיאַר“. די מילכאָמע, די רעוואָליוציע, די פּאָגראָמען, די שטימונגען און יוירונגען בא דער באַפעלקערונג אין דאָרף און אין שטאָט האָבן געשאַפן דעם פאָן, וועלכער האָט אַנטשפּרעכט דעם פּראָצעס פון דיפערענצירונג און צעגלידערונג אין דער מישפּאָכע באָיאַר.

אין דער סטרוקטור פון די ערשטע צוויי ביכער „ערעוו“ הערשט א האַרמאָניע אינעם שילדערן די מענטשן און די צײַט. אין דריטן בוך ווערט אָט דער צוזאַמענהאַנג א ביסל צעשטערט, די אַקצענטן ווערן אינגאַנצן איבערגעטראָגן אַף דער שילדערונג פון די איבערלעבונגען פון די פּערסאָנאַזשן, בייס די סימאָנים פון דער צײַט איז שוין שווער פעסטצושטעלן. דאָס, וואָס דער גאַנצער סוזשעטישער מאַטעריאַל פונעם דריטן בוך כאַפּט אַרום בלויז איין מעסלעס, איז א באַווײַז, אַז דער געשיכטלעכער אַנטוראַזש האָט געמוזט צעשווומען ווערן. צוליב דער קורצער צײַט איז דער געשיכטלעכער פאָן אײַנגעשרומפּן. די געשילדערטע בילדער בײַטן זיך ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ. אין איין טאָג קומען פאָר אַזויפיל געשעענישן, וועלכע וואָלטן געקלעקט אַף וואָכן און אפילע אַף כאָדאָשים. אין דער סטרוקטור פונעם ראָמאַן, דעריקער אין דער אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט, קומען פאָר פּלוצלינגדיקע שאַרפע ווענדונגען, וועלכע דערגייען שיר ניט ביז פאַנטאַסטיק. דאָס שאַפט, עמעס, א דראַמאַטישע שפּאַנונג. צי איז אָבער אָט די אָנגעשטרענגטקײַט אַרויסגערופן פון רעאַלע אומשטענדן? אויב איוועס צעשיידן זיך מיט דער סוויווע פון דער מישפּאָכע לאַנדע איז געזעצמעסיק און נאַטירלעך, איז אָבער א פראַגע, צי אַלע אַנדערע אומדערוואַרטע געשעענישן זײַנען באַרעכטיקט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער לאָגיק פונעם לעבן און נאָך מער — פון דער אינערלעכער לאָגיק פונעם ראָמאַן גופע.

אין ערשטן קאַפּיטל פונעם פערטן בוך „ערעוו“ („סאָוועטיש היימלאַנד“, נומ. 1, 1968) קאָן מען באַמערקן א פאַרשטאַרקטן אינטערעס פונעם שרײַבער צו דער היסטאָרישער שילדערונג. די באַשרײַבונג פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע (און דערבײַ די אַקטיווע אַרײַנמישונג פונעם אוטאָר אין די געשעענישן, דער פּראָטעסט קעגן דער בלוטבאָד און קעגן פּאָגראָמען) גיבן א סמאַך צו טראַכטן, אַז שעכטמאַן וועט לייזן די קאָמפּליצירטע סטרוקטור־פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר אים.

(סאָף קומט)

ארן ראסקין

פּערעץ און ביאַליק

צווישן די פירנדיקע קינסטלערישע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור פון דעם סאָף ניינצעטן, אָנהייב צוואנציקסטן יאָרהונדערט איז ח.־נ. ביאַליק געווען דער איינציקער, מיט וועמען פּערעץ האָט פארקניפּט פריינטלעכע שפּעטערישע באַציִונגען, וואָס זיינען געווען פרוכטבאַר פאַר ביידע שרייבער.

ביאַליק האָט צוגעצויגן פּערעצעס אויפמערקזאַמקייט שוין באַלד, ווי ער האָט דעביוטירט מיט זיינע ערשטע לידער. פּערעץ, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט א נאָמען סיי אין דער העברעאישער, סיי אין דער יידישער ליטעראטור, האָט באַ די ערשטע טריט פונעם נייעם, נאָך דאַן אומבאַקאַנטן שרייבער דערפילט, אַז אין דער ליטעראטור איז געקומען א דיכטער פון „גאָטס גענאָד". ער האָט דערשפּירט אין ביאַליקס ערשטע לידער דעם צאַפּל פון עכט מענטשלעכן געפיל. אין א רעצענזיע אויף דעם זשורנאַל „הפּרדס", אין וועלכן עס האָבן זיך געדרוקט ביאַליקס ערשטע לידער, האָט פּערעץ געשריבן: „די דאָזיקע לידער לייענט מען מיט א באַזונדער געפיל, ווייל זיי זיינען געשריבן מיט גאָטס גענאָד צום דיכטער...".[1]

א גייסטיקע נאָענטקייט האָט פאַראייניקט די צוויי גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן. ביידע זיינען זיי געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער קולטור־טראַדיציע, אין דער פאָלקסטימלעכער גייסטיקער ירושה פון דורות, און ביידע האָבן זיי געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אויף צו באַהעפטן זיך צו דער וועלט־קולטור; ביידע זיינען זיי געווען נאָוואַטאָרס, וואָס האָבן באַטראָטן נייע וועגן אין דער ליטעראטור; ביידע, יעדערער אויף זיין געביט (איינער אין דער העברעאישער, דער צווייטער — אין דער יידישער ליטעראטור) זיינען געווען אַקטיווע קולטור־בויער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנצע ענערגיע דער ליטעראטור ניט בלויז מיטן אייגענעם שאַפן, נאָר אויך אַלס רעדאַקטאָרן, אַרויס־געבער, אָרגאַניזאַטאָרן פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. ביידע האָבן זיי זאָרגזאַם געכאָוועט יעדע נייע שפּראָצונג אינעם ליטעראַרישן גאָרטן.

א וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס האָט גורם געווען דער גייסטיקער דערנענטערונג צווישן ביידע שרייבער, איז בעלי־סאָפעק געווען די ענלעכקייט אין ביידנס ליטע־ראַרישע פּאָזיציעס, אין זייער באַציִונג צו דער ליטע־ראַטור פון יענער צייט. ביאַליק ווייזט אַרויס שוין באַם סאַמע אָנהייב פון זיין שאַפן א געוואַלדיקע אומצופרידנ־קייט מיט דעם צושטאַנד פון דער העברעאישער דיכטונג און פּראָזע. פּערעצעס שאַרפע קריטישע אַרטיקלען וועגן דער נייע־העברעאישער ליטעראטור, וואָס האָבן זיך גע־דרוקט אין „החץ" און אַנדערע זאַמלביכער, זיינען דעם דיכטער געווען צום האַרצן[1], ווייל זיי האָבן זיך איבער־גערופן מיט זיינע אייגענע געדאַנקען און אָנשויונגען. אינעם זעלבן גייסט, וואָס פּערעץ, טאַדלט ביאַליק ביין און בייסיק די העברעאישע ליטעראטור פאַר איר פּוסטער מליצעדיקייט און אָפּגעריסנקייט פונעם לעבן[2].

די קעגנזייטיקע פאַרערונג צווישן ביידע שרייבער איז אין 1903 אַריבער אין אַן ענגערער פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, בעת פּערעץ האָט באַזוכט אָדעס, און האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין דער צייט, ווען ביאַליק האָט זיך אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „השלח" אויף העכער א יאָר צייט באַזעצט אין וואַרשע (פון דעקאַבער 1903 ביז פעוראַל 1905).

דאָס איז געווען די צייט ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905, ווען די צאַרישע רעגירונג, אָנגעשראָקן פון דעם רעוואָליוציאָנערן אויפשטייג, האָט גענומען אייליק פּראָ־וואָצירן פּאָגראָמען אין א ריי שטעט פון יידישן טחום־המושבֿ. פּערעץ, וואָס האָט מיט טיפן אינערלעכן ווייטיק געשריבן וועגן דעם אין זיינע וואַרשעווער פאַרצייכענונגען, האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען ביאַליקס לידער און פּאָעמעס, וועלכע זיינען אָנגעפילט געווען מיט צער און צאָרן, מיט ליידנשאַפטלעכן רוף צום קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. פּערעצן אימ־פּאָנירט ביאַליקס געזעלשאַפטלעכער פּאַטאָס, זיין צאָרנ־דיק וואָרט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט האַרבן עמעס, מיט מוטיקן פּראָטעסט, וועלכער שפּאַלט די הימלען און וואַרפט אום פאַרייביקטע הייליקייטן. פּערעץ שרייבט: „שרעקלעך איז ביאַליק אין זיין כעס און ייִעש... און ער וויל נאָר דעם עמעס, און ניט שיינע כאַלוימעס און בלישטשענדיקע פּוסטע ווערטער... ער האָט ניט קיין מוירע פאַרן עמעס, ער איז בעקוועם אים אויפ־נעמען ווי ער איז, מעג ער אפילו ביטער זיין ווי דער טויט אָדער אפילו זיין דער טויט אַליין..."[3] פּערעץ

[1] די רעצענזיע איז געווען געדרוקט אין „החץ". מיר ציטירן זי לויט נ. מייזיל „י.־ל. פּערעץ און זיין דאָר שרייבער", ניו־יאָרק, 1951, ז. 350.

[1] זע ביאַליקס בריוו צו מ. בערדיטשעווסקין פאַר דעם 04. I. 30, אגרות ביאַליק, כרך 1, ז. ריא.

[2] אין א בריוו צו י. קלויזנערן, יאַנוואַר 1905, גיט ביאַליק אַזא לאַקאָניש־שאַרפע קריטישע כאַראַקטעריס־טיק פון דער פּראָזע אין „השלח": „דער הויפּט־כיסאָרן פון דער בעלעטריסטיק באַשטייט אין דעם, וואָס זי בילדעט ניט צוזאַמען עפּעס איינהייטלעכעס און גאַנצעס, ווייל זי האָט קיין שום אינטערעס צו דעם לעבנס־שטראָם, וואָס פליִצט אין אַרום; א ביסל „שיינקייט צוליב שיינקייט" און א ביסל זיכרוינעס אָדער שיל־דערונג פון פּריוואַטע און קליינלעכע געפילן" (אגרות ביאַליק, כרך 1, ז. רפ).

ענלעכע אַרויסזאָגונגען וועגן דער נייע־העברעאישער ליטעראטור טרעפן מיר אין פּערעצעס בריוו און אַר־טיקלען פאַר די זעלבע יאָרן.

[3] כתבי י.־ל. פּרץ, ב. 10, ז. 236.

רופֿט זיך הייס אָפּ אױף ביאַליקס פּאָעמעס (אין ליד און פּראָזע), װאָס זײַנען געװידמעט דעם היסטאָרישן גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק: „די מייסים פֿון מידבער“ און „די מעגילע פֿון פֿײַער“. ער זעצט איבער אין ייִדיש „משא נמירוב“ און „מגלת האש“, דרוקט אָפּ אין „הצופה“ ביאַליקס ליד „על השחיטה“, דערבײַ געלינגט אים אָפּצונארן דעם צענזאָר און אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע װערק אַלס דאָס עלפֿטע ליד פֿון בײַראָנס „העברעיִשע מעלאָדיעס“.

ביאַליק, פֿון זײַן זײַט, פֿאָלגט נאָך מיט גרויס אינטערעס יעדע נײַע זאַך, װאָס גייט אַרויס פֿון פּערעצעס האַנט. ער איז אַנציקט פֿון דעם טיפֿן געדאַנקענגאַנג און פֿון דער גרויסער מײַסטערשאַפֿט, װאָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין פּערעצעס דראַמע „חורבן בית צדיק“ (ערשטער װאַריִאַנט פֿון דער „גאָלדענער קייט“). „די לעצטע צװיי אַקטן זײַנען זייער שיין, מע קאָן זאָגן אויסגעצייכנט, — שרײַבט ביאַליק צום שריפֿטשטעלער בענציָן גוטמאַן, — לייען זיי אויפֿמערקזאַם איבער. פּערעץ איז זייער רײַך מיט געדאַנקען און פּרעכטיקע בילדער. ער פֿאַרמאָגט אַ גרויסע נעשאָמע. פֿאַריקע װאָך האָט ער פֿאַר מיר אויסגעלייגט דעם פּלאַן פֿון אַ נײַער דראַמע — גאָלע װוּנדער!“[1] עס פֿאַרשאַפֿן אים פֿרייד פּערעצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן“ און „כסידיש“. אין אַ רעדע אויף אַ באַנקעט לעקאָװעד פּערעצן, פֿרילינג 1904 אין אָדעס, באַטאָנט ביאַליק דאָס סאָציִאַל־עטישע, דאָס אַלמענטשלעכע, װאָס ס׳אַנטהאַלטן אין זיך פּערעצעס כסידישע דערציילונגען.

ס׳הייסט קלאָל ניט, אַז צװישן פּערעצעס און ביאַליקס אידייען־װעלט הערשט אַ פֿולשטענדיקע אײַנשטימונג. ביאַליק האָט ניט טיפֿעס געװען די באַדײַטונג פֿון די רעװאָליוציִאָנערע געשעענישן. פּערעץ האָט מיט זיי פֿאַרבונדן זײַנע האָפֿענונגען און האָט, נאַטירלעך, פֿאַרורטיילט ביאַליקס נאַציִאָנאַליסטישע באַגרענעצטקײַט, זײַן גײַסטיקע אָפּהענגיקײַט פֿון די „אָדעסער כאַכאָמים“ בעראָש מיט אחד־האָמען, װעמעס אידייען האָבן געהאַט אַ שטאַרקע האַשפּאָע אויפֿן דיכטער. דאָס האָט ניט געשטערט פּערעצן אײַנזען אין ביאַליקס בונטאַרישער, גאָטלעסטערישער און ערדיש־לעבנסלוסטיקער פּאָעזיע אַ זיכערן פֿאַרבינדעטן אין קאַמף מיט דער קלעריקאַל־נאַציִאָנאַליסטישער רעאַקציע אין דער ליטעראַטור. „ביאַליק, — שרײַבט פּערעץ, — האָט דערקלערט דעם ייִדישן גאָט אַלס באַנקראָט“[2]. פּערעצן פֿאַרשאַפֿט פֿיל פֿרייד ביאַליקס נאַטור־ און ליבע־ליריק מיט איר שפּרודלדיקער אוילעמהאַזעדיקײַט און לעבנס־פֿריידיקײַט. ער קאָנסטאַטירט מיט באַפֿרידיקונג, אַז ביאַליק, דער „ליבלינג“ פֿון די „אָדעסער כאַכאָמים“, האָט קעגן זיי װידערשפּעניקט און אינעם ליד „איעיך“ („װוּ ביסטו?“) „האָט ער זיך מוידע געװען, אַז ער איז קיינמאָל ניט געװען קיין שמאַטע... אַז נאָך זײַענדיק אַ יעשיװעבאָכער, האָט ער געזינדיקט“. „העפֿקער פֿון יוגנט! — שרײַט אויס פּערעץ. — לעבנסלוסט, אַ ברענענדיק האַרץ און ניט אַ נעשאָמעלע... װאָס ריִעט זיך אין מיסט“[3].

[1] „נײַע דראַמע“ — דער ערשטער װאַריִאַנט פֿון „באַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“. אגרות ביאַליק, כרך 1, ז. רו.

[2] י.־ל. פּערעץ. געדאַנקען און אידייען. 1923, ז. 58.

[3] כתבי י.־ל. פרץ. ב. 10, ז. 188.

אויף ביאַליקן האָט דאָס יאָר, װען ער איז געװען אין װאַרשע און זיך געפֿונען אין אַן אינטים־פֿרײַנטלעכן קאָנטאַקט מיט פּערעצן, געװירקט װי אַ גרויסע אָפּפֿרישונג נאָכן לאַנגן פֿײַניקן זיך אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספֿער פֿון די אָדעסער באַלעבעסלדיקע ליטעראַרישע קרײַזן. פּערעץ האָט געהאָלפֿן ביאַליקן טיפֿער צו דערפֿילן דעם צײַט־גײַסט, נעענטער זיך באַהעפֿטן מיטן פֿאָלק, פֿאַרברייטערן דעם קרײַז פֿון זײַנע אינטערעסן. מיט זײַנע פּאָעמעס „מגלת האש“, „הברכה“, מיט זײַן ליד „ערעװ פֿרילינג“, מיט דעם ציקל צאַרטע ליבע־לידער, װאָס באַצויבערן מיט זייער פֿאָלקסטימלעכקײַט (צ. ב., „קומי צאי“) און שפּעטער מיט דער סעריע „פֿאָלקס־לידער“ האָט ביאַליק אין אַ גרויסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען די װאַרשעװער אײַנדרוקן, אויף װאָס ס׳װײַזן, אַגעװ, אָן אייניקע ביאַליק־פֿאָרשער[1].

טאַקע אין דער צײַט פּלאַנירן ביידע שרײַבער אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַריש־קריטישן זאַמלבוך, אַ מין נײַעם װאַריִאַנט פֿון „החץ“. װעגן דעם שרײַבט ביאַליק אין אַ בריװ צו מ. בערדיטשעװסקין: „פּערעץ און איך און אויך אַנדערע כאַװיירים װילן אַרויסגעבן אַ קליינעם בונטאַרישן זאַמלבוך, אַ מין קליינע בימע פֿאַר אַװוּדזאָרע, װי, אַשטייגער, דער „החץ“ אין זײַן צײַט. זײַן ציל איז (אויב אַזעלכער איז באַ אים פֿאַראַן): 1) אַן אָנגריף קעגן דער פֿאַרפֿוילטקײַט און ענגהאַרציקײַט; 2) פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון „נײַע“ זאַכן, װאָס דער מאָגן פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור איז ניט בעקויעך זיי צו פֿאַרדײַען“[2].

די עצעם ציל־אײַנשטעלונג פֿונעם זאַמלבוך איז ביז גאָר סימפּטאָמאַטיש. עס איז אַ דורכגעטראַכטע געמיינזאַמע פּראָגראַם פֿון קאַמף פֿאַר אַ נײַער ליטעראַטור, װאָס איז אָנגעזאַפּט מיט נײַע אידייען, מיט דעם שטורמישן גײַסט פֿון דער צײַט. דער אָטעם פֿון דער אָנקומענדיקער ערשטער רעװאָליוציע האָט זיך געלאָזט פֿילן אין דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן פֿאַרטראַכט.

ליידער, איז דער פּלאַן ניט פֿאַרװירקלעכט געװאָרן. נאָר דער עצעם פֿאַקט רעדט װעגן דעם, װי נאָענט ס׳זײַנען געװען אין דעם פּעריאָד ביאַליקס און פּערעצעס ליטעראַרישע אינטערעסן.

ביאַליק קערט זיך אום קיין אָדעס אַ באַנײַטער, אַ באַפֿליגלטער, ער איז פֿול מיט נײַע פּלענער, אידייען. פּערעצן פֿאַרבינדט ער איצט אין זײַן פֿאָרשטעלונג מיט דער שטורמישער פֿאַררעװאָליוציִאָנערער װאַרשע. אָדעס דאַכט זיך אים איצט אין פֿאַרגלײַך מיט װאַרשע עפּעס מאָדנע שטיל, באַלעבעסלדיק. אין די רעװאָליוציִאָנערע טעג פֿון 1905 שרײַבט ביאַליק פֿון אָדעס צו קלויזנערן קיין װאַרשע:

„אין אָדעס איז פֿרידן און רו, שטיל און זאָרגלאָז, מע שיסט ניט און מע שרײַט ניט אויף אירע גאַסן, און ניטאָ פּערעץ! אוי פּערעץ, פּערעץ! װאָס טוט ער איצט בײַס אַזאַ זאַװערוכע! װאָס טוט דער גרויסער אָדלער אין אַ שטורעם־טאָג?“[3].

אויך פּערעץ פֿילט זיך נאָך ביאַליקס אַװעקפֿאָרן פֿון װאַרשע שטאַרק פֿאַרײנזאַמט, עלנט. אין זײַנע האַר־

[1] זע, צום בײַשפּיל, י. פֿיכמאַנס פֿאָרעדע צו „כל כתבי ביאַליק“, 1940.

[2] אגרות ביאַליק, כרך 1, ז. רי״ב.

[3] בריװ פֿון 05. I. 14. אגרות ביאַליק, כרך 1, ז. רפא.

ציקע בריוו צו ביאַליקן, אין וועלכע ער רופט דעם דיכטער „מײַן ביאַליק“, קלאָגט ער זיך אָפט, אַז ס׳איז אים „אומעטיק, טרויעריק און ניטאָ וועמען די האַנט צו דערלאַנגען“; ער דערציילט וועגן שטימונגען פון ניט־גלייבן אין זיך, וואָס באַפאַלן אים ציַיטנווײַז, בעט דעם דיכטער, ער זאָל אָפטער שרײַבן, פרעגט ביאַליקס מיינונג וועגן זײַנע, פּערעצעס, נײַע ווערק, ווי, צום בײַשפּיל, „ליבע“, און וועגן די איבערזעצונגען פונעם דיכטערס ווערק אין ייִדיש[1].

פּערעצן טוט בעעמעס לייד, וואָס אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן ארויסצורײַסן ביאַליקן פון די אָדעסער רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע קרײַזן און געווינען אים פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר די ברייטע מאַסן. אין איינעם אַ בריוו צו ביאַליקן רעדט ער וועגן דעם מיט גרויס פאַרביטערונג:

„און איר, מײַן ליבער, זײַט געפאַנגען ניט אין שפּינוועבס־פאָדעם, נאָר דורך אכאַד־האָאָמען. איר האָט קיינמאָל ניט געדאַוונט אין אַ גרויסן בעסמעדרעש מיט די מאַסן, נאָר אין עפּעס אַ „מיניען“ פון באַטלאָנים, מעירכאָסים און טרוימער פון ניט שיינע און ניט פײַנע כאַלוימעס — — — צו וואָס האָב איך איבערגעזעצט אײַערע לידער? פאַרוואָס זעץ איך ווײַטער איבער? איך וויל דערגאַנצן דאָס, וואָס איר טוט ניט, איך וויל אײַך דערלאַנגען צו וועמען איר געהערט.

„דער מעשוגענער נאָווי“, — ווי עליאַשעוו רופט אײַך, — וואָס רעדט אין אַ קליין בעסמעדרעשל און ניט אָפן מאַרק פאַר דעם פאָלק, — זײַן סאָף איז — אומעט. וואַכט אויף און גייט צום פאָלק.

ניט די שפּראַך איז דער איקער, נאָר דער לעבעדיקער מענטש, וואָס רעדט אַף דער שפּראַך. און איך כאַזער איבער נאָכאַמאָל מײַנע רייד: איר זײַט געפאַנגען געוואָרן פון לעבעדיקע מייסים“[2].

דאָס זײַנען האַרבע רייד פון אַ פרײַנט, אַ פאַרצווייפלטער רוף פון אַ נאָענטן מענטשן. פּערעץ האָט גרויס אַגמעסנעפעש דערפון, וואָס אין אַ צײַט פון גרויסע האָפענונגען, ווען ס׳איז נייטיק אײַנצושליסן זיך אין קאַמף פאַר סאָציאַלן פּראָגרעס, וואָס נאָר פון אים קאָן מען דערוואַרטן אַ דערלייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פּראַגע, ווערן די קויכעס צעשפּליטערט, די בעסטע פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור ווענדן אָפּ זייער ענערגיע אַף פּוסטע סיכסוכים, אַף אינטריגעס צווישן פאַרשיידענע פּאַרטייען, און „דאָס פאָלק איז פאַרלאָזט“[3].

פּערעץ הערט ניט אויף צו רופן ביאַליקן קיין וואַרשע. ער האָפט, אַז ביאַליק וועט זיך ארויסרײַסן פון „קליינעם בעסמעדרעש“ און וועט קומען „אָפן מאַרק צום פאָלק“. „ביאַליק, פאָרנדיק צוריק פון האַאַג, זאָל אָפּטרעטן אין קראַקאָוו, — שרײַבט ער צו דינעזאָנען, — וועט ער עפּשער קומען אַהער צוגאַסט. אינטערעסאַנט, צי ער וועט מער געניסן פון די פעלדזן, ווי פון יאַם אין אָדעס...“[4].

ביאַליק האָט ניט פאַרלאָזן אָדעס, ער איז ביזן סאָף פון זײַן לעבן טרײַ געבליבן די „כאַלוימעס“ פון אָדעסער „מיניען“. נאָר זײַן שאַפן איז געווען ברייטער און רײַכער פון זײַנע באַגרענעצטע אידעאָלאָגישע פאָרשטעלונגען. אין די בעסטע פון זײַנע ווערק, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיט גרויס פּײַן פאַר די ליידן פון די ברייטע מאַסן פון זײַן פאָלק, מיט מעכטיקן פּראָטעסט קעגן נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג, דערהייבט ער זיך ביז צום ניוואָ פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער. און טאַקע דאָס איז געווען דער מאַגנעט, וואָס האָט צוגעצויגן פּערעצן אין דעם ביאַליק־געשטאַלט און גוירעם געווען דערצו, אַז אין קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישער ליטעראַטור האָט ער אין ביאַליקן געוואָלט געפינען אַ מיטקעמפער. דערמיט איז אויך צו דערקלערן, וואָס די פרײַנטשאַפט צווישן ביידע קינסטלער האָט אָנגעהאַלטן ביזן סאָף פון פּערעצעס לעבן.

אין די בריוו צו פרײַנט אין וואַרשע פרעגט זיך ביאַליק אָפט נאָך אַף פּערעצן און בעט אים איבערגעבן די האַרציקסטע גרוסן. אין 1910 באַשטעלט פּערעץ בא ש. ניגערן אַן אַרטיקל וועגן ביאַליקן פאַר זײַן זאַמלבוך „ייִדיש“. דעם דאָזיקן אַרטיקל גיט ער צו אַ גרויסע באַדײַטונג. ער אַטאַקירט מאַמעש ניגערן מיט בריוו. ווען ער באַקומט די האַסקאָמע פון ניגערן, שרײַבט ער אים: „ס׳פרייט מיך זייער, זאָל זײַן אפילע 1 1/2 בויגן, נאָר אַף זיכער! וואָרעם — פאַרפירט איר מיך, פאַרפירט איר דעם קלאַל־ייִסראָעל“. פּערעץ האָט גרויס פאַרדראָס, וואָס ניגערס אַרטיקל האָט זיך באַקומען פראַגמענטאַריש און גיט ניט קיין פולע פאָרשטעלונג וועגן ביאַליקס לעבן און שאַפן[1].

ביאַליק, פון זײַן זײַט, גיט אָפּ פיל ענערגיע דעם פּלאַן ארויסצוגעבן אַלע ווערק פון פּערעצן אין העברעיִש. אין אַ בריוו צו פּערעצן אין 1911 בעט אים ביאַליק דרינגענדיק צושיקן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַר דעם ערשטן באַנד. אין יאַנוואַר 1915 אַליאַרמירט ביאַליק דינעזאָנען, ער זאָל אונטעריאָגן פּערעצן מיט דעם מאַטעריאַל און דעריקער פּויעלן בא אים, ער זאָל אַליין איבערזעצן זײַנע ווערק און ניט פאַרלאָזן זיך אַף אַנדערע. מיט דער אויסגאַבע פון פּערעצן אין העברעיִש האָט זיך ביאַליק מיט אומדערמידלעכער ענערגיע באַשעפטיקט קימאַט ביז די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. ער האָט עס געהאַלטן פאַר זײַן לעבנס־כויוו לעגאַבע „איינעם פון די גרעסטע קינסטלער און נאָוואַטאָרס אין אונדזער ליטעראַטור“[2].

פון ביאַליקס פאָרעדעס צו די באַזונדערע פּערעץ־בענדער, פון דעם, ווי זאָרגזאַם ער באַמיט זיך אופצוזאַמלען אַלץ, וואָס איז ארויס פון אונטער פּערעצעס פּען, איז בוילעט צו זען, ווי ליב און טײַער איז דעם דיכטער אַלץ, וואָס פּערעץ האָט געשאַפן.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט האָט ביאַליק געשענקט פּערעצעס פּובליציסטיק. ער ווידמעט פיל מי דער אופזאַמלונג פון אַלע וויכטיקסטע פּערעצעס פעליעטאָנען און אופזאַצן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבן, און גיט זיי ארויס אין אַ ספּעציעלן באַנד. אין דער פאָרעדע צו אָט דעם באַנד ווערט געגעבן זייער אַ טרעפלעכע און טיפע כאַראַקטעריסטיק פון פּערעצעס אייגנאַרטיקער פּאָלעמיש־קאַמפערישער פּובליציסטיק:

„דער פרײַער פעליעטאָן אָדער דער פּערעצישער אופזאַץ, וועלכער איז אויך אַ מין פעליעטאָן, — האָבן

---

[1] זע די בריוו פאַרן יאָר 1906. נ. מײַזיל. בריוו און רעדעס פון י.־ל. פּערעץ, ז. 225—226. [2] דאָרט, ז. 224. [3] דאָרט, ז. 227. [4] דאָרט, ז. 225.

[1] זע נ. מ ײַ ז י ל. בריוו און רעדעס פון י.־ל. פּערעץ. ז. 278 –- 280.

[2] פאָרעדע צום 10־טן באַנד „כתבי י.־ל. פרץ“, ז. 4.

געהערט צו די סגולעס פון פּערעצעס זעלטענעם טאַלאַנט. אין אים, אינעם פּעליעטאָן, האָט ער געפונען די נייטיקע ראַכוועס און באַוועג־פרייַהייַט פאַר זייַן שטורמישן גייַסט, ווי אויך דאָס גענוגנדע ברענשטאָף פאַר זייַן פלאַמיקן טעמפּעראַמענט. דער „פּאָדוואַל" אין דער צייַטונג — דער פּלאַץ אונטער דעם שטריך — האָט אים געדינט אַלס די ברייטסטע אַרענע פאַר דעם „גאַלאָפּ פון זייַנע מעכטיקע פערד", פאַר דעם שפּרונג־געלויף פון זייַנע שאַרפע געדאַנקען. בייַס זייער בליצשנעלן אומלויפן הין־און־הער פּלעגט ער דערכאַפּן מיט אַ ברייטער האַנט פאַנאַנדערוואַרפן אין אַלע זייַטן שטיקער פּאָעזיע, פּערל־שטויב און פייַער־פונקען אין דעם געשטאַלט פון אַפאָריזמען, פינקלדיקע רעמאָזים און רעמאַזיי־רעמאָזים, וואָס פאַרבלענדן דאָס אויג און שפּאַלטן דעם מויעך... אַפילו אַ סיכאַס־כולין פון פּערעצן איז שאַרף, ווי אַ לאַנצעט"[1].

ניט צופעליק איז ביאַליקס גרויסער אינטערעס צו פּערעץ דעם קריטיקער. אים איז, צום בייַשפּיל, זייער געפעלן געווען איינע פון פּערעצעס פריִע קריטישע אַרבעטן, זייַן אַרטיקל וועגן י.־ל. גאָרדאָן אין „הצפירה" פאַרן 1877 י. נאָכדעם ווי די פּערעץ־אויסגאַבע אין העברעיִש איז שוין קימאַט געווען פאַרענדיקט, האָט ביאַליק דרינגענד באַופטראָגט י. פּערסקינען דורכצושטערן אַלע פּעריאָדישע אויסגאַבן, אין וועלכע פּערעץ האָט זיך געדרוקט, און אויפזאַמלען אַלע זייַנע פּילצאָליקע קריטישע אַרטיקלען. „דער צוועלפטער באַנד, — שרייַבט ביאַליק, — פאַרהאַלט זיך, ווייַל מיר האָבן ניט דעם גאַנצן מאַטעריאַל. אונדז איז געלונגען אויפזאַמלען נאָר אַ קליינעם טייל פון זייַנע קריטישע אַרבעטן"[2]. דערבייַ דריקט דער דיכטער אויס זייַן באַדויערונג, וואָס ביז איצט האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן צו געפינען פּערעצעס אַרטיקל וועגן י.־ל. גאָרדאָנען, און בעט י. פּערסקינען צונויפשטעלן אַ גענויע ביבליאָגראַפישע

[1] כתבי י.־ל. פרץ, כרך 10, ז. 3.
[2] אגרות ביאליק, כרך ג, ז. 108.

פאַרצייכענונג פון אַלע פּערעצעס אַרבעטן איבער פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט.

פּערעצעס עסטעטישע פּראָגראַם איז ביאַליקן געווען נאָענט. דער דיכטער איז שטענדיק געווען אַ פלאַמיקער קעגנער פון קאָלערליי מאָדערניסטישע „טריוקן" און „קונסט צוליב קונסט"־טעאָריעס. וועגן דעם זאָגן אײדעס ביאַליקס פּילצאָליקע אַרויסזאָגונגען, סייַ בעאַל־פּע, סייַ ביקסאָוו.

אין פּערעצן האָט ביאַליק געשעצט דעם גרויסן בונטאַר, דעם פּוירעץ־געדער, דעם „פייַערדיקן עלעמענט", דעם גרויסן דעמאָקראַטישן קינסטלער.

— אים, דעם גרויסן בונטאַר אין אונדזער ליטעראַטור, — האָט ער געזאָגט וועגן פּערעצן אין זייַן געדענקרעדע אין 1917 יאָר, — זייַנען געווען דערווידער די אויסגעטראָטענע וועגן, וועלכע זייַנען געווען פאַר אים און אין זייַן צייַט, און ער האָט אויסגעטראָטן פאַר זיך נייַע שטעגן... ער איז געווען דער פייַערדיקער עלעמענט אין אונדזער ליטעראַטור. מיט אַ פייַערדיקן רייַטוואָגן און פייַערדיקע פערד איז ער ווי אַ שטורעם אַדורכגעריטן אין אונדזער ליטעראַטור, אַז פונקען האָבן געבליצט הינטער אים... פּערעץ איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן באַלעבט די קולטור. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ מאַסקיל, ווי אַ ראַציאָנאַליסט, ווי אַ קינד פון דעם האַסקאָלע־פּעריאָד, אָבער ער האָט זיך דערבייַ ניט אָפּגעשטעלט, נאָר איז געגאַנגען אַלץ ווייַטער און אָנטפּלעקט נייַע האָריזאָנטן אין פאַרשיידענע געביטן. און אין יעדן געביט — כאַסידיזם, אין דער פאָלקסטימלעכער געשיכטע, אין דער פּראָזאַישער און דיכטערישער ליריק איז ער געווען אַ באַנייַער און האָט ניט געלאָזט אַנדערע צו בלייַבן שטיין אַף זייערע ערטער"[1].

געמיינזאַמער קאַמף פאַר אַ רעאַליסטישער קונסט, וואָס רופט זיך אָפּ אַף די ליידן און נויטן פון פאָלק, האָט געבילדעט דעם יעסאָד פאַר דער לעבנסלאַנגער פרייַנטשאַפט צווישן די צוויי גרויסע ייִדישע שרייַבער.

[1] ח.־נ. ביאליק. דברים שבעל פה, ב. 2, ז. 192.

אונדזערע מיטיילונגען

טעוויעס דעם מילכיקערס כאַטע

„פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטרײַמל, אַז אַ וועלט מיט מענטשן זאָלן פּלוצעם געוואָרן, אַז אַף יענער־זײַט בויבעריק, ניט ווײַט פון אַנאַטאָווקע, געפינט זיך אַ ייִד, וואָס הייסט טעוויע דער מילכיקער?“

(שאָלעם־אַלייכעם. טעוויע דער מילכיקער. „קאַטוינטי“)

צווישן די העלדן פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק איז טעוויע דער מילכיקער באַזונדערס באַליבט בײַ די לייענער. די נאָוועלן פון „טעוויע דער מילכיקער“ זײַנען דורכגעזאַפּט מיט דער פּאָעזיע פון דער אוקראַיִנישער נאַטור, מיט ליבע צו מענטשלעכער פּראַצע.

מיט אַ צײַט צוריק איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ זומער אין בויערקע, אין אָט דעם גרינעם שטעטל הינטער קיִעוו. איינמאָל בין איך פאַרפאָרן אין דאָרף זאַביריע. דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיטן אַלטן לערער וולאַדימיר גאָרינאָוויטש, אַ לײַדנשאַפטלעכער פאָרשער פון קאַנטקענטעניש. מיר האָבן זיך צערעדט וועגן טעוויען. יאָ, טעוויע דער מילכיקער האָט געוווינט דאָ, אין זאַביריע. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אין קיִעוו גאַסטראָלירט דער האָמליער געגנטלעכער דראַמאַטישער טעאַטער, און אין זײַן רעפּערטואַר איז געווען אויך אַ קאָמעדיע אַף די מאָטיוון פון שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער“. די בויערקער קאַנטקענער, בעראָש מיט אַנאַטאָלי קלימענקאָ, האָבן געבעטן די טרופּע, זי זאָל אַרויסטרעטן מיט דעם ספּעקטאַקל אין זאַביריע, ווו טעוויע האָט געלעבט. די אַרטיסטן האָבן מיט פאַרגעניגן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. ווען אַף דער בינע האָט זיך באַוויזן דער אַקטיאָר, וואָס שפּילט די טעוויע־ראָל, — אַ הויכער, מיט באָרד־און־פּייעס, אַ האָרעפּאַשניק, אין שווערע שטיוול, מיט אַ בײַטש אין האַנט, — האָבן די זאַביריער אַלטע טוישווים גלײַך דערקענט זייער בען־איר טעוועל. נאָכן ספּעקטאַקל האָבן די אַרטיסטן באַזוכט טעוולס כאַטע און האָבן זיך איבערצײַגט, אַז דער פּראָטאָטיפּ פונעם העלד פון דער קאָמעדיע האָט טאַקע אַמאָל געלעבט און געאַרבעט אין אָט דעם דאָרף. זײַן כאַטע שטייט ביז הײַנט, די אײַנוווינער פון זאַביריע היטן זי זאָרגזאַם אָפּ. וועגן אָט דעם אַלעם האָט מיר דערציילט גאָרינאָוויטש. ער האָט מיר אויך געגעבן דורכלייענען די געשיכטע פונעם דאָרף זאַביריע, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן און ווו אַ גאַנץ קאַפּיטל איז געווידמעט טעוויע דעם מילכיקן.

דעם דאַטשע־יישעוו בויערקע (הײַנט איז עס שוין אַ גאַנץ היפּשע שטאָט) רופט שאָלעם־אַלייכעם בויבעריק, פּונקט ווי קיִעוו הייסט בײַ אים יעהופּעץ. אין בויערקע איז אַמאָל געפלאָסן אַ טײַך באָבריצע, וועלכער האָט געווימלט מיט באָבערס. איז פון באָבער געוואָרן בויבעריק.

אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, ווען די באַנען זײַנען מיט זייער שנעלקײַט געווען ענלעך צו שאָלעם־אַלייכעמס באַרימטן „ליידיקגייער“, פלעגן די יוסטע באַלעבאַטים באַם אָנקום פונעם זומער דינגען באַלעגאָלעס און אַרויספאָרן פון קיִעוו אַף דאַטשע — קיין פּושטשע־וואָדיצע, וואָרזעל און, פאַרשטייט זיך, קיין בויערקע. די נאַטור אין די דאָזיקע ערטער איז בעעמעס געווען אַ פון גאָט געבענטשטע: וועלדער פון דעמבן און יאָדלעס, די לופט — לויטער ריין, אַבי נאָר עסעם! שוואָמען און יאַגעדעס — וויפל דאָס האַרץ גלוסט. די לאָנקעס זײַנען באַדעקט מיט אַ בלומען־טעפּיך, פון וועלכע עס טראָגט אַ צאַרטער, אײַדעלער אַראָמאַט. אָט וואָס טעוויע אַליין זאָגט וועגן די דאָזיקע ערטער:

„פאָרנדיק אַזוי אין וואַלד, זומערלעבן, די זון באַקט, נאָר פון ביידע זײַטן וואַלד דער שאָטן פון ביימער, דער רייעך פון סאָסנעס, מעכײַענעפאָשעס, צי איך מיך אויס, ווי אַ גראַף, אין וועגעלע, לאָז נאָך מײַן כעוורעמאַן די לייצעס: גיי שוין, זאָג איך צו אים, זײַ מויכל, אַליין, דער וועג דאַרף דיר שוין זײַן באַקאַנט, — און אַליין צעלאָז איך מיך אַף אַ קאָל און זינג מיר אַ ניגנדל“...

טעוויעס כאַטע אין זאַביריע

טעוויע — אזוי הייסט שאָלעם־אלייכעמס העלד אין בוך. פארוואָס אָבער, פרעגט זיך, רופן אים די אלטע טוישווים פון דאָרף ניט טעוויע, נאָר טעוועל? אין „טעוויע דער מילכיקער" רופט זיך טעוויע אליין אָן צוויי מאָל מיטן נאָמען טעוועל: איין מאָל אינעם שמועס מיט זײַנע דאָרפסלײַט, א צווייט מאָל אינעם בריוו צום מעכאבער: „איין זאך וועל איך אײַך בעטן, פאני, איר זאָלט מיך כאָטש ניט ארײַנשרײַבן אין א ביכל; און אז איר וועט מיך ארײַנשרײַבן, זאָלט איר כאָטש ניט ארויסשטעלן דעם נאָמען מײַנעם..."

אינגאנצן „ניט ארײַנשרײַבן אין א ביכל" איז געווען אומעגלעך — ווי באשרײַבט מען דאָס ניט אזא קאָלאָריטע פיגור? אָבער ענדערן דעם נאָמען — מאכטייסע. און בלויז אין טעוולס בריוו צום מעכאבער האָט שאָלעם־אלייכעם זיך ניט אנטשלאָסן צו ענדערן דעם נאָמען:

„און ווײַטער, גלאט אזוי בריוולעך קאָנט איר שיקן צו מיר גלײַך קיין בויבעריק, אף מײַן נאָמען, בעזע האלאָשן: „פערעדאט גאָספאָדינו טעוועליו, מאָלאָטשנאהאָ יעוורייי".

טאקע אָט די שורע האָט אונדז געהאָלפן פעסטשטעלן, אז טעוויע און טעוועל — דאָס איז איין מענטש. דער אווטאָר האָט פּאָשעט פארביטן איין נאָמען אף א צווייטן, אן ענלעכן, ווי ער האָט פארביטן, לעמאָשל, דעם נאָמען פונעם דאָרף איגנאטאָווקע אף אנאטאָווקע.

דאָס דאָרף זאביריע האָט אן אלטע געשיכטע. די ערשטע הײַזער האָבן זיך דאָ געבויט אין וואלד, צווישן די יאָדלעס, און זײַנען ביז העלפט געווען פארגראָבן אין דער ערד. די פענצטער זײַנען געווען אזעלכע נידעריקע און אזוי נאָענט צו דער ערד, אז אין די פראָסטיקע ווינטערנעכט פלעגן וועלפישע אויגן ארײַנקוקן אין די צימערן. דאָס דאָרף איז געווען בארימט מיט א שעפע מילך. די ארומיקע לאָנקעס זײַנען געווען זייער פעטע. די זאביריער פּויערטעס האָבן פון אלטע צײַטן אָן געפירט מילך קיין קיִעוו. ביזן סאָף פון פאָריקן יאָרהונדערט, אפילע אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, האָט דורך זאביריע זיך געצויגן דער אלטער טשומאקישער[1] וועג אף קיִעוו. דורכפאָרנדיק מיט די געדיכטע זאמדן א ווערסט צוואנציק פון קיִעוו און אויסמײַדנדיק דעם יאָדלע־וואלד, פלעגן די טשומאקעס אף נאכט פארפאָרן קיין זאביריע. אין דאָרף זײַנען געווען העכער א צענדליק קליינע קלייטלעך, טראקטירן און אײַנפאָר־הײַזער, וועלכע פלעגן באדינען די טשומאקעס, אָדער, ווי מע האָט זיי שפּעטער אָנגעהויבן רופן, „גישטאקעס".

די קלייטלעך, טראקטירן און אײַנפאָר־הײַזער האָבן געהערט צו די זאביריער פּויערים לאריאָן ליטווינענקאָ, פּיאָטער מאזורעווסקי, סאנעק פריכאָדקאָ און צו עטלעכע אָנגעפאָרענע יידן. קימאט אלע פאמיליעס פון אָט די יידן זײַנען פארגעסן געוואָרן. די זאביריער טוישווים געדענקען בלויז זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע ווײַבער: יאנקל און כאנע, שמוליק און עטל, עליק און ריזיע, ליפקע און ראָכל, טעוועל און גודיע. די לעצטע צוויי נעמען געהערן טאקע צו „טעוועל, מאָלאָטשנאהאָ יעוורייי" און צו זײַן ווײַב גודיע, אָדער גאָלדע.

קיין זאביריע איז טעוועל געקומען פונעם שכיינישן דאָרף גלעוואכא אן ערעך אין 1873. געוווינט האָט ער אין מיזרעכדיקן טייל פון דאָרף, אף מאקאראָווטשטשינע, ווו עס האָט געלעבט די אָרעמשאפט. די זאביריער זקיינים דערציילן, אז טעוועל איז געווען פּונקט אזא, ווי ער איז באשריבן אין די דערציילונגען. אף צום לעבן האָט טעוועל דעמלט פארדינט פון אריבערפירן פארשיידענע זאכן אין דאטשעשטעטל בא דער סטאנציע בויערקע. דערנאָך איז עפּעס געשען, און טעוועל איז פּלוצעם (אָט ווי אין דער דערציילונג „דאָס גרויסע געווינס") רײַך געוואָרן: ער האָט אין צענטער פון דאָרף, אקוראט אנטקעגן עליקס שענק מיטן נאָמען „באלאגאן", אויסגעבויט א לאנגע שטאל, וווהין עס פלעגן פארפאָרן אף באנאכט די אָנגעלאָדענע טשומאקישע פורן. בא דעם אײַנפאָר־הויף האָט ער געעפנט א קלייטל, ווו עס האָט געפירט דעם האנדל זײַן ווײַב גאָלדע. ער האָט זיך אויך אײַנגעשאפן דרײַ קי און אָנגעהויבן פירן מילך צו די דאטשניקעס.

נאָכן יאָר 1900 האָט טעוועל אויסגעבויט פאר זיך א נײַע כאטע מיט א קלייט. דאָס איז געווען שוין זײַן דריט ווױן־אָרט. די דאָזיקע כאטע שטייט ביז איצט, עס האָט זיך בלויז עטוואָס געענדערט איר אויסערלעך אויסזען.

טעוועל האָט געהאט א נאָענטן פרײַנט — אלעקסאנדער סאָווא. ווען בא טעוולען איז געשטאָרבן דאָס ערשטע ווײַב, האָט סאָווא געפירט אים קיין גלעוואכא, ווו מע האָט גערעדט טעוולען א שידעך מיט גאָלדען. דערנאָך האָט ער זיי ביידע געפירט צום ראָוו קיין איגנאטאָווקע, ווו עס איז געשטעלט געוואָרן די כופּע. דערציילט ער, סאָווא, אז ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי אין 1905 זײַנען עטלעכע אײַנוווינער פון זאביריע, בעראָש מיט גאוורילא לאָזא, געקומען „הארגענען טעוולען". סאָווא באשטעטיקט, אז שאָלעם־אלייכעם האָט די סצענע פּינקטלעך באשריבן.

דער סטאראָסטע איוואן פּאָפּערילע האָט געזאָגט צו טעוולען:

„— מיר זײַנען געקומען צו דיר, טעוועל, מיר ווילן דיך שלאָגן... אומעטום, אין אלע ערטער, שלאָגט מען אײַך... נאָר וואָס דען, מיר ווייסן נאָך אליין ניט, וואָס מיר זאָלן מיט דיר טאָן, טעוועל: צי זאָלן מיר דיר נאָר אויסהאקן די שויבן און צעטרענען די פּערענעס מיט די קישעלעך און ארויסלאָזן די פעדערן, צי מיר זאָלן דיר פארברענען די כאטע מיט דער שטאל מיט דער גאנצער כאדאָבע דײַנער" (זע אין „טעוויע דער מילכיקער" — „לעך־לעכאָ").

אויסגעהערט די רייד פונעם סטאראָסטע, האָט טעוויע אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל און זיך געווענדט צו די פּויערים מיט דעם הייסן מאָנאָלאָג, וועלכער איז די לייענער גוט באקאנט.

נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָבן טעוולס פרײַנט אים אײַנגערעדט, ער זאָל פארלאָזן דאָס דאָרף. אין 1912 איז ער אריבערגעפאָרן קיין קיִעוו, צו זײַן זון. יענער האָט פארמאָגט 60 פערד, וועלכע האָבן געפירט די קיִעווער קאָנקע. די כאטע האָט טעוויע פארקויפט יאנקל שרײַבערן, וועלכער האָט פופציק יאָר

[1] טשומאקעס — פורלײַט און הענדלער אף אוקראינע, וועלכע האָבן, ביז עס האָט אָנגעהויבן גיין די אײַזנבאן, געפירט אף אָקסן זאלץ, פיש און אנדערע סכוירעס.

(פון 1883 ביז 1933) געאַרבעט אין זאַביריע אַלס שמיד.

וועגן טעוולען האָט נאָך זײַן אַרויספאָרן פון זאַביריע קיינער גאָרנישט ניט געוווּסט. ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט שאָלעם־אַלייכעם געטראָפן זײַן העלד אין קיִעוו און האָט אים קוים דערקענט — אַזוי פאַרעלטערט איז ער געוואָרן. דאָס שווערע לעבן און די יאָרן האָבן זיך שטאַרק געלאָזט פילן.

„אָפּאָנעם, איר קווענקלט זיך און טראַכט זיך בײַסמײַסע: ס׳איז ער צי ניט ער? ס׳איז ער, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, ס׳איז ער! אײַער אַלטער פרײַנט טעוויע ביכווידוי אוּוועאַצמוי, טעוויע דער מילכיקער, דער אייגענער טעוויע, נאָר אויס מילכיקער, גלאַט אַ ייִד, אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, אַ ייִד אַ זאָקן...“ („לעך־לעכאָ“).

יאַנקל שרײַבער האָט אָפּגעלעבט אין טעוולס כאַטע אַרום צוואַנציק יאָר און האָט די גאַנצע צײַט זי פאַרהיט אין דעם אַמאָליקן אויסזען.

בא טעוולען זײַנען געווען צוויי זין — לייב און אַרן, אויך צוויי טעכטער (ניט קיין זיבן, ווי עס שטייט אין „טעוויע דער מילכיקער“) — מאַניע און עסטערקע. די צווייטע טאָכטער — עסטערקע — האָט כאַסענע געהאַט אין איגנאַטאָווקע (בא שאָלעם־אַלייכעמען אַנאַטאָווקע). יאַנקל שרײַבער האָט געהאַט זיבן קינדער — אַרן, כאַווע, מאַלקע, יענטע, ליזע, סרול און באָריע. שאָלעם־אַלייכעם גיט אָן שרײַבערס טעכטער אַלס טעוולס. אַזוי־אַרום איז שרײַבער מיט זײַנע טעכטער געוואָרן איינס פון די ליטעראַרישע געשטאַלטן פון „טעוויע דער מילכיקער“.

„מיט יאַנקלען איז יעדער איינער געווען באַפרײַנדעט“, — דערמאָנען זיך די אײַנוווינער פון זאַביריע. אַ מענטש אַ געבילדעטער פאַר יענער צײַט (שרײַבער האָט געלערנט אין אַ יעשיווע), אַ געזונטער, אַ גרויסער קענער פון זײַן פאַך, פלעגט ער גערן העלפן די שכיינים מיט אַן אייצע און אויך מאַטעריעל. מענטשן האָבן אים ליב געהאַט. מע דערציילט אַזאַ פאַל. איינמאָל, אין די צײַטן פונעם בירגערקריג, האָבן אין דאָרף זיך אַרײַנגעריסן די דעניקינצעס און גענומען פאָדערן, מע זאָל „אַרויסגעבן די זשידעס“. האָבן די פּויערים אָנגעטאָן יאַנקלען אין ברייטע לײַוונטענע הויזן, אין אַן אויסגענייט אוקראַיִניש אויבערהעמדל, אויפן קאָפּ אַ ברייטע קײַלעכדיקע שטרויענע הוט (אַ „בריל“) און אַוועקגעשיקט אים אויף דער לאָנקע מיט אַ קאָסע אויף די פּלייצעס. אויפן פּלאַץ אין דאָרף האָט דער עלטסטער פון די דעניקינצעס גענומען אויפן פאַרהער דעם סטאַראָסטע:

— דאָ זײַנען אַלע אײַערע פּאַראַן?

— יאָ, אַלע!

— און דאָרט, אויף דער לאָנקע, ווער דרייט זיך אַרום?

— דאָרט איז איוואַן דער שמיד, ער קאָסעט.

אָט אַזוי זײַנען די דעניקינצעס אַוועק מיט גאָרנישט.

יאַנקל שרײַבער איז איינער פון די ערשטע געוואָרן אַ מיטגליד פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרטעל „כלעבאָראָב“. ער איז טראַגיש אומגעקומען אין 1933 — אַ רויבער האָט אים דערמאָרדעט מיט אַ האַק.

דער רוסישער שרײַבער קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי האָט אַמאָל געהאַט אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק: פאַרוואָס זאָלן מיר ניט שטעלן קיין דענקמעלער די העלדן פון ליטעראַרישע ווערק? אין פּאַוסטאָווסקיס פאָרשלאָג האָב איך זיך דערמאָנט, ווען איך האָב פאַרן אַוועקפאָרן פונעם דאָרף זאַביריע צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף טעוולס כאַטע. די דאָזיקע שטוב שטייט שוין קימאַט זיבן צענדליק יאָר. אינגיכן וועט זיך אָנהייבן די גענעראַלע רעקאָנסטרוקציע פונעם דאָרף זאַביריע. אַ סאַך הײַזער וועט מען אַראָפּנעמען. ניט יעדעס דאָרף פאַרמאָגט אין דער ליטעראַטור זײַן טעוועל. אויב די טוישעווים פון זאַביריע וועלן פאַרהיטן, ווי אַ דענקמאָל, די כאַטע פון זייער באַרימטן לאַנדסמאַן, וועלן זיי דערמיט אויפטאָן אַ גרויסע זאַך.

באָריס אוסטימענקאָ

„פּראָדוצענטן", „קאָנסומענטן" און... דער רועך ווייסט וואָס

דער אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס האָט ארויסגעלאָזט דעם ערשטן העפט פון א פּעריאָדישן אינפאָרמאציע־ביולעטען „יעדיִעס וועגן ייִדיש", וועלכער דארף, לויט ווי עס איז געמאָלדן אף זײַן שארבלאַט, ברענגען „פאקטן, מיינונגען און אָפּשאצונגען". דער ניו־יאָרקער קאָלומניסט ב.־צ. גאָלדבערג האָט אין א ספּעציעל ארטיקל קאָמענטירט אף זײַן אייגענער מאניר אָט דעם איניען: „וואָס שײַעך די פאקטן, איז קלאָר, וואָס זיי זײַנען. מיט מיינונגען איז שוין א פּראָבלעם, ווֹעמענס און וואָסערע... נו, וואָס שײַעך אָפּשאצונגען, איז דאָך שוין אוודע א פראגע, וועמענס און וואָס..."

זאָגן מיר א דאנק דעם כאָשעוון קאָלומניסט פאר אזא אויסשעפּלעכן קאָמענטאר, און איידער מיר נעמען מישן דעם ביולעטען, פארהאלטן מיר זיך נאָך בא א צווייטער שטעל פון גאָלדבערגס ארטיקל. „א גאָר באזונדערע אָנערקענונג, — ווערט דאָרט געזאָגט, — קומט יעשוע ראָטענבערגן פאר זײַן סאכאקל פון ייִדישן קולטור־לעבן אין סאָוועטנפארבאנד. ער שײַנט צו זײַן גוט אינפאָרמירט אין דעם"...

יעשוע ראָטענבערג, א מיטארבעטער פון דעם בראנדייס־אוניווערסיטעט, שרײַבט אין ארײַנפיר צו די „יעדיִעס", אז די ארבעט „ייִדיש אין סאָוועטנפארבאנד" איז „אָנגעשריבן ניט פון קיין טוישעוו פון יענעם לאנד, נאָר פון דעם צונויפשטעלער פון ביולעטען, אפן סמאך פון מאטעריאלן, געפונענע אין סאָוועטישע אויסגאבן" (אונדזער קורסיוו. —רעד.).

אויב אזוי, קאָנען מיר שוין זײַן רויִק: סײַ בענציִען גאָלדבערג, סײַ יעשוע ראָטענבערג זאָגן אונדז צו, אז די קוואלן זײַנען סאָוועטישע, ראיעלע, און אז דער אווטאָר איז גוט אינפאָרמירט.

ווי גרויס איז אָבער אונדזער אנטוישונג, ווען צו־טרעטנדיק לייענען דאָס ארטיקל „ייִדיש אין סאָוועטנפארבאנד", שטויסן מיר זיך שוין אפן ערשטן זײַטל צונויף מיט א מיספארשטייעניש. דער אווטאָר מעלדעט, אז אין 1953 האָט די גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע געשריבן וועגן ייִדיש ווי וועגן א שפּראך, וואָס ווערט נאָך גערעדט בלויז פון „קליינע גרופּעס פון ייִדישער קליין־בורזשואזיע אין אמעריקע און מײַרעוו־אייראָפּע". האגאם י. ראָטענבערג האָט די דאָזיקע ווערטער ארײַנגענומען אין גענדזנפיסלעך, איז שווער צו גלייבן, אז די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע זאָל אזוינס האָבן געשריבן. עס געדענקט זיך, אז איינע א באהויפּטונג פונעם שרײַבער אין דער ענציקלאָפּעדיע האָט אין יענער צײַט, מיט 15 יאָר צוריק, יאָ ארויסגערופן דערווידערונגען, — דאָס זײַנען די ווערטער „אין דער פארגאנגענהײַט האָבן אף ייִדיש גערעדט די ייִדן אין רוסלאנד..." ארום דער דאָזיקער שורע זײַנען דאן געגאנגען וויקוכים. די זאך איז ניט קיין פּאָשעטע, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן, ווײַל עס רעדט זיך וועגן דער טאָגטעגלעכער שטייגער־שפּראך, וועלכע ווערט באנוצט אין דער היים, אף דער ארבעט, אין גאס, אף פארזאמלונגען, אין קראָם אאוו. און דאָך כאָזערן מיר איבער: אזא באהויפּטונג האָט ארויסגערופן דערווידערונגען מיט איר קאטעגאָרישקײַט, איינזײַטיקײַט און מיטן ניט־אײַנזען ספּעציפישע מאָמענטן. די פראזע אָבער, וואָס ווערט ציטירט אין י. ראָטענבערגס ארטיקל, שטימט ביכלאל ניט מיטן סטיל אין א סאָוועטישער אויסגאבע.

האָבן מיר אָפּגעזוכט אין דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע, צווייטע אופלאגע, ב. 15, אף ז. 377, דאָס אָרט, וועגן וועלכן עס גייט א רייד, און... געבליבן דערשטוינט: י. ראָטענבערג האָט די „ציטאטע" אפן סאמע איינפאכן אויפן צוגעטראכט! אין דער ענציקלאָפּעדיע שטייט געשריבן: „אין זייער גרעסטער מערהײַט ריידן די ייִדן אף די שפּראכן פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן. איינצײַטיק ריידן אין שטייגער א טייל ייִדן (אין די לענדער פון צענטראל־אייראָפּע, ווי אויך די אָפּשטאמיקע פון די איבערוואנדערער פון אָט די לענדער) אף ייִדיש. אין גרונט פון ייִדיש ליגט איינער פון די מיטל־גערמאנישע דיאַלעקטן. אף אָט דער שפּראך ריידן די פּוילישע, דײַטשישע, טיילווײַז ענגלישע, אמעריקאנישע ייִדן..."

און דאָך, געדענקענדיק, וויִאזוי ראָטענבערג האָט זיך געשווירן, אז ער האָט געשריבן דאָס ארטיקל „ייִדיש אין סאָוועטנפארבאנד" אפן סמאך פון מאטעריאלן, געפונענע אין סאָוועטישע אויסגאבן, — האָבן מיר געהאָפט, אז ס'איז געשען עפּעס א פארדריסלעכער טאָעס, און אז ווײַטער וועלן מיר האָבן פאר זיך קוידעמקאָל פאקטן, פּינקטלעכע, ערלעכע פאקטן, און שפּעטער שוין מיינונגען און אָפּשאצונגען, וועלכע שטעלן, נאטירלעך, פאר אונדז פאָר אן אינטערעס.

איז אָבער ניטאָ אף וואָס צו האָפן. יעשוע ראָטענבערג בלאָפט. זײַן בלאָפערײַ איז דאָפּלט געפערלעך, ווײַל, אונטערוקנדיק אנטיסאָוועטישע דעזינפאָרמאציע, פארופט ער זיך אף קלוימערשטע סאָוועטישע קוואלן.

אָט, לעמאָשל, וואָס פארא ליגונים ראָטענבערג שטעקט אָפּ, ווען ער „אינפאָרמירט" וועגן דער גרויסער צאָל ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע גייען ארויס אין דער איבערזעצונג אף רוסיש. „אייגנטלעך, — שרײַבט ער, — זײַנען דאָס, פאָרמעל גענומען, רוסישע ביכער, ווײַל זייערע ייִדישע אָריגינאלן זײַנען קיינמאָל ניט דערשינען". ער ברענגט ניט קיין איין פאקט, וואָס זאָל באשטעטיקן אָט דעם זאָג, און דאָס איז פארשטענדלעך, ווײַל צווישן די עטלעכע הונדערט ביכער פון ייִדישע שרײַבער, וואָס די סאָוועטישע פארלאגן

האָבן פאַר די לעצטע יאָרן אַרויסגעלאָזט אַף רוסיש, אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש, ליטוויש, מאָלדאַוויש, איז ניטאָ קיין איין בוך, וואָס איז ניט דערשינען אין אָריגינאַל, אַף ייִדיש. **עמעס, אַ פאַל אַזאַ איז איצט יאָ געשען, דאָס איז דער פאַל מיט יעכיִעל פאַליקמאַנס ראָמאַן „דער שוואַרצער ווינט“. נאָר, ריישיס, איז דער ראָמאַן שוין אָפּגעדרוקט אַף ייִדיש אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, און, וועהאַשייניס, דאַרף ראָטענבערג ניט האָבן קיין צאָרעס, ס'וועט לאַנג ניט געדויערן, און דער זעלבער מאָסקווער פאַרלאַג, וואָס האָט איצט דעם ראָמאַן אַרויסגעגעבן אין דער רוסישער איבערזעצונג, וועט אים, אים־יִירצע־האַשעם, אַרויסגעבן אַף ייִדיש.**

יעשוע ראָטענבערג שעפּטשעט אײַן דעם לייענער אַ סאָד אַפן אויער, אַז שאָלעם־אַלייכעמס פּאָפּולערקײַט באַם אוילעם ברענגט אין סאָוועטנפאַרבאַנד ניט צו גוטן: דער ייִדישער קלאַסיקער „ווערט אָפּט פּראָקלאַמירט ווי אַ שרײַבער פון דער רוסישער (אָדער אוקראַיִנישער) ערד“... איצט זעט איר, וויִאַזוי מע קאָן מיט איבערזעצונגען אַף דער רוסישער (אָדער אוקראַיִנישער) שפּראַך קאַליע מאַכן דער ייִדישער ליטעראַטור!

ביכלאַל מוז מען זאָגן, **אַז עס פלאַמט פּאָשעט דאָס פּאָנעם, ווען מע לייענט אין די אויסלענדישע ייִדישע צײַטונגען, זשורנאַלן און ביולעטענען אָט דעם סאָרט „וויסנשאַפטלעכע“ און „דאָקומענטאַלע“ אַרבעטן וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, די אַרבעטן, אין וועלכע אַמעראַצישקײַט און פלאָנטערײַ ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מין שיקרעס, וואָס קיינער שטעלט עס ניט אָפּ — אַבי עס זאָל פון דעם אַרויס כאָטש וועלכע־ניט־איז אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. ווען מיר לייענען דאָס אַרטיקל פונעם מיסטער ראָטענבערג אינעם אינפאָרמאַציע־ביולעטען פונעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, שאַפט זיך באַ אונדז אַן אײַנדרוק, אַז דער אַווטאָר איז אויסער יעטווידן קאָנטראָל. ריידנדיק וועגן די ייִדישע ביכער, וועלכע זײַנען פאַר דער לעצטער צײַט אַרויסגעגאַנגען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, „פאַרגעסט“ ער צו דערמאָנען די ביכער פון ז. ווענדראָף, איציק פעפער, מ. ליפשיץ. באַם דערמאָנען די אַנטאָלאָגיע פון הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג „האָריזאָנטן“ געפינט ער אַזאַ מיטל צו פאַרמינערן איר באַדײַטונג: זי איז, זאָגט ער, פון „שמאָלן פאָרמאַט“ (?), האַגאַם ער „אַנערקענט“, אַז זי האַלט 533 זײַטן. צווישן די ביראָבידזשאַנער ייִדישע שרײַבער, — פּאַסקנט ער, — „געפינט זיך ניט קיין איינער פון פאַרנעם און אָנזען“. און דאָ גלײַך „ווייסט“ ער, אַז אין ביראָבידזשאַן, אויסער ב. מילערן, ע. ראַבינקאָוון, נ. פרידמאַנען, ל. וואַסערמאַן, אי. בראָנפמאַנען, ס. באָרזשעסן, מ. ריִאַנטן, לעבט אַ שרײַבער... נאָכעם רייזמאַן. (נו, וועגן פאַקטישע פעלערן אין ראָטענבערגס „אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל“ איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו אונטער ביניאָמין שוואַרצערס לייטונג באַשטייט ניט פון 23 פערזאָן, נאָר פון 8. ער שטעלט ניט קיין פּיעסן, נאָר אויסצוגן פון פּיעסן. סידי טאַל איז אַ זינגערין...)**

וועגן דעם ייִדישן זעלבסטעטיקן קאָלעקטיוו אין טאַלין **זאָגט ראָטענבערג, אַז** ער פערזענלעך **„הערט לעצטנס וועגן אים זייער ווייניק“. און דעריבער „ווייסן מיר ניט, צי ער עקזיסטירט נאָך“. דאָס זעלבע נאָכאַמאָל: „וועגן אַמאַטאָרן־גרופּעס אין קאָוונע און אין קעשענעוו האָבן מיר זעלטענער געהערט“. דערפאַר אָבער ווייסט ראָטענבערג אַף זיכער, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד „איז געווען אַ צײַט, ווען עס זײַנען געווען 11 (און ניט 6. —** רעד.) **מעלוכישע ייִדישע טעאַטערן“. ער דערציילט, אַז „דער וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע מוישע גאָלדבלאַט האָט געמוזט זוכן פאַר זיך אַן אָרט צו זײַן שעפעריש אין ציגײַנערישן טעאַטער“, מאַכנדיק זיך ניט וויסנדיק, אַז מוישע גאָלדבלאַט איז דער** גרינדער **פון אָט דעם טעאַטער, און אַז דער גרויסער בינע־מײַסטער האָט פון שטענדיק אָן געאַרבעט** פּאַראַלעל **סײַ אין ייִדישן, סײַ אין ציגײַנערישן, סײַ אין רוסישן טעאַטער.**

שווער אויסצורעכענען אַלע ליאַפּסוסן, אויסדאַכטענישן, אויסטראַכטענישן און פּאָשעט שווינדלערײַען, מיט וועלכע מיר טרעפן זיך אָן, לייענענדיק דאָס „אינפאָרמאַטיווע“ אַרטיקל „ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד“. וועגן די באַגעגענישן פון דער רעדאַקציע און פון די אַווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט די לייענער געפינט ראָטענבערג פאַר נויטווענדיק צו וואָרענען, אַז זיי ווערן אָרגאַניזירט „ניט צו אָפּט“. און אַז אין זיי נעמען אָנטייל בלויז „עטלעכע מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ און אָרטיקע ניט־ייִדישע שרײַבער“. ראָטענבערג דערציילט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען דאָ ייִדישע מאָלער „פון ייִדישן כאַראַקטער“ (צ. ב. טאַנכום קאַפּלאַן) און ייִדישע מאָלער „פון ייִדישן אָפּשטאַם“, וואָס „באַנוצן ייִדישע טעמאַטיק“ (צ. ב. מייער אַקסעלראָד, מענדל גאָרשמאַן, יויסעף קוזקאָווסקי, שמועל ראָזין). וועגן די איבעריקע ייִדישע סאָוועטישע מאָלער, גראַפיקער, סקולפּטאָרן „ווייסט ער ניט“.

און לעסאָף קומט אין „אינפאָרמאַטיוון“ אַרטיקל אַ קאַפּיטעלע „סאַכאַקל“. דער סאַכאַקל, וואָס עס מאַכט יעשוע ראָטענבערג, איז פּונקט אַזוי עמעסדיק, ווי די „פאַקטן“, וואָס ער ברענגט. דער סאַכאַקל, פירט ער אויס, איז, „אַז די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור ווערט קינסטלעך צוריקגעהאַלטן“, האַגאַם ער וויל ניט לייקענען, אַז „די ייִדישע קולטור און ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן געשאַפן נאָכן 1961 אַ גענוג גרויסע באַזע, סײַ אין פּראָדוצענטן, סײַ אין קאָנסומענטן (אונדזער קורסיוו. — רעד.) צו אַנטוויקלען זיך“...

דער לייענער שטייט מיט אַן אָפן מויל. וואָס אַזוינס זאָגט ער, ראָטענבערג? פּראָדוצענטן, זאָגט ער? קאָנסומענטן? אַף אונדזערע סאָנימס קעפּ...

יאָ, יאָ, טײַערער לייענער. ניט אַזוי די פּראָדוצענטן מיט די קאָנסומענטן, ווי דער אַנטיסאָוועטישער אינהאַלט, וואָס ליגט אונטער אַזאַ פלוידערײַ.

אונדז איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו מאַכן אופמערקזאַם אַף די העפקייִרעסן, וואָס עס דערלויבן זיך בענעגײַע דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור די ספּעקולאַנטן אַפן אַנטיסאָוועטישן ייִדישן „קולטור“־מאַרק. מיר ווענדן זיך ווידעראַמאָל עפנטלעך צו די „פאַראַנטוואָרטלעכע אופזעער“ אַף אָט דעם מאַרק, אין געגעבענעם פאַל צו די מאַנהיגים פונעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס: ווען וועט איר אופהערן צו וואַרפן אין פײַער פונעם קאַלטן קריג די ייִדישע קולטור־ווערטן?

פאַשייקס

גראַמאָטנעקייַט אין אַלטערטימלעכן רוסלאַנד

דער אַקאַדעמיקער ב. א. רי־באַקאָוו באַהויפּטעט: די שטאָ־טישע באַפעלקערונג פונעם אַל־טערטימלעכן רוסלאַנד איז אין א גרויסער מאָס געווען גראַ־מאָטנע. יוּוועלירן, געווער־מײַס־טערס, טעפּערס, וועבערנס האָבן איבערגעלאָזט זייערע „אווטאָ־גראַפן" — אויפשריפטן אַף קע־ראַמיש געפעס, צירונגען, גע־ווער, וועב־שטאָפן, קולט־כפּיי־צים, — וועלכע ריבאַקאָוו האָט דעשיפרירט. אַף דער וואַנט פון אַן אַלטערטימלעכן טעמפּל האָט ער געפונען סטאַווראַ גאָרדיאַטי־ניטשעס אַן אווטאָגראַף, וואָס איז דאַטירט מיטן 1118 יאָר. דער נאָמען פון אָט דעם מענטשן ווערט דערמאָנט אין די כראָניקעס און בילינעס.

הײַנטיקע טאַרטאַרענס

ווען טאַרטאַרען און דער באַראָן מינכהאוזען וואָלטן זיך דערוווּסט, ווי ענערגיש זייערע נאָכפאָלגער זײַנען טעטיק הײַנט־צו־טאָג, וואָלטן זיי געפּלאַצט פון קינע. ניט לאַנג צוריק, צום בײַשפּיל, האָט די טשילישער צײַטונג „על מער־קוריאָ" געמאָלדן אירע לייענער, אַז אין דער שטאָט וואַל־פּאַראַיִסאָ איז געשאַפן געוואָרן א קלוב פון ליגנערס און אין אים זײַנען אַרײַנגעטראָטן „עטלעכע פּראָפעסאָרן און אונטערנעמער".

אין אַמעריקע עקזיסטירט א צווישנפעלקערלעכע אָרגאַ־ניזאַציע פון ליגנערס. דער פּרעזידענט פון אָט דער אָרגאַ־ניזאַציע, א געוויסער מיסטער אָטיס ק. אולעט, פאַרמאָגט אַפילע זײַנע אייגענע טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען.

צווישן דעם מיסטער אולעטס „טעאָריעס" איז פאַראַן איינע, מיט וועלכער ס'איז שווער ניט מאַסקים צו זײַן, איבערהויפּט, אַז איר געבורטס־אָרט זײַנען די פאַרייניקטע שטאַטן, און ווער־ווער, נאָר אָטיס ק. אולעט ווייסט גוט, וועגן וואָס ער רעדט. לויט זײַן טיפער איבערצײַגונג, טאָר מען ניט אין די קלובן פון ליגנערס אַרײַננעמען קיין פּאָלי־טיקער, אַף וויפל די מיטגלידער פון די קלובן זײַנען בלויז ליבהאָבער, אין דער צײַט, ווען פּאָליטיקער זײַנען פּראָ־פעסיִאָנאַלן. ווײַזט אויס, אַז נעמען אַף זיך די פאַראַנטוואָרט־לעכקײַט פאַר די קונץ־שטיק פון די בורזשואַזע פּאָליטיקאַ־נער וויל אַפילע ניט דער צווישנפעלקערלעכער קלוב פון ליגנערס.

(אי. ניקאָלײַעוו, „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

וואַנדערנדיקע ליטעראַרישע העלדן

אין 1614 האָט זיך אין שפּאַניע באַוויזן א בוך אונטערן נאָמען „דער צווייטער באַנד פונעם כיטרען אידאַלגאָ דאָן קיכאָט פון לאַמאַנטש". דער אווטאָר פון אָט דעם ווערק, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אונטערן נאָמען אַלאָנסאָ פערנאַנדעס דע אַוועליאַנעדאַ, האָט פאָרגעזעצט דעם סוזשעט פון סערוואַנטעסעס אומשטערב־לעכן ראָמאַן, פאַרקריפּלענדיק דערבײַ די אידייען פונעם גרויסן הומאַניסט. אַן אייביקער זוכער פון יושער, א מעסירעסנעפעשדיקער פאַרטיידיקער פון באַליידיקטע, איז דאָן קיכאָט אין דעם „צווייטן באַנד" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קאַריקאַטור אַף זיך אַליין, און זײַן טרײַער סאַנטשאָ איז געוואָרן א גראָבעריונג און א פרעסער.

ווער עס איז דערווירקלעכער אווטאָר פון אָט דער מיסטיפיקאַציע, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פעסט־שטעלן. ס'איז קלאָר, אַז „אַלאָנסאָ פערנאַנדעס דע אַוועליאַנעדאַ" האָט זיך געשטעלט א ציל מאַכן צוניש דעם געזעלשאַפטלעכן אָפּקלאַנג, וואָס „דאָן קיכאָט" האָט אַרויסגערופן.

די געשיכטע מיטן קלוימערשטיקן „דאָן קיכאָט" דערמאָנט אין א ריי אַנדערע פאַלן, ווען ניט־געבעטענע אווטאָרן האָבן „פאָרגעזעצט" און איבערגעאַרבעט קינסטלערישע ווערק. גרויסע מעטאַמאָרפאָזעס איז דורכ־געגאַן, לעמאַשל, די באַרימטע פּאָעמע „אָדיסייע". אין דעם ראָמאַן פונעם פּאָפּולערן ענגלישן שרײַבער פון סאָף פאָריקן יאָרהונדערט רײַדער כאַגאַרד „דער וועלט־טרוים" ווערט דערציילט, ווי אָדיסיי, אומקערנדיק זיך פון זײַנער א רײַזע, דערוויסט זיך, אַז זײַן הויז איז רויִנירט און זײַנע אייגענע זײַנען אומגעקומען פון פעסט. ער לאָזט זיך אַוועק אין א נײַער וואַנדערונג, קעדיי געפינען דעם סימבאָלישן „וועלט־טרוים". אָט דער ראָמאַן כאַגאַרדס (ווי אויך אַנדערע זײַנע ווערק) איז א פאַנטאַסטישער געמיש פון לעגענדעס מיט אָפּע־נער מיסטיק.

א סאַך „פאָרזעצונגען" האָבן געהאַט סוויפטס „הוליווערס רײַזעס". אין דער ערשטער העלפט פון XVIII יאָרהונדערט האָט דער פראַנצויזישער שרײַבער פּיער דעפאָנטען אַרויסגעלאָזט א בוך אונטערן נאָמען „דער נײַער הוליווער, אָדער די רײַזע פון זשאַן הוליווער, דעם קאַפּיטאַן הוליווערס זון". דער העלד פונעם ראָמאַן קומט אין א לאַנד, ווו די מאַנצבילען און פרויען האָבן זיך געביטן מיט די ערטער: די פרויען פירן אָן מיטן לאַנד, פירן אַליין מילכאָמעס, קלײַבן זיך אַליין אויס מענער. פאַר די מענער בלײַבט בלויז די ראָליע פון שטוב־באַלעבאָסטעס. דערנאָכדעם קומט דער יִנגערער הוליווער אַפן אינדזל טאַליבעט, וואָס זײַנע אײַנוווינער פאַרמאָגן אַן אייגנשאַפט פון פאַרגיכערטער פיזישער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג.

אָן אייגנאַרטיקע פאָרזעצונג פון דער הוליוווּר־טעמע איז געווען דער ראָמאַן פונעם שפּאַנישן שרייַבער וויסענטע בלאַסקאָ איבאַניעס „דער פרויען־גאַנײדן“.

ניט קיין קליינער סטימול פאַר די אויטאָרן פון ליטעראַרישע פאָרזעצונגען זייַנען געווען זייערע פאַרזענלעכע סימפּאַטיעס צו דער שאַפונג פון דעם אָדער יענעם שרייַבער. אַזוי, צום בייַשפּיל, האָט זשול ווערן, היוך שעצנדיק עדגאַר פּאָ, דערשריבן זייַן ראָמאַן „די פּאַסירונגען פון אַרטור גאָרדאָן פּים“.

אַגעוו, אליין עדגאַר פּאָ איז געווען דער אויטאָר פון דער אָריגינעלער דערציילונג „שאַכערעזאַדעס טויזנט צווייט מייַסעלע“, אין וועלכער ס׳ווערט באַשריבן סינדבאַדס זיבעטע רייַזע אין... XIX יאָרהונדערט.

אויך זשול ווערנס העלדן האָבן פאָרגעזעצט זייער לעבן אין די ווערק פון אַנדערע אויטאָרן. דער איטאַליענישער שרייַבער. אַרטוראָ קאַראַטי איז דער אויטאָר פונעם ראָמאַן „די יערושע פונעם קאַפּיטאַן נעמאָ“: די העלדן פונעם ראָמאַן געפינען די אוצרעס, וואָס ס׳האָט אַמאָל באַהאַלטן אין אַן אונטערוואַסער־הייל דער באַלעבאָס פון „נאַוטילוס“, און שענקען זיי די אופשטענדלער פון די קאָלאָניעס.

אינטערעסאַנט, אַז דער באַרימטער טאַרטאַרען איז דאָס צווייטע מאָל געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד. אין 1898 יאָר האָט דער שרייַבער א. כאַזאַרסקי אָנגעשריבן אַ בוך „די „נייַע העלדנטאַטן“ פון טאַרטאַרענען, דעם באַרימטן טאַראַסקאָנער העלד“.

אָט אַזוי וואַנדערן באַרימטע ליטעראַרישע העלדן פון איין דאָר צום צווייטן, פון איין בוך אין צווייטן.

(ר. אַליוני, „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“)

דער אויטאָגראַף פונעם אימפּעראַטאָר טראַיאַן

לעם דעם יִשעוו קעטשוק וועדי, דאָרט, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען די אוראַלטע אַרמענישע הויפּטשטאָט אַרטאַשאַט, האָבן די אַרכעאָלאָגן געפונען פינף שטיינערנע פּליטעס, וואָס האָבן געהאַלטן אַכט מעטער די לענג, אַף וועלכע עס זייַנען אויסגעקריצט די אויפשריפטן פונעם רוימישן אימפּעראַטאָר טראַיאַן. נאָכן איבערעכענען דעם אימפּעראַטאָרס טיטולן טיילן די אויפשריפטן מיט וועגן די רוימישע לעגיִאָנערן, וואָס האָבן אין 114 יאָר אָנטיילגענומען אין מאַרש קעגן אַרמעניע. די פּליטעס זייַנען אייַנגעמויערט אין אַ גרויסער געבייַדע, זעט אויס פאַר קולט־איניאָנים.

פון שרייַבערייַ קאָן מען זיך ניט דורכלעבן

צווישן די 50 טויזנט ענגלישע שרייַבער לעבן פון ליטעראַטור 6—7 טויזנט. 70 פּראָצענט פון אָט דער צאָל פאַרדינען ווייניקער, איידער ס׳איז דער דורכשניטלעכער כוידעשלעכער לוין אין לאַנד. די גרעסטע צאָל שרייַבער אַרבעטן אַלס פּעדאַגאָגן, זשורנאַליסטן, אַדוואָקאַטן אאַ. בלויז 10 פּראָצענט שרייַבער פאַרדינען מער ווי ס׳איז דער דורכשניטלעכער כוידעשלעכער לוין אין לאַנד. פּאָעזיע־זאַמלונגען ווערן פאַרקויפט אין 300—500 עקזעמפּליאַרן.

(„פאָלקס־שטימע“, וואַרשע)

געפונען לאָפּע דע וועגאַס קייווער

ביז איצט האָט מען ניט געוווּסט, ווו ס׳געפינט זיך דער קייווער פונעם באַרימטן שפּאַנישן דראַמאַטורג לאָפּע דע וועגאַ, וועלכער האָט אָנגעשריבן 1500 טעאַטער־פּיעסן. די מאַדרידער צייַטונג „א. ב. צ.“ ברענגט איצט אַ ידיִע, אַז אין אַלטן קלויסטער פון מאַדריד אַפן נאָמען פונעם הייליקן סעבאַסטיאַן איז דער קייווער געפונען געוואָרן. ס׳זייַנען געבליבן נאָר די רעשטלעך פונעם סאַרקאָפאַג.

קאָלעקציִאָנערן העלפן דער וויסנשאַפט

קאָלעקציִאָנערן זייַנען פאַראַן פאַרשיידענע. דער באַרימטער מאָסקווער אַוויִאַקאָנסטרוקטאָר וו. שאַוראָוו האָט אין משך פון 60 יאָר צונויפגענומען אַ קאָלעקציע פון העכער זיבן טויזנט שמעטערלינגען.

דער מאָסקווער אַרכיטעקטאָר לעאָניד אַנטראָפּאָוו האָט צונויפגעזאַמלט אין זייַן קאָלעקציע טויזנטער רוסישע ציגל פון פאַרשיידענעם עלטער (פון XI יאָרהונדערט ביזן XVII—XIX יאָרהונדערטער). אַנטראָפּאָוו האַלט, אַז דאָס דערלערנען די אַרכיטעקטור פון דער פאַרגאַנגענהייַט קאָן ניט זייַן דערפאָלגרייַך אָן דער גענויער באַקאַנטשאַפט מיט אַלטע ציגל. איצט גרייט ער אַ בוך אַף אָט דער טעמע.

די קאָלעקציִאָנערן ווייַזן אַמאָל אַרויס הילף דער וויסנשאַפט. אַזוי, צום בייַשפּיל, באַם צונויפגרייטן די פולע זאַמלונג פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס ווערק האָט מען געפונען 80 פאַרגעסענע לידער, דורכקוקנדיק אַ פּריוואַטע זאַמלונג... פון קאָנפעטן־פּאַפּירלעך.

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט

דיִאַלאָג צווישן א לייענער און דעם בוקיניסט

לייענער. אזויווי איך פאָלג אופמערקזאם נאָך אײַערע „נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט“, וועל איך זיך דערלויבן צו מאכן אייניקע קריטישע באמערקונגען וועגן זיי. דעם עמעס געזאָגט, פארשטיי איך ניט, צוליב וואָס דרוקט מען אזעלכע נאָטיצן אין א זשורנאל, וואָס באַדארף אין דער ערשטער ריי אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון דער הײַנטצײַטיקײַט. מיר ווײַזט זיך אויס, אז די נאָטיצן פירן דעם לייענער אוועק אין א ווײַטער, לאנג שוין פארגעסענער וועלט. ווי טשיקאווע עס זאָלן ניט זײַן די פאקטן, וואָס איר דערציילט, זײַנען זיי פאָרט פרעמד דעם מאָדערנעם מענטשן. וואָלט דען ניט געווען א סאך בעסער און נוצלעכער זיך צו באשעפטיקן מיט דער נײַער ליטעראַטור, העלפן דעם יונגן דאָר טיפער און אַלזײַטיקער צו באנעמען די פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט?

בוקיניסט. האָט אף מיר קיין פאריבל ניט, איך פיל אין דעם אונטערטעקסט פון אײַערע טײַנעס א ניהיליסטישן צוגאנג ניט נאָר צו דער פארגאנגענהײַט, נאָר אין דער ערשטער ריי טאקע צו דער קעגנווארט אליין, אין וועמעס נאָמען איר טרעט אזוי טעמפּעראַמענטפול ארויס. איך, לעמאָשל, צווייפל זייער, צי קאָן מען בלויז מיט דער הילף פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור אויסקלאָרן פאר זיך אלע קאָמפּליצירטע און ווידערשפּרעכלעכע דערשײַנונגען פון אונדזער צײַט.

לייענער. איר באשרײַבט דאָך ביכער, וועגן וועלכע מיר קאָנען געפינען ידיעות אין דער ענציקלאָפּעדיע און ליטעראַרישן לעקסיקאָן.

בוקיניסט. איך ווייס ניט, וועלכע ענציקלאָפּעדיעס און לעקסיקאָנען איר האָט אין זינען. די, וואָס איך קען, זײַנען דערשינען מיט איבער א האלבן יאָרהונדערט צוריק און זײַנען אין א געוויסער מאָס שוין הײַנט פארעלטערט. כוץ דעם, זײַנען אין זיי פיל שרײַבער און ווערק ביכלאל ניט באהאנדלט געוואָרן. די ליטעראַטור אין ייִדיש איז א סאך יאָרן געווען א שטיפקינד אין דער ייִדישער בורזשואזער וויסנשאפט. ערשט אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט זײַנען אופגעקומען באדײַטנדיקע געלערנטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן זי ערנסט פאָרשן. די געלערנטע האָבן זיך צום אלעמערשטן באמיט אופצושטעלן, אזוי צו זאָגן, דעם אינווענטאר פון דער ליטעראַטור און פעסטשטעלן איר קולטור־היסטאָרישן און קינסטלערישן ווערט. ניט אלץ האָבן זיי אָבער באוויזן צו אינווענטאריזירן. זייערע ביבליאָגראפישע ידיעות און אָפּשאצונגען זײַנען אויך ניט שטענדיק אלזײַטיקע און אויסשעפּנדיקע. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס מיר דארפן אפסנײַ איבערלייענען די אלטע ליטעראַטור און אָפּשאצן זי אין שײַן פון דער מארקסיסטישער וועלטאָנשויונג. איך באמי זיך אין די נאָטיצן אָפּטמאָל אונטערצושטרײַכן די האשפּאָעס פון דער וועלט־ליטעראַטור אף דער ייִדישער. דאָס איז, ווײַזט זיך מיר אויס, וויכטיק צוליב פארשיידענע טײַמים. קוידעמקאָל באווײַזט עס, אז אונדזער ליטעראַטור האָט זיך אנטוויקלט ניט איזאָלירט פון די אלגעמיינע טענדענצן אין דער אייראָפּעיִשער קולטור און אז דער אסימיליאציע־פּראָצעס פון פרעמדע קולטור־ווערטן איז פאָרגעקומען ניט מעכאניש. די אויסערלעכע אײַנפלוסן האָבן זיך אָרגאניש ארײַנגעוועבט אין דער ייִדישער נאציִאָנאלער סוויווע, ווײַל אויך דאָרטן זײַנען פאָרגעקומען די זעלבע היסטאָרישע פּראָצעסן.

לייענער. איר זאָגט: „די ליטעראַטור אין דער ייִדישער שפּראך“. צי ליגט אין דעם שוין ניט אײַער באגרענעצטקײַט? מיר האָבן דאָך א גרויסע קולטור אויך אין אנדערע שפּראכן.

בוקיניסט. יאָ, איך שטעל זיך באזונדערס אָפּ אף דער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל דעם הײַנטיקן מאסןלייענער איז ווייניק באוווּסט, אז נאָך פאר דעם אופקום פון דער קלאסיק איז אין לויף פון יאָרהונדערטער געשאפן געוואָרן בא אונדז א רײַכע און באדײַטנדיקע ליטעראַטור. ריכטיק, מיר האָבן אויך אן אייגנארטיקע ליטעראַטור אין רוסיש, העברעיִש, גריכיש, אראמיש און אראביש. דאָס ייִדישע לעבן פון דעם לעצטן האלבן יאָרטויזנט איז אָבער קינסטלעריש אמבוילעטסטן געקומען צום אויסדרוק אין דעם ייִדישן פאָלקלאָר און ליטעראַטור. ייִדיש האָט ניט נאָר געיארשנט פון די דערמאָנטע קולטורן, זי האָט זיי אין דער ספּעציפישער פאר איר טעמאטיק פארברייטערט און פארטיפערט. אייניקע ווערק פון דער אלטער העברעיִשער ליטעראַטור האָבן אין ייִדיש באקומען א נײַעם און ערטערווײַז אפילע א שטארקערן קינסטלערישן רעזאָנאנס. לאָמיר, צום בײַשפּיל, פארגלײַכן איןביידע שפּראכן בלויז דעם אָנהייב פון שלוימע איבן גאבירואָלס באקאנטער ווײַן־ליד:

> שבעים המה הגבורים,
> ויכחידום, תשעים שרים
> שבתו שירים כי פה שרים,
> מלא מים, מלא מים.
> ככלות ייני,
> חרד עיני, פלגי מים.

אָן קאָמענטארן וועט דעם אָריגינאל אפילע א קענער פון העברעיִש ניט גלײַך פארשטיין. ערשט ווען מיר וועלן פאר זיך אויסקלאָרן, אז שבעים (זיבעציק) — דאָס איז ווײַן, און תשעים — וואסער, וועט די ליד אונדז אָנהייבן ווערן פארשטענדלעך. איצט הערט זיך צו, ווי די זעלבע ליד קלינגט אין א ייִדישער איבערזעצונג פון דעם זעכצעטן יאָרהונדערט:

> מײַן גוטער אלטער שטארקער ווײַן,
> וואסער וויל דײַן מײַסטער זײַן.
> קיין געזאנג וויל אין מײַן מויל ארײַן,
> ווײַל — וואסער, ווײַל — וואסער.
> איך האָב קיין ווײַן די אויגן מיין,
> איך האָב קיין ווײַן די אויגן מיין
> רינען וואסער, רינען וואסער.

לייענער. אז ייִדיש האָט א סאך געיארשנט פון דער עלטערער העברעיִשער שפּראך און ליטעראַטור, פארשטיי איך. אָבער אז זי האָט צוריק געווירקט און אפילע פארברייטערט די האָריזאָנטן פון העברעיִש — לייגט זיך מיר ניט אפן סייכל.

בוקיניסט. ייִדיש איז א געזעצלעך קינד פון דעם רענעסאנס. אין אָט דער עפּאָכע האָבן אלע אייראָ־

פעיִשע פעלקער אָנגעהויבן שאפן זייער קולטור אין די „ווולגארע“ שפראכן פון די פּאָשעטע פאָלקסמאסן, אפן אָרט פונעם אריסטאָקראטישן לאטיַין. אויך בא אונדז האָט זיך שוין דעמלט אָנגעהויבן א געוויסער שעפערישער פארמעסט צווישן קלאסישן העברעיִש און יִידישטיַיטש. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט געווירקט אף דער אייגנארטיקער אויסבילדונג פון די ליטעראַרישע סטילן איןביידע שפּראכן. שוין אין דער העברעיִשער ליטעראטור פון דעם פריִען מיטלאלטער זיַינען פאראן ביַיכער, ווי, לעמאָשל, דער „ספר חסידים“ פון יעהודע כאָסיד, וואָס זיַינען א סאך מער פארשטענדלעך דעם יִדיש ריידנדיקן מענטשן.

„די יִדישע שפּראך און ליטעראטור, יִדישע פאָלקסלידער און מיַיסעס האָבן דער רײַכער און ערודיציאָנעלער העברעיִשער ליטעראטור געגעבן א סאך קינסטלערישע איַינפלוסן און אָנרעגונגען. ניט בלויז וואָס שיַיעך בילדער און טיפּן, נאָר אויך וואָס שיַיעך דער אויסבילדונג פון דער ניַיער העברעיִשער שפּראך און דעם ניַיעם העברעיִשן פּראָזע־סטיל“ (מ. ווינער).

עס איז גענוג, צום ביַישפּיל, נאָר אריַינצוקוקן אין די מאָדערנע העברעיִשע ווערטערביכער, אָנהייבנדיק פון עליִעזער בען יעהודע ביז צו די גאָר לעצטע, און זיך באקאנען מיט די׳ווערטער, בא וועלכע עס איז אָנגעוויזן, אז זיי שטאמען פון דעם פאָלקס־מויל (שגור בפי העם), — מע זאָל זיך איבערציַיגן אין די באפרוכפּערנדיקע ווירקונגען פון יִדיש.

די יִדישע שפּראך און ליטעראטור, וואָס איז אנטשטאנען איינציַיטיק מיט אלע אייראָפּעיִשע שפּראכן און קולטורן, האָט אויך א וויכטיקן אינטערנאציאָנאלן באטיַיט. עס האָבן זיך אין איר פארהיט ווערטן, וואָס באריַיכערן פאר דער וועלט די פאָרשטעלונגען וועגן פארשיידענע עפּאָכעס און קולטורן.

ליַיענער. דאָס וויסן מיר. וואָס זאָגט אָבער די וועלט וועגן דעם?

בוקיניסט. שוין דער בארימטער דיַיטשישער פאָרשער פראנץ דעליטש (1813—1890) האָט אין זיַין ליטעראטור־געשיכטע (1836) הויך אָפּגעשאצט די ווערק פון דער „יִדישער אומגאנג־שפּראך, וואָס איז פון העברעיִשע, מאווערישע, ראָמאנישע און צאָפן־אייראָפּעיִשע גרונט־שטאָפן צונויפגעשמאָלצן געוואָרן אין א וואונדערלעכן אָרגאניזם“. עס איז זייער כאראקטעריסטיש, וואָס די ערשטע פאָרשער פון דער יִדישער ליטעראטור זיַינען גראָד געווען ניט קיין יִדן. זיי האָבן אויך ניט פארזען איר אוניווערסאלן און הומאניסטישן באטיַיט. דער גרויסער געלערנטער און גרינדער פון דער בערלינער אקאדעמיע יאָהאן וואגענזיַיל (1633—1705) האָט מיט קאָרעוו דריַי הונדערט יאָר צוריק אזוי כאראקטעריזירט די אלטע יִדישע ליטעראטור: „אין דעם דאָזיקן דיִאלעקט זיַינען געדרוקט פיל געשיכטע־ביכער, וואָס באשטייען סיַי פון עמעסע, סיַי פון אויסגעטראכטע דערציילונגען. די לעצטע דעריקער פארמאָגן א מערקווירדיקן כיין... דאָס גוטע אין זיי באשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין בייזע רייד, וועלכע קאָנען די גוטע זיטן פארדארבן. מערסטנטייל אנטהאלטן זיי לויטערע זאכן, וואָס אי זיי וויַילן, אי זיי דינען דער גוטסקיַיט און ערלעכקיַיט...“

ליַיענער. אויב איך האָב איַיך ביז איצט ריכטיק פארשטאנען, האלט איר, אז די „נאָטיצן פון א יִדישן בוקיניסט“ דארפן העלפן דעם יונגן לייענער זיך צו שאפן א בילד וועגן דעם היסטאָרישן גענעזיס פון דער יִדישער קולטור...

בוקיניסט. צו איַיער אויספיר וואָלט איך נאָך צוגעגעבן: ווי וויַיט מעגלעך אן אָביעקטיוו און ריכטיק בילד. אין די לעצטע יאָרן זיַינען דערשינען איינִיקע בראָשורן, אין וועלכע עס ווערן, צום באדויערן, זייער וואָלונטאריסטיש אונטערגעטראָגן דער כאראקטער און דער אינהאלט פון וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע דענקמעלער.

ליַיענער. עפשער וועט איר קאָנקרעטיזירן איַיער געדאנק?

בוקיניסט. איך טראכט, לעמאָשל, וועגן דעם, וואָס עס איז געשריבן געוואָרן ארום דעם גאָר אלטן פסעוודאָ־אפּאָקריפישן „ספר חנוך“. דאָס איז א מערקווירדיק ווערק פון דער העלעניסטישער טקופע אין אונדזער קולטור־געשיכטע. „ספר חנוך“ איבעראשט מאמעש מיט זיַין קאָסמישער בילדערישקיַיט און פאנטאסטיק. אין אן אלעגאָרישער פאָרם ווערט געשילדערט כאנויכס ארומפליִען איבער די פּלאנעטן, זיַינע עקסקורסיעס איבער דער וועלט־געשיכטע און צום סאָף — זיַינע וויזיעס וועגן א צוקינפטיקער וועלט פון ליבע און יוישער. איינִיקע פאָרשער האלטן, אז דער „ספר חנוך“ האָט געדינט דאנטען אלס א מוסטער פאר דער „געטלעכער קאָמעדיע“. טוט זשע אף טשיקאוועס א קוק, וויִאזוי דאָס דאָזיקע בוך ווערט כאראקטעריזירט מיצאד דעם אווטאָר פון דער בראָשור „יודאיִזם“ — מוישע בעלענקי. ווי באוווסט, איז דער „ספר חנוך“ דערגאנגען צו אונדז אין א גריכישער, לאטיַינישער, עטיִאָפּישער און סלאווישער איבערזעצונג. וועגן דער לעצטער איבערזעצונג איז אין רוסיש פאראן זייער א ריַיכע ליטעראטור. מיט דער פראגע וועגן די קוואלן פון דעם סלאווישן כאנויך־בוך באשעפטיקט זיך אין אונדזער ציַיט דער סאָוועטישער געלערנטער נ. מעשטשערסקי. איך ווייס ניט, מיט וואָס פאר אן איבערזעצונג און מיט וועלכער ליטעראטור האָט זיך באנוצט מוישע בעלענקי. נאָר אף וויפל מיר איז באוווסט, איז ער דער איינציקער, וועמען עס האָט זיך געמיט צו געפינען אין דעם בוך קוואלן צו געוויסע רעאקציִאָנערע טענדענצן אין טאלמוד. איינע פון די סיבעס, פארוואָס ער דערלאָזט אזא פעלער, איז, וויַיזט אויס, דאָס, וואָס אליין איז ער מיטן בוך, זעט אויס, ניט באקאנט.

ליַיענער. וואָס ווילט איר אונטערשטריַיכן מיט אָט דעם ביַישפּיל?

בוקיניסט. איך וויל דערמאָנען אין דעם אלגעמיין באוווסטן קלאל: איידער מע טרעט צו צום באהאנדלען א ווערק, דארף מען קוידעמקאָל זיַין מיט דעם באקאנט, און אָפּשאצן דארף מען דאָס ווערק לויט זיַין קאָנקרעטן היסטאָרישן אינהאלט. אין דעם פאל, וועגן וועלכן איך האָב דאָ געזאָגט, איז שווער צו פארזיכערן, אז אָט די עלעמענטארע גרונט־פּרינציפּן זיַינען אָפּגעהיט געוואָרן. ווי יעדעס היסטאָריש ווערק, באדארף מען אויך דעם טאלמוד פאָרשן אין שיַין פון אונדזער רעוואָליוציִאָנערער וויסנשאפטלעכער מארקסיסטישלענינישער וועלט־אָנשויונג.

עס וואָלט אוואדע געווען פעלערהאפט, ווען מיר זאָלן צוגיין צו דער קולטור־יערושע פון דער פארגאנגענהיַיט אפּאָלאָגעטיש, אָן קריטיק. אפילע די סאמע פאָרגעשריטענע אידייען פון די פארגאנגענע עפּאָכעס ווערן פון אונדזער מארקסיסטיש־לענינישן שטאנדפּונקט געיארשנט **קריטיש**, מיט אן אלזיַיטיקער היסטאָרישער באטראכ־

טונג. אויב אָבער עס גייט א רייד וועגן דער טעאָלאָגישער ליטעראַטור, ביפראט וועגן טאלמוד, טאָר מען, פארשטייט זיך, ניט פארגעסן, אז דאָס איז א פּראָדוקט פון מיטלאלטערלעך־דאָגמאטישן באוווסטזיין, וואָס איז היינט א מיטל פון קאמף אין די הענט פון דער ייִדישער בורזשואז־נאציאָנאליסטישער און קלעריקאליסטישער רעאקציע, וועלכע וויל קאָנסערווירן אין דער ייִדישער קולטור בלויז דאָס רעאקציאָנערע, אפּאָלאָגעטיש דערהייבן און באזינגען רעליגיעזע און אידעאליסטישע מיסטיק.

באנאנד דערמיט ווארפן מיר אָפּ אויך דעם ניהיליסטישן צוגאנג פון אָפּלייקענען קולטור־ווערטן אין דער ירושע פון דער פארגאנגענהייט. מיר געדענקען לעניִנס לערע וועגן קולטור, אז קיין איינהייטלעכע נאציאָנאלע קולטור איז ניט פאראן, אז אין יעדער נאציאָנאלער קולטור זיינען פאראן רעאקציאָנערע עלעמענטן, וואָס דריקן אויס די אידעאָלאָגיע פון די הערשנדיקע קלאסן, און דעמאָקראטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט דעם באוווסטזיין פון די פאָלקסמאסן. אויך אין דער טעאָלאָגישער ליטעראַטור, אויך אין טאלמוד זיינען פאראן אזעלכע עלעמענטן, דורך וועלכע עס האָט זיך מיט גרויסע שוועריקייטן פאָרט דורכגעריסן דער געמיט פון די פאָלקסמאסן און זייער שטרעבונג צו א בעסער לעבן.

אָפּווארפן, אָפּלייקענען דאָס פארגאנגענע איז אוודאי לייכטער, ווי גרינטלעך אויספאָרשן און אנטפּלעקן דאָס, וואָס קאָן אונדז דינען אפילו איצט. דעריבער איז אונדזער אויפגאבע בענעגייע דער קולטור פון דער פארגאנגענהייט: באנאנד מיט דער שארפסטער קריטיק זוכן און אויסגעפינען דאָס פּאָזיטיווע, וואָס קאָן געיארשנט ווערן.

ל י י ע נ ע ר. האָבן מיר פאר זיך אויסגעקלאָרט א וויכטיקן איניען, דעהיינע, אז אן אָביעקטיוו בילד וועגן אונדזער קולטור־ירושה קאָנען מיר באקומען נאָר דעמלט, ווען מיר וועלן אין שיין פון אונדזער נייעם וועלט־באנעם זי באטראכטן אין הארמאָנישער באהעפטונג מיט דער עפּאָכע, אין וועלכער זי איז אויפגעקומען.

ב ו ק י נ י ס ט. נאָך מער. וואָס אלזייטיקער מיר וועלן דערקענען די פארגאנגענהייט, אלץ טיפער און קלאָרער וועלן מיר באנעמען אונדזער קעגנווארט. פּונקט ווי א מענטש אָן א זיקאָרן איז אומבאהאָלפן ווי א קליין קינד, אזוי פארלירט אויך א דאָר, וואָס געדענקט ניט און שאצט ניט זיין פארגאנגענהייט, די אָריענטאציע אין דער קעגנווארט און האָט ניט קיין קלאָרע פּערספּעקטיוו וועגן דער צוקונפט.

דער זיקאָרן פון א פאָלק איז זיין ליטעראַטור־געשיכטע. דער שעפערישער זיקאָרן, האָט געשריבן עסכיל, איז די מוטער פון די מוזעס.

דעם דיאלאָג האָט פארשריבן

ל. פּאָדריאטשיק

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„דער וועקער“

דער אידיליע־זשאנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור

מוישע אָלגין טרעט ארויס מיט א גרעסערער רעצענזיע אף די ערשטע צוויי בענדער פון פּערעץ הירשביינס געזאמלטע דראמען, דערביי שטעלט ער זיך אָפּ אף דער פראגע וועגן דעם אידיליע־זשאנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור ערעוו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. מיר ברענגען דאָ אייניקע שטעלן פון דער רעצענזיע.

„אידיליעס, — שרייבט מ. אָלגין, — דאָס איז א זעלטענער מין אין אונדזער ליטעראַטור. ווער האָט בא אונדז געשריבן אידיליעס? שאָלעם־אלייכעם?.. אלע קינדער־מייסעס בא שאָלעם־אלייכעמען ענדיקן זיך אזוי טרויעריק, די קינדערשע נעשאָמעס זיינען אין זיי אזוי אומדערבארעמדיק געפּייניקט, אז איר קאָנט זיי (די מייסעס) אין קיין פאל ניט האלטן פאר אידיליעס.

ווער נאָך האָט בא אונדז געשריבן אידיליעס? מענדעלע מויכער־ספאָרים — קימאט קיינמאָל ניט. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ איז ביכלאל ניט געווען אזא מענטש, ער זאָל קאָנען אלץ פארגעסן צוליב א בילד פון רירנדיקער איינפאכקייט. פּערעצעס מענטשן זיינען קיינמאָל ניט נאיִוו, אפילע די קינדער (זע „דאָס קראנקע ייִנגל“). אפילע אזא פּאָשעטע וווּנדער־מייסע, ווי „דער אויצער“, אָדער „זיבן גוטע יאָר“, איז אויסן ניט דאָס בילד אן און פאר זיך, נאָר דעם מוסער־האסקל, וואָס איז אין אים פארקערפּערט.

ווער זשע בלייבט? שאָלעם אש. אשס שטעטל איז אן אידיליע פון ריינסטן סאָרט. אשס אנדערע דערציילונגען פון דער ערשטער צייט פון זיין שאפן זיינען אויך פול מיט דער גרויסער אנציקונג און טמימעסדיקער היספּיילעס פאר דער שיינקייט פונעם לעבן. אָבער ער איז עלטער געוואָרן, אש, ער האָט א וועלט דערזען, האָט ער אף איר, אף דער וועלט, גענומען קוקן מיט אנדערע אויגן — און אדיע שעמעניק, אדיע רעב יעכעזקל גאָמבינער, אדיע ייִצכאָקלס מאמע.

די איבעריקע ייִדישע שריפטשטעלער — רייזען, נאָמבערג, יוינע ראָזענפעלד, ווייסנבערג, ליבין, קאָברין, אָפּאטאָשו — זיי האָבן קיין אידיליעס אזוי גוט ווי ניט געשאפן. בא רייזענען ווארפט זיך אמאָל יאָ דורך אן אידיליש בילד („אָרעמע מאצע“, „לופטערן ספאָרים“ און אנד.), אָבער אין יעדן פון זיי איז פאַראן א שטילער, דערשטיקטער זיפץ.

שווער צו זיין אן אידיליען־שרייבער בא ייִדן.

מיט פּערעץ הירשביינען איז געשען גאָר אן אומגעוויינלעכע זאך, וואָס טרעפט זיך זעלטן. וואָס איז דער אינהאלט פון הירשביינס אידיליעס? גליק פון יונגשאפט, גליק פון ליבע, גליק פון כאווערשאפט, גליק גלאט אזוי, ווייל עס זינגט זיך אין דער נעשאָמע...

ווי קומט דאָס צו הירשביינען? ער, דער אולטרא־אינטעליגענט, ער, דער פּעסימיסטישער טרוימער, ער, דער איינזאמער און פארשלאָסענער, — ווו האָט ער דאָס גענומען?

דאָס איז איינער פון די שאפונגססוידעס“.

מוישע נאָטאָוויטש

דעם 9 אווגוסט ד. י. איז נאָך א דויערנדיקער קרענק, אין עלטער פון 56 יאָר, געשטאָרבן מוישע נאָטאָוויטש. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט פארלוירן איינעם פון אירע פייִקסטע פאָרשער און קריטיקער.

מוישע נאָטאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו דעם 22 מייַ 1912. פארענדיקט די מיטלשול, קומט ער אָן לערנען אפן ליטעראַרישן פאקולטעט פונעם אָדעסער ייִדישן פעדאגאָגישן אינסטיטוט. זייַענדיק נאָך א סטודענט, האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט טיפן פארשטאנד פאר קינסטלערישן שאפן. צו יענער צייַט געהערן זייַנע ערשטע ארטיקלען אין דער ליטעראַרישער פרעסע, אין וועלכער ער האָט פרוכטבאר מיטגעארבעט אין מעשעך פון 35 יאָר.

פאר נאָטאָוויטשן אלס קריטיקער איז געווען כאראקטעריסטיש דאָס געפיל פאר דעם פרישן וואָרט. ער האָט מיט טיפן אינטערעס באגעגנט יעדע נייַע דערשייַנונג, יעדן נייַעם נאָמען אין אונדזער פראָזע און פאָעזיע. אין די פילצאָליקע ארטיקלען, אָפּהאנדלונגען, רעצענזיעס, וועלכע נאָטאָוויטש האָט פארעפנטלעכט, האָט ער אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון יונגע טאלאנטן. גלייַכצייַטיק האָט ער פיל און ערנסט געארבעט איבער די פראָבלעמען פון דער קלאסישער ליטעראטור. אלס טעמע פון זייַן וויסנשאפטלעכער דיסערטאציע, וועלכע ער האָט געשריבן אונטער דער אָנפירונג פון מייער ווינער, קלייַבט ער אויס די שאפונג פון ייִצכאָק־יויעל לינעצקי. די דאָזיקע מאָנאָגראפיע, וואָס האָט אים געבראכט דעם טיטל קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן און איז דערשינען אלס א באזונדער בוך, צייכנט זיך אויס מיט איר טיפקייַט און אלזייַטיקייַט.

פיל מי האָט נאָטאָוויטש אָפּגעגעבן דער פעדאגאָגישער טעטיקייַט. ער איז געווען איינער פון די מיטארבעטער און סעקרעטאר פון דער קאטעדרע פאר ליטעראטור און קונסט בא דער מאָסקווער ייִדישער טעאטער־שול. די לעצטע צוואנציק יאָר האָט ער געארבעט אין קאזאנער פעדאגאָגישן אינסטיטוט אלס לעקטאָר און אָנפירער פון קורסן צו העכערן די קוואליפיקאציע פון לערער — פילאָלאָגן. פאר אָט דער ארבעט האָט ער באקומען פיל אויסצייכענונגען פונעם מיניסטעריום פאר הויכבילדונג.

באזונדערס האָט מוישע נאָטאָוויטשעס טאלאנט אלס קריטיקער זיך פאנאנדערגעבליט די לעצטע יאָרן. זייַנע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן פון מוישע ליטוואקאָוון, מייער ווינערן, ארן גורשטיינען, שמועל האלקינען אא., וואָס זייַנען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד“, האָבן אף א נייַעם אויפן אנטפלעקט פאר אונדז די גרויסע פערזענלעכקייַטן פון די דאָזיקע שעפער און זייַנען א וויכטיקער בייַטראָג אין אונדזער ליטעראטור.

מוישע נאָטאָוויטש איז געווען דער איניציאטאָר פון דעם אָפּטייל „אף די וועגן פון היינטצייַטיקייַט“ אין „סאָוועטיש היימלאנד“, ער האָט דאָ פארעפנטלעכט די ערשטע ארטיקלען, פולע מיט טעמפּעראמענט און מיט זאָרג פאר דער הייַנטצייַטיקער טעמע אין אונדזער ליטעראטור.

מוישע נאָטאָוויטש האָט געטרוימט וועגן שאפן א גאלעריי פּאָרטרעטן פון די שעפער פון אונדזער קריטיק. דער טויט האָט איבערגעריסן זייַן ארבעט אין סאמע מיט. פרי איז ער אוועק פון אונדז, אָבער דאָס, וואָס ער האָט באוויזן אָפּטאָן פאר זייַן קורץ לעבן, וועט ניט פארגעסן ווערן.

מיר פארנייגן די קעפּ פאר דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער פרייַנט און כאווער.

כראָניק

אָן אָפּטער גאַסט אין ביראָבידזשאַן

דמיטרי פּאָקראַס — דער פּאָפּולערער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר, פּיליאַריקער אָנפירער פונעם בארימטן אין לאַנד מוזיקאַלן אײַזנבאַנער־אַנסאַמבל, איז שוין ניט איין מאָל ארויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

לעצטנס איז דער אנסאַמבל ווידער, צום אכטן מאָל, געקומען אף גאַסטראָלן קיין ביראָבידזשאַן. זײַן ערשטן אופטריט האָט ער געהאַט אף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע אָבלוטשיע, וואָס מע רופט די טויערן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

מיט גרויס פארגעניגן האָבן די צושויער פון די שטעט אָבלוטשיע, ביראָבידזשאַן אאַ. אופגענומען די קאָנצערטן פונעם אנסאַמבל אונטער ד. פּאָקראַס' אָנפירונג. באַזונדערס האָט אויסגענומען די מוזיקאַליש־דראַמאַטישע קאָמפּאָזיציע „איך בין א מענטש פון 20־טן יאָרהונדערט".

צום 70־טן געבורטסטאָג פון אלעקסאַנדער טישלער

די מאָסקווער קינסטלער גרייטן זיך אָפּמערקן דעם 70־טן געבורטסטאָג פונעם באַווּסטן מאָלער און טעאַטער־קינסטלער אלעקסאַנדער טישלער.

אין די צוואַנציקער יאָרן און שפּעטער איז א. טישלער געווען ענג פארבונדן מיט די ייִדישע מעלוכע־טעאַטערס פון מאָסקווע און מינסק, פאַר וועלכע ער האָט קינסטלעריש אויסגעפורעמט אזעלכע ספּעקטאַקלען, ווי לאָפּע דע וועגאַס „שעפסן־קוואַל", ליפּע רעזניקס „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט", שעקספּירס „קיניג ליר", קולבאַקס „בויטרע".

אלעקסאַנדער טישלערס אויסשטעלונגען האָבן שטענדיק א קאָלאָסאַלן דערפאָלג בא די ליבהאָבער פון מאָלערײַ־קונסט.

נײַע ליטאָגראַפיעס צו שאָלעם־אלייכעמס ווערק

אף דער 9־טער אויסשטעלונג פון די מאָסקווער גראַפיקער האָט צוגעצויגן די אופמערקזאַמקײַט א סעריע ליטאָגראַפיעס פונעם יונגן קינסטלער יו. קופּערמאַן. די טעמע פון אַט די ארבעטן וואָלט מען געקאָנט אָנרופן „לייענענדיק שאָלעם־אלייכעמען". דאָס זײַנען גראַפישע אינטערפּרעטאַציעס פון „פאַרקישעפטן שנײַדער", „שיר־השירים", „גאָלדשפּינערס", „סטעמפּעניו", „טעוויע דער מילכיקער".

אפן ווערניסאַזש פון דער אויסשטעלונג האָבן פיל מאָלער און קונסט־פאָרשער זייער וואַרעם זיך אָפּגערופן וועגן די ארבעטן פונעם יונגן קינסטלער.

„רעגנבויגן — 68"

אזוי הייסט איינע פון די יערלעכע סעריעס, וועלכע עס גיט ארויס אין רוסיש דער כאַבאַראָווסקער ביכער־פארלאַג. דאָס איז א קאַסעטע, אין וועלכער עס גייען ארײַן זעקס באַזונדערע ביכעלעך, פארייניקטע מיט איין סופער־הילע, צווישן זיי — די לידער־זאַמלונג פון דער ביראָבידזשאַנער דיכטערן ליובע וואַסערמאַן. די אַנאָטאַציע צו דער אויסגאַבע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„דאָס מאָל עפנט זיך די ביכער־קאַסעטע מיט די לידער פון איינער פון די עלטסטע ייִדישע דיכטער פון ביראָבידזשאַן ליובע וואַסערמאַן — א מענטש פון א קאָמפּליצירטן און שווערן גוירל. די רעציכעס פון פאַשיזם, די ייִדן־טראַגעדיע, דאָס באַקומען א נײַע היים אין סאָוועטנפאַרבאַנד — אָט דאָס זײַנען די ביאָגראַפיע־שטריכן פון אירע העלדן".

די איבעריקע פינף אווטאָרן, וועמענס ביכלעך עס גייען ארײַן אין דער קאַסעטע, זײַנען: דער כאַבאַראָווסקער זשורנאַליסט לעוו מאַלישעוו, די יונגע רוסישע דיכטערן נינא זשוראַכאָווסקאַיאַ, דער ביראָבידזשאַנער זשורנאַליסט איגאָר יערעמין, דער לערער פון קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור גענאַדי קאָזלאָוו און דער געאָלאָג וואָלענטין אניסימאָוו.

„גרינקײַט"

אין קיִעווער פארלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור „דניפּראָ" איז נאָרוואָס דערשינען א זאַמלונג לירישע לידער און באַלאַדעס פונעם דיכטער מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי „גרינקײַט". אף אוקראַיִניש האָט די איבערזעצונג געמאַכט דער באַווּסטער דיכטער אנדריי מאַלישקאָ. די זאַמלונג ווערט באַגלייט מיט אן ארײַנפיר־ארטיקל פונעם רוסישן פּאָעט לעאָניד ווישעסלאַווסקי.

אן עסטאָנישער זשורנאַל וועגן אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

אין זשורנאַל „פראַגן און ענטפערס" („קיוסימוסעד יא וואַסטוסעד"), וועלכער ווערט ארויסגעגעבן אין טאַלין אין דער עסטאָנישער שפּראַך, איז פארעפנטלעכט אן ארטיקל פון ע. נעמע „וואָס ווייסן מיר וועגן אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ". דער אווטאָר פון דעם ארטיקל דערציילט וועגן שווידערלעכן לעבן פון די ייִדן אין געטאָ, וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און וועגן העלדישן אופשטאַנד פון די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער.

געשטאָרבן ש.־י. קופּערשמיד

אין בעלאָצערקאָוו איז אין עלטער פון 77 יאָר געשטאָרבן ש.־י. קופּערשמיד. לויטן פאַך א לערער, האָט ער זיך פארנומען מיט זאַמלען פאָלקלאָר־שאַפונג. איינינעם מיט מ. בערעגאָווסקין האָט ש.־י. קופּערשמיד פובליקירט א היפּשע צאָל ייִדישע פאָלקסלידער, ניגונים, מעלאָדיעס, אפאָריזמען און גלײַכווערטלעך.

ש.־י. קופּערשמיד איז געווען אן איבערגעגעבענער פרײַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט אָפּגעדרוקט א ריי ארטיקלען וועגן דער ריינקײַט פון דער ייִדישער שפּראַך.

ב. כייפּעץ

געסט אין רעדאקציע

אין רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווען צוגאַסט א גרופע טוריסטן פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, קאַנאַדע און בראַזיליע בעראָש מיטן באַקאַנטן פּראָגרעסיוון ייִדישן קולטור־טוער, סעקרעטאַר פונעם מוזיק־פאַרבאַנד פון פּשאַ אווראָם לעכאָוויצקי. די געסט האָבן זיך אינטערעסירט מיטן ייִדישן קולטור־לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, מיט די שעפערישע פּלענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

אויסער מאָסקווע האָט די גרופּע באַזוכט אויך אַנדערע שטעט פונעם לאַנד. אין ווילנע און אין קיִעוו איז זי פרײַנטלעך אויפגענומען געוואָרן אין די רעפּובליקאַנישע שרײַבער־פאַריינען.

העשל ראַבינקאָוו — א בען־שישים

אין אויגוסט האָט די ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אָפּגעמערקט דעם 60־טן געבורטסטאָג פונעם בירָאבידזשאַנער שרײַבער — פּראָזאַיִקער און דראַמאַטורג העשל ראַבינקאָוו.

די רעדקאָלעגיע און רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם יובילאַר און ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים און שעפערישע דערפאָלגן.

נײַס פון אויסלאַנד

„דער פידלער אפן דאך"

אין פּראָג איז מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן די פאָרשטעלונג „דער פידלער אפן דאך" לויט שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער". אין דער ראָל פון טעוויען איז אויפגעטראָטן דער באַוווּסטער טשעכישער שוישפּילער וולאַדיסלאַוו פּאַסעק. די ראָל פון טעוויעס ווײַב גאָלדע האָט אויסגעפּילט די אַקטריסע מאַריאַ וואַסאָוואַ.

די פאָרשטעלונג „דער פידלער אפן דאך" איז ביז איצט שוין געשפּילט געוואָרן אין ענגליש, האָלענדיש, דײַטש, פיניש, טשעכיש, יאַפּאָניש, העברעיִש און ייִדיש.

א בוך וועגן דער געשיכטע פון ייִדן אין עסטרײַך

אין לאָנדאָן איז דערשינען א בוך אין דער ענגלישער שפּראַך וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין עסטרײַך און זייער אומקום בײַס דער הערשאַפט פון די היטלעריסטן.

דאָס בוך שליסט אײַן אַרבעטן פון פאַרשיידענע אויטאָרן וועגן אָנטייל פון די עסטרײַכישע ייִדן אין די געביטן פון ליטעראַטור, מוזיק, מאָלערײַ, סקולפּטור, יוריספּרודענץ, מעדיצין, גאָלדשמיד־קונסט; א ריי היסטאָרישע עסייען: „ספּאַרדיש־שפּאַניאָלישע ייִדן אין עסטרײַך", „גאַליציאַנער ייִדן אין ווין", „וועגן ייִדישן לעבן אין דער עסטרײַכישער פּראָווינץ". אין בוך ווערט געניו דערציילט וועגן כורבן פון די עסטרײַכישע ייִדן אין דער צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

צונויפשטעלער פון דעם בוך איז דער באַקאַנטער לאָנדאָנער ייִדישער שרײַבער יוסף פרענקעל.

אף א לאָנדאָנער אַוקציאָן

אין לאָנדאָן זײַנען אף אן אַוקציאָן פאַרקויפט געוואָרן אַלטע ייִדישע ספאָרים, יעקאַרהאַמציִעסן, צווישן זיי — „פּירוש על התורה" („פּיירוש אל האַטוירא"), געדרוקט אין 15־טן יאָרהונדערט, „ספר פשרים" („סייפער פּעשאָרים") — דאָס ערשטע העברעיִשע ווערטערבוך, אָפּגעדרוקט אין 1485, און אַנדערע.

א בוך וועגן ה. לייוויקן אין פראַנצויזיש

דער פּאַריזשער פאַרלאַג „גאַפּא" האָט אַרויסגעגעבן א בוך אין פראַנצויזיש וועגן דעם גרויסן ייִדישן דיכטער ה. לייוויק. אין דער אויסגאַבע גייען אַרײַן עסייען וועגן לייוויקן און איבערזעצונגען פון דעם דיכטערס ווערק. אן אַרײַנפיר־אַרטיקל צום בוך האָט אָנגעשריבן מאַרק שאַגאַל.

די צאָל ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער אין דער וועלט

אין יוגאָסלאַוויע

לויט די לעצטע סטאַטיסטישע אָנגאַבן לעבן היינט־צו־טאָג אין יוגאָסלאַוויע 6 טויזנט 454 ייִדן, דערונטער אין סערבישע קעהילעס — 2822, אין קראָאַטישע — 2025, די איבעריקע — אין די קעהילעס פון באָסניע און הערצעגאָווינע און אין מאַקעדאָניע.

אין איטאַליע

לויט די אָנגאַבן פונעם איטאַליענישן סטאַטיסטישן אַמט האָבן סאָף 1967 געלעבט אין איטאַליע 33 טויזנט ייִדן, פון זיי אין רוים — 13 טויזנט, אין מילאַן — 8500.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די היטלעריסטן דעפּאָרטירט פון איטאַליע אין די טויט־לאַגערן פון אָשווענטשים און טרעבלינקע אן ערעך 9 טויזנט ייִדן.

אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד

אין א מיטיילונג פון זשענעווע ווערט צווישן אַנדערס אָנגעוויזן, אז אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד וווינען היינט־צו־טאָג העכער 27.000 ייִדן.

אין יאַפּאָניע

אין גאַנץ יאַפּאָניע וווינען אן ערעך 150 ייִדישע מישפּאָכעס — כמעט אַלע אין דער הויפּטשטאָט טאָקיאָ. עטלעכע מישפּאָכעס לעבן אין יאָקאָהאַמאָ.

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

דעם 9 סעפּטעמבער ווערט 180 יאָר, זינט עס איז אין קרעמענעץ (וואָלין) געבוירן געוואָרן איינער פֿון די אָנגעזעענסטע השכּלה־טוער אין רוסלאַנד יִצחק־בער לעווינזאָן (ריב״ל).

י.־ב. לעווינזאָנס ווערק האָבן געשפּילט אַן אויסשליסלעכע ראָליע אין דער השכּלה־באַוועגונג, זיי האָבן אים געמאַכט אַ שם פֿון דעם „מענדעלסאָן פֿון די רוסישע ייִדן“. אין נײַנצעטן יאָרהונדערט איז לעווינזאָן געווען איינער פֿון די גײַסטיקע פֿירער פֿון די ייִדישע משׂכּילים אין רוסלאַנד.

אַן איבערצײַגטער קעגנער פֿון ייִדיש, האָט י.־ב. לעווינזאָן געפֿירט אַן אַגיטאַציע פֿאַר שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. אין זײַן באַרימטן ווערק „תעודה בישׂראל“ („טעודאָ בעיִסראָעל“ — אַ צײַגעניש, אַ דאָקומענט בײַ ייִדן), דערשינען אין 1828, שטעלט ער די פֿראַגע, צי מעגן ייִדן לערנען פֿרעמדע שפּראַכן, און ער דערווײַזט, אַז ייִדן דאַרפֿן אָננעמען די לאַנד־שפּראַך. פֿונדעסטוועגן האָט ער אין דעם זעלבן 1828 אָנגעשריבן אין אַ פֿײַנעם פֿאָלקסטימלעכן און יאָדערדיקן ייִדיש זײַן סאַטירע „די העפקער־וועלט“, וווּ ער קריטיקירט שאַרף די קהל־לײַט, גבאים און באַלטאַקסעס, וועלכע דריקן און שטיקן די אָרעמשאַפֿט, און פֿירט דורך דעם געדאַנק, אַז ייִדן דאַרפֿן אַריבערגיין צו ערד־אַרבעט. מאַקס עריק האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דעם ווערק טרעפֿלעך באַמערקט: „מאַשמאָעס, אַז מע ליבט דאָס פֿאָלק, מוז מען אויך ליבן זײַן שפּראַך“.

דאָס בוך „די העפקער־וועלט“ האָט דערזען די ליכטיקע שײַן ערשט אין זעכציק יאָר נאָכדעם, ווי עס איז אָנגעשריבן געוואָרן, — אין 1888, אין שאָלעם־אַלייכעמס „יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק“, ערשטער באַנד. אין ייִדיש איז פֿאַרבליבן אויך אַ ליד פֿון י.־ב. לעווינזאָן — „פּורים־שפּיל אויסגערופֿן אין שול“.

י.־ב. לעווינזאָן איז געשטאָרבן אין זײַן געבורט־שטאָט דעם 13 פֿעברואַר 1860.

מיט 95 יאָר צוריק איז אין קאָוונע געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיקער באַל־מאַכשאָוועס (פּסעוודאָנים פֿון איסידאָר (ייִסראָעל) עליאַשעוו).

אַלס ליטעראַטור־קריטיקער האָט באַל־מאַכשאָוועס דעביוטירט אין דער וואַרשעווער צײַטונג „יוד“ מיט אַן אַרטיקל וועגן מאָריס ראָזענפֿעלדן (1899). באַל־מאַכשאָוועס איז פֿאַקטיש געווען דער ערשטער פּראָפֿעסיאָנעלער קריטיקער, וועלכער האָט געמאַכט ערנסטע פּרוּוון צו שאַפֿן אַ וויסנשאַפֿטלעכע ייִדישע ליטעראַטור־קריטיק.

באַל־מאַכשאָוועס האָט אין זײַנע פֿילצאָליקע ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען געגעבן אַ גרינטלעכע אָפּשאַצונג פֿון קימאַט אַלע אָנגעזעענסטע ייִדישע שריפֿטשטעלער פֿון זײַן צײַט. גלײַכצײַטיק האָט ער אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן די באַדײַטנדיקסטע שעפֿער פֿון דער רוסישער ליטעראַטור (טשעכאָוו, טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ, אַנדרייעוו און אַנד.).

לויט זײַנע עסטעטישע אָנשויונגען איז באַל־מאַכשאָוועס געווען אַן אָנהענגער פֿונעם פֿראַנצויזישן פֿילאָסאָף, ליטעראַטור־היסטאָריקער און קונסט־טעאָרעטיקער היפּאָליט טען,

וועלכער האָט די קינסטלערישע דערשײַנונגען דערקלערט מיט היסטאָרישע, ביִאָלאָגישע און אַבסטראַקט פֿאַרשטאַנענע נאַציִאָנאַלע פֿאַקטאָרן (די אַזוי־גערופֿענע מיליע־טעאָריע). באַל־מאַכשאָוועס האָט, ווי זײַן לערער, באַם באַהאַנדלען ליטעראַרישע ווערק זיך אינטערעסירט דעריקער מיט דער סוויווע, מיטן אַרומיקן געזעלשאַפֿטלעכן נאַציִאָנאַלן לעבן, מיט די אינדיווידועלע שטריכן פֿונעם קינסטלער, ניט אַרײַנדרינגענדיק אין דעם קלאַסן־אינהאַלט פֿון דער קונסט.

צו די רעוואָלוציִאָנערע געשעענישן פֿון 1917 האָט באַל־מאַכשאָוועס זיך באַצויגן קאַלט, פּאַסיוו. וווינענדיק אין פּעטערבורג, האָט ער אין 1917 — 1918 מיטגעאַרבעט אין „פּעטראָגראַדער טאָגבלאַט“. אין 1919 איז ער אַריבערגעפֿאָרן קיין קיִעוו, וווּ עס זײַנען געווען באַזונדערס טעטיק די ייִדישע קולטור־קויכעס. נאָר באַל־מאַכשאָוועס איז געשטאַנען אין אַ זײַט פֿון אָט דער טעטיקײַט. אין אָנהייב 1921 האָט ער פֿאַרלאָזט רוסלאַנד. אינעם זעלבן יאָר איז ער אַריבערגעפֿאָרן קיין בערלין, וווּ ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פֿון דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון „קלאַל־פֿאַרלאַג“.

באַל־מאַכשאָוועס איז געשטאָרבן אין קאָוונע דעם 13 יאַנוואַר 1924.

מיט 90 יאָר צוריק איז אין שטעטל ליאַכאָוויטש, מינסקער גובערניע, געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער און טעאַטער־קריטיקער א. מוקדוני (אַלעקסאַנדער קאַפּעל).

באַזונדערס פּאָפּולער איז א. מוקדוני געווען אַלס טעאַטער־קריטיקער. ש. ניגער האָט אים אָנגערופן „דער שעפער פון דער ייִדישער טעאַטער־קריטיק“. ער האָט פיל יאָרן געפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן שונד־רעפּערטואַר און אידייענלאָזיקייט אויף דער ייִדישער בינע.

אין 1920 האָט א. מוקדוני א געוויסע צײַט געלעבט אין קאָוונע, ווו ער האָט מיטן אָנטייל פון ד. בערגעלסאָן, נ. שטיף און אַנד. אָרגאַניזירט און רעדאַגירט די צײַטונג „נײַעס“.

אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען א. מוקדוניס „דערציילונגען און סקיצן“ (וואַרשע, 1911), „ערנסט און שפּאַס“ (לאָדזש, 1913), „טעאַטער“ (ניו־יאָרק, 1927), „זיכרוינעס פון א ייִדישן טעאַטער־קריטיקער“ (1930), „ייִצחאָק־לייבוש פּערעץ און דער ייִדישער טעאַטער“ (ניו־יאָרק, 1949), „מײַנע מעמוארן“, „מײַנע באַגעגענישן“ (דערשינען אין בוענאָס־איירעס אין 1949, 1951, 1955) אאַ.

א. מוקדוני איז געשטאָרבן דעם 7 סענטיאַבער 1958 אין פשא.

דעם 15 סענטיאַבער, מיט 80 יאָר צוריק, איז אין שטעטל דוקאָרע, מינסקער גובערניע, געבוירן געוואָרן דער שרײַבער דאַניעל טשאַרני.

ד. טשאַרני (א ברודער פונעם קריטיקער שמואל ניגער) האָט צו 14 יאָר אָנגעהויבן שרײַבן לידער. זײַן ערשטע ליד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ה.־ד. נאָמבערגס זשורנאַל „ווינטער־בלעטער“ (1907). אין 1908 האָט אין דער ווילנער טעגלעכער צײַטונג „די צײַט“ זיך באַוויזן ד. טשאַרניס ערשטע דערציילונג.

אין 1915 האָט ד. טשאַרני זיך באַזעצט אין מאָסקווע. אין 1918 — 1920 איז ער געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די זשורנאַלן „די קאָמוניסטישע וועלט“, „קולטור און בילדונג“, פונעם ווילנער קינדער־זשורנאַל „גרינינקע ביימעלעך“. אין 1924 האָט ער פאַרלאָזט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען ד. טשאַרניס „די פאַרקישעפטע קרעטשמע“ (ווילנע, 1915), „דער גאָלד־דאַרשטיקער קייסער“ (מאָסקווע, 1917), „לײַכטע פערזן“ (ריגע, 1925), „אונטערוועגנס“ (בערלין, 1929), „אויף דער שוועל פון יענער־וועלט“ (1947), זעקס ביכער מעמוארן („מישפּאָכע־כראָניק“ — 1927, „באַרג־אַרויף“ — 1935, „א יאָרצענדליק אזא“ — 1943, „דוקאָר“ און „ווילנע“ — 1951, „א ליטוואַק אין פוילן“ — (1955) און אַנד. ד. טשאַרני האָט זיך אויך פאַרנומען מיט איבערזעצונגען. ער האָט איבערגעזעצט אין ייִדיש דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ פון ק. מאַרקס און פ. ענגעלס (דערשינען אין ווילנע אין 1906).

דאַניעל טשאַרני איז געשטאָרבן דעם 1 יולי 1959 אין ניו־יאָרק.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания восьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 17/VIII 1968 г. Формат $70 \times 108^{1}/_{16}$. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 548.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 9

1968

В НОМЕРЕ:

М. Лев. Если б не друзья мои... (повесть).

Е. Фаликман. Черный ветер (роман. Продолжение).

Б. Миллер. Три рассказа.

Стихи А. Платнера, И. Гегермана, Л. Мартынова, М. Лифшица, Г. Релеса, И. Мора.

ТРИБУНА ЖИЗНИ

Х. Мальтинский. Снова в Намангане (очерк).

Коллективный репортаж черновицких писателей о встрече редакции «Советиш геймланд» с читателями.

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА.

Г. Ременик. Творческие проблемы советской еврейской грозы.

А. Раскин. И.-Л. Перец и Х.-Н. Бялик.

Комментарии редакции. Наши сообщения. Заметки букиниста. Разное. О чем писала еврейская печать 50 лет назад. Заметки на календаре.